STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08164

DI BAYTSH FUN HAKNKRAYTS

Edward Frederick Langley Russell

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ביימש פון האַקנקרייץ

כל הזכויות שמורות
All rights reserved
Copyright 1956, Tel-Aviv.
Printed in Israel

דפוס א. מוזס, רח' פין 7, תל־אביב.

די בייטש
פון האַקנקרייץ

קורצע געשיכטע פון די נאַצישע קריגס-פאַרברעכנס
אין דער צווייטער וועלט-מלחמה

פון
לארד ראסעל אף ליווערפול

מיט 16 אילוסטראַציע-זייטן

פון ענגליש
גיטל מייזיל

פאַרלאַג „גלויות" תל-אביב, 1956

אינהאלט

	הקדמה	6
	לאָרד ראַסל אוף ליווערפּול	8
	פּראָלאָג	9
קאַפּיטל I:	די בייטש פון האַקנקרייץ	9
קאַפּיטל II:	דאָס פּייניקן און מאָרדן קריגס־געפאַנגענע	35
קאַפּיטל III:	קריגס־פאַרברעכנס אין אָפענעם ים	86
קאַפּיטל IV:	דאָס פּייניקן און מאָרדן די ציווילע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס	108
קאַפּיטל V:	שקלאַפן־אַרבעט	184
קאַפּיטל VI:	קאָנצענטראַציע־לאַגערן	214
קאַפּיטל VII:	די „ענדגילטיקע לייזונג" פון דער יידן־פראַגע	294
	עפּילאָג	324
	אַפּענדיקס	326

געווידמעט מיין פרוי,
וואס דאס בוך אין אלע זיינע
שטאפלען האט איר אזויפיל צו
פארדאנקען פאר איר ראט
און מיטהילף.

לארד ראסעל אף ליווערפול

הקדמה

אין זיין דערעפענונגס־רעדע אויפן נירענבערגער פּראָצעס פון די דייטשע הויפּט קריגס־פאַרברעכער האָט סער הארטליי שאוקראָס, דער הויפּט־באשולדיקער מצד גרויס־בריטאַניע און צפון אירלאַנד, געזאָגט אַזוי:

די אפּלאָגעטן פון באַזיגטע פעלקער רעדן און רופן צייטנווייז צום געפיל פון סימפּאַטיע און פון ברייטהאַרציקייט ביי זייערע זיגער. טרעפט עס טאַקע, אז אמתע פאַקטן, קיינמאָל גרינגלעך ניט פאַרצייכנט, ווערן פאַרטונקלט און פאַרגעסן. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען וועגן די אומשטענדן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, כדי צו דערזען אויף וועלכע געפאַרן עס זענען אויסגעשטעלט טאָלעראַנטע און נאַיווע מענטשן. ווייל עס פעלט א באַגלויביקער געריכט־אורטייל. אין לויף פון דער צייט ווערן די ערשטע, די טאָלעראַנטע, אלץ מער און מער געניגט צו פאַרמינערן די גרויליקע גוואַלד־מעשים, וואס דערגייען צו זיי, מעגלעך, אז דווקא די נאַיווע, פאַרפירט אמאָל דורך פאַנאַטישע און אמאָל דורך ניט־ערלעכע פּראָפּאַגאַנדע־מאַכער, רעדן זיך אליין איין, אַז ניט זיי, נאָר זייערע קעגנער טראָגן די שולד פאַר די מעשים, וואָס זיי אליין וואָלטן געטאַדלט. ווילן מיר גלויבן, אז דער טריבונאַל, טראָץ דעם וואס ער איז באַמינירט דורך די זיגרייכע גרויסמאַכטן, וועט דאָך טאָן און האַנדלען מיט דער פולער געריכטלעכער אָביעקטיוויטעט, און ער וועט ארויסברענגען א היינטצייטיקן פּרובשטיין, א באַגלויביקן אומפּאַרטייאישן דאָקומענט, וואָס די צוקונפטיקע היסטאָריקער וועלן דאָרט געפינען דעם אמת און די צוקונפטיקע פּאָליטיקער — א וואָרענונג.

יעדער איינער ווייסט, אז דער „באַגלויביקער געריכטלעכער אורטייל״, וואָס סער הארטליי האָט וועגן דעם גערעדט, איז ארויס־געטראָגן געוואָרן. עס זענען פאָרגעקומען נאָך און נאָך פיל אנדערע

פראַצעסן פון קריגס־פאַרברעכנס *), וואָס זייערע פּראָטאָקאָלן זענען פּובליקירט און אָפן פאַר אַלעמען צום לייענען. אָבער אַ סך האָבן ניט דערצו קיין צייט, און אַ סך ווילן עס ניט טון סתם אַזוי.

דאָס בוך איז אויסן צו דערלאַנגען דעם געוויינלעכן לייענער אַן עכטן און גענויעם באַריכט וועגן אַ סך פון צווישן די דייטשע קריגס־פאַרברעכנס. עס איז צוזאַמענגעשטעלט פון באַווייזן און דאָקומענטן, געבראַכט פאַר די פאַרשיידענע פּראָצעסן פון קריגס־פאַרברעכענס, און פון די מיטטיילונגען, וואָס לעבעדיקע עדות האָבן געמאַכט ביי די ספּעציעלע קאָמפּעטענטע אויספאָרש־קאָמיסיעס פאַר קריגס־פאַרברעכנס אין די לענדער וואו די פאַרברעכנס זיינען באַגאַנגען געוואָרן.

פאַר זייער געפעליקער מיטהילף ביים דערמעגלעכן מיר דעם צוטריט צו די אָפיציעלע אינפאָרמאַציע־קוואַלן אין זייערע לענדער, מיין טיפער דאַנק זיין עקסעלענץ מעסיע רענע מאַסיל GCVO, KBE דעם פראַנצייזישן אַמבאַסאַדאָר; זיין עקסעלענץ מעסיע לע מאַרקיז די פּאַרק לאָקמאַריא, CVO דעם בעלגישן אַמבאַסאַדאָר; און דעם דאָקטאָר ד. וו. סטיקער, דעם האָלענדישן אַמבאַסאַדאָר.

עס קומט אויך אַ גרויסן דאַנק וויאָלעט לעקאָק, איצט מאַדאַם רוזשיע־לעקאָק, פאַר דער דערלויבניש צו רעפּראָדוצירן אייניקע צייכונגען אירע פון לעבן און טויט אינעם ראַווענסבּרוקער קאָנצענטראַציע־לאַגער; דעם מאַיאָר פּעטער פּאָרעסט, פריער הויפּט איבערזעצער אין דער גרופּע אויספאָרשער פון קריגס־פאַרברעכענס ביי דער בריטישער אַרמיי אויפן ריין — פאַר רעדאַגירן די באַמערקונגען אין באַצוג אויף דייטשע טערמינען, ראַנגן און טיטלען; און אַחרון חביב מר אַנטאָני סאָמערהיל, OBE, QC, פריער דער הויפּט פון דער גרופּע בריטישע אויספאָרשער אין דייטשלאַנד, — פאַר די אויסגעצייכנטע פאָטאָגראַפיעס און די פיל טרעפלעכע פאָרשלאָגן.

---

*) אין דער בריטישער אָקופּאַציע־זאָנע אין דייטשלאַנד אַליין, זענען פאָרגעקומען 356 פראָצעסן פון קריגס־פאַרברעכנס, קעגן מער ווי 1000 קריגס־פאַרברעכער. דער יוסטיץ־ראַט און גענעראַל, סער הענרי מעקגי, GCVO, KCB, KBE, QC געשטאַנען אין דער שפּיץ פונעם מלוכישן נאַציאָנאַלן אַמט ביי דער קאָמיסיע פאַר קריגס־פאַרברעכנס אין דעם פעלקער־בונד, איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צושטעלן צו די בריטישע מיליטער־געריכטן אַלע פיינדלעכע קריגס־פאַרברעכער.

לאָרד ראַסעל אָף ליווערפּול

לאָרד ראַסל אָף ליווערפּול, 59 יאָר אַלט, איז דער אייניקל פון סער עדוואַרד ראַסל, באַקאַנטער זשורנאַליסט און טעאַטער־קריטיקער ווי אויך רעדאַקטאָר פון „ליווערפּול דיילי פּאָסט" אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

אַז ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז ער געווען אַ תלמיד פון סט. דזשאָן־קאָלעדזש ביי דער אָקספאָרדער אוניווערזיטעט און געקליבן זיך צו ווערן אַדוואָקאַט. אָבער שוין אין אָקטאָבער 1914 איז ער אַריינגעטראָטן אין קעניגלעכן רעגימענט אַלס אָפיציר און אָפּגעדינט די גאַנצע מלחמה אויפן פראַנצויזיש־פלאַנדרישן פראָנט.

אויך נאָך דער מלחמה האָט ער פאָרגעזעצט זיין מיליטערישן דינסט, סיי אין ענגלאַנד גופא מיטן קעניגלעכן רעגימענט און סיי אין אינדיע מיט דער קעניגלעך־אינדישער רייט־אַרמיי.

ערשט אין 1929 האָט זיך לאָרד ראַסל צוריקגעצויגן פון אָפיצערן־קאָרפּוס און צוגעטראָטן רעאַליזירן זיין צוערשטיקן פּלאַן מכוח אַדוואָקאַטור. ער האָט גראַדואירט אין „גרייס אין" אין 1931 און פּראַקטיצירט אין לאָנדאָן און אָקספאָרד ביז 1934. גלייכצייטיג איז ער טעטיק געווען אין מיליטעריש־יורידישן אָפּטייל פון די באַוואָפנטע כוחות.

נאָכן מלחמה־אויסברוך אין 1939 איז ער אַריבער קיין פראַנקרייך מיטן ענגלישן עקספּעדיציע־קאָרפּוס, וווּ ער האָט אַמטירט אין שטאַב פון לאָרד גאָרט אַלס זיין וויצע־הויפּט־פּראָקוראָר, און שוין פאַרבליבן ביי דעם אַמט ביזן אויפלייזן דעם עקספּעדיציע־קאָרפּוס, נאָך דער שלאַכט ביי דונקירק אין אָקטאָבער 1942 האָט ער אָנטיילגענומען אין דער אינוואַזיע פון צפון־אַפריקע מיט דער 1־טער ענגלישער אַרמיי, וווּ ער האָט ווידעראַמאָל פאַרנומען דעם אַמט פון וויצע־הויפּט־פּראָקוראָר.

נאָכן אויפלייזן די 1־טע אַרמיי, מיטן נצחון פון די פאַרבינדעטע אין טוניס, האָט לאָרד ראַסל באַקומען דעם אַמט פון וויצע־הויפּט־פּראָקוראָר אין הויפּט־שטאַב פון די פאַראייניקטע אַרמייען און פאַרבליבן דערביי ביז סעפּטעמבער 1945, ווען ער איז אַריבער צו פאַרנעמען דעם זעלבן אַמט אונטער גענעראַל פיידזשעט.

אין יאָר 1946 האָט ער דעמזעלבן אַמט באַזעצט אין דער ענגלישער ריין־אַרמיי און אַמטירט ביז יולי 1947, און ווידעראַמאָל פון אָקטאָבער 1948 ביז מאַי 1951. אין אָט דעם פּעריאָד איז ער געווען יורידישער הויפּט־ראַטגעבער אין דער הויפּט־אַרמיי־לייטונג אין אַלע אָנגעלעגנהייטן פון די ענגלישע מיליטער־געריכטן פאַר דייטשע מלחמה־פאַרברעכער.

אין מאַי 1951 האָט ער זיך צוריקגעקערט אין שטאַב פון די מיליטער־כוחות אין לאָנדאָן און ווידער אויפגענומען דעם אַמט פון וויצע־הויפּט־פּראָקוראָר אין דער ענגלישער אַרמיי.

פראָלאָג

נאָך פאַר 1939 זענען אין די מאָדערנע מלחמות צווישן ציוויליזירטע פעלקער פאָרגעקומען טרויעריקע אינצידענטן און אויך קריגס־פאַרברעכענס. אין די פרי־סטאַדיעס פון דער ערשטער וועלט מלחמה, בשעת דאָס דייטשע מיליטער האָט בליץ־שנעל פאָרויסמאַרשירט אין דער ריכטונג צו פאַריז, זענען אין בעלגיע און אין פראַנקרייך דורך זיי באַגאַנגען געוואָרן פיל געוואַלד־אַקטן. זיי האָבן פאָגראָמירט, אונטערגעצונדן שטעט מיט דערפער, פאַרגוואַלדיקט פרויען, דערמאָרדעט אומשולדיקע מענטשן. אמת, די פאַרברעכנס זענען געווען פיל מער ווי צופעליקע סתם־אויסברוכן פון „שוידער און גרויל" מצד באַזונדערע איינהייטן אָדער איינצעלנע דיוויזיעס. און דאָך זענען זיי פאָרט ניט געווען קיין טייל פון אַן אָרגאַניזירטער טעראָר־אונטערנעמונג, וואָס ווערט פריער, נאָך פאַרן עצם קריג, פראָיעקטירט און שפעטער געטריי אויסגעפירט לויט באַפעל און פאַראָרדענונג.

די קריגס־פאַרברעכנס, אָבער, באַגאַנגען דורך די דייטשן בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן שוין אָנגענומען גאָר ניט קיין געוועזענעם אומפאַנג און פאַרנעם. זיי זענען געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער נאַצי־קאָנצעפציע וועגן אַ טאָטאַלן קריג. און זיי זענען געוואָרן רעאַליזירט לויט אַ פאָרויסבאַשטימטן און פאָרויסאַראַנזשירטן פלאַן, — צו טעראָריזירן און אויסנוצן די באַפעלקערונג אויף די אָקופירטע טעריטאָריעס, און אויסצוראָטן יענע עלעמענטן צווישן זיי, וואָס קאָנען זיין פיינדלעך צו דעם דייטשן זיג און צו דער נאַצי־הערשאַפט.

נאָך פאַר דער מלחמה, האָבן די נאַציס אין זייער אייגענעם לאַנד געשאַפן לויטן „פירערפרינציפ" יענעם דעספאָטישן כוח, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין גאָר דער געשיכטע. זיי האָבן דערמוטיקט און גרויסגעמאַכט אַ ראַסן־האַס, לויטן פרינציפ פון „העכערער ראַסע", מיט דעם אומבאַדינגטן אויסדריקלעכן ענד־ציל

פון אַ וועלט־העגעמאָניע. זיי האָבן געהעצט אַ ברודער קעגן אַ ברודער, קינדער קעגן עלטערן, אַ קריסט קעגן אַ ייד. זיי האָבן זיך באַמיט און געפלייסט צו דעמאָראַליזירן אַ גאַנץ פאָלק און די יעניקע וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט זענען געוואָרן טעראָריזירט און אַריינגעשליידערט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

בלויז ווען מען דערמאָנט זיך וועגן די אָפּגעטוענע מעשים אין דייטשלאַנד גופא צווישן די יאָרן 1933—1939 קאָן מען דערזען אין אַ ריכטיקער שיין די קריגס־פאַרברעכנס אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

פריי־וואָרט און פרייע פּרעסע אונטערדריקט, אויפזיכט אויף געריכט־וועזן, קאָנפיסקאַציע פון פּריוואַט־באַזיץ, פּרידלעכע פאַרזאַמלונגען באַגרענעצט, צענזור אויף בריוו און טעלעגראַמעס, טעלעפאָן געשפּרעכן קאָנטראָלירט, צוואַנג־רעגולאַציע פון אַרבעט, גלויבנס־פרייהייט אָפּגעשאַפן — אַט דאָס זיינען דאָך אַל־די קייטן, וואָס אַ טיראַן לייגט אַרויף אויף זיינע אונטערטאַנען. אויב היטלער האָט אַזוי גרינגעשעצט דאָס „הערן־פאָלק״ איז עס דען אַ וווּנדער וואָס די פעלקער פון די דעראָבערטע לענדער זענען אין זיינע אויגן געווען נאָך ערגער פון ווערעם?

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ניט אַלע דייטשן האָבן זיך אונטערגעגעבן אַזוי לייכט, אָדער אַזוי גערן אָנגענומען די נאַצי־דאָקטרין און פּראָגראַם. אַנדערש וואָלט מען דאָך ניט באַדאַרפט ניט קיין ס.ס. *), ניט קיין ס.ד. **), און ניט קיין געסטאַפּאָ. דורך שרעק און פּיין, דורך הונגער און טויט האָבן די נאַציס ליקווידירט ביי זיך אין דערהיים די קעגנער פון זייער רעזשים, און נאָר אויף אַזאַ אופן האָבן אַט־די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס דערוואָרבן יענעם נסיון און יענע אויסבילדונג, וואָס זיי האָבן דאָס שפּעטער פּראַקטיצירט אין אויסלאַנד אַזוי פּינקטלעך און ברוטאַל, — און דערמיט געוואָרן דער קאַשמאַר און די גרויל־בייטש פון דער אָקופּירטער אייראָפּע.

די פאַרברעכנס געשילדערט אין דעם בוך זענען ניט קיין צופעליקע; דאָס ווערט שוין קלאָר בלויז פון זייער ריזיקער מאָס

---

*) Schutz-Staffeln — די אַרמיי פון דער נאַצי־פּאַרטיי.

**) Sicherheits-Dienst — זיכערקייט־אַמט.

און פאַרנעם. מיליאָנען דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד, אַלס שקלאַפן, קריגס־געפאַנגענע געפּייניקט און געמאָרדעט, בירגער מאַסנווייז אויסגעהרגעט, ערב׳ניקעס און רעוואַנש־אַרעסטירטע דערשאָסן, די יידן־פראַגע „ענדגילטיק געלייזט״, — דאָס אַלץ איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ פּלאַנירונג אויף אַ לאַנגע צייט פאָרויס. דאָס אַלץ איז דערוויזן אויסער יעדן ספק און די דייטשן אַליין האָבן צוגעשטעלט דערצו שאַרפע, שטאַרקע באַווייזן אין זייערע זאָרגפעלטיק אָפּגעהיטענע פּראָטאָקאָלן, באַריכטן, אינווענטאַר־רשימות, באַפעלן און אַנדערע דאָקומענטן, וואָס זענען אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון די פאַרבינדעטע נאָכדעם ווי די דייטשע כוחות האָבן קאַפּיטולירט אין אייראָפּע.

בשעת די דייטשן האָבן באַשעפטיקט די קריגס־געפאַנגענע ביי פאַרבאָטענער אַרבעט, האָבן זיי געשיקט באַריכטן צו די געהעריקע אַרמיי־פאָרמאַציעס; ווען זיי האָבן געראַבעוועט האָבן זיי געמאַכט גרויסאַרטיקע רשימות פון זייער רויב; ווען זיי האָבן פאַרגאַזט יידן און אַנדערע האָבן זיי געשיקט אויספירלעכע ראַפּאָרטן צו RSHA *): ווען זיי האָבן דערשאָסן ערב׳ניקעס האָבן זיי געקלעפּט צעטלען אויף געזעלשאַפטלעכע געביידעס „צו סטימולירן אַנדערע״; ווען זיי האָבן דורכגעפירט שמערצלעכע עקלדיקע געוואַלד־עקספּערימענטן אויף די קאַצעטניקעס האָבן זיי גענוי אַלעס פאַרצייכנט. ווי נאָר זיי זענען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן האָבן זיי גלייך מיט אַ כאַראַקטעריסטישער פּינקטלעכקייט געזאַמלט און קאַטאַלאָגירט די דאָקומענטאַרע באַווייזן.

מיט יאָרן פריער האָט היטלער געשריבן אין מיין קאַמף, „אַ שטאַרקע ראַסע וועט אַרויסשטויסן אַלע שוואַכערע, ווייל דער וויטאַלער דראַנג אין זיין עקסטרעמער פאָרעם וועט אַראָפּרייסן אַבסורדע באַריערן פון דעם אַזוי גערופענעם הומאַניזם פון אינדיווידן כדי דורכצולייגן אַ וועג פאַרן הומאַניזם פון דער נאַטור וואָס ברענגט אום די שוואַכע כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר די שטאַרקע״. דאָס איז דער געזעץ פון דזשונגל: עס איז קיין וווּנדער ניט וואָס דאָס האָט מיטגעבראַכט אַזויפיל אומגליק, לייד און פּיין, חורבן און טויט.

---

*) Reichs-Sicherheits-Haupt-Amt. הויפּט־אַמט פון לאַנד־זיכערקייט.

און ווי אַזוי זענען אָט־די פאַרברעכערישע פּלענער געוואָרן אויסגעפירט? די דייטשע אייבערקאָמאַנדע און דער גענעראַל־שטאַב זענען ניט פריי פון אחריות.

ווען דער אַלטער מאַרשאַל פאָן הינדענבורג האָט אין 1933 אַזוי פּלוצעם און אומגעריכט גערופן היטלערן צו דער מאַכט האָבן געוויס אַ סך פון אָט־די מענטשן געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט ביז די מערהייט צווישן זיי זענען געוואָרן זיינע מיטווירקער; און די יעניקע וואָס האָבן עס ניט געמאַכט, ווי פאָן פריטש, זענען געוואָרן ליקווידירט אויף אַ כאַראַקטעריסטיש אומפאַרשעמטן אופן. פון דאַמאָלס אָן און ווייטער איז שוין די גאַנצע שווערוואָגיקע פּיראַמיד פון דער דייטשער אָפיצירן־שיכט, מיט דעם מיליטערישן יאָ־מאַן קייטעל אין דער שפּיץ, געשטאַנען דירעקט הינטער היטלערן. אָט־די מענטשן האָבן עם אונטערגעהאַלטן און געהאָלפן ביים פּראָיעקטירן און פאַרפירן אַן אַגרעסיווע מלחמה, און ביים באַגיין אַנצאָליקע קריגס־פאַרברעכנס און סתם פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט. ערשט ווען די כוואַליע פון נאַצי־דערפאָלג האָט קאָנטיק גענומען גיין שטראָם־אַראָפּ — האָט זיך אין די קאָרידאָרן פון דעם דייטשן קריגס־מיניסטעריום געלאָזט הערן אַ קריטישער געמורמעל.

דער אינטערנאַציאָנאַלער מיליטער־טריבונאַל אין נירענבערג צו מישפּט'ן די דייטשע הויפּט קריגס־פאַרברעכער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערקלערן דעם גענעראַלשטאַב און אייבער־קאָמאַנדע אַלס קרימינעלע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אין זייער פסק־דין האָבן זיי וועגן אָט־די מענטשן דאָך געזאָגט:

זיי טראָגן אין אַ גרויסער מאָס די אַחריות פאַרן פּיין און לייד וואָס עס זענען אויסגעשטאַנען מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער. זיי האָבן פאַרשוועכט דעם כבוד פונעם מיליטער־באַרוף. אָן זייער מיליטערישער הילף וואָלטן די אַגרעסיווע אַמביציעס פון היטלערן און זיינע נאַצי־חברים געבליבן אַקאַדעמיש און פרוכטלאָז... זיי זענען געווען אַן אַמאָראַלישע מיליטערישע קאַסטע... אַ סך צווישן אָט־די מענטשן האָבן געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט דעם זעלנערס שבועה פון מיליטער־געהאָרכזאַמקייט. ווען עס פּאַסט יאָ פאַר זייער פאַרטיידיקונג, זאָגן זיי אַז זיי

האָבן געמוזט פאָלגן; ווען מען דעמאַנסטרירט פאַר זיי היטלערס ברוטאַלע פאַרברעכנס און מען ווייזט זיי אויף אַז אין אַלגעמיין האָבן זיי וועגן דעם געוווּסט, זאָגן זיי אַז זיי האָבן ניט געפאָלגט. דער אמת איז, אַז זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין אַט־די אַלע פאַרברעכנס, אָדער זיך שאַ־שטיל צוגעקוקט ווי עס ווערן באַגאַנגען פאַרברעכנס, וואָס זייער מאַסשטאַב איז פיל גרעסער און סקאַנדאַליעזער ווי די וועלט האָט ווען־עס־איז געהאַט דעם אומגליק צו זען.

אָבער די הויפּט אינסטרומענטן פון געוואַלד־הערשאַפט וואָס היטלער האָט זיך מיט זיי צו מייגסטן באַנוצט זענען פאַרט געווען די פּאַרטיי־פירער, די געסטאַפּאָ, די ס.ד. און די ס.ס.

זיי זענען דאָס געווען די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אויסגעפירט אַט־די אַלע שוידערלעכע פאַרברעכנס: מאַסנמאָרד אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן; מאָרד און פּייניקונג פון קריגס־געפאַנגענע; פאַרקנעכטונג פון אויסלענדישע אַרבעטער; אינקוויזיציע פאַרהער; עינויים; עקספּערימענטן אויף מענטשן ווי אויף פּרוּוו־חיהלעך.

אָט די גרויליקע „שוואַרצע מאַנטלען”, מיט היינריך הימלער אין זייער שפּיץ, זענען אין משך פון פינף לאַנגע יאָר געהאַנגען איבער דער אָקופּירטער אייראָפּע ווי אַ שוואַרצער דונער־וואָלקן אָנגעלאָדן מיט פלוצעמדיקן טויט.

דער אַריינפיר־קאַפּיטל אין אָט דעם בוך באַשרייבט ווי אַזוי אָט־די קערפּערשאַפטן זענען אַנטשטאַנען, געוואַקסן און זיך אָרגאַניזירט און שילדערט די אכזריות פון זייער האַנדלען און וואַנדלען.

קאַפּיטל 1

היטלערס אינסטרומענטן פון געוואַלדהערשאַפט

פונעם ערשטן מאָמענט אָן, וואָס היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָט ער און די נאַצי־פּאַרטיי גלייך צוגעטראָטן צו פאַר־ווירקלעכן דעם אָנגענומענעם פּראָעקט אָדער קאָנספּיראַציע־פּלאַן, וואָס זייערע ענד־צילן זענען שוין געווען אַרויסגעבראַכט אין מיין קאַמף און וואָס זיי האָבן איינגעשלאָסן אין זיך פאַרברעכנס קעגן שלום, קריגס־פאַרברעכנס און אַנדערע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט.

די ראָש פון דעם קאָנספּיראַציע פּלאַן איז געווען די נאַצי־פּאַרטיי; די פּאַרטיי־הערשאַפט איז געווען די קייט פון ציוויל־קאָמאַנדע, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג דעם הויפּט פּלאַן. יעדער מיטגליד האָט יערלעך אָפּגעגעבן אַ שבועה. „איך שווער אייביקע געטריישאַפט אַדאָלף היטלערן. איך שווער אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט אים און יעדן פירער וואָס ער וועט באַשטימען״.

פונעם פירער אָן ביים אורקוואַל, דורך די גאַולייטער, קרייז־לייטער, אָרטסגרופּענלייטער, און בלאָקוואַרט איז דער שטראָם פון נאַצי־דאָקטרין אַריינגעפלאָסן אין יעדער שטוב. דער גאַו־לייטער פאַרן דיסטריקט, דער קרייזלייטער פאַר דער אומגעגנט, אַראָפּ צו ביזן בלאָקלייטער וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ פופציק הויזגעזינד׳ס.

יעדער איינער פון אָט־די פונקציאָנאַרן האָט אין זיין אייגענער ספערע געהאַט אונטער זיך אַ פּערסאָנאַל וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע אַספּעקטן פון דעם בירגערס לעבן; בילדונג, פּראָפּאַגאַנדע, זשורנאַליזם, פינאַנץ, געריכט.

גלייך הינטער היטלערן זענען געגאַנגען די רייכסלייטער; ראָזענבערג, פאָן שיראַך, פריק, באָרמאַן, פראַנק, ליי, געבעלס און הימלער. יעדערער האָט געטראָגן די אַחריות פאַר אַ באַשטימטע

זײַט פֿון דער נאַצי־ווירטשאַפֿט. זײ האָבן אויסגעפֿירט די דירעקטיוון פֿון זײער פֿירער. זײער העכסטע פֿליכט איז באַשטאַנען אין אָפּהיטן די פּאַרטײ „ווי אַ שנײדיק־שאַרפֿע שווערד פֿאַרן פֿירער״. זײ האָבן זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט אַלגעמײנע ווירטשאַפֿט־צוריגן, און ניט מיט אַדמיניסטראַטיווע אײנצעלהײטן.

נאָך זײ זענען געקומען די אַדמיניסטראַטאָרס, וואָס מען האָט זײ אײנמאָל געשילדערט ווי „אַ לײטער־היעראַרכיע פֿון קיסרים״.

דײטשלאַנד איז צעטײלט געוואָרן אויף אַ צאָל ברײטע אַדמיניסטראַטיווע ראַיאָנען וואָס יעדערער פֿון זײ האָט געהײסן גאַו. יעדער אײנער צווישן זײ האָט געהאַט אַ פּאָליטישן לידער, אַ גאַולײטער, וואָס איז געווען דירעקט פֿאַראַנטוואָרטלעך צום פֿירער פֿאַר זײַן אײגענער זאָנע.

די גאַו ווידער איז געווען צעטײלט אויף געביטן, שטאָטישע און דאָרפֿישע דיסטריקטן, קעמערלעך און בלאָקן. דער נאַצי־באַאַמטער איז אַזוי אַרום געקומען אין באַריר מיט יעדן קער און ווענד פֿונעם לעבן, אָבער גראַדע דער קלענסטער קיסר — דער בלאָקוואַרט — ער טאַקע איז עס געווען דער גרעסטער טיראַן צווישן זײ אַלעמען.

דאָס האָט ער נאָכגעשפּירט יעדן הויזגעזינד; דאָס האָט ער געהאַט אַ מוסר אין יעדער משפּחה; אין זײער ספֿערע טאַקע האָט די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע אַראָפּגענידערט אויפֿן אײנצעלנעם מענטשן מיטן פֿולסטן דראַנג און שטויס.

לויטן האַנטבוך פֿון דער פּאַרטײ, איז עס געווען די פֿליכט פֿונעם בלאָקוואַרט אויסצוגעפֿינען יענע מענטשן, וואָס פֿאַרשפּרײטן שעדלעכע קלאַנגען, און אינפֿאָרמירן וועגן דעם זײנע שעפֿן. „ער דאַרף זײַן מער ווי בלויז אַ פּרעדיקער און פּאַרטײדיקער פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע לגבי די מיטגלידער פֿון דער נאַציע און פֿון דער פּאַרטײ, וואָס זײ זענען אָנפֿאַרטרויט זײַן פּאָליטישער אויפֿזיכט. ער מוז אויך אַקטיוויזירן די פּאַרטײ מיטגלידער פֿון זײַן בלאָק צו פּראַקטישער מיטאַרבעט... ער דאַרף פֿירן אַ קאַרטאָטעק וועגן יעדן הויזגעזינד באַזונדער״.

אין דער פּערזאָן פֿונעם בלאָקוואַרט טאַקע האָט יעדער קלײנער דײטש זיך געטראָפֿן פּנים אל פּנים מיט זײַן פֿירער, און געווען זײנען די בלאָקוואַרטן אין דער צאָל פֿון אַ האַלבן מיליאָן. אויף אַזאַ אופֿן

האָט היטלער געהאַלטן דאָס גאַנצע רייך פעסט אין זיין האַנט.

און פּונקט ווי עס איז געווען אין די שלום־צייטן אַזוי איז אויך געווען בשעת דער מלחמה. עס איז געווען אַ גאַולייטער אין האָלאַנד און גוולייטער אין עלזאַס; פּוילן די באַלטישע שטאַטן, די מיזרח־טעריטאָריעס, יעדער באַזונדער האָט געהאַט אַן אייגענעם גולייטער, און די תורה, אויסגעלערנט אין די פּריסטע טעג פון נאַציזם ביי זיך אין דער היים — איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אויסלאַנד. די זעלבע סיסטעם וואָס האָט אונטערוואָרפן אַלע דייטשן צום פּירער׳ס ווילן האָט געדאַרפט באַנוצט ווערן כדי צו פאַרשקלאַפן די פעלקער אויף די טעריטאָריעס, וווהין זיינע אַרמייען זענען אריינגעדרונגען און וואָס האָבן זיך איצט געפונען אין דער דייטשער אָקופּאַציע.

עס זענען זיכער געווען אַ סך דייטשן וואָס זענען קיינמאָל ניט געווען קיין פאַרברעננטע נאַציס און וואָס זיי האָבן געקוקט אויף היטלערן ווי אויף אַ וווּלגאַרן אויפגעקומענעם פאַרשוין און אויף זיינע חברים ווי אויף פּריקרע געמיינע לייט. קיינער פון זיי איז טאַקע אייגענטלעך ניט געווען אין ס.ס., אין אַט דעם האַרטן קערן פונם נאַציזם. די ס.ס. מיטגלידער אָבער זענען אַלע געווען בלינדע נאָכפאָלגער פונעם פּירער און זיי האָבן קיין שום אַנדער לאָיאַלקייט ניט פאַרמאָגט, — ניט פאַר גאָט און ניט פאַר לייט.

אין די ערשטע סטאַדיעס פונעם נירענבערגער פּראָצעס פאַר די הויפּט דייטשע קריגס־פאַרברעכער איז אויף די שפּאַלטן פון אַן אַמעריקער צייטונג דערשינען אַ באַריכט וועגן דעם באַזוך פון אַ זשורנאַליסט אין אַן אַרעסט־לאַגער מיט אינטערנירטע ס.ס.־לייט. אַלע האָבן זיי אים געפרעגט די איין און איינציקע פראַגע: „וואָס האָבן מיר דען אַזוינס געטאָן אויסער אונדזער נאָרמאַלער פליכט?״ אַריב אונטערהאַלטן און מיטהעלפן ביים אויסמאָרדן עטלעכע מיליאָן מענטשן קאָן ווערן באַטראַכט אַלס אַ נאָרמאַלע פליכט, דאַן האָבן זיי ווירקלעך מער גאָרנישט געטאָן.

אין אַט־דעם בוך זענען פאַראַן קאַפּיטלען וואָס באַהאַנדלען די אויסראָטונג פון יידן, די פאַרשקלאַפונג פון אַרבעטער אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס און זייער דעפּאָרטאַציע, דאָס דערשיסן פון ערב׳ניקעס און מאַסן־עקזעקוציעס פון ציווילע בירגער און מאָרד און ווילדע־באַהאַנדלונג פון קריגס־געפאַנגענע. אין אַט די

אַלע פאַרברעכנס האָבן די ס.ס., ס.ד. און געסטאַפּאָ געשפּילט אַ פירנדע ראָל.

אין די שלום־צייטן האָבן אָט־די אָרגאַניזאַציעס געטראָגן די אחריות כלפּי די נאַצי לידער פאַר „מאַכן אומשעדלעך"*) יעדע אָפּאָזיציע. אין קריג האָבן זיי געדאַרפט איינברעכן אַלע מעגלעכע אָרטן פון ווידערשטאַנד.

די מעטאָדן ביים דערגרייכן זייערע צילן זענען געווען די זעלבע, — אַזוי אַז ביים אָפּטאָן זייערע נאַרמאַלע פליכטן אין די שלום צייטן האָבן זיי זיך גלייכצייטיק טרענירט צוליבן קריג. דורך רעפּרעסיע, דורך טעראָר, דורך עינוים און דעם אייביק־הענגענדיקן שרעק־שאָטן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער האָבן זיי באַוואָרנט און געזיכערט דייטשלאַנד פאַר היטלערן. אין פאַל פון קריג וועלן זיי שוין מיט די זעלבע מיטלען, גוט אויסגעפּרוּווט און פאַרפולקומט, קליינקריגן די באַפעלקערונג פון יענע לענדער וווּהין די דייטשע אַרמיי וועט אַריינדרינגען און זיי אָקופּירן.

אין יאָר 1929, פיר יאָר איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז היינריך הימלער נאָמינירט געוואָרן רייכספירער ס.ס. און ער האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבער די Schutzstaffeln וואָס האָבן דאַמאָלס געציילט אינגאַנצן 280 מיטגלידער. ער איז צוגעטראָטן אויסצובילדן דעם כוח אין אַ פּריוואַטע אַרמיי און פּאָליציי און האָט אַריינגענומען אַהין בלויז פאַנאַטישע נאָכפאָלגער פונעם פירער. צו דער צייט ווען היטלער איז געוואָרן רייכסקאַנצלער האָט זיך די ס.ס. שוין געווען צעוואַקסן ביז דער צאָל פון 52,000. עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז זייער מיסיע באַשטייט אין שיצן דעם פירער און דעם אינעווייניקסטן ווילשטאַנד פונעם רייך, און רייכספירער הימלער האָט ביי קיינעם ניט געלאָזט קיין ספק מיט וועלכע מיטלען ער וועט זיך דערביי באַנוצן.

מיר וועלן ניט מיד ווערן אויסצופילן אונדזער אויפגאַבע ביים גאַראַנטירן דעם ווילשטאַנד אינעווייניק אין דייטשלאַנד, פּונקט אַזוי ווי די ווערמאַכט גאַראַנטירט פאַרן רייך כבוד, גרויסקייט און פרידן פון אויסן. מיר וועלן אָפּהיטן אַז אין דייטשלאַנד, אינעם

*) אַ דייטש מליצה־וואָרט פאַר מאָרד.

הארץ פון אייראפע, זאל שוין מער קיינמאל ניט אויפפלאקערן קיין שום יידיש־באלשעוויסטישע רעוואלוציע פון אונטערמענטשן, — ניט פון אינעווייניק ארויס און ניט אריינגעשיקט דורך שליחים פון דרויסן. אן שום רחמנות וועלן מיר זיין אן אומדערבארעמדיק שווערד פון גערעכטיקייט פאר אלע כוחות וואס מיר וויסן וועגן זייער עקזיסטענץ און טעטיקייט, גלייך אינעם ערשטן טאג ווי נאר דער מינדסטער פרווו פון זייער זייט וועט געמאכט ווערן, — מעג עס זיין היינט, אין א יארצענדליק, אדער אין א יארהונדערט ארום פון איצט אן.

אן אומדערבארעמדיק שווערד זענען זיי זיכער און באשטימט געווען; אבער אן שום כבוד און אן שום גערעכטיקייט דערביי.

פאר אזא מין אויפגאבע האט זיך געפאדערט א העכסט ארגאניזירטע קראפט און עס איז טאקע אויפגעשטעלט געווארן די הויך־קאמאנדע פון די ס.ס. — אין באשטאנד פון צוועלף דעפארטאמענטן. די הויפט־קערפערשאפט פון די ס.ס., די אלגעמיינע, איז געווען דער שטאם וואס פון אים האבן זיך צעוואקסן אלע צווייגן. זיי זענען געווען ארגאניזירט לויט'ן מיליטערישן מוסטער און געטיילט אויף דיסטריקטן, אונטער־דיסטריקטן, רעגימענטן און נאך אנדערע נידעריקערע פארמאציעס ביז צו אן אפטייל. ביים אויסבראך פונעם קריג האבן זיי געציילט 40.000 אויסוואר͏פן פון דער נאטור.

די אלגעמיינע זענען צום מיינסטן באשטאנען פון יענע ס.ס.־לייט וואס זענען ניט געווען קיין פאכמענער. זיי זענען געווען, אייב זיך באנוצן מיט א מיליטער־טערמין, די איינפאכע דינסט־זעלנער פון די שוץ־טיילן. איינע פון זייערע פינצטערע דינסט־פליכטן איז געווען צו באשטאטן די קאנצענטראציע־לאגערן, און כמעט די גאנצע באוואכונג פאר די לאגערן האבן צוגעשטעלט די אלגעמיינע.

די צווייטע לויט דער וויכטיקייט איז געווען די זיכערהייטס־דינסט, שפעטער באקאנט אין גאנץ אקופירטער אייראפע, אויך אינעם רייך גופא, מיט די מורא'דיקע איניציאלן *SD*. לכתחילה איז עס געווען בלויז אן אינפארמאציע־אמט ביים ס.ס., אבער נאכדעם ווי מען האט געמאכט היטלערן פארן רייכסקאנצלער האבן

זיי געווינען אין חשיבות און אַרום 1939 זענען זיי שוין געווען איינער פון די הויפט־דעפּאַרטאַמענטן אין RSHA.

צו יענער צייט, האָט ריינהאַרד היידריך, זייער שעף, פאַרשפּרייט די ס.ד. אין אַ ברייטע סיסטעם פון שפּיאָנאַזש, וואָס האָט געלויערט מיט וואַכע אָפענע אויגן, ווי אַ מין ריזיקער רויבפויגל, איבערן פּריוואַט־לעבן פון יעדן דייטשן בירגער, און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער איינציקער געהיים־אַגענץ פאַר אינפאָרמאַציע און קאָנטער־אינפאָרמאַציע ביי דער נאַצי־פּאַרטיי.

דריי יאָר נאָך היטלערס אַרויפשטייג איז הימלער, אויסער זיין אַמט פון רייכספירער ס.ס., דערצו נאָך נאָמינירט געוואָרן אַלס ראַש פון דער דייטשער פּאָליציי ביים אינערן מיניסטעריום, און די רעאָרגאַניזאַציע פון די דייטשע פּאָליציי־כוחות לויט צוויי באַזונדערע צווייגן — האָט זיך דאַן אָנגעהויבן. דאָס איז פון איין זייט געווען די פּאָליציי אין אוניפאָרם אָדער ORPO *). און פון דער אַנדערער זייט די זיכערהייטס־פּאָליציי אָדער Sipo **). וואָס האָט זיך אין 1939 צונויפגעגאָסן מיט SD אונטער דער לייטונג פון RSHA.

די Geheime Staatspolizei, אָדער ווי אוניווערסאַל באַקאַנט אַלס ג ע ס ט אַ פּ אָ, איז געווען אַ רעגירונגס־אָרגאַניזאַציע און איז געווען צו ערשט געגרינדעט דורך געריננ׳ן אין פּרייסן אינעם יאָר 1933.

דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער פּאָליציי־כוח. אַנדערש ווי די געוויינלעכע פּאָליציי, האָבן זיי זיך ניט באַשעפטיקט מיט אָפּווענדן און אויסגעפינען פאַרברעכנס, נאָר מיט אונטערדריקן יעטוועדער פרייען פּאָליטישן געדאַנק פון יעדער אינדיווידועלער פּאָליטישער איבערצייגונג, און אויך מיט ליקווידירן יעדע אָפּאָזיציע צו היטלערס רעזשים.

די נעץ פון רעפּרעסיעס איז ענדלעך געווען פיקס און פאַרטיק, אינמיטן דעם שפּינוועבס איז געזעסן הימלער, אַלע זיינע ס.ס.־לייט אַרום און אַרום, און פון הינטן האָט זיך געפינצטערט דער שאָטן פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער.

---

*) Ordnungspolizei — פּאָליציי אין אוניפאָרם.

**) Sicherheitspolizei — שוץ־פּאָליציי.

אַזוי האָט אויסגעזען דײַטשלאַנד „דורכויס אין אינגאַנצן באַהערשט פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם", ווי היטלער האָט זיך אויסגעדריקט אין זײַן רײַכסטאַג־רעדע אין יאָר 1938. אַזוי אַרום האָט מען מאָביליזירט דאָס פאָלק. און פאַר וועלכן צוועק? פאַר אַגרעסיע, דעראָבערונג, וועלט־הערשאַפט, טאָטאַלן־קריג. און קריג איז געקומען; אינוואַזיע, נצחון, ביז צוויי דריטל פון אייראָפּע איז געלעגן אונטער דעם דײַטשן שטיוול מיט די ס.ס., ס.ד. און געסטאַפּאָ אַלס צוואַנג־וואַך. די מאַשעניזירונג פון נאַצי־טעראָר איז געווען אין פולן גאַנג. אויסמאַנקירט און אויסגעאַרבעט מיט יאָרן פריער גרינטלעך און געשיקט, איז עס געווען געניי אָנגעשטעלט און פּראָבירט נאָך אין די רויקע צײַטן. איצט איז אָנגעקומען פאַר דעם די ריכטיקע שעה!

בשעת די דײַטשע אַרמיי האָט אַרײַנגעמאַרשירט אין אַ פײַנדלעכע טעריטאָריע, זענען מיטגעגאַנגען ספּעציעל פאָרמירטע אָפּעראַציע־אײנהייטן פון ס י פּ אָ און ס.ד. אַט־די Einsatzgruppen ווי זיי האָבן געהייסן, זענען געווען אָנגעפירט דורך אַ שטאַב פונעם געסטאַפּאָ און KRIPO*), וואָס זייערע דינסט־ראַנגען האָבן זיי באַקומען פונעם ס.ס.

די מאַסע איז באַשטאַנען פון Waffen-SS און אָ ר פּ אָ. זיי זענען געווען אָנגעשלאָסן צו אַרמיי־גרופּן אָדער אַרמייען און האָבן געוויינלעך אָפּערירט אין דער באַזע פונעם אַרמיי־הינטערלאַנד. געווען זענען זיי אונטער דער טאַקטיק־קאָמאַנדע פונעם אַרמיי־קאָמאַנדיר, אָבער זיי האָבן דערבײַ געהאַט אייגענע ספּעציעלע אויפגאַבן, באַקומען דירעקט פון RSHA, פאַר וועמען זיי זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך.

נאָכדעם ווי אַט־די ספּעציעלע אויפגאַבן זענען געווען אויסגעפּילט און דער קאַמפּס־פּלאַץ האָט זיך גערוקט ווײַטער, האָט מען די אָקופּיר־אַדמיניסטראַציע אָרגאַניזירט אויף אַ פעסטערן שטייגער. די אײַנזאַץ־גרופּן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סטאַבילן שטאַב פון ס י פּ אָ און ס.ד., און מען האָט זיי צוגעטיילט געביטן פון געריכט־יועזן. זיי האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענע קאָמאַנדע־קייט אונטער דעם מיליטער־קאָמאַנדיר פון דער אָקופּירטער טעריטאָריע.

*) Kriminalpolizei — קרימינאַל־פּאָליציי.

אָבער אומאָפּהענגיק פון אים, מיט אַ דירעקטן צוטריט צום שעף פון דער זיכערקייט־פּאָליציי און ס.ד.

אין די לענדער וואָס זענען געווען אונטער דער דייטשער מיליטער־אָקופּאַציע איז די עקזעקוטיווע מאַכט געוויינלעך געלעגן אין די הענט פון געסטאַפּאָ, אַלס אָרגאַניזאַציע אַ סך ברייטער פון ס.ד. אָדער קריפּאָ. פון 1943 ביז 1945 איז די געסטאַפּאָ־מיטגלידערשאַפט באַשטאַנען פון אַ פופציק טויזנט, בשעת קריפּאָ און ס.ד. האָבן דאָן בלויז געציילט די ערשטע — פופצן טויזנט און די צווייטע — דריי טויזנט מיטגלידער *). די איניציאַלן SD זענען געוויינלעך געווען באַנוצט אין דער דייטשער געהיים־אַגענץ און פּאָליציי־דינסט אָפיציעל און אומאָפיציעל צו באַצייכענען SIPO און SD, און אַזוי טאַקע ווערן זיי אויך באַנוצט אין די פאָלגנדע קאַפּיטלען פונעם בוך. אין די אָקופּירטע לענדער, אויסער די פאַלן ווען זיי האָבן געאַרבעט אין ציווילע קליידער, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט געוויינלעך געטראָגן די „שוואַרצע מאַנטלען" פון SS מיט די אָפּצייכנס פון SD.

פונעם אָנהייב קריג אָן ביזן סוף זענען די ס.ס.־לייט געווען מומחים אין „שווינערריי", און עס איז גאָר קיין צופאַל ניט, וואָס דער פּראָלאָג צו דער אינוואַזיע קיין פּוילן איז געווען אָנגעטרויט גראַדע זיי.

די אַרענע איז געווען גרייט פאַר דער אַגרעסיע. דעם 22טן אויגוסט 1939 האָט היטלער געהאַלטן אַ רעדע פאַר זיינע הויפּט־קאָמאַנדירן אין אָבערזאַלצבערג.

די פאַרניכטונג פון פּוילן קומט אויפן ערשטן פּייער, האָט ער געזאָגט, דער צוועק איז צו ליקווידירן די לעבעדיקע כוחות,

---

*) די Sipo און די SD זענען באַשטאַנען פון געסטאַפּאָ, Kripo און SD, הגם דער טאָטאַלער כוח פון SD גופא איז, אין די יאָרן צווישן 1943 אין 1945, אינגאַנצן געווען אַרום 3.000, זענען די איניציאַלן SD געווען אַלגעמיין באַנוצט אַלס אַ פאַרקירצונג פאַר דעם טערמין Sipo און SD, און אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס האָבן די געסטאַפּאָ־מיטגלידער אָפט געטראָגן אוניפאָרמען מיטן SD־אָפּצייכן.

און ניט בלויז צו דערגרייכן ביז אַ באַשטימטער ליניע. איך וועל שוין געפינען אַ פּאַסיקן פּראָפּאַגאַנדע־מאָטיוו אויף אָנצוהייבן דעם קריג, סיי־ווי צי עס וועט זיך יאָ אָדער ניט לייגן אויפן זינען. מען וועט דעם זיגער שפּעטער ניט פרעגן צי האָט ער יאָ אָדער ניט געזאָגט אַן אמת... איך האָב נאָר מורא אַז אינעם לעצטן מאָמענט זאָל עפּעס אַ „שווייַנע־הונד" זיך ניט אַריינלייגן אין שלום... דער וועג ליגט איצט אָפן פאַרן זעלנער נאָכדעם ווי די פּאָליטישע צוגרייטונג האָב איך שוין געמאַכט.

פּראָבע־אינצידענטן זענען, דעריבער אַרויסגערופן געוואָרן דורך די נאַציס מיט דער הילף פון די ס.ס. אַזאַ מין אינצידענט איז געווען דער אָנפאַל אויף דער ראַדיאָ־סטאַציע אין גלייוויץ נעבן דער פּוילישער גרענעץ. דער ציל פון דער אויפגאַבע, באַקאַנט אַלס „הימלערס אָפּעראַציע", איז באַשטאַנען אין אינסצענירן אַ פּוילישן אָנפאַל, כביכול, אויף דער סטאַציע. בשעת ריינהאַרד היידריך האָט אינסטרוקטירט דעם ס.ד.־מאַן, וואָס האָט געזאָלט דורכפירן די אויפגאַבע, האָט ער אַזוי געזאָגט, „מיר באַדאַרפן פאַקטישע באַווייזן פון פּוילישע אָנפאַלן פאַר דער אויסלענדישער פּרעסע און אויך פאַר דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן".

די ראַדיאָ־סטאַציע האָט געזאָלט ווערן אַטאַקירט דורך פינף אָדער זעקס ס.ד.־לייט און אויפגעהאַלטן ווערן אַזוי לאַנג ביז אַ פּויליש־רעדנדיקער דייטש, וואָס וועט באַגלייטן די אַטאַקע־גרופּע, זאָל צייט האָבן אַרויסצושיקן דורכן ראַדיאָ אַ פּוילישע רעדע. פון דער רעדע האָט געזאָלט ווערן קלאָר, אַז דער קאָנפליקט צווישן דייטשלאַנד און פּוילן איז שוין רייף, און אַז אַלע פּוילישע דאַרפן זיך פאַראייניקן כדי נידערצושלאָגן יעדן דייטש וואָס וועט זיך זיי קעגנשטעלן.

באַקומען די אינסטרוקציע, האָט דער אָנפירער פונעם אָנגריף זיך געלאָזט קיין גלייוויץ, ווו ער האָט באַדאַרפט באַקומען פון היידריך'ן דעם שיפער. בשעת'ן וואַרטן דאָרט האָט ער באַזוכט היינריך מילער'ן *), דעם שעף פון געסטאַפּאָ, וואָס האָט זיך דאַן

*) Obergruppenfuehrer Mueller, דער ראש פונעם אמט IV פון RSHA.

געפֿינען אינעם דיסטריקט. מילער האָט אַרומגערעדט דעם פּלאַן פֿון נאָך אַנדערע גרענעץ־אינצידענטן, וואָס דאַרפֿן שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז פּוילישע זעלנער באַפֿאַלן דײַטש־מיליטער. געסטאַפּאָ האָט זיך אונטערגענומען צושטעלן אַ צאָל פֿאַראורטיילטע פֿאַרברעכער צוליב דער אַקציע. יענע וועלן טראָגן פּוילישע אוניפֿאָרמען און זיי וועלן בלײַבן ליגן טויט אויפֿן אָרט פֿון דער אַקציע, ווײַל זיי וועלן באַקומען פֿאַטאַלע אײַנשפּריצונגען און וווּנדן פֿון געווער־שאָסן. די־אָ טויטע „פּוילישע" וועלן שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז זיי זענען דערהרגעט געוואָרן בשעת אַן אָנפֿאַל אויף די דײַטשע זעלנער. אַזאַ לעבעדיקער מאַנעקען וועט אויך צוגעשטעלט ווערן פֿאַר דער גלײַוויץ־אָפּעראַציע. אין דער גאַנצער קאָרעספּאָנדענץ האָבן יענע געטראָגן דעם קאָד־נאָמען „קאָנסערוון".

דער גלײַוויץ־אינצידענט איז פֿאָרגעקומען אינעם אויפֿדערנאַכט ערב דער דײַטשער אינוואַזיע קיין פּוילן און איז דורך דעם אָנפֿירער פֿון דער אָנגריף־גרופּע אַזוי געשילדערט געוואָרן:

צוועלף אַ זייגער בײַטאָג דעם 31־טן אויגוסט 1939 האָב איך טעלעפֿאָניש דערהאַלטן פֿון הײדריך'ן דעם שיפֿער פֿאַרן אָנגריף וואָס האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען 8 אַ זייגער אין אָוונט. הײדריך האָט געזאָגט אַז איך דאַרף זיך ווענדן צו מילער'ן נאָך „קאָנסערוון". איך האָב אַזוי געטאָן און מילער האָט צוגעשטעלט דעם גוף צו דער ראַדיאָ־סטאַציע. איך האָב אים אַנידערגעלייגט אויף דער ערד בײַם אַרײַנגאַנג אין דער געבײַדע. ער האָט נאָך געלעבט אָבער ער איז געווען אינגאַנצן באַוווּסטלאָז. מיר האָבן פֿאַרכאַפּט די ראַדיאָ־סטאַציע ווי באַפֿוילן, געהאַלטן אַ רעדע פֿון דרײַ אָדער פֿיר מינוט דורכן חירום־טראַנסמיטער, אַ פּאָר מאָל אויסגעשאָסן און מיר זענען אַוועק.

פּונקט אַזוי ווי די ס.ס. האָבן אויפֿגעהויבן דעם פֿאָרהאַנג בײַ דער אינוואַזיע קיין פּוילן, איז אויף זיי אויך אויסגעפֿאַלן אים אַראָפּלאָזן בײַם סוף פֿון דער פֿאָרשטעלונג. אין אַפּריל 1945 האָט אָבערגרופּענפֿירער קאַלטענברונער אָנגעוואָרפֿן פּלענער אויף צו צעוואַרפֿן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אויף צו ליקווידירן אַלע קאַצעטניקעס. אַזוי אַרום האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרשווינדן אַלע באַווײַזן

אָן זייער אויסראָטונג־פּראָגראַם. די־אָ פּלענער באַקאַנט אונטער די קאָד־נעמען „וואָלקן א־1" און „פייער־וואָלק", זענען קיינמאָל פונפון זייער אויסראָטונג־פּראָגראַם. די־אָ פּלענער, באַקאַנט אונטער דער פאַרהאַנג האָט באַוויזן אַראָפּצופאַלן.

די ס.ד. און געסטאַפּאָ האָבן צוזאַמען געטראָגן די גלייכע אַחריות פאַרן מאַסנמאָרד פון הונדערטער טויזנט אומשולדיקע ציווילע מענטשן אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס און פאַר די ניגוים און ווילדע־באַהאַנדלונג פון טויזנטער אַנדערע. „נאַכט און נעפּל" געפאַנגענע, ערב'ניקעס און רעוואַנש־אַרעסטירטע, זעלנער, מאַרינער, פליער פון די פאַרבינדעטע אַרמייען וואָס האָבן אַנטייל־גענומען אין קאָמאַנדאָ־אָפּעראַציעס, — אָט די אַלע זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די ס.ד. פאַר אַ „ספּעציעלע באַהאַנדלונג" *). זיי זענען געווען אויך פאַראַנטוואָרטלעך, דורך דער איינזאַצגרופּע, פאַרן אויסשעכטן פיל צענדליקער טויזנט יידן אַלס פּראָגראַם־טייל פון זייער „ענדגילטיקער לייזונג"**).

אין אַן אַנדער קאַפּיטל פונעם בוך ווערט געגעבן אַ באַריכט וועגן דער שחיטה וואָס אָט־די גרופּן האָבן דורכגעפירט אין אוקראַינע און אין קרים, אינעם רשות פונעם אָבערגרופּענפירער אָהלענדאָרף, וואָס וועגן זיין עדות־זאָגן אויפן נירענבערגער פּראָצעס האָט איינער פון דער געריכט־קאָלעגיע מצד אַמעריקע זיך אָפּגערופן אַזוי:

די מענטשהייט וועט ניט אַזוי שנעל פאַרגעסן זיין עקלדיקע ספור־המעשה וועגן די בייזוויליקע מערדער וואָס זייערע אייגענע געדערים האָבן זיך אַ קער איבער געטאָן פון שוידער בשעת זיי האָבן געעפנט די טירן פון די טויט־וואַגאָנען נעבן דעם קברים־פלאַץ***). זיי זענען דאָס געווען די מענטשן וואָס זענען געזעסן,

---

*) זע קאַפּיטל II.

**) די „ענדגילטיקע לייזונג" פון דער יידן־פּראָגע האָט געמיינט די אויסראָטונג פון יידן, און דאָס איז געווען אַ בפירושער טייל פון דער נאַצי־פּאָליטיק.

***) טויזנטער ציווילע בירגער זענען אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די איינזאַצקאָמאַנדאָס אין ספּעציעל קאָנסטרוירטע גאַז־וואַגאָנען.

מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, אויפן ראַנד פון די אַנטי־טאַנק גריבער און קאַלטבלוטיק געשאָסן פון אויטאָמאַטיש געווער אין האַלדז אין נאַקן פון די נאַקעטע קרבנות. זיי זענען דאָס געווען די מענטשן, וואָס, לויט זייערע אייגענע טויט־אַקטן, האָבן זיי דערמאָרדעט ביי צוויי מיליאָן מענער, פרויען און קינדער. דאָס זענען געווען די לייט פון ס.ד.

זייערע מעטאָדן זענען צייטנווייז געווען מער ווי אַפילו אַ גאַולייטער האָט עס געקאָנט פאַרדייען. נאָכדעם ווי מען האָט געלאָזט די ס.ד. פריי ברשעווען אין ליטע, האָט דער גאַולייטער פון ריגע געשריבן צו ראָזענבערגן, דאַמאָלס רייך־מיניסטער פאַר די מיזרח־טעריטאָריעס, און מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערן זיך האָט ער אָנגעוויזן, אַז די האַנדלונג פון די ס.ד. „גרענעצט כמעט מיט סאַדיזם". פון די פרטים געבראַכט אינעם ראַפּאָרט קאָן מען זען אַז אַט־די פראַזע קלינגט שוין אַ ביסל צו מילד.

„צו באַגראָבן לעבעדיקערהייט שווער־פאַרווונדעטע מענטשן", האָט ער געשריבן, „וואָס שטרענגן זיך דאָן אָן צוריק אַרויסצוקריכן פון זייערע קברים איז אַזאַ ווילדע חיה'שקייט אַז מען מוז וועגן דעם מעלדן דעם פירער און דעם רייכסמאַרשאַל. די ציווילע אַדמיניסטראַציע פון ווייס־רוטעניע טוט אַלץ וואָס איז מעגלעך כדי צו געווינען די באַפעלקערונג פאַר דייטשלאַנד, אין איינקלאַנג מיט די אינסטרוקציעס פון דעם פירער. אָט־די באַמיונגען קאָנען בשום אופן ניט האַרמאָנירן מיט די מעטאָדן וואָס איך האָב באַשריבן".

אַ ספּעציעלע וואַכדינסט פון ס.ד. און געסטאַפּאָ האָט זיך באַזעצט אין די קעמפן פאַר קריגס־געפאַנגענע, כדי צו האַלטן אויפן אויג די געפאַנגענע און ליקווידירן די יעניקע צווישן זיי וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר ניט־געווונטשן פון פּאָליטישע אָדער פון ראַסע־טעמים. אַזעלכע געפאַנגענע זענען דאָן אַריבערגעשיקט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר „ספּעציעלע באַהאַנדלונג", וואָס דאָס האָט אינעם טויט־ווערטער־בוך פונעם ס.ס. געמיינט מאָרד.

די ס.ד. זענען צוזאַמען מיט געסטאַפּאָ אויך געווען פאַראַנט־

וואָרטלעך פאַרן אויספירן דעם „קויל־דעקרעט״*). דער־אַ באַפעל האָט געהייסן אַז אַלע אויפסניי געכאַפּטע אַנטלאָפענע אָפיצירן און קאַאָרן**), אויסער די בריטישע און אַמעריקאַנער קריגס־געפאַנגענע, זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די ס.ד. דאָן וועט מען זיי אָפשיקן קיין מאַוטהאַוזען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און דאָרט וועט מען זיי שוין דערשיסן מיט אַ קויל אין האַלדז און נאַקן.

מיט די־אַ אָרגאַניזאַציעס האָט זיך אויך באַנוצט דער רייכס־מיניסטער פריץ זאַוקעל ביים ווערבירן מיט צוואַנג אויסלענדישע אַרבעטער פאַר זיין פּראָגראַם פון שקלאַפן־אַרבעט. זיי האָבן געהאָלפן דורכצופירן דעם פּלאַן אין די אָקופּירטע לענדער, און ווען די אומגליקלעך־פאַרשלעפּטע זענען אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד האָט געסטאַפּאָ געהאַט איבער זיי די אויפזיכט. געסטאַפּאָ האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט כאַפּן יענע צווישן זיי וואָס זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די אַרבעט־קעמפן ווו זיי זענען געווען פאַרשפאַרט כל זמן זיי זענען נאָך געווען פעיק צו פיזישער אַרבעט.

אין אויגוסט 1942 האָט קייטעל אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל אַז ס.ד. און געסטאַפּאָ זאָלן אָננעמען קאָנטער־שריט גלייך אויף דער שטעל קעגן איינצעלנע פאַראַשוטיסטן וואָס נידערן אַראָפּ אין די אָקופּירטע לענדער אָדער אין דייטשלאַנד מיט אַ ספּעציעלער מיסיע. „ווי נאָר איינצעלנע פאַראַשוטיסטן ווערן געכאַפּט דורך מיטגלידער פון די באַוואָפנטע כוחות, זאָל מען אָפּשיקן אַ ראַפּאָרט צום געהעריקן Abwehr־אַמט, און זיי אַליין דאַרפן נאָך דעם זעלבן טאָג איבערגעגעבן ווערן צו דער נאָענטסטער אַגענץ פונעם הויפּט פון דער זיכערקייט־פּאָליציי און ס.ד.״.

אַ סך „איינער אַליין״ — פאַראַשוטיסטן זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין פראַנקרייך בשעת דער אָקופּאַציע כדי צו שאַפן אַ פאַרבינדונג און קאָאָפּערירן מיט דער פראַנצייזישער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג. דאָס איז געווען די אַרבעט פון ס.ד. און געסטאַפּאָ אויסצוגעפינען און פאַקן אַזעלכע מענטשן און זיך פאַרנעמען מיט זיי. און טאָמער האָט זיי געכאַפּט די ווערמאַכט האָט מען זיי סיי־ווי

*) דער "Kugel erlass" פון 4־טן מאַרץ 1944.

**) קאַאָר — קאָמאַנדיר אָן אָפיצירן־ראַנג.

גלײַך געליווערט צו ס.ד. נאָכן פאַרהער זענען זיי אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער, פון וואַנען עס האָט זיך ווייניק־ווער צוריקגעקערט. אַ צאָל יונגע פרויען וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אויף אַעראָפּלאַנען פון ענגלאַנד און האָבן פּאַראַשוטירט אין פראַנקרײַך, אין די טעטיקײַט־ראַמען פון דער פראַנצײזישער סעקציע בײַם ענגלישן מלחמה־אַמט, האָבן אויף אַזאַ־מין אופן געפונען זייער טויט*).

אין אָקטאָבער 1942 האָט היטלער פערזענלעך אַרויסגעלאָזט דעם „קאָמאַנדאָ־באַפעל", וואָס האָט באַפוילן אַז די אַלײַירטע דינסט־מענער וואָס האָבן גענומען אַנטייל אין קאָמאַנדאָ־אָנפאַלן און זענען אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דײַטשן, זאָלן ווערן געטייט. דער־אַ באַפעל האָט פאַראָרדנט אַז אויב אינדיווידועלע קאָמאַנדאָ־מיטגלידער פאַלן אַרײַן אין די הענט פון ווערמאַכט אָדער ציווילע פּאָליצײַ אין וועלכן־עס־איז דײַטש־אָקופּירטן לאַנד, — דאַרף מען זיי תיכף אָבליווערען צו די ס.ד., אָבער אָט־די מענטשן האָבן געטראָגן אוניפאָרמען און זיי האָבן געלאַנדיקט אויף אַ פײַנדלעכער טעריטאָריע ניט פאַרשטעלט, האָבן זיי דאָך געהאַט דאָס רעכט צו ווערן באַהאַנדלט אַלס קריגס־געפאַנגענע.

אָבער זייער אַ סך צווישן די וואָס דאָס דײַטשע מיליטער האָט פאַרהאַלטן זענען איבערגעליווערט געוואָרן דורך זיי צו די ס.ד. — אַזוי ווי דער פירערבאַפעל האָט עס געהייסן. דעם רוב האָט מען אויסגעהרגעט אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה און בלויז ווייניק־וועמען האָט מען איבערגעשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

די ס.ד. און געסטאַפּאָ איז אין אײניקע אָקופּירטע לענדער אויך געגעבן געוואָרן דאָס פולע רעכט אויסצופירן, לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו, טויט־אורטיילן אָדער צו פאַרשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן מענטשן, וואָס אַליין ריין פון יעדער שולד און חשד, זענען זיי געווען בלויז פאַמיליע־אָנגעהעריקע פון פאַרדעכטיקע בײַ די דײַטשן.

אָט־דער כאַראַקטעריסטישער מוסטער פונעם נאַצישן־אומיושר

---

*) זע Odette פון זשעראַרד טיקעל (טשאַפּמען אין האָל, 1949), און אויך דעם „נאַצווײַלער פּראָצעס" (וויליאַם האָדוש אין שות.).

האָט געטראָגן דעם הויך־קלינגענדיקן נאָמען פון „קאָלעקטיווע אחריות פאַר מיטגלידער פון די משפחות פון מערדער און סאַבאָטאַזשניקעס״ *). פאַקטיש איז עס געווען אַ ריין טעווטאָנישער מעטאָד פון נעמען נקמה אין אומשולדיקע קרובים פון יענע ווידערשטענדלער, וואָס האָבן זיך ביז דאַן אַרויסגעדרייט פון די דייטשישע הענט.

אַזאַ מין אַ מאַכט האָט מען געגעבן דעם געסטאַפּאָ אין פּוילן אין מיטן פונעם יאָר 1944 ווייל די אינערלעכע זיכערקייט־סיטואַציע האָט אין יענע טעג זיך געהאַט זייער פאַרערגערט און מען האָט געמוזט אָנווענדן די „האַרבסטע מיטלען״ קעגן די „פרעמדע מערדער און סאַבאָטאַזשניקעס״.

דער רייכספירער ס.ס., אין הסכם מיט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר (האַנס פראַנק), האָט דעריבער באַפוילן אַז אין אַלע פאַלן פון אַטענטאַטן אָדער אַטענטאַט־פּרווון אויף דייטשן, אָדער אין פאַלן פון סאַבאָטאַזש־שטערונגען אין וויכטיקע ווערקשטעלן, — זאָל מען דערשיסן ניט בלויז די שולדיקע אַליין, נאָר מען זאָל אויך הרגענען אַלע מענער פון דער משפחה און די פרויען עלטער פון 16 יאָר זאָל מען פאַרשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

געסטאַפּאָ האָט אויך איינגעפירט אַן אינקוויזיציע־פאַרהער פאַר קריגס־געפאַנגענע. צווישן די מעטאָדן וואָס זיי האָבן אָנגעווענדעט זענען געווען „ברויט און וואַסער דיעט״; האַרטע געלעגער; טונקלע קאַמער; ניט לאָזן שלאָפן; אויסמאַטערן מיט דריל; און שמייסן״. מען האָט זיך אויך באַנוצט מיט רייסן פינגער־נעגל אויף די הענט און די פיס כדי צו מאַכן רעדנדיק יענע געפאַנגענע וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קאָאָפּערירן מיט זיי.

אין דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער אָקופּירטער אייראָפּע און אין דייטשלאַנד גופא האָבן כמעט אין אַלע קריגס־פאַרברעכנס קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג די פירנדע ראָל געשפּילט די ס.ס., די געסטאַפּאָ און די ס.ד.

זיי האָבן דערמאָרדעט הונדערטער טויזנט מענער, פרויען און קינדער; זיי האָבן דערשאָסן געכאַפּטע קריגס־געפאַנגענע מיטן אויסרייד אַז יענע האָבן געפּרוווט אַנטלויפן אויפסניי; זיי האָבן

---

*) Sippenhaft.

אויפגעשטעלט קאַנצענטראַציע־לאַגערן און צוואַנגאַרבעטקעמפּן, געדינגט אין זיי און אָנגעפירט מיט זיי; זיי האָבן אויסגעליידיקט און אונטערגעצינדן געטאָס און פאַרשיקט זייערע איינוווינער אין פאַרניכטונג־לאַגערן; זיי האָבן ווערבירט מיט געוואַלד פיל הונדערטער טויזנט אויסלענדישע אַרבעטער און זיי דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד אַלס שקלאַפן; זיי האָבן אומגעבראַכט געפאַנגענע קאַמאַנדאָ־לייט און פאַראַשוטיסטן און זיי האָבן געשיצט יענע דייטשע ציווילע, וואָס האָבן די אַליירטע פליער געלינטשט.

אינעם דייטשן פּאָליציי־טאָג האָט זייער שעף, ריינהאַרד הײדריך, געזאָגט אין זיין רעדע: „די געהיימע רעגירונגס־פּאָליציי, די קרימינאַל־פּאָליציי, און די ס.ד. זענען נאָך אַלץ אַרומגעהילט מיט אַ געפּליסטער און גליטשיקער סודישקייט פון אַ פּאָליטישער דעטעקטיוו געשיכטע. אין אויסלאַנד זאָגט מען אויף די מענטשן פון דער־א פּראָפעסיע אַז זיי זענען ברוטאַל, אוממענטשלעך, כמעט סאַדיסטיש, און אומדערבאַרעמדיק".

דער דריטער און לעצטער צווייג פון די Schutzstaffeln (ס.ס.) איז געווען דער וואַפן־ס.ס., אַ קאַמפסגרופּע ספּעציעל טרענירט פאַר אַן אַגרעסיוון קריג. די אַנטשטייונג דערפון איז געווען באַשריבן אין אַן אָפיציעלער נאַצי־פּובליקאַציע, „אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע ־ ב ו ך פ ו ן ד ע ר נ אַ צ י ־ פּ אַ ר ט י י", (1943):

די באַוואָפנטע ס.ס. זענען אַנטשטאַנען פון דער אידעע צו שאַפן פאַרן פירער אַ ספּעציעלן לאַנג־דויערנדיקן דינסט־כוח אויף אויסצופירן ספּעציעלע מיסיעס. דאָס דאַרף מאַכן מעגלעך פאַר מיטגלידער פון די אַלגעמיינע ס.ס., פּונקט ווי פאַר פרייוויליקע וואָס אַנטשפּרעכן די ספּעציעלע פאָדערונגען פון ס.ס., צו קעמפן פאַר דער אידעע פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, מיט געווער אין האַנט און אין אייגענע איינהייטן, אין די ראַמען פון דער אַרמיי.

דאָך איז דער כוח ערשט מיטן אויסבראָך פונעם קריג אַלגעמיין באַקאַנט געוואָרן אַלס „וואַפן־ס.ס. טאָטענקאָפּף פאַרבענדע"

אָדער טויטן־קאָפּ אײנהײטן, שפּעטער פאַרמירט אין ס.ס.־טויטנקאָפּ דיוויזיעס וואָס האָבן אַזוי פרײ אינעם קריג נאָך אין מײ 1940 געוווּנען דעם אומשטערבלעכן גרויל־שם אין פּאַראַדי (Paradis) וואָס אין דער געגנט פון פּאַ־דע־קאַלע (Pas-de-Calais*).

די וואַפן־ס.ס. זענען געווען „הימלערס ציטערדיק קינד״. אַט־די אָרגאַניזאַציע איז אײגנטלעך געווען אונטערגעוואָרפן דער טאַקטיק קאָמאַנדע פון די העכערע פאַרמאַציעס בײ דער ווערמאַכט, אָבער אויסגעשטאַטעט און אויסגעהאַלטן איז זי געווען דורך די אַדמיניס־טראַטיווע דעפּאַרטאַמענטן פון ס.ס. און יענע טאַקע האָבן געהאַט איבער איר אַ דיסציפּלינערן קאָנטראָל. אַז זײ זאָלן קעמפן ריטעריש, — איז גאָר ניט געלעגן אין הימלערס כוונה און בכלל איז דער עיקר געווען, ווי ער האָט זיך אײנמאָל אויסגעדריקט אויף אַ קאָנפערענץ פון העכערע ס.ס.־אָפיצירן, אַז יעדער רעקרוט זאָל ביזן ס״ף ווערן דורכגענומען און דורכגעדרונגען מיט אַ פעסטן מוט און דראַנג צו פירן אַן אומדערבאַרעמדיקן ראַסן־געראַנגל.

עס האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין דײטשלאַנד אַ גאַנצע רײע מליצי־יושר׳ס פון די וואַפן־ס.ס., און אויפגערעגטע פאַרטײדיקונגס־רעדעס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף די שטאַהלהעלמער**) פאַרזאַמלונגען פון די דײטשע גענעראַלען וואָס זײ זענען שוין געווען פאַרמישפּט פאַר קריגס־פאַרברעכנס אָבער שפּעטער איז זײ געלונגען צו קריגן אַן אַמנעסטיע.

די וואַפן־ס.ס.־לײט, זאָגן יענע גענעראַלן, זענען געווען פּשוטע רעגלמעסיקע זעלנער וואָס האָבן ריטעריש געקעמפט פאַר זײער

---

*) זע קאַפּיטל II.

**) דער שטאַהלהעלם (שטאָל־העלם), פאַרטראַכט אַלס פאַרײן פון אַלטע קאַמפס־חברים, איז צוערשט געגרינדעט געוואָרן אַרום 1920. עס איז אָבער שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עקסטרעם נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געשטיצט היטלערן פון זײנע ערשטע טריט אָן און אין אַ קורצע צײט אַרום זיך אָנגעשלאָסן אין דער נאַצישער פּאַרטײ, NSDAP. אַ סך מיטגלידער פון NSDAP ווי גערינג, האָבן געהערט צו ביידע אָרגאַניזאַציעס. ווי נאָר NSDAP איז געוואָרן שטאַרקער האָט דער שטאַהלהעלם פאַרלאָרן אין ווירקיקײט און איז שפּעטער געוואָרן אָבסאָרבירט אין דעם SA (די שטורמאַפּטײלונג, היטלערס ברוינהעמדלער)-

פּאָטערלאַנד און פאַר זייער פירער און צו שטעמפּלען אַלס קרימינעל דעם כּוח אין וועלכן זיי האָבן געהאַט דעם כּבֿוד צו דינען איז אַ באַליידיקונג סיי פאַר די לעבעדיקע און סיי פאַר די טויטע.

דאָס איז אָבער ניט געווען די באַדאַכטע און באַטראַכטע מיינונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל אין נירנבערג, ווייל זיי האָבן דאָך אין זייער פּסק־דין אַזוי געזאָגט:

עס זענען פאַראַן באַווייזן אַז אין אייניקע וואַפן־ס.ס. דיוויזיעס איז געווען אָנגענומען און פּראַקטיצירט צו שיסן אומבאַוואָפנטע קריגס־געפאַנגענע... איינהייטן פון וואַפן־ס.ס. האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם ברייט־פאַרשפּרייטן אומברענגען און ווילד־טרעטירן פון דער ציווילער באַפעלקערונג אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. וואַפן־ס.ס. דיוויזיעס טראָגן אויך די אחריות פאַר פיל מאַסנמאָרדן און גרויל־מעשׂים אין די אָקופּירטע לענדער ווי די מאַסנמאָרדן אין אָראַדור־סור־גלאַן און אין לידיצע... דער אויפטו פונעם זעלנער אין וואַפן־ס.ס. וואָס האָט סעפּטעמבער 1939, אינגאַנצן לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, אויסגעהרג'עט אויף זיין וואַך־פּאָסטן פופציק יידישע אַרבעטער אין פּוילן, איז געוואָרן פאַרענטפערט דערמיט, אַז דער ס.ס.־מאַן איז געווען „ספּעציעל עמפּינדלעך צום אָנבליק פון יידן", און אַז ער האָט געהאַנדלט „אינגאַנצן ניט באַקלערט אין גייסט פון אַן אוואַנטור". דער אורטייל פון דריי יאָר תּפֿיסה וואָס ער האָט באַקומען איז אַנולירט געוואָרן דורך אַן אַמנעסטיע.

דאָס אַלץ איז אמת; אָבער איין זאַך מוז דאָך געזאָגט ווערן וועגן די וואַפן־ס.ס. אין אַ געוויסער מאָס זענען די וואַפן־ס.ס. געווען אַנדערש פון די ס.ס. גופא. זיי זענען געווען גיכער אַמאַטאָרן אינעם עצם פאַרברעכן. זייער פאַך איז געווען זעלנעריי, זייער זאַך איז געווען צו קעמפן, און די אַפּערעס ווי אָראַדור־סור־גלאַן זענען געווען אַ מין זייטיקער שפּרונג.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער זענען געווען די אַלגעמיינע ס.ס., געסטאַפּאָ, און די ס.ד. מעג אַפילו דער פאַלגנדער פאַרגלייך קלינגען זייער אומפּאַסיק און ניט ווייניק געשמאַקלאָז, אָבער עס וועט פאָרט זיין ריכטיק צו זאָגן אַז די וואַפן־ס.ס. זענען געווען די

דזשענטלמענער און די אַנדערע זענען געווען די פּראָפעסיאָנעלע שפּילער.

קיין שום באַריכט וועגן די־אָ פאַרברעכערישע אָרגאַניזאַציעס קען ניט זיין פולקאָם, אויב מיר וועלן ניט דערמאָנען די היטלער־יוגנט*) וואָס איז געווען דאָס וואַרעמהויז פאַר די צוקונפטיקע ס.ס. מענער.

אָט־די קערפּערשאַפט פון יוגנטלעכע פאַנאַטיקער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער ערשטער צייט פון דער נאַצי־באַוועגונג, דורך באַלדור פאָן שיראַך. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף אַן אינטענסיווער פּראָגראַם פון נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע, פול אָנגעשטאָפּט מיט געדאַנקען וועגן דעם אומ־יושר פון דעם ווערסאַלער פּאַקט, דער נויטווענדיקייט פון לעבנסרוים, דער טעאָריע פון אַ העכערער ראַסע, די פירער־אידעע, און מיט נאָך אַ גאַנצן פּאַק האַרבע נאַצי־דאָקטרינען, און זיי זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם וואָס דער נירענבערגער טריבונאַל האָט עס אין זיין פּסק־דין באַשריבן ווי „דעם נאָבל־גורל פון דער דייטשער יוגנט — צו שטאַרבן פאַר היטלערן". פאָן שיראַך האָט „איינגעפּלאַנצט אינעם יונגען דור די גרויסע טראַדיציע פון טויט פאַר אַ הייליקער זאַך, דעם וויסן אַז מיט זייער בלוט וועלן זיי דורכלייגן אַ וועג צו דער אויסגעחלומ'טער פרייהייט"*).

פאָן שיראַך איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ דייטשלאַנד אין די יאָרן פאַר 1933 ווען די נאַצי־פּאַרטיי האָט זיך געפונען אין דער נידער און די נאַצי־אוניפאָרם איז געווען פאַרבאָטן, און ער האָט גערופן די דייטשע יוגנט זיך אָנצושליסן אין HJ „אין יענער צייט טאַקע", האָט ער געזאָגט, „האָט די HJ געווונען דעם בעסטן מענטשן־מאַטעריאַל. יעדער איינער ווער עס איז געקומען צו אונדז אין יענעם אומלעגאַלן פּעריאָד האָט ריזיקירט מיט אַלעם... מיר זענען געפאָרן דורך די רורדיסטריקטן מיט פּיסטאָלן אין אונדזערע

*) די היטלער יוגנט, אָפט באַצייכנט מיט די איניציאַלן HJ.

*) די־אָ ווערטער זענען פון אַ רעדע געהאַלטן דורכן אַדמיראַל רעדער אינעם דייטשן העלדן טאָג, 1939. די דאָ דערמאָנטע פרייהייט איז אין אַן אַנדער אָרט פון דער רעדע געוואָרן באַצייכנט ווי „די פרייהייט זיך אויפצוגיין צו באַוואָפענען".

קעשענעס, און מען האָט אונדז דאָרט באַוואָרפן מיט שטיינער".

אין יענע טעג זענען געווען נאָך אַ סך וואָס האָבן אין אַדאָלף היטלער געזען בלויז דעם אויפרייסערישן שיקעלגרובער. צווישן די אַלטע דייטשן וואָס האָבן נאָך געדענקט און עס האָבן זיי נאָך אויסגעפעלט די טראַדיציעס פונעם האָהענצאָלערן־דייטשלאַנד זענען געווען גענוג געבליבן אַזעלכע וואָס, אַפילו ווען זיי האָבן זיך ניט קעגנגעשטעלט אַקטיוו, האָבן זיי זיך דאָך ניט געריסן מיטצואַרבעטן מיטן נייעם רעזשים. דעריבער איז עס געווען געווונטשן ביז גאָר אַז עס זאָל אויפשטיין אַ נייער דור וואָס האָט ניט געקאָנט אַן אַנדער דייטשלאַנד אויסער היטלער'ס.

אָבער די HJ האָבן זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיט טרענירן יוגנטלעכע אין די אויפגאַבן פון דער נאַצי־פּאַרטיי, אין דער אידעאָלאָגיע אירער און אין אירע מיסיעס זייט ביי זייט מיט זייער שול־בילדונג; זיי זענען געווען אָרגאַניזירט אין 1938 אויף אַזאַ אופן אַז זיי זאָלן בילדן אַ רעקרוטן־יסוד פאַר די ס.ס. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן שאַפן די Streifendienst.*), וואָס איז פּאַקטיש געווען אַן אייגענער פּאָליציי־כּוח פון דער אָרגאַניזאַציע גופא.

דער דאָקומענט אָנגערופן „די אָרגאַניזאַציע פון Streifendienst און צונויפגעשטעלט דורך הימלערן און פאָן שיראַך, האָט באַשטימט אַז דער פּאַטראָל־דינסט אין דער היטלער־יוגנט דאַרף האָבן פאַר זיך די זעלבע אויפגאַבן ווי ס.ס., און דערפאַר דאַרף עס פאָרמירט ווערן ווי אַ ספּעציעלע איינהייט מיטן צוועק צוצוגרייטן רעקרוטן פאַר די אַלגעמיינע ס.ס. און נאָך האָט דער דאָקומענט באַשטימט אַז די רעקרוטן פאַר די טויטן־קאָפּ איינהייטן פון די וואַפן־ס.ס. און פאַר די אָפיצירישע קאַדעט־שולעס זאָלן אויך ווערבירט ווערן פונעם פּאַטראָל־דינסט.

פון דאַן אָן איז שוין די מיליטאַריזאַציע פון דער היטלער־יוגנט אָנגעגאַנגען זייער ראַש. זיי זענען געווען פאָרמירט אויף אַ מיליטערישן שטייגער און שניט מיט אוניפאָרמען און קוואַזי־מיליטערישע ראַנגען און אַרום אויגוסט 1939 האָט קייטעל קאָנסטאַטירט אַז „דרייסיק טויזנט לידער פון דער היטלער־יוגנט

*) פּאַטראָל־דינסט.

ווערן יערלעך טרענירט אין פעלד־דינסט. אַ הסכם מיט דער ווערמאַכט וועט מעגלעך מאַכן פאַרטאָפּלען די צאָל".

דער צוועק פון דער טרענירונג איז געווען, לויט די ווערטער פון פאָן שיראַך'ס פאַרטרעטער, צו פאַרזיכערן אַז „אַ ביקס זאָל אין די הענט פון אַ דייטשן יינגל זיין פונקט אַזוי נאַטירלעך ווי אַ פען".

אין לויף פון פינעם קריג וואָס איז אָנגעקומען גלייך נאָך דעם־אַ הסכם, האָבן טויזנטער פריערדיקע מיטגלידער פון דער היטלער־יוגנט, איצט שוין אין די רייען פון וואַפן־ס.ס., באַגאַנגען קריגס־פאַרברעכנס אומעטום אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, אַזעלכע ווי די מאַסנמאָרדן אין אָראַדור־סור־גלאַן און אין פאַראַדי. פיל טויזנטער אַנדערע בלוט־דאָרשטיקע יונגע כוליגאַנעס האָבן אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט צו פאַרנעמען די ערטער פון די געפאַלענע.

אַזוי האָבן אויסגעזען היטלער'ס אינסטרומענטן פון געוואַלד־הערשאַפט. אין דער לענג און אין דער ברייט פון אָט־דעם בוך וועלן זייערע נעמען און זייערע ווילדע מעשים זיך באַווייזן נאָכאַמאָל און אויפסניי. זיי זענען געווען די פעדים איבעם ריזיקן געוועב פון די נאַצישע קריגס־פאַרברעכנס. זיי זענען געווען ביים יסוד פון יעדער חיה'שקייט, געווען הינטער יעדער ברוטאַליטעט. הימלער איז געווען באַרעכטיקט צו שטעלצירן מיט זיי און אייראָפּע צו ציטערן פאַר זיי.

קאַפּיטל וו

דאָס פּייניקן און מאָרדן קריגס־געפאַנגענע

אין די פינצטערע צייטן האָט מען קריגס־געפאַנגענע געשאָכטן אָדער פאַרשקלאַפט. אין מיטל־עלטער האָט מען זיי איינגעזעצט, זיך געטוישט מיט זיי אָדער באַפרייט זיי פאַר אויסלייז־געלט. ערשט אינעם זיבעצנטען יאָרהונדערט האָט מען גענומען באַטראַכטן זיי ווי מלוכה־געפאַנגענע, און ניט ווי פריוואַט־באַזיץ פון זייערע פאַנגער. אָבער אויך דאַן זענען זיי אָפט געווען באַהאַנדלט מיט גרויס אַכזריות, שרעקלעך אָפּגעקומען און געווען אויסגעשטעלט אויף פיל שאַנד און שפּאָט.

עס איז געווען ניט פריער פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען מען האָט אַלגעמיין אָנערקענט, אַז קריגס־געפענגעניש איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי אַ געוויינלעכער אַרעסט. און אַז דער ציל דערביי איז אויסשליסלעך און בלויז ניט צו דערלאָזן, אַז קריגס־געפאַנגענע זאָלן אַנק־מען צוריק אין זייערע אַרמייען און דאָרט ווייטער קעמפן.

די באַזע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ וועגן דער באַהאַנדלונג פון קריגס־געפאַנגענע איז ביים אויסבראָך פונעם קריג אין 1939 געווען די קאָנווענץ פאַר קריגס־געפאַנגענע פונעם יאָר 1929. דעם 27־טן יולי אין יענעם יאָר איז די קאָנווענץ געווען געחתמ'עט, און נאָכדעם באַשטעטיקט פון אַלע קריגערישע צדדים, אויסער רוסלאַנד.

דער אַריינפיר צו יענעם אָפּמאַך האָט קאָנסטאַטירט אַז די אונטערגעחתמעטע שטרעבן, ווי ווייט מעגלעך, צו פאַרלייכטערן די אומפאַרמיידלעכע פּלאָגן פון מלחמה און צו מילדערן די שווערע לאַגע פון קריגס־געפאַנגענע.

טראָץ דעם, האָט דייטשלאַנד אין משך פונעם צווייטן וועלט־קריג נאָכאַמאָל און אויפסניי מזלזל געווען אין די אָנווייזונגען פון דער קאָנווענץ. מען האָט די געפאַנגענע טרעטירט ווילד און ברוטאַל, מען האָט זיי באַשעפטיקט ביי פאַרבאָטענע און געפערלעכע

אַרבעטן, מען האָט זיי אויסגעליווערט צו די ס.ד. פאַר „ספּעציעלער באַהאַנדלונג״, זיי זענען געוואָרן געלינטשט דורך דייטשע ציווילע לייט, מען האָט זיי פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דערשאָסן ביים ווידערכאַפּן נאָך זייער אַנטלויפן, און אַפילו אויסגעהרגעט נאָכדעם ווי זיי האָבן אָוועקגעלייגט דאָס געווער און האָבן זיך אונטערגעגעבן.

דעם 26־טן מיי 1940, זעכצן טעג נאָכדעם ווי היטלער איז אַרויס מיט זיין גרויסער אָפענסיווע קעגן מערב, האָט די בריטישע עקספּעדיציע־אַרמיי זיך געפונען אין אַן אַלגעמיינעם צוריקצוג. אייניקע בריטישע אַרמיי־טיילן זענען נאָך געווען אין פאַ־דע־קאַלע און מיט זיך געדעקט דאָן די קאַנאַל־פּאָרטן.

צו נאַכט צו האָט דער 1־טער באַטאַליאָן פונעם 2־טן ס.ס.־טויטנקאָפּ רעגימענט ביי דער ס.ס.־טויטנקאָפּ דיוויזיע באַוויזן אַריבערצוגיין דעם קאַנאַל לאַ באַסע (La Bassée) און זיך באַפעסטיקט ניט ווייט פון מאָנט בערנשאָן (Mont Bernechon). אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן זיי אַטאַקירט לע קאָרנע־מאַלאָ (Le Cornet Malo) און פאַרמיטאָג זענען זיי אָנגעקומען ביז צום דערפל פּאַראַדי (Paradis) וואָס דאָרט האָבן זיך נאָך געהאַלטן די רעשטלעך פונעם 2־טן באַטאַליאָן פון בריטישן נאָרפאָלק־רעגימענט, צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן־שטאַב.

11.30 פאַרמיטאָג, האָט דער עלטסטער פון די לעבנגעבליבענע אָפיצירן, דער מיידזשאָר ריידער, וואָס האָט דאָן קאָמאַנדירט מיטן באַטאַליאָן. באַקומען אַ קאָמוניקאַט פונעם בריגאַדע־שטאַב. מען האָט אים געלאָזט וויסן אַז די נאָרפאָלקס זענען אָפּגעשניטן און ער דאַרף דעריבער ניט רעכענען אויף קיין שום הילף אָדער ידיעות פונעם בריגאַדע־שטאַב. מיטאָגצייט, האָט זיך אויסגעלאָזט די אַמוניציע און עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו שטעלן אַ ווייטערדיקן ווידערשטאַנד. דאָן האָט דער מיידזשאָר ריידער צונויפגערופן פון אַרום און אַרום זיינע זעלנער און ער האָט באַשלאָסן צו פּרווון קאַפּיטולירן.

דער ערשטער פּרווו איז ניט געלונגען. די נאָרפאָלקער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי אָן געווער מיט אַ ווייסן האַנטעך אין די הענט. און דאָך האָבן די דייטשן גלייך דערשאָסן אָט־די דריי

שליחים. דאָן איז געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער פּרווו. דער־אַ איז שוין געלונגען און די קאַפּיטולאַציע איז געוואָרן אָנגענומען.

פונעם בית־הקברות און פון די אַרומיקע הייזער האָבן זיך דאָן צונויפגעזאַמלט ביי אַ הונדערט לעבנגעבליבענע. און זיי זענען גענומען געוואָרן דורך די דייטשן אין געפענגעניש. אַ צאָל שווער־פאַרוווּנדעטע זענען איבערגעבליבן אין די קעלערן פונעם באַטאַליאָן־שטאָב אונטער דער אויפזיכט פון אַ מעדיצין־אָפיציר און די איבעריקע האָט מען אויסגעשטעלט אויף דער פאַראַדע־גאַס און זיי אָנגעפירט אין דער ריכטונג צו מערב.

נאָך אַ קורצער שטרעקע האָט מען די געפאַנגענע פאַרהאַלטן און זיי רעווידירט. בשעת דער רעוויזיע האָט מען זיי דערנידעריקט און שווער באַליידיקט. די ס.ס.־זעלנער האָבן זיי געשלאָגן מיט די קאָלבעס איבער די קעפּ, און די דייטשע אָפיצירן זענען געשטאַנען דערביי און האָבן זיך ניט אַריינגעמישט.

איידער זיי האָבן קאַפּיטולירט האָבן די נאָרפּאָלק׳ס פאַרניכטעט זייער גאַנץ געווער און בשעתן רעווידירן האָבן זיי ביי זיך געהאַט בלויז אַ פּאָר פּערזענלעכע קלייניקייטן. דאָס אַלץ און אויך זייער אויסשטאַטונג האָט מען צוגענומען ביי זיי.

נאָך אַ היפּש שטיקל צייט האָט מען זיי צוריקגעפירט מיטן פריערדיקן וועג און זיי געבראַכט ביז צו אַ קליין פעלד נעבן אַ פאַרם. און זיי האָבן נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין שום חשד. אָבער דאָ, אויפן פעלד, איז פאָרגעקומען די הריגה.

מען האָט אויפן פעלד אויפגעשטעלט צוויי האַרמאַטן, וואָס האָבן געהערט נומ. 4 אַפּטייל פונעם טויטנקאָפּ־באַטאַליאָן און דער אַפּטייל־קאָמאַנדיר, פריץ קנאָכליין, איז געשטאַנען מיט אַ גרופּע אָפיצירן און קאָאָר׳ן ביים צוגאַנג צום פעלד. לויט זיינעם אַ באַפעל זענען די געפאַנגענע אַריבער אין פעלד מיט די הענט פאַרלייגט הינטערן קאָפּ.

קנאָכליין האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל צו שיסן און דער פעלדפעבל (סערזשאַנט) וואָס האָט קאָמאַנדירט מיט דער האַרמאַטן־סעקציע האָט איבערגעחזר׳ט דעם באַפעל.

ביידע האַרמאַטן האָבן גלייכצייטיק אַרויסגעשיקט פייער פון רעכטס אויף לינקס איבער דער גאַנצער לענג פון דער בריטישער

רייע וואָס האָט דאַמאָלס געהאַלטן אין שפּאַנען פאַרביי דער פייער־ליניע.

די געפאַנגענע זענען אַראָפּגעקאָסעט געוואָרן, אייניקע פון זיי זענען געפּאַקן אין אַ קליינעם גרוב און דאָס האָט אַ פּנים געראַטעוועט פון טויט די צוויי איינציקע לעבנגעבליבענע זעלנער, פּוליי און אָ׳גאַלאַגאַן, הגם אויך זיי זענען געווען פאַרוווּנדעט. ווען די האַרמאַטן האָבן אויפגעהערט צו שיסן, זענען די דייטשע זעלנער, מיט אָנגעשטעלטע שפּיזן, אַריינגעשפּרונגען צווישן די געפאַלענע גופים און פאַרענדיקט מיט די אַלע וואָס האָבן נאָך געוויזן דעם קלענסטן סימן פון לעבן. די אָפיצירן און די קאָאַר׳ן האָבן אויך געשאָסן פון זייערע רעוואָלווערן און קאַראַבינען.

דער פערמער וואָס איז בשעת דער שלאַכט אַנטלאָפן, איז געקומען צוריק אויפן צווייטן טאָג, און ער האָט געפונען אויפן אָרט ווו עס זענען געשטאַנען די האַרמאַטן אַריבער צוויי הונדערט ליידיקע פּאַטראָנען.

די צוויי לעבנגעבליבענע זענען געלעגן פאַרטייעט ביז נאַכט און דאַן זענען זיי אַרויסגעקראָכן פון אונטערן הויפן טויטע. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן אָפּגעברענטער פאַרם. דאָרט האָט זיי געפונען אַ פראַנצייזישע פרוי, וואָס האָט זיי, טראָץ דער גרויסער געפאַר פאַר איר, ווי ווייט מעגלעך אַרויס־געהאָלפן און זיי פון צייט צו צייט געבראַכט שפּייז. צום סוף האָט זיי פאַרנומען אַ פראַנצייזישער אַמבולאַנס און זיי געבראַכט אין באַמול־שפּיטאָל ווו זיי זענען ווייטער אַריבער צו די דייטשן און זענען שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אַלס קריגס־געפאַנגענע.

דער זעלנער פּוליי, וואָס איז געווען שווער־פאַרוווּנדעט, איז רעפּאַטריירט־געוואָרן קיין ענגלאַנד אין 1943, לויט די אָנווייזונגען פון דער זשענעווער קאָנווענץ פאַר קריגס־געפאַנגענע. און ווען ער האָט ביים צוריקקער צו־ערשט דערציילט זיין געשיכטע פאַר דער בריטישער־מאַכט, האָט קיינער אים פּשוט ניט געוואָלט גלייבן.

קנאָכליין׳ס אָפּטיילונג האָט זיך אַפילו ניט געגעבן קיין מי צו באַגראָבן די טויטע און זיי האָבן נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט געשיכורט און געהוליעט אין דער נאָענטער שכנה׳שאַפט פון דער פאַרברעכן־אָרענע.

די קערפּערס, וואָס מען האָט זיי ערשט שפּעטער באַהאַלטן, זענען אין 1942 אויסגעגראָבן געוואָרן דורך דער פראַנצייזישער מאַכט און איבערגעפירט געוואָרן אויפן בית־הקברות אין פּאַראַדי.ביים אויסגראָבן איז געלונגען צו אידענטיפיצירן בלויז אַ פּופציק קערפּערס; די איבעריקע האָט מען באַהאַלטן אין אומבאַקאַנטע קברים. ביים אויסגראָבן האָט מען אויך קאָנסטאַטירט, אַז אַ טייל פון די צעשאָסענע געפאַנגענע זענען נאָך פון פריער געווען לייכט־פאַרווונדעט אין שלאַכט, ווייל אַ סך האָבן געטראָגן שפּורן פון באַנדאַזשן אויף זייערע הענט, אָרעמס, און פיס.

צו דער צייט פונעם בלוט־באָד *) איז די טויטנקאָפּ דיוויזיע, וואָס צו איר האָט געהערט קנאָכליין׳ס איינהייט, געווען אַ טייל פון דעם XVI־טן אַרמיי־קאָרפּוס אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ ווערמאַכט־גענעראַל. עמיצער האָט וועגן דעם אינצידענט געמאָלדן אינעם קאָרפּוס־הויפּטקוואַרטיר און דער דיוויזיע קאָמאַנדיר האָט באַקומען אַ באַפעל צו דערלאַנגען וועגן דעם אַ ראַפּאָרט. מען האָט זיך מיט זיין דערקלערונג ניט באַפרידיקט, און עס איז אים אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ פּראַגעבויגן מיט אַ דירעקטיוו גלייך דערויף צו ענטפערן.

ווען די טויטנקאָפּ־דיוויזיע האָט פאַרלאָזט די באַזע פונעם קאָרפּוס איז קיין שום ענטפער אויפן פראַגעבויגן נאָך אַלץ ניט אָנגעקומען. אַ פולער באַריכט איז באַכדעם דורכן קאָרפּוס־קאָמאַנדיר געשיקט געוואָרן צו די העכערע אינסטאַנצן אָבער מען האָט ניט אונטערגענומען קיין שום שריט הגם דער דאָקומענט איז לסוף אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין בערלין.

אין גאַרנישט איז טאַקע ניט געטאָן געוואָרן אַ דאַנק דער פּערזענלעכער אינטערווענץ פון מער און ניט ווייניקער ווי דעם הויפּט פונעם וואַפן־ס.ס. אַליין, דעם רייכספירער היינריך הימלער, ווייל עס איז זיכער געווען מער ווי אַ צופאַל וואָס ער האָט באַזוכט די טויטנקאָפּ־דיוויזיע, בשעת זי איז געשטאַנען אויף קוואַרטיר אין בייאול, גראַדע דעם 29־טן מיי.

*) דאָס פאַרברעכן איז אַלגעמיין באַקאַנט ווי דער „פּאַראַדייזער־בלוטבאָד”. קנאָכליין איז אין 1948 געשטאַנען פאַר אַ בריטישן מיליטער־געריכט און איז געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט.

אָבער דאָס צעשיסן די נאָרפאָלקס אין פּאַראַדי איז ניט געווען דער איינציקער פאַל ווען די אַליירטע קריגס־געפאַנגענע זענען אויסגעהרג׳עט געוואָרן שוין נאָכדעם ווי זיי האָבן אַוועקגעלייגט זייער געווער.

הונדערט ניין און צוואַנציק אַמעריקאַנער קריגס־געפאַנגענע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ פעלד נעבן ביין (Beignes) אין בעלגיע דעם 17־טן דעצעמבער 1944, בשעת דער אַדענער אָפענסיווע, אַט דער פאַרלאָרענער האָפענונג פון רונדשטעדטן.

אַ לאַנגע קאַראַוואַנע פון אַמעריקאַנער מאַשינעס האָט זיך דאַן באַוועגט איבערן שאָסיי אין דער געגנט פון סט.וויט ווען זיי זענען אַריין אונטער אַ שווערן אַרטילעריע־און האַרמאַטן־פייער. די רייע מאַשינעס האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און די זעלנער האָבן פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין די רינשטאָקן ביי די זייטן פון וועג כדי אַרויס פון דער באָמבאַרדירונג.

די באָמבאַרדירונג האָט געדויערט ביי אַ פערטל שעה און נאָכדעם האָבן זיך פון דער ריכטונג פון וויים (Weismes) באַוויזן צוויי דייטשע טאַנקן און עטלעכע פאַנצער־אויטאָס, און נאָכדעם ווי זיי זענען געקומען צום קרייצוועג האָבן זיי פאַרקערעוועט צו דרום צו, אין דער ריכטונג צו סט. וויט. דער שוץ־גראָבן אין וועלכן די אַמעריקאַנער זעלנער האָבן זיך פאַרשטעקט איז דאַן געקומען אונטערן ווערטיקאַלן פייער פון די דייטשע טאַנקען און פאַנצער־אויטאָס. נאָכדעם ווי זיי האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן האָבן די לעבנגעבליבענע אַוועקגעלייגט דאָס געווער און אַרויס פונעם שוץ־גראָבן, מיט אויפגעהויבענע הענט איבערן קאָפּ, זיך אונטערצוגעבן. מען האָט זיי אַוועקגעפירט צוריק מיט שאָסיי ביזן קרייצוועג, צוגענומען ביי זיי אין גאַנג זייערע פערזענלעכע זאַכן, און פאַרזאַמלט זיי אין אַ פעלד ניט ווייט פונעם סט.וויט שאָסיי.

אַ באַריכט וועגן דער פרעכער, אומפאַרשעמטער הריגה געפינט זיך אין אַן אָפיציעלן אַמעריקאַנער ראַפּאָרט וועגן דער געשעעניש, וואָס פראַגמענטן דערפון פאָלגן דאָ.

נאָך אַנדערע דייטשע זעלנער אין טאַנקען און אין פאַנצער־אויטאָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים קרייצוועג און האָבן רעווידירט אייניקע פון די אַמעריקאַנער געפאַנגענע און

צוגענומען ביי זיי ווערט־זאַכן... אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָט אַ דייטשער לייכטער טאַנק געהאַלטן אין מאַנעווירן און זוכן אַ פּאַסיקע פּאָזיציע כדי אַנצושטעלן זיין קאַנאָן אויף דער גרופּע געפאַנגענע אין פעלד... עטלעכע טאַנקען האָבן זיך פאַרהאַלטן דירעקט אַנטקעגן דעם פעלד, ווו די ניט־באַוואָפנטע קריגס־געפאַנגענע זענען געשטאַנען אין אַ גרופּע מיט די הענט אויפגעהויבן אָדער פאַרלייגט הינטערן קאָפּ. אַ דייטשער זעלנער, אַן אָפיציר אָדער אַ קאָמאַנדיר אַן אָפיצירן־ראַנג, אין איינעם פון די אויטאָס, האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער, זיך זאָרגפעלטיק אָנגעצילט און אויסגעשאָסן אין דער גרופּע. איינער פון די אַמעריקאַנער איז געפאַלן. דאָס איז איבערגעחזרט געוואָרן אַ צווייט מאָל און אַ צווייטער אַמעריקאַנער איז אַנידערגעפאַלן צו דער ערד.

אומגעפער אין דער זעלבער צייט, האָט מען פון צוויי אויטאָס אויפן וועג געעפנט אַ האַרמאַטן־פייער אויף דער גרופּע קריגס־געפאַנגענע אין פעלד. אַלע אָדער דאָס רוב זענען שוין געפאַלן צו דער ערד און געבליבן ליגן בשעת דער פייער איז זיך אָנגעגאַנגען ווייטער נאָך אין משך פון צוויי אָדער דריי מינוט. דאָס רוב זעלנער אין פעלד זענען געווען געטראָפן פונעם פייער. די דייטשע אויטאָס האָבן זיך דאַן גערירט פון אָרט און זיך געלאָזט צו דרום צו און נאָך זיי זענען נאָכגעפאָרן אַנדערע אויטאָס וואָס זענען געהאַט אָנגעקומען פון דער ריכטונג פון ווײַם. ווען יענע זענען פאַרבייגעפאָרן דעם פעלד ווו עס זענען געלעגן די אַמעריקאַנער זעלנער, האָבן זיי אויך געשאָסן פון קליינגעווער אַראָפּ פון די פאָרנדיקע אויטאָס אויף די אויסגעשטרעקטע גופים אין פעלד... אייניקע דייטשע זעלנער, אַפּנים פון דער וואַך־גרופּע ביים קרייצוועג, האָבן צוגעמאַרשירט צום הייפל פאַרוווּנדעטע אַמעריקאַנער זעלנער וואָס זענען זיך געלעגן אין פעלד... און אויסגעשאָסן אין זיי פון אַ פּיסטאָל אָדער קאַראַבין, אָדער דערלאַנגט איבערן קאָפּ מיט דער קאָלבע אָדער מיט אַן אַנדער שווערוואָגיקער זאַך, — יעדן איינעם פון די אַמעריקאַנער וואָס האָט נאָך געוויזן עפּעס אַ סימן פון לעבן.

אין אייניקע פאַלן האָט מען געשאָסן אין די קרבנות גאָר פון

דער נאָענט, ווייל בשעת מען האָט אָװעקגענומען די גופים האָט מען דערזען אַז אַ סך צווישן זיי האָבן באַקומען אַ קויל צווישן די אויגן, אין שלייף, אָדער אין האַלדז און נאַקן.

מיט די ביידע בלוט־בעדער אין פּאַראַדי און אין סט. וויט האָט מען אומפּאַרגעבלעך געבראָכן די קריגס־געזעצן און מינהגים אין באַצוג אויף געפאַנגענע.

אין לויף פון 1941 און 1942 זענען דורך די בריטישע קאָמאַנדאָס דורכגעפירט געוואָרן אַ צאָל דערפאָלגרייכע אָנגריפן אויפן פלאַט און אויף ווערקשטעלן אין נאָרוועגיע מיטן רעזולטאַט פון אַ ממשותדיקן שאָדן פאַרן דייטשן קריגס־פּאַרנעם. אויפגעבראַכט פון די־אַ אָפּעראַציעס, האָט היטלער באַשלאָסן אַז מען מוז זיי איבערהאַקן און מיט דעם ציל האָט ער דעם 18־טן אָקטאָבער 1942 אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל ווי אַזוי מען זאָל זיך באַגיין מיט געוויסע קאַטעגאָריעס פון קריגס־געפאַנגענע. דאָס איז אַלגעמיין באַקאַנט אין דייטשלאַנד און אויסער דייטשלאַנד ווי דער קאָמאַנדאָ־באַפעל.

זיינע אָנווייזונגען זענען געווען פאָלגנדע:

פּאַראַגראַף 1

שוין אַ שטיק צייט ווי אונדזערע פיינד באַנוצן זיך אין זייער קריגס־פירונג מיט מעטאָדן וואָס זענען אויסער דער אינטער־נאַציאָנאַלער זשענעווער קאָנווענץ. באַזונדערס ברוטאַל און פאַררעטעריש פירן זיך אויף די אַזוי גערופענע קאָמאַנדאָס וואָס זיי זענען, ווי עס ווערט באַשטעטיקט, ווערבירט טיילווייז צווישן באַפרייטע פאַרברעכער אין די פיינדלעכע לענדער. זייערע פאַרכאַפּטע באַפעלן ווייזן אויף, אַז מען הייסט זיי ניט בלויז צו שמידן און קייטן געפאַנגענע, נייערט די שוצלאָזע געפאַנגענע צו הרגענען אויפן פלאַץ, אינעם מאָמענט ווען מען גלייבט אַז די לעצטע וועלן נאָכדעם פאַלן צו לאַסט אָדער אַנדערשווי שטערן. און עס זענען, ענדלעך, געפונען געוואָרן באַפעלן ווי דאָס הרגענען פון געפאַנגענע ווערט אויפגעפאָדערט ריין־פּרינציפּעל.

פּאַראַגראַף II

דאָס איז די סיבה וואָס מען האָט שוין געמאָלדן אין אַ צוגאָב צום מיליטער ראַפּאָרט פונעם 7־טן אָקטאָבער 1942, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט זיך דייטשלאַנד פונקט אַזוי באַגיין מיט די בריטישע סאַבאָטאַזש־אָפּטיילן און מיט זייערע שותפים, ד.ה., אַז זיי וועלן אומדערבאַרעמדיק אַראָפּגעקאָסעט ווערן דורך דער דייטשער אַרמיי ווו און ווען זיי וועלן זיך נאָר באַווייזן.

פּאַראַגראַף III

איך באַפעל דעריבער אַז די קעגנער וואָס גרייפן אָן דאָס דייטשע מיליטער אין די אַזוי גערופענע קאָמאַנדאָ־אָפּעראַציעס אין אייראָפּע און אין אַפריקע, אַפילו ווען זיי טראָגן אוניפאָרמען אָדער זיי געהערן צו מחבל־גרופּן מיט אָדער אָן געווער, — זאָלן אַלע ביז איינעם פון איצט אָן ווערן אויסגעראָטן אין שלאַכט אָדער בשעת זייער אַנטלויפן. אין אַזעלכע פאַלן איז עס אינגאַנצן ניט וויכטיק צי זענען זיי אָנגעקומען צוליב זייערע אָפּעראַציעס מיט אַ שיף, מיט אַן אַעראָפּלאַן אָדער זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ פּאַראַשוט. מעגן די אינדיווידן, בשעת מען פּאַקט זיי, אַפילו מאַכן אַן אָנשטעל פון קאַפּיטולאַציע, — ס ײ ־ ו ו י ט אָ ר מ ע ן ז י י נ י ט ש ע נ ק ע ן ד י י ן ־ פּ ר י נ צ י פּ ע ל. אַ גענויער ראַפּאָרט דאַרף אין יעדן באַזונדערן פאַל געשיקט ווערן דעם OKW *), כדי עס זאָל ווערן פּובליקירט אינעם קאָמוניקאַט פון ווערמאַכט.

פּאַראַגראַף IV

אויב איינצעלנע מיטגלידער פון אַזעלכע קאָמאַנדאָס, טעטיק אַלס אַגענטן, סאַבאָטאַזשניקעס א.אַ.וו., פאַלן אַריין אין די הענט פון ווערמאַכט דורך אַנדערע וועגן, ווי למשל דורך דער פּאָליציי אין יעדן פון די אָקופּירטע לענדער, דאַרפן זיי איבערגעגעבן ווערן די ס.ד. תיכף ומיד. עס איז שטרענג פאַרבאָטן צו האַלטן זיי אין אַ מיליטער־אַרעסט אָדער אין אַ קאַמפּ פאַר קריגס־געפאַנגענע. אויך צייטווייליק ניט.

---

*) אָבערקאָמאַנדאָ פון ווערמאַכט, די העכסטע הויפּט־קוואַרטיר פון די באַוואָפנטע כוחות.

פּאַראַגראַף V

דער באַפעל איז ניט גילטיק פאַר דער באַהאַנדלונג פון פיינדלעכע זעלנער וואָס ווערן געפאַנגען אין אָפענעם קאַמף אָדער זיי גיבן זיך אונטער אין לויף פון נאָרמאַלע שלאַכט־אָפּעראַציעס (גרויסע אָפענסיוו־אַקציעס,ברייטע אָפּעראַציעס אין דער לופטן און אויפן לאַנד). עס איז אויך ניט גילטיק פאַר די פיינדלעכע זעלנער וואָס פאַלן אַריין אין אונדזערע הענט נאָך אַ ים־שלאַכט אָדער וואָס פּרוּוון ראַטעווען זייער לעבן אין אַ פּאַראַשוט נאָך אַ שלאַכט אין דער לופטן.

פּאַראַגראַף VI

אין פאַל פון ניט־אויספילן דעם־אָ באַפעל, וועל איך שטעלן פאַר אַ פעלד־געריכט יעדן קאָמאַנדיר אָדער אָפיציר וואָס ער האָט ניט אויסגעפילט זיין פליכט ביים אינסטרוקטירן די אַרמיי וועגן דעם באַפעל, אָדער ער האָט געהאַנדלט קעגן אים.

געחתמ׳עט: אַדאָלף היטלער.

דער קאָמאַנדאָבאַפעל האָט דורכויס געבראָכן די קריגס־געזעצן און מינהגים דאַמאָלס גילטיק פאַר אַלע צוגעהעריקע צדדים, און היטלער האָט אַ פּנים געהאַט ספקות וועגן דעם ווי אַזוי עס וועלן דעם באַפעל אויפנעמען די צו וועמען ער איז געווען אַדרעסירט *) ווייל נאָך דעם זעלבן טאָג וואָס דער באַפעל איז דערשינען, האָט היטלער צעשיקט אַ באַגלייט־בריוו מיט דערקלערונגען פאַרוואָס ער האָט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצולאָזן אַ באַפעל,אַזוי דערווידערדיק צו די געזעצן פון קריגספירונג אין שייכות מיט קריגס־געפאַנגענע.

ער האָט קאָנסטאַטירט אַז איצט, ווי קיינמאָל ניט פריער אין

---

*) די אַדרעסאַטן פון דעם באַפעל זענען געווען די הויך־קאָמאַנדעס פון דריי דינסטן, דער הויפּט־קאָמאַנדיר אין נאָרוועגיע, דער הויפּט־קאָמאַנדיר אין דרום־מיזרח, די הויפּט־קאָמאַנדיר אין מערב, די הויפּט־קאָמאַנדע אין דרום, די הויפּט־קאָמאַנדע פון דער צוואָנציקסטער באַרג־אַרמיי, די פּאַנצער אַרמיי־אַפריקע, דער רייכספירער ס.ס. און דער שעף פון Sipo,

קיין שום מלחמה, ווערט אַנטוויקלט אַ נייער טאַקטישער מעטאָד פון דעמאָלירן קאָמוניקאַציע־ליניעס, פון אָנשרעקן יענע טיילן באַפעלקערונג וואָס אַרבעטן פאַר דייטשלאַנד, פון צעשטערן יענע אינדוסטריעלע פאַבריקן און ווערקשטעלן אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס וואָס ווערן באַנוצט דורך די דייטשן פאַר זייער מלחמה־ווירטשאַפט.

אין מיזרח האָבן אַט־די מעטאָדן אָנגענומען אַ פאָרעם פון פּאַרטיזאַנישע קריגס־פירונג וואָס האָט שוין די דייטשן טייער אָפּגעקאָסט אין מענטשן־כוח, אין טראַנספּאָרט און אין מאַטעריאַלן. ענגלאַנד און אַמעריקע באַנוצן זיך מיט אַן ענלעכער אַרט פון קריגס־מעטאָדן, הגם דאָס הייסט ביי זיי אַנדערש, און זיי באַנוצן זיך מיט לופט־טראַנספּאָרט כדי אַראָפּצולאָזן מיליטער, שפּייז און אויסשטאַטונג און זיי ברענגען אַריין סאַבאָטאַזש־פּאַרטיעס אין סובמאַרינען און אין קליינע גומי־שיפלעך.

דער רעזולטאַט פון דער־אַ טעטיקייט איז זייער אַן ערנסטער. די צעשטערונג פון אַן איינציקער עלעקטרישער קראַפט־סטאַנציע, צום ביישפּיל, קאָן אָפּקאָסטן דער לופט־אינדוסטריע פיל טויזנטער טאָן אַלומיניום, און דורכדעם מאַכן צו נישט דעם בוי פון אַנצאָליקע עראָפּלאַנען. ביי אַזאַ אַרט קריגס־פירונג, האָט היטלער געטענה׳ט, שטעלט דער שונא גאָרנישט איין. ווייל אויב ער לאַנדיקט זיין סאַבאָטאַזש־מיליטער אין אוניפאָרמען, און דערצו באַזאָרגט ער זיי נאָך מיט ציווילע קליידער, קענען זיי דערשיינען, ווי עס לוינט זיי, סיי אַלס זעלנער און סיי אַלס ציווילע.

דער בריוו האָט פאָרגעזעצט:

כדי דער דייטשער קריגס־פאַרנעם זאָל ניט ליידן דעם שווערסטן שאָדן פון אַזעלכע מין־אַקציעס, מוז מען דעם שונא מאַכן קלאָר אַז פון יעדער סאַבאָטאַזש־גרופּע וועלן פאַרניכטעט ווערן אַן אויסנאַם אַלע ביז איינעם... עס טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אין קיין שום אומשטאַנדן ניט אַז גרופּעס צעשטערער, סאַבאָטאַזשניקעס אָדער טעראָריסטן זאָלן זיך פּשוט אונטערגעבן כדי צו ווערן געפאַנגען און געניסן פון די אָנווייזונגען געבראַכט אין דער „זשענעווער קאָנווענץ פאַר דער באַהאַנדלונג פון קריגס־געפאַנגענע“... איך דערוואַרט דעריבער מצד די הויפּט־קאָמאַנדירן

און מצד דעם מיליטער אונטער זייער קאָמאַנדע, און אויך מצד איינצעלנע קאָמאַנדע־אָפיצירן ניט בלויז צו פאַרשטיין די גרויטוועגדיקייט פון אזא מין אַקציע נאָר טאַקע אַלעס מעגלעכע צו טאָן כדי צו אויספילן דעם־אַ באַפעל... אין פאַל ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר ראַטזאַם איבעצולאַזן ביים לעבן איינעם אָדער צוויי מענטשן פאַר דער אויספאַרשונג, זאָל מען זיי שיסן גלייך נאָכדעם.

דער מחבר פון דעם־אַ בריוו האָט גאָר ניט באַדאַרפט צווייפלען צי וועט זיין באַפעל אָנגענומען ווערן. ער איז כמעט אומעטום געוואָרן אויסגעפירט פּינקטלעך און געטריי, און אין אַ סך קריגס־זאָנען זענען בריטישע קאָמאַנדאָס אָדער מיטגלידער פון ספּעציעלן לופט־דינסט רעגימענט אומגעזעצלעך געטייט געוואָרן, הגם זיי אַלע זענען געווען באַרעכטיקט צו ווערן ביים אַריינפאַלן באַהאַנדלט אַלס קריגס־געפאַנגענע. און דערהרגעט האָט מען זיי אין איינקלאַנג מיט אָט־דעם באַפעל *).

בשעת דער באַפעל איז דערשינען איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די דייטשע כוחות אין נאָרוועגיע דאַן געווען דער גענעראַל פאָן פאַלקענהאָרסט און ער האָט רעכטצייטיק באַקומען די קאָפּיע נומ. 4 צוזאַמען מיט היטלערס דערקלערונגס־בריוו.

גענעראַל פאָן פאַלקענהאָרסט האָט ניט בלויז איבערגעשיקט ביידע דאָקומענטן זיינע אונטער־קאָמאַנדירן נאָר מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט ער נאָך געפונען פאַר נייטיק צו דערמאָנען זיי וועגן יענע אָנווייזונגען. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ צווייטן באַפעל באַצייכנט „בסודי סודות" און אַדרעסירט „נאָר פאַר אָפיצירן" וועגן דעם ענין „באַהאַנדלונג פון קריגס־געפאַנגענע". ער האָט זיך דאָרט באַרופן אויפן פירער־באַפעל פונעם 18־טן אָקטאָבער 1942 **) און אַזוי געשריבן:

איך האָב דעם איינדרוק אַז די אָנווייזונגען פון יענעם באַפעל, וואָס מען האָט אים דאַך באַדאַרפט פאַרניכטן, זענען שוין מער ניט פריש אין זכרון און דערפאַר דערמאָן איך און זאָג אייך

*) אויסער אין צפון אַפריקע ווו רומעל האָט אים פאַרברענט.

**) אַ דירעקטער באַפעל פון היטלערן.

אַז ספּעציעל וועגן דעם פּאַראַגראַף 3. דאָס ניט־אויספֿילן דעם באַפֿעל וועט ווערן האַרב באַשטראָפֿט (דער פּאַראַגראַף 3 איז געווען ציטירט דערבײַ *) אויב מען לאָזט עמיצן יאָ איבער צוליב דער אויספֿאָרשונג טאָר ער ניט איבערלעבן זיַינע חברים מער ווי מיט 24 שעה.

עס איז פֿאַרשטענדלעך אַז אַלע ציווילע לײַט, נאָרוועגישע פּאָליציי און ניט־געוווּנטשענע מיטגלידער פֿון דער ווערמאַכט דאַרפֿן אומבאַדינגט ווערן באַזײַטיקט דערפֿון... מען דאַרף זען אויסצומײַדן אַז די קריגס־געפֿאַנגענע זאָלן זיך צופֿיל אַרומדרייען. דער שטרענגסטער סוד איז אַן אויסדריקלעכע פֿליכט פֿון אַלע צוגעהעריקע קאָמאַנדירן... אויב, אין אַן אויסנאַם פֿאַל, טרעפֿט אַז מען כאַפּט סאַבאָטאַזשניקעס אין דער אַנוועזנהייט פֿון נאָרוועגער אָדער מיט זייער הילף (צ.ב., וועג־ווייזער, פּאָליציי), טאָר מען ניט דערשיסן די געכאַפּטע גלײַך אויפֿן אָרט נאָר מען דאַרף זיי איבערגעבן די ס.ס. אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך.

אַזוי האָט פֿאָן פֿאַלקענהאָרסט ניט בלויז איבערגעחזר'ט דעם פֿירערבאַפֿעל; ער האָט נאָך צוגעגעבן זײַנס דערצו **).

אין סעפּטעמבער 1942 האָבן צוויי אָפֿיצירן און צען אונטער־

---

*) זע זײַט 43.

**) פֿאַלקענהאָרסט איז געמישפּט געוואָרן אין ברונשווייג אין יאָר 1946 דורך אַ בריטישן מיליטער־געריכט, בראָש מיט אַ יוסטיק־ראַט, פֿאַר זײַן אַנטייל אינעם אויספֿירן דעם קאָמאַנדאָ־באַפֿעל. מען האָט אים געפֿונען שולדיק אין 8 שווערע עבֿירות. שולדיק אין העצן די כוחות אונטער זײַן קאָמאַנדאָ ניט צו האָבן קיין רחמנות אויף אַלײרטע זעלנער, מאַטראָסן און פֿליער פֿון די קאָמאַנדאָ־גרופּעס, און צו הרגענען זיי נאָכן כאַפּן. מיטשולדיק אין דער הריגה פֿון אַ גרויסער צאָל אַלײרטע קריגס־געפֿאַנגענע דורך דעם וואָס ער האָט זיי איבערגעגעבן דער זיכערהייטס־דינסט (ס.ד.) צום אומברענגען. ער איז דורכן געריכט געווען פֿאַרמישפּט צום טויט אָבער ער איז באַגנעדיקט געוואָרן דורכן הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון דער בריטישער זאָנע אין דײַטשלאַנד, דאַמאָלס דעם מאַרשאַל פֿונעם RAF סער שאָלטאָ דוגלאַס, און דער טויט־אורטייל איז פֿאַרטוישט געוואָרן אויף אַ לעבנסלענגלעכע־געפֿענגעניש.

אָפּיצירן געמאַכט אַן אָנגריף אויף דער שטאָט קלעמפּאָרד אין נאָרוועגיע. ביים מיליטערישן הויפּט־פּלאַנירער אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון קאָמבינירטע אָפּעראַציעס איז דער אָנגריף געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „מוסקעטון". דער צוועק איז געווען די צעשטערונג פון אַ הידראָ־עלעקטרישע קראַפט־סטאַציע. נאָכן ענדיקן די מיסיע האָט די גרופּע באַדאַרפט זיך לאָזן קיין שוועדן, וואָס פון דאָרטן, אַזוי האָט מען געהאָפט, וועלן זיי ווערן רעפּאַטריירט.

די גרופּע האָט פאַרלאָזט ענגלאַנד אין אַ סובמאַרין פונעם פרייען פראַנקרייך דעם 11־טן סעפּטעמבער, געלאַנדיקט אין נאָרוועגיען מיט פיר טעג שפּעטער, און דעם 20־טן סעפּטעמבער אַטאַקירט די קראַפט־סטאַציע מיט אַ באַדייטנדן שאָדן אַלס רעזולטאַט. אַלע ראַנגען האָבן געטראָגן אוניפאָרמען.

אויפן וועג קיין שוועדן נאָכן דערפאָלגרייכן דורכפירן דעם אָנגריף, איז די גרופּע געוואָרן אַטאַקירט און אַלע אויסער פיר זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ דייטשן פּאַטראָל. איין מיטגליד פון דער גרופּע איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און איז שפּעטער געשטאָרבן פון די וווּנדן; די איבעריקע, צווישן זיי אויך די צוויי אָפּיצירן, האָט מען איבערגעשיקט צום געסטאַפּאָ אין אָסלאָ און נאָכדעם קיין דייטשלאַנד.

וואָס האָט מיט זיי דאָן פּאַסירט האָט מען אַ שטיק צייט געווען ניט געוווּסט, הגם מען האָט באַקומען אַן אינפאָרמאַציע אַז די אָפּיצירן זענען אַריבערגעשיקט געוואָרן אין אָפּלאַג IV (א), באַקאַנט צווישן די בריטישע קריגס־געפאַנגענע אַלס דער קעמפּ פאַר „שלעכטע יינגלעך", און פון דאָרטן זענען זיי שוין אין אַ טאָג אַרום פאַרשוווּנדן. די עלטערן פון איין אָפּיציר האָבן זיך געהאַט נאָכגעפרעגט דורכן רויטן קרייץ, און זיי האָבן באַקומען אַן אינפאָרמאַציע וואָס האָט געשטאַמט פונעם קאָמענדאַנט פון אָפּלאַג IV (א) אַז זייער זון איז אַנטלאָפן. דאָס איז געווען ניט ריכטיק, און די סיבה פון אַזאַ מין אַרט אינפאָרמאַציע האָט מען זיך דערוווּסט פיל שפּעטער. אַנדערע געפאַנגענע אין קעמפּ האָבן געקאַנט דעם אָפּיציר און די דייטשן האָבן דעריבער שוין ניט געוואַגט צו מעלדן אַז יענער איז דערשאָסן געוואָרן אין קאַמפּ. איצט ווייסט מען שוין פון אַ פאַרכאַפּטן דייטשן דאָקומענט אַז יענע

ביידע אָפיצירן זענען דורך די ס.ד. דערשאָסן געוואָרן „פאַר באַטייליקן זיך אין אַ סאַבאָטאַזש־אָפעראַציע".

אַן ענלעכן גורל האָבן געהאַט די מיטגלידער פון אַן אָפעראַציע מיטן נאָמען „פרעשמען" וועלכע האָבן זיך געלאָזט קיין נאָרוועגיע אין נאָוועמבער 1942 אין צוויי גרוישלאָזע פלי־מאַשינען כדי צו אַטאַקירן אין וועמאָרק, דרום־נאָרוועגיע, די דאָרטיקע הידראָ־עלעקטרישע קראַפט־סטאַציע. די אָנגריף־גרופּע איז באַשטאַנען פון צוויי אָפיצירן און זיבן און צוואַנציק אונטער־אָפיצירן, אַלע אין אוניפאָרמען. קיין איינער פון די מענער איז שוין מער קיינמאָל ניט געקומען צוריק אין זיין לאַנד, און אַ דייטשער קאָמוניקאַט, אַרויסגעלאָזט צו יענער צייט, האָט קאָנסטאַטירט אַז „סאַבאָטאַזש־פּאַרטיעס זענען אַריין אין קאַמף און אַלע פאַרניכטעט געוואָרן". אָבער זיי זענען געוואָרן פאַרניכטעט ניט אין אַ קאַמף. איבערן שלעכטן וועטער האָבן זיך די צוויי פלי־מאַשינען צעשיידט און איינע האָט אַראָפּגענידערט אין דער געגנט פון ערגערסונד. אַן עלף פליער זענען געבליבן לעבן נאָכן קראַך. די ווערמאַכט האָט זיי געפאַנגען, אַריינגענומען זיי אין אַ קעמפּ, און נאָכדעם זיי דערשאָסן. די צווייטע מאַשין האָט זיך צעקנאַקט אין דער געגנט פון סטאַוואַנגער, און הגם אַ צאָל מענער זענען געבליבן לעבן האָט מען זיי געפאַנגען און, נאָך אַ וויכוח צווישן דער ווערמאַכט און דעם געסטאַפּאָ, האָט מען זיי אַלע צום סוף דערשאָסן ווי סאַבאָטאַזשניקעס.

אַן אַנדער קאָמאַנדאָ־אָנגריף איז געשיקט געוואָרן פריילינג 1943 קעגן דער פלאָטבאַזע אין די נאָרוועגישע פאָרטן און אין די ברעג־וואַסערן. באַקאַנט אַלס „שאַכמאַט אָפעראַציע" איז דער כוח באַשטאַנען פון איין אָפיציר און זעקס אונטער־אָפיצירן, אַלע אין אוניפאָרמען. מען האָט די גאַנצע גרופּע געכאַפּט אין דריי אָדער פיר וואָכן אַרום נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזט דעם בריטישן ברעג און מען האָט זיי אַלע געבראַכט אין דער טורמע אין גריני. אַ ווו זיי האָבן פאַרבראַכט די ווייטערדיקע צוויי יאָר, — איז אויך ביז איצט נאָך אַלץ ניט קלאָר געוואָרן. מען ווייסט נאָר אַז אין 1945 זענען פינף זייעריקע דערשאָסן געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער זאַקסענהאַוזען און איינער אין בעלזען, שוין אין די לעצטע וואָכן פאַר דער דייטשער קאַפּיטולאַציע. דער גורל פון דעם זיבעטן איז

געבליבן אומבאַקאַנט ביז איצט, ווייל וועגן אים האָט מען גאָרנישט געהערט פון זינט זיין אַרעסט.

ניט אַלע אָנגריפן אויף די נאָרוועגישע ברעגן זענען געווען אויסגעפירט דורך בריטישע מיליטער. אין 1943 איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנגריף דורך אַ גרופּע נאָרוועגישע ים־רעזערוויסטן מיט אַ בריטישן טעלעגראַפיסט. אַלע האָבן זיי געטראָגן אוניפאָרמען, פלאַט־היטלען און כאַקי־באַטלדרעסן. די נאָרוועגער האָבן געהאַט זייער רויטן אַנקער אויסגענייט אויפן לינקן אָרבל און דער טעלעגראַפיסט האָט געטראָגן דעם צייכן פונעם בריטישן מלוכה־פלאָט. וואָס עס האָט געטראָפן מיט אָט־די מענטשן ווערט דערציילט אין דער דערקלערונג פון האַנס בלאָמבערג, דעם געוועזענעם אָבערשטורמפירער אין SIPO, וואָס איז שפּעטער געמישפּ׳ט געוואָרן אַלס קריגס־פאַרברעכער און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר זיין באַטייליקן זיך אין יענעם מאָרד.

אין יולי 1943 איז בלאָמבערג געשטאַנען אין דער שפּיץ פון SIPO אין בערגען און ער איז געוואָרן אינפאָרמירט דורך דעם דייטשן אַדמיראַל פאָן שרעדער, אַז די דייטשע ים־כוחות האָבן געכאַפּט נעבן בערגען אַ נאָרוועגישע טאָרפּעדאָ־שיפל און אַז מען האָט אַ טייל פון דער מאַנשאַפט געפאַנגען, צווישן זיי אייניקע פאַרוווּנדעטע. שרעדער האָט געזאָגט אַז יענע מאַרינער זענען „פּיראַטן און ניט קיין זעלנער" און זיי דאַרפן ווערן צעשאָסן דורכן SIPO. אין הסכם (אויפן יסוד) פון באַפעל פונעם הויפּט־קאָמאַנדיר. בלאָמבערג האָט געלאָזט אין גאַנג אַלע רעדער און שוין אויפן צווייטן טאָג גלייך נאָך דער אויספאָרשונג האָט מען אומגעבראַכט אַלע געפאַנגענע.

בלאָמבערג׳ס דערקלערונג ענדיקט זיך אַזוי: „די קאָלאָנע שיסער האָט אָוועקגעפירט די הרוגים אין אַ לאַסט־אויטאָ צום גאָראַזש קאַלמאַרוס, און דאָרט געהאַלטן איבער זיי וואַך. אין דער קומענדיקער נאַכט, האָט מען זיי אָריינגעלייגט אין טרומנעס און אַרויפגעבראַכט אויף אַ שיפל. מיטן שיפל האָט קאָמאַנדירט אָבערוואַכמייסטער *) פון וואַסערשוצפּאָליציי **) טיעדמאַן פון

---

*) סערזשאַנט־מיידזשאָר.

**) אַט דער נאָמען האָט פאַרמאַסקירט אַ געסטאַפּאָ־צווייג.

האַמבורג. מען האָט צו אַלע טרומנעס צוגעפּעסטיקט אויפּרייס־מאַטעריאַל וואָס מען האָט דאַן געמאַכט עקספּלאָדירן אונטערן וואַסער אַט אַזוי ווי דאָס פּירט זיך".

אַט־די אַלע מאַטראָסן און זעלנער זענען געווען אָרנטלעכע מיטגלידער פון די אַליירטע כוחות. אָנגעטאָן אין אוניפאָרמען, האָבן זיי זיך באַטייליקט אין לעגיטימע קריגס־אָפּעראַציעס, און דערפאַר געווען באַרעכטיקט צו ווערן געשיצט דורך דער קאָנווענץ פאַר קריגסגעפאַנגענע פונעם יאָר 1929, וואָס האָט דאָך מחייב געווען אַלע דערצו געהעריקע צדדים.

אין סעפּטעמבער 1944 זענען פון דעם ספּעציעלן לופט־דינסט רעגימענט (Special Air Service Regiment) (* פּאַרטיעס־וויַיז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן פאַראַשוטיסטן אין די וואָסעדזש בערג און פון דאָרטן האָבן זיי אָפּערירט ביים צעשטערן די באַן־קאָמוניקאַציע פונעם שונא אין מיזרח־פראַנקרייך. איין פּאַרטיע אַזאַ וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אָפיציר און צען זעלנער האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין אַ קליין דערפל מיטן נאָמען ראַאָן ל'עטאַפּ (Raon L'Etape) ווען זיי זענען געוואָרן אַטאַקירט דורך פיל שטאַרקערע כוחות פון זיי. נאָך אַ בליץ־קאַמף אין וועלכן דער אָפיציר איז געוואָרן פאַרוווּנדעט, איז די גאַנצע פּאַרטיע אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

די איינהייט וואָס האָט געפאַנגען אַט־די פּאַרטיע האָט באַלאַנגט צו ס.ס., אָבער איבער עפּעס אַ מיסטעריעזע סיבה זענען די געפאַנגענע נאָך דער אויספאַרשונג איבערגעגעבן געוואָרן דער ווערמאַכט, — אַנשטאָט מען זאָל זיי דערשיסן, ווי דאָס האָט געהייסן דער קאָמאַנדאָ־באַפעל.

ווען די זאַך איז דערגאַנגען צום לאָקאַלן ס.ס. קאָמאַנדיר, איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט. ער האָט גלייך אָנגענומען שריט צוריקצוקריגן די געפאַנגענע, און אין לויף פון אַכט און פערציק שעה איז דאָס אים געלונגען. און מען האָט די געפאַנגענע פעסט אַריינגעזעצט אין אַ קעמפּ פון דער זיכערהייטס־דינסט נעבן סטראַסבורג. די קומענדיקע וואָך האָט מען אַלע געפאַנגענע אַרויסגענומען פון דאָרטן, געבראַכט זיי צו אַ שטיל אָרט אין דער

*) ווייטער באַצייכנט מיט די אותיות SAS

סביבה, געצוווּנגען זיי צו גראָבן זייערע אייגענע קברים, און נאָכדעם זיי דערשאָסן. אין 1945 האָט אַ בריטישע אויספאָרשונג־איינהייט פאַר קריגס־פאַרברעכנס אָפּגעזוכט די קברים און אויסגעגראָבן די הרוגים. יעדער איינער פון די געפאַנגענע איז געווען דערשאָסן מיט אַ קויל אין האַלדז און נאַקן.

אין נאָך אַנדערע ענלעכע אינצידענטן זענען זייער פיל מענטשן פון SAS דערמאָרדעט געוואָרן נאָכדעם ווי מען האָט זיי געפאַנגען אין קאַמף, און דאָס איז געווען דורכויס קעגן דער קאָנווענץ פאַר קריגס־געפאַנגענע פונעם יאָר 1929.

אַ פּאַרטיע פון צוויי און דרייסיק קריגס־געפאַנגענע וואָס האָבן באַלאַנגט צו דעם 1־טן SAS רעגימענט, אַלע אין אוניפאָרם, זענען דורכן דייטשן ××v־טן קאָרפּוס געפאַנגען געוואָרן אינעם דעפּאַרטאַמענט וויען (Vienne) און געבראַכט אין דער תפיסה פּואַטיע (Poitiers). דאָרט זענען זיי דורכגעגאַנגען אַן אויספאָרשונג מצד מיטגלידער פון SIPO אונטער דער קאָמאַנדע פון איינעם אַ ד״ר הערלד. עס זענען אָנגעקומען אינסטרוקציעס מען זאָל די געפאַנגענע איבערגעבן צו די ס.ד. אין איינקלאַנג מיטן קאָמאַנדאָ־באַפעל. ד״ר הערלד אָבער, צו זיין לויב און צו אַלעמענס איבעראַשונג, האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי אַרויסצוגעבן. דער שעף פונעם קאָרפּוס־שטאַב, קאָלאָנעל קעסטלין, האָט הערלד׳ן געוואָרנט וועגן די ערנסטע קאָנסעקווענצן אין פאַל אויב ער וועט זיך ניט רעכענען מיטן באַפעל, אָבער דער הער דאָקטאָר האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיין אָפּזאָג.

דער באַשלוס וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון די געפאַנגענע איז דאַן אַריבער צום קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, גענעראַל קורט גאַלענקאַמפּ. דער שעף פונעם שטאַב האָט באַקומען אַ פאַראָרדנונג זיי צו שיסן, און אַן אָפיציר פון דער הויפּטקוואַרטיר ביים קאָרפּוס איז אויסגעטיילט געוואָרן אויפצופּאַסן אַז דער באַפעל זאָל ווערן אויסגעפירט.

מיט צוויי טעג שפּעטער, גאַנץ־פרי, איז דער לייטענאַנט .C מיט זיינע ניין און צוואַנציק מענטשן אין אַ לאַסט־אויטאָ אַוועקגעפירט געוואָרן פון פּואַטיע צום אָרט פון דער עקזעקוציע. ביים אָנקומען אַהין האָט דער רעפּרעזענטאַנט פונעם קאָרפּוס, קאַפּיטאַן שוויניג, געמאָלדן דעם אָפיציר אַז ער און זיינע לייט

ועלן דערשאָסן ווערן „לויטן באַפעל פון היטלער". שוויניג האָט דאָך אויך צוגעגעבן אַז אין דעם מאָמענט שעמט ער זיך צו טראָגן די אוניפאָרם פון אַ דייטשן אָפיציר. און דאָך איז ער געבליבן ביזן סוף פונעם שיסן, האָט צונויפגעזאַמלט די אידענטיפיציר־דיסקן פון די געפאַנגענע און האָט רעכטצייטיק ראַפּאָרטירט צו דער לייטונג פונעם רו־טן קרייץ אַז זיי זענען דערהרגעט געוואָרן אין קאַמף *).

אומגעפער צו דער זעלבער צייט האָט מען פון אַן אַעראָפּלאַן אַראָפּגעלאָזט אַן אַנדער פּאַרטיע בריטישע פּאַראַשוטיסטן גאָר נאָענט צו זייער ציל אין דער סביבה פון פּאַריז. אויך זיי האָבן אַלע געטראָגן אַ פולע קאַמפּס־אוניפאָרם.

קורץ נאָך זייער לאַנדיקן זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך לאָקאַלע דייטשע מיליטער און געבראַכט צו פירן אין דעם ביטער־באַרימטן געסטאַפּאָ־שטאַב אויף דער גאַס פוש, אין פּאַריז. דאָרט האָט מען זיי פאַרהערט.

עס איז נאָכדעם אַנטשטאַנען אַ ספק צי דאַרף מען זיי צוריקשיקן צו דער ווערמאַכט וואָס האָט זיי געפאַנגען אָדער מען זאָל זיי באַהאַנדלען לויטן קאָמאַנדאָ־באַפעל. אַ ראַפּאָרט וועגן זייער פאַרהער איז, דעריבער, אַריבערגעשיקט געוואָרן צו RSHA, בערלין, מיט אַן אָנפרעג וועגן אינסטרוקציעס וואָס צו טאָן מיט זיי. אַזוי ווי קיין ענטפער איז ניט געקומען האָט מען נאָך צוויי מאָל אַהין געשריבן און דערמאָנט וועגן דעם.

סוף־סוף, אומגעפער אין אַ חודש אַרום, האָט זיך באַקומען אַן ענטפער. מען האָט באַפוילן אַז די געפאַנגענע זאָלן אין לויף פון פיר און צוואַנציק שעה ווערן דערשאָסן און דערצו „אין ציווילע

---

*) גענעראַל גאַלענקאַמפּ, קאָלאָנעל קעסטלין, קאַפּיטאַן שוויניג, און אַנדערע זענען געשטאַנען פאַר אַ בריטישן מיליטער־געריכט אין דייטשלאַנד אין 1946 אונטער דער באַשולדיקונג אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אומברייינגען קריגס־געפאַנגענע. זיי זענען פונעם מישפט אַלע אַרויס שולדיק. גענעראַל גאַלענקאַמפּ איז פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט דורך הייגען אָבער דער אורטייל איז געמילדערט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכע־תפיסה; קאָלאָנעל קעסטלין איז פאַרמישפּט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכע־תפיסה, און קאַפּיטאַן שוויניג צו פינף יאָר תפיסה.

קליידער". אויף מאָרגן האָט מען זיי געהייסן זיך איבערטאָן אין ציוויל, זיי אַרויסגעפירט פונעם געסטאַפּאָ און אַריינגעזעצט זיי אין אַ לאַסט־אויטאָ. מען האָט זיי מיטגעגעבן סענדוויטשעס און געזאָגט אַז זיי „פאָרן אין אַ ווייטן וועג". פיר שעה זענען זיי געפאָרן און לסוף אָנגעקומען צו אַ פעלד נעבן נאַיי (Noailles) מען האָט די געפאַנגענע באַפוילן אַראָפּצוגיין פונעם אויטאָ און מען האָט זיי גענומען טרייבן צו אַ לאָנקע אין אַ נאָענטן וועלדל. זייער וואַך, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט קוילנוואַרפערס, האָט אויסגעשטעלט די געפאַנגענע אין אַ שורה און די שיס־קאָלאָנע האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אַנטקעגן זיי.

דער לידער פון דער דייטשער פּאַרטיע האָט אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר, גענומען לייענען פון דאָרטן און האָט, דורך אַן איבערזעצער, געלאָזט וויסן די בריטישע זעלנער, אַז זיי ווערן באַשולדיקט אין קאָאָפּערירן מיט דער פראַנצייזישער מאַקי און פאַראורטיילט צום טויט דורך שיסן. אייגנטלעך איז דאָרט קיין שום מישפּט בכלל ניט פאָרגעקומען און אַזאַ מין אַרט אורטייל האָט, יעדנפאַלס, אינגאַנצן ניט געשטימט מיט די פאַקטן. און דערצו האָט די בריטישע לופט־פּאַרטיע געמאַכט אַ לעגיטימע לאַנדונג, אָנגעטאָן אין אוניפאָרמען און מיט געווער אין האַנט.

וואָס עס האָט נאָכדעם פּאַסירט ווערט אַמבעסטן דערציילט אין די ווערטער פון צוויי לעבנגעבליבענע. איינער פון זיי איז געווען אַ טשעך וואָס האָט געדינט אין דער בריטישער אַרמיי. „איך האָב געעפנט מיינע האַנטקייטלעך מיט מיין זייגערשליסל", האָט ער געזאָגט, „און זיך געלאָזט לויפן באַרג אַראָפּ. זייערע קוילן האָבן ניט געטראָפן אין מיר. שפּעטער האָב איך געפונען דעם וועג צו אַ פראַנצייזישן שטעטל, פאַרבראַכט דאָרט אַ פּאָר טעג אין באַהעלטעניש און נאָכדעם זיך אָנגעשלאָסן אין דער פראַנצייזישער רעזיסטאַנץ".

דער צווייטער, דער זעלנער דזשאָנס, האָט דערציילט. „איך האָב זיך געלאָזט לויפן ווי מיט פליגלען. אָפּגעלאָפן אַ פופצן יאַרד, האָב איך איבער די האַנטקייטלעך פאַרלאָרן מיין גלייכגעוויכט און בין געפאַלן. זיי האָבן מיר נאָכגעשיקט פייער נאָך פייער אָבער עס האָט מיך ניט געטראָפן. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך צוגעפּגיזעט צו אַ גרופּע בוימער און זיך אַוועקגעשטעלט הינטער איין בוים.

איך האָב געזען ווי עס ליגן אויף דער ערד פיר טויטע חברים מיינע, אָבער מען האָט ניט אָנגעזען קיין דייטש. אַ שטאַרקע שיסעריי האָט זיך נאָר געלאָזט הערן פונעם וועג מיט אַ הונדערט און פופציק יאַרד ווייטער. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד אַ שטיק צייט. און ערשט דאַן האָב איך זיך דערקליבן צו אַ פראַנצייזיש דאָרף".

די אַלע וואָס האָבן געטראָגן אַ דירעקטע אחריות פאַר אָט־דעם שיסן האָבן גוט געוווּסט אַז דער בערלינער באַפעל איז זיכער און באַשטימט אומלעגאַל, ווייל ער האָט אויסדריקלעך געמאָלדן אַז די געפאַנגענע זאָלן ווערן דערשאָסן אין ציווילע קליידער כדי מען זאָל זיי אָננעמען פאַר מאַקי. דערצו איז די עקזעקוציע פאָרגעקומען אין אַ וואַלד איבער אַ פיר שעה רייזע פון פאַריז און זיי אַלעמען איז געווען גוט באַקאַנט אַז זייערע קרבנות זענען בריטישע קריגס־געפאַנגענע, פאַרנומען אין קאַמף בשעת יענע האָבן געטראָגן אַ פולע אוניפאָרם.

אין 1943, ווען די פאַרבינדעטע האָבן גענומען אַלץ שטאַרקער אָן אונטערנעמען באָמבאַרדירן דייטשלאַנד, זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן באַפעלן דורך דעם הויפט־קאָמאַנדיר פון דער לופטוואַפע אַז מען זאָל אין די געדיכט־באַוווינטע ראַיאָנען פון גרויס־שטעט אויפשטעלן קעמפן פאַר קריגס־געפאַנגענע. אַזוי אַרום האָט מען געמיינט אין אַ געוויסער מאָס צו שיצן די באַפעלקערונג. טאָמער געלינגט עס ניט, זאָל כאָטש בלייבן די טרייסט אַז צוזאַמען מיט די איינוווינער אין יענע ראַיאָנען וועלן מיטשטאַרבן אַ צאָל קריגס־געפאַנגענע פון צווישן די אַליירטע פליער.

פון דעם פירער׳ס הויפט־קוואַרטיר.
דעם 3־טן סעפטעמבער 1943.

דער הויך־קאָמאַנדיר פון דער לופטוואַפע לייגט פאָר אויפצושטעלן קעמפן פאַר קריגס־געפאַנגענע אַוויאַטאָרס אינמיטן די געדיכט באַוווינטע שטאָט־טיילן, וואָס דאָס וועט געבן שוץ דער שטאָט־באַפעלקערונג, און אַלע עקזיסטירנדע קעמפן מיט די

אומגעפּער 8.000 בריטישע און אַמעריקאַנער געפאַנגענע פּילאָטן איבערפירן אין די גרעסערע שטעט ווו עס דראָען פייַנדלעכע לופט־אַטאַקן.

דער־אָ דעקרעט איז אויסדריקלעך געווען קעגן דעם גייסט פון פּאַראַגראַף 9 אין דער קאָנווענץ פאַר קריגס־געפאַנגענע פונעם יאָר 1929, וואָס האָט באַשטימט מען זאָל זיך ניט באַנוצן מיט קריגס־געפאַנגענע מיטן ציל אָפּצוּווענדן פון געווויסע פּונקטן און ראַיאָנען די געפאַר פון באָמבאַרדירונג.

דערצו האָט פּאַראַגראַף 2 באַשטימט אַז קריגס־געפאַנגענע „געפינען זיך אין דער מאַכט פון דער פייַנדלעכער רעגירונג, אָבער ניט פון אייַנצעלנע פּערזאָנען אָדער קערפּערשאַפטן וואָס האָבן זיי געפאַנגען. זיי דאַרפן אַלע מאָל ווערן באַהאַנדלט אויף אַ מענטשלעכן אופן, ווערן שטענדיק באַשיצט, ספּעציעל קעגן געוואַלד־אַקטן, באַליידיקונגען און נייַגעריקייט מצד דעם המון. רעוואַנש־מיטלען קעגן זיי זענען פאַרבאָטן".

מען האָט אין די אָנווייַזונגען אָפּן און פרעך מזלזל געווען, און אַ סך פליער וואָס האָבן געמוזט פּאַראַשוטירן אין דייטשלאַנד פון געשעדיקטע אַעראָפּלאַנען אַראָפּ זענען ניט באַהאַנדלט געוואָרן אַלס קריגס־געפאַנגענע. ציווילע לייט האָבן זיי ווילד־טרעטירט, געשלאָגן און דערמאָרדעט. הויך־געשטעלטע באַאַמטע האָבן אָפּט דערביי אונטערגעהעצט און שטענדיק געקוקט אויף דעם מילד.

גערינג, הימלער און קאַלטענברונער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ רייע ווּיכטיקע קאָנפערענצן אין וועלכע עס איז געמאַכט געוואָרן אַ רשימה פון לופט־אָפּעראַציעס וואָס דאַרפן ווערן באַטראַכט אַלס „טעראָר־אַקטן" אין קעגנזאַץ צו אַקציעס פון נאָרמאַלער קריגפירונג. יעדע אַרט פון באָמבאַרדירן די ציווילע באַפעלקערונג דאַרף ווערן באַטראַכט אַלס טעראָר און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַז „לינטש־געזעץ זאָל זיין דער כלל".

דעם 10־טן אויגוסט 1943 האָט הימלער אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל צו אַלע הויפּט־באַאַמטע, צו די הויכע אָפיצירן פון ס.ס. און פּאָליצײַ און יענע האָבן דעם באַפעל מינדלעך איבערגעגעבן זייערע געהילפן. דאָרט איז געשטאַנען: „די פּאָליצײַ איז ניט מחויב זיך אַריינמישן אין די צוזאַמענשטויסן צווישן די דייטשן מיט ענגלישע

און אַמעריקאַנער טעראָריסטן וואָס פּאַראַשוטירן פון זייערע עראָפּלאַנען אַראָפּ".

אויך דאָס דייטשע פאָלק איז געוואָרן אָנגערייצט קעגן די אַליירטע פליער וואָס מען האָט זיי אַרונטערגעשאָסן אין דייטשלאַנד. אין זיין אַרטיקל אין דעם פעלקישער בעאָבאַכטער פונעם 29־טן מיי 1944 האָט געבעלס געשריבן:

בלויז מיט דער הילף פון וואָרעם געווער קאָנען מיר באַשיצן דאָס לעבן פון די פיינדלעכע פליער וואָס ווערן אַרונטערגעשאָסן בשעת אַ לופט־אַטאַק. אַנדערש ווערן יענע מענטשן דערהרגעט דורך דער דערצאָרנטער באַפעלקערונג.

ווער איז דאָ גערעכט? די מערדער וואָס נאָך זייער שוואַכמוטיקער געמיינהייט האָפן זיי אַלץ אַז זייערע קרבנות וועלן זיך באַגיין מיט זיי מענטשלעך, אָדער די קרבנות וואָס פּרוּוון זיך פאַרטיידיקן לויטן פּרינציפּ „עין תחת עין, שן תחת שן"? עס איז גאָר ניט שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע. קאָן מען דערלאָזן אַז אונדזערע זעלנער און פּאָליציי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן דאָס דייטשע פאָלק בשעת זיי צאָלן אָפּ די קינדער־מערדער נאָר דאָס וואָס עס קומט זיי?

מאַרטין באָרמאַן, ער אויך, האָט אין מיי 1944 צעשיקט אַ צירקולאַר וועגן דעם ענין צו אַלע רייכלייטערס, גאַולייטערס און קרייזלייטערס.

נאָכן קאָנסטאַטירן אַז ענגלישע און אַמעריקאַנער פליער האָבן געשאָסן אין פרויען און קינדער אויף די וועגן האָט ער געשריבן:

עס האָבן פּאַסירט אייניקע פאַלן ווען די באַפעלקערונג, פאַרביטערט און צערייצט ביזן העכסטן גראַד, האָט געלינטשט פליער וואָס האָבן געמוזט לאַנדיקן אָדער זיי האָבן פּאַראַשוטירט, גלייך אויפן אָרט,ביים כאַפּן זיי. קיין שום פּאָליציי מיטלען זענען ניט אונטערגענומען געוואָרן קעגן די דייטשע ציווילע מענטשן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די אינצידענטן.

נאָכן באַקומען אָט־דעם צירקולאַר האָט אַלבערט האָפמאַן, דער

גאַולייטער פון דרום וועסטפאַליע, אַרויסגעשיקט די פאָלגנדע אינסטרוקציעס צו אַלע לאָקאַלע דעפּוטאַטן, בירגערמייסטערס און פּאָליציי־באַאַמטע פון זיין דיסטריקט.

די פליער פון די באָמבער־אַעראָפּלאַנען וואָס מען שיסט זיי אַרונטער דאַרפן אין פּרינציפּ ניט ווערן באַשיצט קעגן פאָלקס־צאָרן. איך דערוואַרט פון אַלע פּאָליציי־אָפיצירן זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן צו פאַרטיידיקן אַזעלכע גענגסטערס. יענע באַאַמטע וואָס וועלן זיך קעגנשטעלן דעם געפיל פון פאָלק וועלן האָבן צו רעדן מיט מיר. אַלע באַאַמטע פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע דאַרפן גלייך ווערן אינפאָרמירט וועגן אָט־דער שטעלונג מיינער.

דער גאַולייטער פון באַדן און עלזאַס, דער טרויעריק־באַקאַנטער ראָבערט וואַגנער *), האָט אַרויסגעשיקט אַ באַפעל איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון זיין גאַו, אַז אַלע אַליירטע פליער וואָס ווערן אַרונטערגעשאָסן אָדער זיי פּאַראַשוטירן זאָלן ווערן דערהרגעט. ער האָט געזאָגט אַז זיי ברענגען אַ גרויסן חורבן אויף דייטשלאַנד, אַז זיי פירן אַן אוממענטשלעך קריג, אַז מען טאָר ניט קיין שום געכאַפּטן פליער באַהאַנדלען אַלס קריגס־געפאַנגענעם און מען טאָר אים ניט אַרויסווייזן קיין שום חסד און גענאָד.

אָט־די העצע האָט געהאַט איר גרויסע ווירקונג. אין לויף פון 1944 און 1945 זענען דייטשע ציווילע לייט פיל מאָל אָנגעפאַלן אויף אַליירטע פליער, וואָס זענען געווען באַרעכטיקט צו זיין באַהאַנדלט אַלס קריגס־געפאַנגענע, און זיי געלינטשט. פיל זענען אויך דערשאָסן געוואָרן דורך דער פּאָליציי אָדער פאָלקסשטורם **).

אַ דייטש מיטן נאָמען גרינער, וואָס איז געווען אין דינסט ביי וואַגנערן, האָט געשילדערט אין זיין דערקלערונג, געמאַכט פאַר אַן

---

*) ראָבערט וואַגנער איז געמישפּט געוואָרן דורכן פראַנצייזישן פּערמאַנענטן מיליטער טריבונאַל און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַרן מאָרד פון די אַליירטע פליער און פאַר נאָך אַ סך אַנדערע קריגס־פאַרברעכנס.

**) דער פאָלקסשטורם איז געווען אַ מיליטערישע הילף־אָרגאַניזאַציע, מיט עפּעס וואָס ענלעך צו שטאָט־מיליץ. (אין ענגלאַנד האָם־גאַרד און אין ישראל משמר אזרחי).

אַמעריקאַנער אויספאָרשער פון קריגס־פאַרברעכנס, ווי אַזוי ער האָט באַמערקט אַז אייניקע דייטשע זעלנער שלעפּן אַרויס פונעם ריין ברישישע פליער. די זעלנער האָבן ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די געפאַנגענע און דאַן האָט גרינער באַשלאָסן אַז ער מוז, אין זיין דינסטווילליקייט צו וואַגנער'ס באַפעל, אַליין אומברייינגען די געפאַנגענע. ער האָט זיי אַלע פיר ד'ערשאָסן מיט אַ טאָמי־גאַן אין רוקן און זיי שפּעטער אַריינגעוואָרפן צוריק אין ריין.

דעם 21־טן יוני 1944, זענען צוויי אַעראָפּלאַנען, פונעם טיפּ ליבערייטאָר, אַרונטערגעשאָסן געוואָרן נעבן מעקלענבורג. די מאַנשאַפטן פון דיביידע, צוזאַמען פופצן מענטשן, זענען אַרויס גאַנץ. זיי אַלע זענען אָבער דערשאָסן געוואָרן מיטן געווייגלעכן תירוץ אַז זיי האָבן „געפּרוווט אַנטלויפן". אָט־דאָס פאַרברעכן איז באַשטעטיקט געוואָרן אין אַ דאָקומענט וואָס מען האָט געפונען צווישן די פאַפּירן אינעם שטאַב פון 11־טער לופטגאַו־קאָמאַנדאָ. דער דאָקומענט באַשטעטיקט אַז זעקס מיטגלידער פון דער מאַנשאַפט זענען דערשאָסן געוואָרן בשעת אַ פּרווו צו אַנטלויפן און די איבעריקע ניין זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער פּאָליצײַ אין וואַרען (Waren). זיבן צווישן יענע זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן וועג צום קעמפּ פאַר געפאַנגענע ביי אַ פּרווו צו אַנטלויפן, און די צוויי אָפיצירן, די לייטענאַנטן ה. און ל. זענען דערשאָסן געוואָרן אַ ביסל שפּעטער אין יענעם טאָג טאָקע, אונטער דעמזעלבן אויסרייד.

איינער פון די שוואַכמוטיקסטע און ערגסטע צווישן די איבערפאַלן איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די אַלגעמיינע ס.ס. מיט דער היטלער יוגנט בשותפות.

אין פעברואַר 1945 איז די שטאָט פפאָרצהיים אין דרום דייטשלאַנד שווער באָמבאַרדירט און צעשטערט געוואָרן דורך דער אַליירטער אַוויאַציע. עס זענען געווען אַ סך פאַטאַלע פאַלן און אַ גרויסע צאָל היימלאָזע זענען עוואַקוירט געוואָרן אין דער שכנה'דיגער שטאָט הוכענפעלד.

אין אַ דריי וואָכן אַרום האָט אַ פליענדיקע פעסטונג מיט אַ בריטישער מאַנשאַפט זיך געפונען אויפן צוריקוועג נאָך אַן אָנגריף אויף לייפּציק. אין דער געגנט פון באַדען־באַדען איז די פעסטונג אַרונטערגעשאָסן געוואָרן. די גאַנצע מאַנשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון צען אָפיצירן און אונטעראָפיצירן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט

אויף דער ערד בשלום. זיבן צווישן זיי האָט מען געפאַנגען און זיי געבראַכט אין דער ציוויל טורמע אין בוהל און זיי דאָרטן צייטווייליק אַריינגעזעצט.

אויף מאָרגן האָט מען זיי געטריבן דורך די גאַסן פון פפאָרצהיים און די אַרטיקע איינוואוינער האָבן זיי בשעת מעשה ווילד־טרעטירט. דאָן האָט מען זיי אַוועקגעפירט קיין הוכענפעלד. דאָרט האָט מען זיי איינגעקוואַרטירט אין דער הייץ־קאַמער אין קעלער פון דער בייער שול־געביידע און זיי האָבן זיך שוין געקליבן מאַכן נאַכט. אָבער איידער זיי האָבן באַוויזן עפּעס צו טאָן, האָט זיך אויפגעריסן די טיר און אַ המון דייטשן האָט פאַרפלייצט דעם קעלער. מיט זיי איז געווען דער בירגערמייסטער וואָס מען האָט אים אַוועקגערופן פון אַ חתונה־שמחה.

די וואַך האָט געלאָזט דעם צערייצטן המון ער זאָל פריי פייניקן און פלאָגן די געפאַנגענע, אַרויסשלעפן זיי אויף דער גאַס און שפּעטער צום בית־עולם.

אויפן וועג אַהין האָט זיך איינגעגעבן דריי פליער צו אַנטלויפן, אָבער איינעם פון זיי, אַן אָפיציר, האָט מען שפּעטער געכאַפּט און אַריינגעזעצט אים אין דער נאָענטסטער פּאָליציי־סטאַציע. אויף צו מאָרגנס האָט מען אים אַרויסגענומען פון זיין קאַמער און מען האָט אים געטריבן פאַרביי אַ המון דייטשן וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן ביי אַ בונקער. מען האָט אים באַפאַלן, אַכזריות׳דיק געשלאָגן און ענדלעך האָט אַ זעכצן יעריקער מיטגליד פון היטלער יוגנט אים דערשאָסן. ווי ער אַליין האָט שפּעטער געזאָגט האָט ער „געגעבן דעם אָפיציר אַ **חסד און געבאַד** קויל אין קאָפּ פון מיין פּיסטאָל״. די דייטשע פּאָליציי האָט גאָרנישט געטאָן כדי איינצושטילן דעם המון און האָט אויך קיינעם ניט אַרעסטירט.

די איבעריקע פיר געפאַנגענע, וואָס זיי איז ניט געלונגען צו אַנטלויפן, האָט דער המון פאַרשלעפּט אויפן בית־עולם און זיי דאָרטן דערשאָסן.

די היטלער יוגנט האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע אין דער גאַנצער אַפערע. איינער פון זיי האָט שפּעטער אַזוי געשריבן: „דער באַנפירער *) האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע וואָס האָט אויפגעברויזט

*) קליין־ראַנגיקער אָפיציר אין ס.ס.

אונדזער יונג בלוט, און דאַן האָט ער פּאַנאַדערגעטיילט געווער און אַמוניציע. מען האָט אונדז געזאָגט אַז אין דער הויכענפעלדער שול געפינען זיך זיבן בריטישע פליער וואָס מיר דאַרפן זיי אַרויסנעמען פון דאָרטן און זיי דערשיסן".

ווען דער המון האָט זיך אַריינגעריסן אין קעלער זענען זיי אויסן געווען צו הרגענען די פליער אויפן אָרט, און בלויז אַ דאַנק דער אינטערווענץ פונעם בירגערמייסטער האָט מען די פליער אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם. ער האָט זיך געזאָרגט ניט פאַר די פליער. ער האָט הייס פּראָטעסטירט קעגן דער אידעע צו דערשיסן יענע אין קעלער. „אונדזערע קינדער", האָט ער געזאָגט, „וועלן זיך אייביק שרעקן אַריינצוגיין אינעווייניק".

קורץ נאָכדעם ווי מען האָט דערשאָסן די פליער, איז דער בירגערמייסטער אַוועק צוריק אויף דער חתונה־שמחה, פון וועלכער מען האָט אים מיט אַ פּאָר שעה פריער אַזוי האַסטיק אַוועקגערופן.

אין דער נאַכט פון 24־טן מאַרץ זענען זעקס און זיבעציק קריגס־געפאַנגענע אָפיצירן פון דער אַוויאַציע אַנטלאָפן פון סטאַלאַג לופט III וואָס אין סאַגאַן, שלעזיע. פופצן האָט מען גלייך נאָכדעם געכאַפּט און געבראַכט זיי צוריק אין קעמפּ, דריי איז געלונגען צו אַנטלויפן, אַכט האָט די געסטאַפּאָ נאָכן כאַפּן פאַרהאַלטן און די איבעריקע פופציק האָבן די דייטשן דערשאָסן. דער ערשטער גרוס וועגן זייער גורל איז דערגאַנגען דעם 6־טן אַפּריל ווען דער קאָמענדאַנט אין דינסט האָט פאָרגעלייענט פאַר דעם עלטסטן בריטישן אָפיציר אין קעמפּ אַ מעלדונג אַרויסגעלאָזט דורך OKW אַז איין און פערציק זענען דערשאָסן געוואָרן, ווייל „אייניקע פון זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט בשעת'ן אַרעסט. אַנדערע האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן אויפן וועג צוריק אין קעמפּ אַריין". קיין נעמען זענען ניט אָנגערופן געוואָרן.

ניין טעג שפּעטער האָט דער בריטישער אָפיציר באַקומען אַ רשימה מיט די נעמען פון די זיבן און פערציק וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן און אין אַ חודש אַרום האָט מען צוגעגעבן נאָך דריי נעמען. אין יעדן איינעם פון די פאַלן איז אָנגעגעבן געוואָרן דער זעלבער תירוץ.

עס האָט אינגאַנצן ניט געשטימט מיטן אמת, אַז די מענטשן זענען דערשאָסן געוואָרן ווייל זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט אָדער ווייל זיי האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו אויפסניי צו אַנטלויפן. זיי זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן דורך געסטאַפּאָ לויטן דירעקטן באַפעל פון היטלערן.

די ערשטע אינפאָרמאַציע וואָס האָט דערגרייכט די אויסערע וועלט איז געווען אַ קאָמוניקאַט איבערגעגעבן אין יוני דעם שווייצאַרישן קאָנסול אין בערלין, מאָנסיער נאַוויל, אַלס ענטפער אויף זיין אָנפראַגע וואָס ער האָט געמאַכט ווי דער רעפּרעזענטאַנט אין דייטשלאַנד פון דער פּראָטעקטאָרשאַפט. יענע נאָטע האָט געמאָלדן אַז זיבן און דרייסיק געפאַנגענע פון בריטישער און דרייצן געפאַנגענע פון ניט־בריטישער נאַציאָנאַליטעט, זענען אַנטלאָפן פון סטאַלאַג לופט III, אַ טייל האָט מען דערשאָסן בשעת זיי האָבן בייס אַרעסט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אַ טייל בשעת זיי האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו אויפסניי צו אַנטלויפן, און אַז די אורנעס מיט זייער אַש זענען איבערגעשיקט געוואָרן קיין סאַגאַן צו קבורה.

מ. נאַוויל האָט זיך אָבער ניט געלאָזט פאַרפירן פון דער דייטשער נאָטע. אין זיין ענטפער האָט ער געשריבן אַז די עצם־קרעמאַציע איז „ביז גאָר אומגעוויינלעך, ווייל דער נאָרמאַלער מינהג איז ברענגען דעם געפאַנגענעם צו קבורה אין אַ טרומנע, מיטן גאַנצן מיליטערישן כבוד". ער האָט אָנגעוויזן דערביי אַז אויב די פּונקטיק אָפיצירן וואָס מען האָט זיי געכאַפּט און צעזייט אין צעשפּרייטע טיילן פון דייטשלאַנד האָבן טאַקע, ווי די דייטשן גיבן אָן, זיך קעגנגעשטעלט אָדער געפּרוּווט אויפסניי אַנטלויפן, איז עס העכסט וואַרשיינלעך אַז אייניקע צווישן זיי זאָלן זיין פאַרוווּנדעט און עס איז העכסט אומוואַרשיינלעך אַז אַלע זאָלן ווערן דערהרגעט.

דאָס איז געווען פּונקט אַזוי נאַריש מצד די דייטשן ניט צו זען דעם פּגם אין זייער געשיכטע ווי עס איז געווען קלוג פון זייער זייט ניט צו געבן דער פּראָטעקטאָרשאַפט, ווי דאָס איז אָנגענומען, די פּרטים פון די אמת'ע אומשטאַנדן ביי וועלכע די אָפיצירן האָבן פאַרלאָרן זייער לעבן. לאָמיר געבן דאָס ווייטערדיקע וואָרט וועגן דעם קייטעל'ן אַליין: „אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מען מיר געמאָלדן אַז געפאַנגענע זענען אַנטלאָפן און אַז אַ פּופצן

אָפּיצירן האָט מען געכאַפּט ניט ווייט פונעם קעמפּ. איך האָב ניט געהאַט בדעה צו מעלדן וועגן דעם אויף דער בייטאָגיקער קאָנפערענץ אין בערכטעסגאַדען ווייל דאָס איז שוין געווען דאָס דריטע מאָסן־אַנטלויפן אין משך פון זייער אַ קורצן פּעריאָד".

אָבער הימלער האָט אים פאַרלאָפן דעם וועג און ער האָט אין קייטעל'ס אָנוועזנהייט געמאָלדן וועגן דעם אינצידענט דעם פירער. היטלער איז געווען אויסער זיך פון כעס, און געזאָגט אַז די געפאַנגענע דאַרפן בלייבן ביי די ס.ד. נאָך דעם ווי מען כאַפּט זיי און אַז מען זאָל זיי מער ניט צוריקשיקן אין מיליטערישע געפאַנגענשאַפט. ער האָט באַפוילן הימלערן איבערצונעמען די אויפזיכט אַז אַזוי זאָל טאַקע געשען.

נאָך דער קאָנפערענץ האָט קייטעל געשיקט רופן דעם הויפּט פונעם דעפּאַרטאַמענט אין OKW וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר קריגס־געפאַנגענע, און אויך דעם גענעראַל פאָן גרעוועניץ. ווען יענע זענען אַריין צו אים אין ביוראָ, האָבן זיי דערזען אַז קייטעל איז אויפגערעגט און נערוועז. ער האָט זיי געזאָגט אַז גערינג האָט אים נאָר־וואָס פאַרגעוואָרפן אין היטלער'ס אָנוועזנהייט פאַרוואָס ער האָט ווייטער דערלאָזט אַז געפאַנגענע זאָלן אַנטלויפן פונעם קעמפּ. „עס מוז נעמען אַן עק צום אַנטלויפן", האָט קייטעל געזאָגט, „מיר וועלן ניט זשאַלעווען קיין שטרענגע מיטלען... די מענטשן וואָס זענען אַנטלאָפן וועלן ווערן דערשאָסן, מעגלעך אַז דער רוב צווישן זיי איז שוין איצט טויט". גענעראַל פאָן גרעוועניץ האָט גלייך פּראָטעסטירט. ער האָט געזאָגט אַז דאָס קאָן מען ניט טאָן און אַז אין דער זשענעווער קאָנווענץ פונעם יאָר 1929 איז אויסדריקלעך אָנגעוויזן אַז דאָס אַנטלויפן רעכנט זיך ניט פאַר קיין פּרעכער עבירה. אָט דער פּראָטעסט האָט ניט געהאַט קיין שום ווירקונג.

דעם עצם שיסן האָט איבערגענומען געסטאַפּאָ. נאָך דער פרימאָרגן־קאָנפערענץ ביי היטלערן האָט הימלער געלאָזט אין גאַנג אַלע רעדער און קאַלטענברונער האָט צעשיקט באַפעלן צו די געהעריקע דעפּאַרטמענטס אַז מען זאָל אין דער ברייט און אין דער לענג פון גאַנץ דייטשלאַנד איינאָרדענען אַ גרויס־זוכעריי *).

*) Grossfahndung , בוכשטעבלעך — ווייט־פאַרשפּרייטע זוכעניש.

אין לויף פון דריי טעג זענען אַלע אַנטרונענע אויסער דריי געוואָרן געכאַפּט, דאָס רוב אין שלעזיען, הגם אייניקע האָבן באַוויזן דערקלייבן זיך אַזש ביז קיעל און סטראַסבורג.

די געסטאַפּאָ האָט זיך דאַן גענומען צו דער אַרבעט. די באַשולדיקונג אויפן פּראָצעס פון מאַקס וויעלען און פון נאָך זיבעצן מיטגלידער פון געסטאַפּאָ, זיי אַלע מיטבאַטייליקער אין אָט־די פאַרברעכנס, האָט דאַמאָלס צוגעשטעלט דעם פאָלגנדן באַריכט וועגן דעם דערשיסן פון דעם לופט־לויטענאַנט ה.

דער לויטענאַנט פון דער לופט־אַרמיי ה., האָט זיך דערקליבן ביז עלזאַס וווּ די KRIPO האָט אים ווידער־געכאַפּט און געבראַכט צום געסטאַפּאָ־שטאַב. צו יענער שעה איז דער באַפעל וועגן שיסן נאָך ניט אָנגעקומען קיין סטראַסבורג, אָבער דעם זעלבן טאָג שפּעטער האָט זיך פון RSHA באַקומען דער פאָלגענדער טעלעפּרינט:

צו געסטאַפּאָ, סטראַסבורג.

דער בריטישער קריגס־געפאַנגענער וואָס די סטראַסבורגער קרימינאַל־פּאָליציי האָט אים איבערגעגעבן דעם געסטאַפּאָ דאַרף, לויט אַ באַפעל פון אויבן, גלייך אַוועקגעפירט ווערן אין דער ריכטונג צו ברעסלאַו און אויפן וועג זאָל מען אים דערשיסן בשעת אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן. מען דאַרף עקספּעדירן אַ קברן, יענער זאָל ברענגען דעם טויטן קערפּער אין קרעמאַטאָריע און דאָרט אים פאַרברענען. די אורנע דאַרף ווערן איבערגעשיקט אין שטאַב פון RSHA צום הויפּט פון דער קרימינעל־פּאָליציי. וועגן דעם אינהאַלט פונעם טעלעפּרינט און וועגן דער זאַך גופא מעגן וויסן נאָר יענע באַאַמטע וואָס באַטייליקן זיך דירעקט ביים דורכפירן דעם ענין, און זיי דאַרפן געבן תקיעת־כף צו האַלטן עס אין אַ שטרענגן סוד. נאָכן אויספילן די אויפגאַבע דאַרף מען וועגן דעם מעלדן תיכף ומיד. דער טעלעפּרינט מוז פאַרניכטעט ווערן אויף דער שטעל.

עס איז געוועזן אַראַנזשירט אַז דעם לויטענאַנט פון דער לופט־אַרמיי ה. וועט מען הרגענען אויפן וועג צום נאַצווילער קאָנצענטראַציע־לאַגער, כדי דאָרט צו פאַרברענען זיין קערפּער. דעם

געפאַנגענעם האָבן געפירט אין אַן אויטאָ צוויי געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן געהייסן דריעזנער און הילקער, און נאָך אַ דריטער, דער שאָפער. אויפן וועג האָט מען דערלויבט ה. אַרויסצוגיין פונעם אויטאָ כדי צו טאָן זיינע נאַטירלעכע באַדערפעניש אין אַ דערבייאיקן וועלדל. דאַן האָט דריעזנער פאַרפירט מיט אים אַ שמועס און הילקער האָט אים דערווייל געשאָסן פון הינטן. דעם קערפער האָט מען געבראַכט קיין נאַצווילער, און דאָרט האָט מען געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט אַז דער קערפער איז פון אַ קריגס־געפאַנגענעם וואָס מען האָט אים דערשאָסן בשעת יענער האָט געפרוווט אַנטלויפן.

די זעלבע פּראָצעדור איז אָנגעגאַנגען מיט אַן אַנדערן פון די געפאַנגענע וואָס אים איז געווען באַשערט דער שלימזל צו ווערן ווידער־געכאַפּט אַ האַלבע מייל פון דער שווייץ־דייטשער גרענעץ.

ווי אינעם פאַריקן פאַל האָט מען פאַר דער קרעמאַציע אויסגעקליבן נאַצווילער. אויפן וועג אַהין האָט דער אויפזעער פון דער וואַך אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ מיטן אויסרייד אַז ער דאַרף טאָן זיינע נאַטירלעכע באַדערפעניש, און מען האָט דעם געפאַנגענעם וואָס האָט געטראָגן האַנטקייטלעך, געפרעגט אפשר וויל ער אויך אַרויס. ער האָט געוואָלט, און מען האָט אים דערשאָסן אויפן זעלבן אופן ווי דעם לויטענאַנט פון דער לופטאַרמיי.

פיר אַנדערע אַנטלאָפענע אָפיצירן זענען ווידער־געכאַפּט געוואָרן נעבן קיעל. דער פאָלגנדער באַריכט וועגן זייער מאָרד געהערט אָסקאַר שמידט, אַ באַאַמטן פון געסטאַפּאָ אין קיעל וואָס האָט זיך באַטייליקט אינעם פאַרברעכן. „אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מיין שעף געשיקט רופן מיך און נאָך זעקס אַנדערע, פּאָסט, קאָהלער, יאַקאָבס, אַ צווייטן שמידט, דענקמאַן און סטרוווע. מען האָט אונדז געהייסן פאָרן קיין פלענסבורג אָפּנעמען דאָרט פיר בריטישע אָפיצירן קריגס־געפאַנגענע. מיר האָבן זיי געדאַרפט פון דאָרטן אַוועקפירן און אין פאַל פון אַ מינדסטן פרווו פון זייער זייט צו אַנטלויפן, — זיך צו באַנוצן מיט אונדזער געווער”.

מען האָט זיי דערביי דערקלערט אַז די פיר אָפיצירן מוז מען „ליקווידירן” און אַז דאָס ניט־פאָלגן דעם באַפעל וועט ווערן באַשטראָפט מיט טויט און פאַמיליען־שאַנד. און אַז דערזעלבער

גורל וועט טרעפן די אַלע וואָס וועלן וואַגן צו רעדן וועגן דער זאַך. די אינסטרוקציעס זענען געקומען פון קאַלטענברונער׳ן.

פאָסט׳ן האָט מען געשטעלט בראש פון דער פּאַרטיע וואָס איז אָנגעקומען קיין פלענסבורג מיטאָגסצייט און נאָכן עסן האָבן זיי איבערגענומען די פיר אָפיצירן. מען האָט דאַן געקייטלט זייערע הענט הינטער דעם רוקן און מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין צווי אויטאָס וואָס זענען געשטאַנען אין הויף פונעם KRIPO שטאַב גרייט זיי אַוועקצופירן. פאָסט האָט גענומען איינעם פון די אָפיצירן צו זיך אין אויטאָ און די איבעריקע דריי זענען אַריין אין צווייטן אויטאָ אין וועלכן עס זענען אויך געזעסן דער שאָפער, יאַקאָבס, און די צווײ שמידט׳ן.

וועגן דעם מעטאָד פון שיסן איז אָפּנים באַשלאָסן געוואָרן אין אַ הויכער אינסטאַנץ ווײל אויך אין דעם פּאַל, ווי בשעת די מאָרדן אין עלזאַס און נעבן דער שווייצאַרישער גרענעץ, איז געווען אַראַנזשירט מען זאָל געבן די אָפיצירן אַ מעגלעכקייט צו דערליידיקן זייערע באַדערפענישן אויפן וועג, אין אַ פאָרויסבאַשטימטן פּלאַץ, און אַז דאָס שיסן דאַרף זיך אָנהייבן לויט אַ צייכן געגעבן דורך אָסקאַר שמידט. ווען דאָס צווייטע אויטאָ איז אָנגעקומען אויפן מאָרד־פּלאַץ, איז שוין פאָסט׳ס אויטאָ געווען דאָרט און דענקמאַן וואָס איז געשטאַנען ביים וועג האָט געגעבן דעם שאָפער פונעם צווייטן אויטאָ אַ צייכן ער זאָל זיך אָפּשטעלן. אָסקאַר שמידט האָט דאַן געהייסן די געפאַנגענע אַרויסגיין און טאָן זייערע באַדערפענישן. זיי זענען אַרויס און בשעת מען האָט זיי געפירט אין פעלד, איז שמידט זיי נאָכגעגאַנגען מיט אַ פּאָר שריט פון הינטן. עס פאָלגט דאָ שמידט׳ס באַריכט:

ווען איך בין צוגעקומען אַ זעקס טריט פון דער גרופּע האָט איינער פון די אָפיצירן פּלוצים אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיי זענען זיך אַלע צעלאָפן; גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהייבן דאָס שיסן און די אָפיצירן זענען געפאַלן און געלעגן מיט זייערע פּנימער צו דער ערד. איך האָב געזען פראַנץ שמידט׳ן און יאַקאָב׳ס אין יענעם מאָמענט ווי זיי זענען געשטאַנען דירעקט הינטער די אָפיצירן מיט פּיסטאָלן אין די הענט. איך האָב אויך געהאַט אַ פּיסטאָל אין דער האַנט; ער איז געווען געלאָדן און זיין

זיכערקייט־צינגל לויז... אין דעם מאָמענט האָט פּאָסט אַ געשריי געטאָן צו מיר, „דו האָסט ניט געשאָסן, דער מאַן לעבט״. אייבער פון די אָפיצירן האָט זיך אַ הייב געטאָן און פּאָסט, וואָס האָט אַרויסגעריסן אַ ביקס פון קאַהל׳ס הענט, האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן אויפן אָפיציר וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו שיסן אויפן אָפיציר, ווייל ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד גלייך מיט די ערשטע שאָסן. נאָכדעם ווי פּאָסט האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין דער פּלייצע פון אָט־דעם אָפיציר, האָט ער נאָך געגעבן צו איין ביקסן־שאָס אין קאָפּ אַריין יעדן פון די אָפיצירן וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד אַ פּנים שוין טויט. דאַן האָט ער אַראָפּגענומען זייערע האַנטקייטלעך. מיר האָט מען באַפוילן אָפּצוּוואַרטן דעם טויטן־וואָגן און דאַן נעמען די טויטע קערפּערס אין קרעמאַטאָריע כדי זיי צו פאַרברענען. און אַזוי האָב איך געטאָן.

מיט אַ דריי חדשים שפּעטער האָט זייער שעף געגעבן צו וויסן אָט־די מענטשן, אַז אַ קאָמיסיע פונעם רויטן קרייץ קומט אויספאָרשן דעם ענין. מען האָט זיי אַלעמען געבראַכט נאָכאַמאָל אויפן מאָרד־פּלאַץ און זיי אָנגעזאָגט אַז ביים פאַרהער זאָלן זיי דערציילן, אַז די אָפיצירן האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן צו די קוסטעס מיט דער כוונה צו פאַרכאַפּן די אויטאָס און בשעת מעשה זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. מען האָט זיי אויפסנייַ געוואָרנט וועגן די טרויעריקע קאָנסעקווענצן אין פאַל אויב עמעצער פון זיי וועט דערציילן דעם אמת וועגן דער מעשה.

אָט־אַזוי זענען פּופציק בריטישע קריגס־געפאַנגענע דערהרגעט געוואָרן אויף אַן אויסגערעכנטן און קאַלטבלוטיקן אופן, אין יעדן איינציקן פאַל האָט מען געשיקט אַן אָפיציעלן באַריכט צו ASHA, אַז זיי זענען דערהרגעט געוואָרן בשעת זיי האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן.

אָט דער פאַרברעכן, וועז מען האָט זיך וועגן אים דערוווּסט, האָט אויפגעשוידערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט; דער אינטער־נאַציאָנאַלער מיליטער־טריבונאַל אין נירענבערג האָט דאָס געשילדערט ווי „אַ פּשוטן מאָרד ביי אַ פולשטענדיקער שענדונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ״.

אין נאָוועמבער 1944 האָט OKW פאַרעפנטלעכט אינסטרוק־ציעס וועגן דעם מען זאָל געוויסע קאַטעגאָריעס פון קריגס־געפאַנגענע אַריבערפירן צו ס.ד. דער קויל־דעקרעט *), ווי מען האָט גערופן אָט־די באַפעלן, האָט באַשטימט אַז די פאָלגנדע קריגס־געפאַנגענע דאַרפן ווערן איבערגעגעבן אין די הענט פון SIPO און SD.

(1) אַלע ווידער־געכאַפּטע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע.

(2) אַלע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע אָפיצירן וואָס זאָגן זיך אָפּ אַרבעטן.

(3) אַלע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע ספּעציעל אָפּגעקליבענע דורך די שילדוואַך־אָפּטיילונגען פון SD וואָס האַלטן זיך אויף אין די קעמפן פאַר קריגס־געפאַנגענע (Einsatzkommandos)

(4) יעדער קריגס־געפאַנגענער אין אַן אַרעסט־קעמפּ וואָס באַגייט אַן עבירה, אויב דער דאָרטיקער קאָמענדאַנט האַלט אַז עס פעלן אים די נייטיקע דיסציפּלינאַרע מיטלען אויף אים צו באַשטראָפן.

(5) יעדער קריגס־געפאַנגענער וואָס וועגן אים ווערט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלער באַפעל פון OKW.

אַל־די קאַטעגאָריעס האָט מען איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ פאַר אַ „ספּעציעלער באַהאַנדלונג״. דאָס האָט געמיינט פאַרלירן דעם סטאַטוס פאַר קריגסגעפאַנגענע, פאַרשיקט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קיין מאַוטהאַוזען, און ווערן דערשאָסן מיט אַ קויל אין האַלדז און נאַקן.

אין מאַוטהאַוזען זענען זיי געווען באַקאַנט אַלס „ק״ געפאַנגענע **). ביים אָנקומען אין לאַגער האָט מען זיי ניט רעגיסטרירט ווי די געוויינלעכע געפאַנגענע, און זייערע נעמען זענען געבליבן אומבאַקאַנט פאַר אַלעמען אויסער די מיטגלידער פון דער „פּאָליטישער אָפּטיילונג ***).

---

*) דער “KUGEL ERLASS”

**) K. — ראש תיבה פון KUGEL דאָס הייסט קויל.

***) דער פּאָליטישער דעפּאַרטמענט, ד.ה. דער אָפּצווייג וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די אַזוי־גערופענע „פּאָליטישע״ געפאַנגענע.

מען האָט זײ גלײַך אָפּגעפֿירט אין דעם אַרעסט־בלאָק װוּ זײ האָבן זיך אױסגעטאָן און דאָן האָט מען זײ אַרײַנגענומען אין דעם אַזױ גערופֿענעם װאַש־צימער, װאָס איז אין דער אמת׳ן געװען אַ צימער צװישן די אַרעסט־קאַמערן נאָענט צו דער קרעמאַטאָריע, ספּעציעל צוגעפּאַסט פֿאַר דעם צװעק פֿון שיסן אָדער פֿאַרגאַזן די קרבנות.

אײנער פֿון די מעטאָדן בײַם שיסן די „ק״ געפֿאַנגענע איז געװען געשילדערט דורך אַ פֿראַנצײזישן אָפֿיציר װאָס ער אַלײן איז אױך געװען אײנגעזעצט אין מאַוטהאַוזן. „מען האָט געשאָסן מיט דער הילף פֿון אַ מאָס־אַפּאַראַט. מען האָט דעם געפֿאַנגענעם אַװעקגעשטעלט מיטן רוקן צו אַ װערטיקאַלן הױך־מעסטער מיט אַן אױטאָמאַטישן געהײם־געצײג װאָס האָט אַרײַנגעשאָסן אַ קױל אין האַלדז און נאַקן פֿונעם געפֿאַנגענעם, װי נאָר דאָס הילצערנע ברעטל װאָס האָט געװיזן זײַן הױך האָט אָנגערירט דעם שפּיץ פֿון זײַן קאָפּ״.

טײלמאָל האָט מען זײ געטריבן גרופּעסװײַז צום שטײנברוך אָנגעטון בלױז אין העמדער און אין הױזן און דאָרט האָט מען זײ אַרונטערגעקאָסעט מיט מאַשין־געװער. טױט־צײַגנישן זענען גע־ידען צוגעגרײט פֿאַר יעדן פֿאַל באַזונדער און געװאָרן רעגיסטרירט „דערהרגעט בשעת אַ פּרוּװ צו אַנטלױפֿן״.

װי נאָר די רוסישע קאַמפּאַניע האָט זיך אָנגעהױבן, איז גלײַך געװאָרן קלאָר אַז די דײַטשן האָבן אינגאַנצן ניט בדעה זיך צו רעכענען מיט די קריגס־געזעצן און כללים בנוגע די געפֿאַנגענע.

או.ס.ס.ר. האָט לכתּחילה ניט געהערט צו דער „זשענעװער קאָנװענץ פֿאַר קריגס־געפֿאַנגענע״ אָבער זי האָט יאָ געהערט צו דער „קאָנװענץ פֿאַר קראַנקע און פֿאַרװוּנדעטע״. און זי איז אױך געװען צװישן די אונטערגעחתמעטע אױף דער האַג־קאָנװענץ. אױפֿן פּראָצעס פֿון די הױפּט קריגס־פֿאַרברעכער אין נירנבערג איז אַרױסגערוקט געװאָרן אַ טענה, אַז אַט־די קאָנװענץ איז געװען ניט גילטיק פֿאַר דער רוסישער קאַמפּאַניע, אָבער דער אינטערנאַציאָ־נאַלער טריבונאַל האָט געהאַלטן אַז יאָ.

צוריק מיט אַ צייט ביים סוף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט האָט די האַג־קאָנווענץ אויפגעשטעלט געוויסע כללים וועגן די רעכט און די פליכטן מצד די קעמפנדיקע צדדים פאַר די קריגס־געפאַנגענע, און די אָנוועזנדע מדינות האָבן ביי דער פאַרהאַנדלונג פעסטגעשטעלט אַז „אין פאַלן וואָס ווערן ניט אויסגערעכנט אין די אָנגענומענע כללים, בלייבן די איינוווינער און די קעמפנדיקע אונטער דער שוץ און אינעם רשות פון יענע פּרינציפּן אין די פעלקער־געזעצן, וואָס שטאַמען אַרויס פון אָנגענומענע מינהגים צווישן ציוויליזירטע פעלקער, פון הומאַניטעט־געזעצן, פון די געבאָטן פון אַ געזעלשאַפטלעכן געוויסן... די אונטערגעחת׳מעטע צדדים דאַרפן אַרויסלאָזן אינסטרוקציעס צו זייערע באַוואָפנטע יבשה־כוחות אין איינקלאַנג מיט די תקנות וועגן די געזעצן און מינהגים פון יבשה־קריג וואָס זענען בייגעלייגט צו דער איצטיקער קאָנווענץ.

אין די בייגעלייגטע תקנות קומען פאָלגנדע פּאַראַגראַפן:

פּ אַ ר אַ ג ר אַ ף 3. די באַוואָפנטע כוחות פון די קעמפנדיקע צדדים קענען באַשטיין פון קריגס־לייט און ניט קריגס־לייט. אין פאַל ווען זיי פאַלן אַריין צום פיינד אין די הענט, האָבןביידע רעכט צו ווערן באַהאַנדלט אַלס קריגס־געפאַנגענע.

פּ אַ ר אַ ג ר אַ ף 4. קריגס־געפאַנגענע געהערן צום רשות פון דער פיינדלעכער רעגירונג און ניט צו איינצעלנע פּערזאָנען וואָס פאַנגען זיי. זיי מוזן ווערן באַהאַנדלט מענטשלעך.

פּ אַ ר אַ ג ר אַ ף 6. די מדינה קען זיך באַנוצן מיט דער אַרבעט פון קריגס־געפאַנגענע, אויסער אָפיצירן, צוגעפּאַסט צו זייער ראַנג און פעיקייט. די אַרבעט דאַרף ניט זיין צו שווער און זי דאַרף ניט האָבן קיין שום שייכות מיט קריגס־אָפּעראַציעס.

פּ אַ ר אַ ג ר אַ ף 7. די רעגירונג וואָס אין אירע הענט פאַלן אַריין די קריגס־געפאַנגענע דאַרף זי אויסהאַלטן. אין פאַל ווען עס פעלט אַ הסכם צווישן די קעמפנדיקע צדדים, דאַרפן די קריגס־געפאַנגענע ווערן באַזאָרגט מיט שפּייז, קוואַרטיר און קליידונג אויף דעם זעלבן אופן ווי די זעלנער פון דער רעגירונג וואָס האָט זיי געפאַנגען.

פּ אַ ר אַ ג ר אַ ף 23. עס איז שטרענג פאַרווערט און פאַרבאָטן

צו טייטן אָדער צו פאַרווונדן אַ שונא, וואָס אַוועקלייגנדיק דאָס געווער אָדער ניט האָבנדיק מער קיין מיטלען צו פאַרטיידיקן זיך, האָט ער זיך אונטערגעגעבן אָן־אַ־תנאַי.

בשעת דער קריג מיט רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דייטשלאַנד, יעדנפאַלס, געהאַט די אינטערנאַציאָנאַלע פליכט צו באַטראַכטן אַלע מיטגלידער פון די באַוואָפנטע כוחות, יאָ קריגס־לייט אָדער ניט קריגס־לייט, אַלס קריגס־געפאַנגענע; צו באַהאַנדלען זיי הומאַן בשעת דער געפאַנגענשאַפט; איינקוואַרטירן, קליידן און שפייזן זיי ווי געהעריק; ניט לאָזן זיי שווער האָרעווען און ניט אויסניצן זיי פאַר קריגס־אָפּעראַציעס. זיי האָבן ניט געטאָרט אָפּזאָגן דעם שונא אין גענאָד, ניט געטאָרט אים טייטן נאָכדעם ווי יענער האָט זיך אונטערגעגעבן. אָט דאָס האָט גוט געוווּסט יעדער דייטשער זעלנער, ווייל אין די „צען געבאָטן" אָפּגעדרוקט אין זיין אָפּצאָל ביכל זענען געווען איינגעשלאָסן די ווערטער: „קיין שום שונא וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן זאָל ניט ווערן געטייט"*).

אין אַ נייער אויפלאַגע פון דעם דייטשן מיליטערישן האַנטבוך וואָס איז דערשינען דעם 1־טן אויגוסט 1939, פונקט אַ חודש פאַר דער אינוואַזיע קיין פוילן, זענען געווען ציטירט אַ סך פון די אויבנדערמאָנטע פאַרשריפטן; אָבער פונעם ערשטן מאָמענט אָן וואָס זיי האָבן אַטאַקירט רוסלאַנד, האָבן די דייטשן פרעך געשענדעט יעדן איינציקן צווישן זיי, און די אַכזריות אָנגעווענדעט צו די הילפסלאָזע געפאַנגענע דערמאָנט אין דעם באַרבאַרישן מיטל־אַלטער. זיי האָבן טרעטירט זייערע געפאַנגענע ביז גאָר ברוטאַל. זיי האָבן יענע פאַרהונגערט; איבערגעלאָזט אין דרויסן אין משך פון דעם לאַנגן שווערן רוסישן ווינטער; פאַרמאָרדעוועט זיי מיט אַרבעט צום טויט; געשיקט טויזנטער אויף אַרבעט וואָס איז דירעקט פאַרבונדן מיט קריגס־אָפּעראַציעס, אָפט אונטער אַ פיינדלעכן אַרטילעריע־פייער; געשאָסן אַלע פּאָליטישע קאָמיסאַרן און פּאָליטרוקן **), שוין נאָכן פאַנגען.

אַל־די שענדונגען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ זענען

*) זע אַפּענדיקס.

**) זע זייט 73.

געווען פּלאַנירט איידער דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן. נאָך פאַר דעם אָנפאַל אויף רוסלאַנד, האָט היטלער אָנגעזאָגט זיינע גענעראַלן אַז אין דער נייער מלחמה דאַרפן ווערן אָנגעווענדט נייע מעטאָדן, און אַזוי ווי די רוסן זענען ניט געחתמעט אונטער דער „קאָנווענץ פאַר קריגס־געפאַנגענע״ זאָל מען בנוגע די רוסישע געפאַנגענע זיך ניט רעכענען מיט די פאָרשריפטן פון דער קאָנווענץ.

עטלעכע חדשים איידער די אינוואַזיע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דער לייט' גענעראַל ריינעקע, דער הויפּט פון דער סעקציע פאַר קריגס־געפאַנגענע אין OKW, געגעבן אינסטרוקציעס די געהעריקע אינסטאַנצן מען זאָל פאַר די רוסישע געפאַנגענע אויפשטעלן קעמפן אונטערן פרייען הימל, אַרומגערינגלט בלויז מיט שטעכדראָט, אויב עס איז ניטאָ קיין צייט בויען „קעמפן מיט דעכער״. ער האָט אויך אַרויסגעלאָזט אינסטרוקציעס צו אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר זייער באַוואַכונג צו שיסן „אָן אַ וואָרענונג״ אין יעדן געפאַנגענעם וואָס וועט פּראָבירן אַנטלויפן.

דער דייטשער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אין אַ בראָשור מיטן נאָמען די אויפפירונג פון דער אַרמיי אין מיזרח, אַרויסגעלאָזט נאָך פאַר דער אינוואַזיע, פעסטגעשטעלט אַז באַזאָרגן מיט שפּייז רוסישע זעלנער איז אַ „פאַלשגעטייטשטע הומאַנישקייט״.

צום סוף, איז אין דער העכסטער אינסטאַנץ באַשלאָסן געוואָרן אַז מען זאָל די פּאָליטישע קאָמיסאַרן פון דער רויטער אַרמיי ניט אָנערקענען אַלס קריגס־געפאַנגענע און זיי ניט עוואַקוּאירן אין הינטערלאַנד. זיי מוזן ווערן „ליקווידירט״, צום שפּעטסטן אין דעם טראַנזיט־קעמפּ פאַר קריגס־געפאַנגענע.

בלויז איין און איינציקע וויכטיקע שטים האָט פּראָטעסטירט קעגן אַל־די באַשלוסן; דאָס איז געווען די שטים פונעם אַדמיראַל קאַנאַריס. ער האָט געשריבן צו OKW:

די זשענעווער־קאָנווענץ וועגן דער באַהאַנדלונג פון קריגס־געפאַנגענע איז ניט אָבליגאַטאָריש פאַר די באַציונגען צווישן דייטשלאַנד און או.ס.ס.ר. דעריבער זענען יאָ גילטיק נאָר די אַלגעמיינע פּרינציפּן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ אין שייכות מיט דער באַהאַנדלונג פון אַזעלכע געפאַנגענע. פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט אָן זענען אָט די פּרינציפּן אויפגעשטעלט געוואָרן

שטופּענווייז, לויטן כּלל, אַז קריגס־געפאַנגענשאַפט איז ניט קיין נקמה און ניט קיין שטראָף, נאָר אויסשליסלעך אַ שוץ־אַרעסט, מיטן איין און איינציקן צוועק ניט צו דערלאָזן די קריגס־געפאַנגענע זאָלן נעמען אַ ווייטערדיקן אָנטייל אינעם קריג. דער פּרינציפּ האָט זיך אַנטוויקלט אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער מיינונג וואָס ווערט געטיילט דורך אַלע אַרמייען אַז עס איז קעגן דער מיליטערישער טראַדיציע צו הרגענען אָדער צו שעדיקן הילפלאָזע מענטשן... די דעקרעטן וועגן דער באַהאַנדלונג פון סאָוועטישע געפאַנגענע זענען באַזירט אויף אינגאַנצן אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט.

דער ווייך־שטילער קול איז געבליבן אָן ווּעלכן־עס־איז אָפּקלאַנג; ווייל קייטעל, וואָס אים האָט מען אָט דעם פּראָטעסט־מעמאָראַנדום דערלאַנגט, האָט דעם דאָקומענט בלויז פאַרנאָטירט מיט זיינער אַ באַמערקונג „אַזאַ שטעלונג שטאַמט פון אַ מיליטערישן באַגריף וועגן ריטערישער קריגפירונג. דאָס מאָל האַנדלט זיך עס אין אַ צעשטערונג פון אַן אידעאָלאָגיע; דעריבער באַשטעטיק איך און האַלט אונטער אָט־די מעטאָדן״.

אין מאַרץ 1941, מיט דריי חדשים פריער איידער היטלער איז אַריין קיין רוסלאַנד, האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ אינעם אַמט פון דעם רייך־קאַנצלער אין בערלין, וווּ ער האָט גערעדט פאַר אַן אויסדערוויילטן מיליטערישן פּובליקום, צווישן זיי די פעלד־מאַרשאַלן קייטעל און פאָן לעב, און די גענעראַלן האַלדער, פאָן מאַנשטיין און האָפּנער. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין אַלגעמיינע אידעע וועגן נייעם קריג קעגן רוסלאַנד, וועגן דעם צוועק און מעטאָדן פון דער קריגפירונג. דאָס וועט זיין אַן אידעאָלאָגישע מלחמה, האָט ער צו זיי געזאָגט, מיטן צוועק אויסצוראָטן דעם „אַזיאַטיש באַרבאַרישן באָלשעוויזם״. דערמיט וועט זי זיך אונטערשיידן פון דער מלחמה אין מערב און ריטערישקייט מיט מיליטערישן כּבוד זענען ניט פאַר זייערטווועגן. דער באָלשעוויזם אין דער רויטער אַרמיי, האָט ער ווייטער גערעדט, ווערט אויפגעהאַלטן דורך די פּאָליטישע קאָמיסאַרן וואָס זיי געפינען זיך אין יעדער רוסישער פאָרמאַציע. און זיי טאַקע מוז מען, דעריבער, ליקווידירן. די קאָמיסאַרן, האָט היטלער געזאָגט, וועלן זיך שלאָגן

ניט אָרנטלעך, און זייער גורל דאַרף ניט ווערן אָנפּאַרטרויט דער יוריספּרודענץ פון וועלכן־עס־איז מיליטער־געריכט.

אָט אַזוי האָט היטלער פּאַראורטיילט צום טויט אַלע סאָוועטישע פּאָליטישע קאָמיסאַרן נאָך מיט דריי חדשים פריער איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די רוסישע מלחמה.

אין 1941 האָט זיך אין יעדער פאָרמאַציע און אין אַלע הויפּט־איינהייטן פון דער רויטער אַרמיי געפונען אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר. זיי האָבן געהערט צום אָפיצירן־סטאַטוס. צווישן די קלענערע ראַנגען האָבן נאָך אַנדערע, באַקאַנט אַלס פּאָליטרוקן, אויסגעפילט די זעלבע פונקציעס.

ביידע קאַטעגאָריעס זענען געווען מיטגלידער פון די רוסישע באַוואָפנטע כוחות און געווען באַרעכטיקט, אין פאַל ווען מען פאַנגט זיי, צו ווערן באַהאַנדלט ווי קריגס־געפאַנגענע.

יוני־צייט, האָט OKW, אַרויסגעלאָזט „דירעקטיוון ווי אַזוי צו באַהאַנדלען פּאָליטישע קאָמיסאַרן".

דער אַריינפיר צו די דירעקטיוון פאַנגט אָן מיט דער נבואה, אַז אָט־די פּאָליטישע קאָמיסאַרן וועלן זיין נידערטרעכטיקע קעמפער און זיי וועלן ווילד טרעטירן די דייטשע קריגס־געפאַנגענע: אַז זיי דאַרפן ניט ווערן באַהאַנדלט ווי זעלנער און ניט שטיין אונטער דער שוץ פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. „מען זאָל דעריבער קעגן זיי אָנווענדן די שטרענגסטע און האַרבסטע מיטלען גלייך אויפן אָרט און אָן איבעריקן טומל. ווי נאָר זיי ווערן געפאַנגען זאָל מען זיי ליקווידירן אויפן שטעל בשעת זיי קעמפן אָדער בשעת זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד".

דער באַפעל שטרייכט ווייטער אונטער אַז אַלע פּאָליטישע קאָמיסאַרן טראָגן אַן אייגנאַרטיקע עמבלעם אויף זייער אוניפאָרם־אַרבל; זיי דאַרפן ווערן אָפּגעזונדערט פון אַלע איבעריקע קריגס־געפאַנגענע גלייך נאָכדעם ווי מען פאַנגט זיי און דאַן „זאָל מען זיי אויסראָטן". ווען עס וועט שטיין די פראַגע צי אַ פאַרדעכטיקער קאָמיסאַר איז יאָ אָדער ניט שולדיק „זאָל דער פּערזענלעכער איינדרוק און די האַלטונג פונעם קאָמיסאַר זיין אין פּרינציפּ אַ סך וויכטיקער ווי די פאַקטן אין יענעם פאַל, וואָס מען וועט זיי מן־הסתם ניט קענען דערווייזן". אויב מען כאַפּט זיי, די קאָמיסאַרן, אין הינטערלאַנד דאַרף מען זיי גלייך איבערגעבן צו

אַ זאָנדערקאָמאַנדאָ *) פון ס.ד. און דאָרט איז שוין זייער גורל אַן אויטאָמאַטישער.

דער באַפעל וואָס קייטעל האָט אים אַרויסגעלאָזט לויט דער אינסטרוקציע פון זיין פירער איז פובליקירט געוואָרן פאַר דער דייטשער אַרמיי דורך דעם פעלד־מאַרשאַל פאָן בראַוכיטש, דעם הויפט־קאָמאַנדיר, מיט זיין חתימה און מיט אַ פאָרוואָרט וואָס האָט באַשטימט אַז מען דאַרף די פּאָליטישע קאָמיסאַרן פון דער רויטער אַרמיי ליקווידירן לויט אַ באַפעל פון אַן אָפיציר, אָן שום טומל און רעש, נאָכדעם ווי מען זונדערט זיי אָפּ אויסער דער קאַמף־אַרענע גופא.

אָט אַזוי זענען די דירעקטיוון געוואָרן פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער דייטשער אַרמיי. קיין איינער ניט פון די גענעראַלן און וואָס האָבן אָט די דירעקטיוון אַרויסגעלאָזט פאַר דער אַרמיי, אַראָפּ צו ביז די יונגע אָפיצירן וואָס האָבן זיי אויסגעפירט, האָט ניט געקאָנט צווייפלען אין זייער פאַרברעכערישקייט. אָבער היטלערן האָט ווייניק וואָס געאַרט צי זיי פאַרשטייען עס יאָ אָדער ניין. ער דערוואַרט ניט, האָט ער זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אַז די אָפיצירן־גוואַרדיע זאָלן פאַרשטיין זיינע באַפעלן, ער פאָדערט נאָר יענע זאָלן זיי אומבאַדינגט אויספירן.

אָט־דעם קאָמיסאַרן־באַפעל האָבן עטלעכע טריבונאַלן פאַר קריגס־פאַרברעכנס געשטעמפּלט ווי אַן אומלעגאַלן באַפעל. צווישן זיי איז אויך געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער מיליטער־טריבונאַל אין נירענבערג, וואָס אין זייער פסק־דין האָבן זיי עס אָנגערופן „אַ סיסטעמאַטישער פּלאַן צו מאָרדן", און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין פולער געהאָרכזאַמקייט דערצו האָט מען אין משך פון דער רוסישער קאַמפּאַניע געהאַלטן אין איין אויסהרגענען די קאָמיסאַרן אין דער גאַנצער לענג פונעם שלאַכט־פראָנט.

אין לויף פון די ערשטע דריי קאַמף־חדשים זענען אָט־די אינסטרוקציעס געוואָרן אויסגעפירט מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, אַז ענדע סעפּטעמבער 1941 האָט איין דייטשער גענעראַל פּראָטעסטירט פאַרן OKW אַז דאָס אויספירן די אינסטרוקציעס שטערט דעם פאָרויסמאַרש.

---

*) אַ ספּעציעל־צווייג פון זיכערהייטסדינסט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז אָט־דער פּראָטעסט פּונקט ווי נאָך איינער פונעם גענעראַל פאָן פאַלקענהאַוזען אין בעלגיע אין שייכות מיטן שיסן ערבֿ־ניקעס *), איז מאָטיווירט געוואָרן ניט דערמיט וואָס ער איז אוממענטשלעך אָדער וואָס ער איז קעגן די קריגס־געזעצן, נאָר בלויז און אויסשליסלעך מיט פּראַקטישע טעמים.

צו יענער צייט איז שוין אין דער רויטער אַרמיי געווען אַלגעמיין באַקאַנט אַז דער סטאַטוס פון קריגס־געפאַנגענע איז ניט גילטיק פאַר די פּאָליטישע קאָמיסאַרן וואָס ווערן געפאַנגען. און דאָס האָט זיי צוגעגעבן נאָך מער היץ ביים ווירקן אויף זייערע זעלנער אַז יענע זאָלן זיך שלאָגן ביזן ביטערן סוף. אין רעזולטאַט האָט זיך דער רוסישער ווידערשטאַנד געשטאַרקט, דער דייטשער פאָרויסמאַרש איז געוואָרן שוואַכער, און זייערע פאַרלוסטן האָבן זיך געמערט. דער קאָמיסאַרן־באַפעל איז, דעריבער, געווען, אַמוויינצקסטן געזאָגט, קורצזיכטיק, אָבער היטלער האָט אַפילו ניט געטראַכט אים צו אַנולירן און די הריגה איז אָנגעגאַנגען ווייטער.

אינעם פעריאָד וואָס פעלד־מאַרשאַל פאָן מאַנשטיין האָט קאָמאַנדירט מיט דער עלפטער דייטשער אַרמיי, פון סעפּטעמבער 1941 ביז נאָוועמבער 1942, זענען גרויסע צאָלן קאָמיסאַרן „ליקווידירט" געוואָרן אין הסכם מיט יענעם באַפעל.

עס ווייזט גאָר ניט אויס אַז אָט־דער גענעראַל האָט ווען־עס־איז שריפטלעך פּראָטעסטירט קעגן דעם באַפעל, הגם ער האָט אַלץ געטענה'ט אַז ביים באַקומען דעם באַפעל איז ער געווען אויסער זיך, ווייל דאָס איז, לויט זיין מיינונג, אַ פולע סתירה צו דער גאַנצער מיליטערישער טראַדיציע.

און דערביי האָט ער אויפן פּראָצעס דערקלערט, אַז ער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט דער פראַגע פון געזעצלעכקייט נאָר בלויז מיטן כבוד פון זיין מיליטער און אַז ער האָט זיך געווענדט צום פעלד־מאַרשאַל פאָן לעב, וואָס איז דאַמאָלס געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אַ גרופּע אַרמייען, און אים געזאָגט אַז ער קאָן ניט אויספירן דעם באַפעל. עס האָט אויסגעזען אַז לעב טיילט די מיינונג פון פאָן מאַנשטיין.

---

*) זע קאַפּיטל IV.

בשעת זיין עדות־זאָגן פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל אין נירענבערג האָט דער פעלדמאַרשאַל געזאָגט, אין שייכות מיט זיי באַקומען דעם באַפעל, „צום ערשטן מאָל איז ביי מיר אַנטשטאַנען אַ קאָנפליקט צווישן מיין זעלנערישן באַגריף פון כבוד און דער פליכט פון געהאָרכזאַמקייט... פאַקטיש איז דער באַפעל ניט אויסגעפירט געוואָרן. מיינע דיוויזיע־קאָמאַנדירן וואָס האָבן שוין דעם באַפעל געהאַט באַקומען דירעקט פאַר זייער פאַרלאָזן דייטשלאַנד, האָבן געטיילט מיין מיינונג. די זעלנער האָבן אויפן באַפעל געקוקט ביז גאָר קרום".

ווי אַזוי האָבן זיך די זעלנער בכלל דערוווּסט וועגן דעם אָ באַפעל? ווען ער איז דערשינען האָט מען באַשטימט אים פאַנאַנדערצוטיילן פון אויבן אַראָפּ נאָר ביז די הויפּט־קאָמאַנדירן פון די אַרמייען און אַוויאַציע, און פאַר די נידריקע פאָרמאַציעס האָט מען געדאַרפט קאָמוניקירן מ י נ ד ל ע ך. עס איז זיכער אַ לאָגישער אויספיר אַז אויב די זעלנער זענען געווען באַקאַנט מיטן אינהאַלט האָט דאָך דער באַפעל געדאַרפט פריער דערגיין צו זיי. און דאָס האָט נאָר געקאָנט געשען דורך זייערע קאָמאַנדירן.

עס בלייבט אַ פאַקט, און עס זענען פאַראַן באַווייזן וואָס באַשטעטיקן אים, אַז אַ גרויסע צאָל קאָמיסאַרן זענען אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די דייטשע אַרמייען אין רוסלאַנד בשעת זייער פאַר־אויסמאַרש אין די יאָרן 1941 און 1942, און אַז די צאָל קרבנות האָט זיך גענומען פאַרקלענערן ערשט שפּעטער ווען די נאַציס זענען צוריקגעטראָטן און דער קאָמיסאַר איז שוין מער ניט געווען דער פאַרפאָלגטער נייערט דער פאַרפאָלגער.

פאַראַגראַף 6 פון די האַג־תקנות שטעלט פעסט, אַז אַ מדינה קאָן זיך באַנוצן מיט דער אַרבעט פון די קריגס־געפאַנגענע, וואָס זייער מיליטער האָט געפאַנגען, אויסער אָפיצירן, צוגעפּאַסט צו זייער ראַנג און פעיקייט. די אַרבעט דאַרף ניט זיין צו שווער און „דאַרף ניט האָבן קיין שום שייכות מיט קריג־אָפּעראַציעס".

ביים אויפקלערן וואָס אַזוינס מיינט פאַרבאָטענע אַרבעט אַנטשטייען געוויסע שוועריקייטן. אונטער דעם געהעריקן פאַראַגראַף פון די האַג־תקנות באַגרענעצט זיך ניט דער פאַרבאָט בלויז מיטן

מין געפערלעכע ארבעט. דער עלעמענט פון געפאַר ווערט פאַרבאָטן אַרויסגייענדיק פון דער פאָדערונג פאַר מענטשלעכער באַהאַנדלונג אָבער ער ווערט דערביי ניט אויסגעטיילט באַזונדער.

אין דעם פאַראַגראַף 6 זענען די ווערטער „קיין שום שייכות מיט קריגס־אָפּעראַציעס" אַזוי ברייט פאַראַלגעמיינט, אַז אין די אומשטאַנדן פון אַ מאָדערנער קריגפירונג, בשעת כמעט די גאַנצע מענטשן־קראַפט פון דער מדינה ווערט איינגעשפּאַנט אינעם קריג־פאַרמעסט, קומט אָן שווער אָנצורופן אַן אַרבעט וואָס זאָל ניט האָבן אַזאַ מין אַרט שייכות.

פאַראַגראַף 31 אין דער זשענעווער קאָנווענץ פונעם יאָר 1929, וואָס איז ניט געווען אָבליגאַטאָריש פאַר דייטשלאַנד און איר מלחמה מיט רוסלאַנד, האָט פעסטגעשטעלט אַז קריגס־געפאַנגענע דאַרפן ניט טאָן קיין אַרבעט, וואָס האָט אַ ד י ר ע ק ט ע שייכות מיט קריג־אָפּעראַציעס. עס איז אוממעגלעך געניי צו פאָרמולירן וועלכע אַרבעט האָט אַ דירעקטע אָדער אומדירעקטע שייכות צו מיליטערישע אָפּעראַציעס. אָבער עס קאָן גאָר קיין צווייפל ניט זיין אַז בויען שוצגראָבנס אויפן פראָנט האָט אַ דירעקטע שייכות צו קריג־אָפּעראַציעס און אַז אָפּריינִיקן אַ מינענפעלד איז בדרך כלל אין אַ געוויסער מאָס געפערלעך.

אויף דעם פּראָצעס פון דער אייבערקאָמאַנדע *) האָט דער

---

*) גענעראַל פעלדמאַרשאַל פאָן לעב און נאָך דרייצן אַנדערע הויך־ראַנגיקע־אָפיצירן פון פריער אין דער דייטשער אַרמיי און אין פלאָט זענען געשטאַנען פאַר אַ מיליטער־טריבונאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין נירענבערג פון דעם 30־טן דעצעמבער 1947 אָן ביז דעם 28־טן אָקטאָבער 1948. מען האָט זיי באַשולדיקט אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אַנצאָליקע פאַרברעכנס קעגן קריגס־געפאַנגענע און קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

איינער פון די באַשולדיקטע, גענעראַל אָבערסט בלאַסקאָוויץ, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דעם 5־טן פעברואַר 1948, בשעת׳ן עצם פּראָצעס. פון די איבעריקע, זענען צוויי געוואָרן פרייגעשפּראָכן, און עלף זענען פאַרמישפּט געוואָרן פאַר עבירות וואָס זענען באַשטאַנען אין קריגס־פאַרברעכנס און אין פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט און זיי זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו תפיסה־טערמינען פון צוויי יאָר ביז לעבנס־תפיסה.

טריבונאַל געפסקנט, אַז ווען קאַמף־אײנהייטן באַשעפטיקן קריגס־געפאַנגענע ביים בויען פעלד־פאַרטיפיקאַציעס אויפן פראָנט הייסט עס „אַ געפערלעכע באַשעפטיקונג אין די אומשטאַנדן פון אַ מאָדערנער מלחמה״; און ווייטער, אַז דאָס באַנוצן זיך מיט קריגס־געפאַנגענע סיי ביי אַזאַ מין אַרבעט און אויך ביים מינען־אָפּרייניקן ווערט קלאָר און דייטלעך פאַרבאָטן דורכן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ און שטעלט מיט זיך פאָר אַ קריגס־פאַרברעכן.

אין נאָוועמבער 1941 האָט די דייטשע אויבער־קאָמאַנדע אַרויסגעלאָזט דירעקטיוון צו אַלע אַרמיי־גרופּן און אַרמייען אין רוסלאַנד וועגן „באַטאַליאָנען פון קריגס־געפאַנגענע״.

דאָ פאָלגט אַ פראַגמענט פון די דירעקטיוון:

די באַדערפענישן פון דער מלחמה־ווירטשאַפט פאָדערן אַז, אויב עס איז מעגלעך, זאָל אַ דייטש ווערן באַשעפטיקט נאָר אין יענעם פאַל, ווען עס קאָן אים ניט פאַרטרעטן אַן אויסלענדער אָדער אַ קריגס־געפאַנגענער. אַ רייע פליכטן אין מיליטער און אויפן פראָנט וואָס ביז איצט האָבן זיך דייטשע זעלנער געמוזט אָפּגעבן דערמיט, דאַרפן איבערגיין צו די קריגס־געפאַנגענע אויב מען קען זיי אויף אַ זאָרגפעלטיקן און פּראַקטישן אופן אַריינפּאַסן אין די מיליטערישע ראַמען. די אויבער קאָמאַנדע וועט, דעריבער, פאָרמירן באַטאַליאָנען פון קריגס־געפאַנגענע.

אָט די דירעקטיוון זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך אַלע קלענערע פאָרמאַציעס אויפן רוסישן פראָנט, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט באַפעלן באַזירט אויף דעם.

נאָך פריער פאַר די דירעקטיוון פונעם OKW, זענען דורך די אונטער־קאָמאַנדירן פאַרעפנטלעכט געוואָרן באַפעלן צו פאָרמירן אַרבעט־קאָלאָנעס. אַזאַ מין דירעקטיוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער עלפטער אַרמיי מיט דער חתימה פונעם שעף פונעם שטאַב, ווילער, דאָרט איז פעסטגעשטעלט אַז די קריגס־געפאַנגענע זענען אַ ווערטפולע אַרבעט־קראַפט, און דעריבער איז כדאי צו פאָרמירן אַרבעט־קאָלאָנעס אויף אַזאַ אופן מען זאָל קאָנען אַמשנעלסטן פאַרווענדן די קריגס־געפאַנגענע „פאַר מיליטערישע צוועקן פון דער אַרמיי אין דער אָפּעראַטיווער זאָנע״.

געפאַנגענע זענען פון הינטער זייערע קראַטעס אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַרטילעריע, אינזשענירן און סיגנאַל־איינהייטן צו אַרבעטן אויף די פאָרפּאָסטן. מען האָט די אינפאַנטעריע רעגימענטן דערלויבט אַז זיי זאָלן פון צווישן די געפאַנגענע וואָס זיי נעמען פאַרהאַלטן די יעניקע וואָס מען קען זיי אויסנוצן פאַר אַן אַרבעט אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. אַנטרייבער פון פערד און וואָגן ביי די קאָלאָנעס פון פּראָוויאַנט און אַרטילעריע־אַמוניציע זענען פאַרביטן געוואָרן מיט סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע און זיי אַליין האָט מען אַוועקגעשיקט אין קאַמף־איינהייטן.

דאָס אַלץ איז געווען אויסדריקלעך קעגן די האַג־תקנות, אָבער פון סאַמען אָנפאַנג אָן אין דער קאַמפּאַניע, איז עס געווען די פראַנק און פרייע כוונה פון דער דייטשער אויבער־קאָמאַנדע צו באַשעפטיקן די רוסישע געפאַנגענע און דערמיט צו ברעכן די קריגס־געזעצן. אין יולי 1941 איז אַרויס אַ באַפעל פון OKW אַז געוויסע קאַטעגאָריעס געפאַנגענע דאַרפן ניט ווערן עוואַקויִרט קיין דייטשלאַנד נאָר מען זאָל זיי באַשעפטיקן אין דער אָפּעראַטיווער זאָנע, און דער אויבנציטירטער דירעקטיוו פון דער עלפטער אַרמיי פון דעם 3־טן אויגוסט 1941 האָט באַדאַרפט העלפן ביים רעאַליזירן אָט דעם באַשלוס.

אין משך פון איין חודש זענען 43.000 אַזעלכע געפאַנגענע געווען באַשעפטיקט אינעם פּראָוויאַנט־דינסט אויף די פאָרפּאָסטן און 13.000 ביים בויען שוצגראָבנס. אָט די אַרבעט האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן מיליטערישן כאַראַקטער, סיי אין דער קריגס־געגנט און סיי הינטער די אַרמיי־ליניען. זיי האָבן געאַרבעט אין די מיליטער־מאַגאַזינען, געהאַט צו טאָן מיט אויסשטאַטונג און אַמוניציע פאַר דער פאָרפּאָסט־אַרמיי און זיי האָבן געבויט שוץ־פּאָזיציעס. די דייטשן אַליין האָבן די אַרבעט געשילדערט ווי „אַ העכסט וויכטיקע פאַר דער קריגפירונג".

אַז אָט־די פּאָליטיק איז געווען אַדורכגעפירט סיסטעמאַטיש, איז גאָר קיין ספק ניט. אין די קריג־טאָגביכער ביי די דייטשע פאָרמאַציעס פון אַלע שטאַפּלען זענען פאַראַן פאַרצייכענונגען וועגן דעם ווי־אַזוי מען האָט אין משך פון די יאָרן 1942 און 1943 באַשעפטיקט גרויסע צאָלן קריגס־געפאַנגענע ביים בויען פאָרטיפיקאַציעס.

דאָס איז נאָך ניט געווען אַלעס. מען האָט די געפאַנגענע אַ סך אויסגענוצט פאַר אָפּרייניקן מינענפעלדער. אַ באַפעל אַרויסגעגעבן דורך דעם דייטשן XXX־טן קאָרפּוס, וואָס פאַרופט זיך אויף אַ דירעקטיוו פון OKW, זאָגט אַזוי, „מען דאַרף נעמען אין אַכט דעם באַשלוס פון דער אייבערקאָמאַנדע אַז כדי צו שוינען דייטש בלוט זאָל מען ביים אויפדעקן און אָפּרייניקן מינעס זיך באַנוצן בלויז מיט רוסישע געפאַנגענע, אויסער בשעת אַן אַקציע אָדער ווען די געפאַר איז אַ דירעקטע. אָט די פאָרשריפט איז אויך גילטיק פאַר דייטשע מינעס. צוליב דעם צוועק דאַרפן פאַרמירט ווערן ספּעציעלע אײנהייטן פון קריגס־געפאַנגענע".

נאָך אָפּשטויסנדער איז געווען דער שטייגער צו באַנוצן די געפאַנגענע אַלס וועגווייזער פאַרן דייטשן מיליטער בשעת מען האָט געפירט אַן אַטאַק דורך פיינדלעכע מינענפעלדער. וואָלט מען כאָטש זיי באַנוצט פשוט כדי זיי זאָלן אַדורכפירן די דייטשע זעלנער דורך באַשטימטע צווישנרוימען אויף די מינענפעלדער וואָלט מען דאָן ניט געקאָנט האָבן צו גרויסע טענות, הגם אויך דאָס הייסט ברעכן די האַג־תקנות אין טעכנישן זין. אָבער מען האָט זיך מיט זיי באַנוצט גאָרניט צוליב דעם צוועק, נייערט ווי מיט אַ לעבעדיקער שילד וואָס דאַרף אָפּוועגדן פון די פאַרויסמאַרשירנדע דייטשן אַלע מינעס וועלכע רייסן זיך אויף. די אינסטרוקציעס וועגן דעם אויסוואַל און אויסנוץ פון די געפאַנגענע פאַר די מינע־עקספּלאָדירונגען האָבן אָנגעזאָגט אַז מען דאַרף גוט אַכטונג געבן יענע זאָלן ניט ווערן „אויסמיידן די מינעס שטעלנדיק צו גרויסע שריט".

עס זענען געפאָרשט און באַשטעטיקט געוואָרן אַ סך פאַלן פון ברוטאַלישקייט קעגן רוסישע קריגס־געפאַנגענע. מען האָט זיי געפייניקט מיט אָנגעגליטן ברענאייזן; אויסגעשטאָכן זייערע אויגן, אויפגעטרענט זייערע בייכער; אָפּגעהאַקט ביי זיי פיס, הענט, פינגער, אויערן און נעזער, צעקיילט און צעביילט זיי אויף אַן אַרט וואָס האָט מער געפאַסט פאַר מאַו־מאַו־ווילדקייט, ווי פאַר דער דייטשער קולטור.

נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן פונעם דניעפּר, האָט מען געפונען די קערפּערס פון אַ רוסישן באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר

און פון זיין קאָמיסאַר. זייערע הענט זענען געווען צוגענעגלט צו שאַנד־סלופּעס און אויף זייערע קערפּערס זענען געווען אויסגעשניטן, אַ פּנים מיט אַ מעסער, פינף־עקיקע שטערנס; נעבן זיי איז געלעגן דער גוף פון נאָך אַ רוסישן זעלנער, זיינע פיס זענען געווען פאַרקוילט און זיינע אויערן אָפּגעשניטן.

די געפאַנגענע קראַנקענשוועסטער און פעלדשערינס, וואָס זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן, זענען אָפט פאַרגוואַלדיקט און געשענדעט געוואָרן. נעבן סמאָלענסק האָט מען דערשטאָכן מיט באַיאָנעטן אָדער דערשאָסן גרויסע צאָלן פאַרוואונדעטע, וואָס זענען געלעגן דאָרט און געוואַרט אויף מעדיצינישע הילף.

ווינטער־צייט האָבן די דייטשישע זעלנער צוזאַמען מיט זייערע אָפיצירן אַוועקגענומען ביי די געפאַנגענע זייערע קליידער, אויך ביי די געפאַנגענע פרויען, און אַפילו אויסגעטאָן און געלאָזט נאַקעט און הויל די טויטע.

אינעם קליינעם דאָרף פּאָפּאָווקאַ אין דער געגנט פון טולאַ, האָבן די דייטשע זעלנער 140 געפאַנגענע רויט־אַרמייער אין אַ שפּייכלער אַריינגעטריבן און זיי אונטערגעצונדן. אין דער געגנט פון לענינגראַד האָבן די דייטשן, בשעת זייער צוריקטריט, זיך באַנוצט מיט אויפרייס־קוילן כדי צו הרגענען 150 סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, נאָכדעם ווי מען האָט זיי געשלאָגן און געפייניקט. שפּעטער האָט מען נאָך צעקיילט און צעביילט זייערע טויטע קערפּערס.

אין דעצעמבער 1941, ווידער נעבן סמאָלענסק, האָבן די דייטשן אומגעבראַכט 200 קריגס־געפאַנגענע, נאָכדעם ווי מען האָט זיי דורכגעטריבן דורך דער שטאָט קאָוודראָווע באָרוועס און נאַקעט, און אויפן וועג געשאָסן אין יעדן וואָס האָט שוין ניט געהאַט מער כוח צו שטעלן אַן איבעריקן טריט. און דערצו אויך אייניקע צוויישן די אָרטיקע איינוווינער וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן פאַר זיי ברויט אויף דער גאַס.

עס זענען אויך געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען צו בראַנדמאַרקן סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע. „די סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע דאַרפן ווערן געבראַנדיקט מיט אַ דייטלעכן קענצייכן. דער בראַנד דאַרף באַשטיין פון אַ שאַרפן ווינקל ביי 45°, איין זייט זאָל זיין אומגעפער אַ סענטימעטער די לענג, מיטן שפּיץ אַראָפּ צו צום

לינקן טייל פונעם געזעס, אָפּגערוקט פונעם רעקטום אויף אַ האַנט די ברייט. צום פאַרבן זאָל מען נעמען אינדישע טינט".

די באַדינגונגען אין די דייטשע קעמפּן פאַר די קריגס־געפאַנגענע אין רוסלאַנד לאָזן זיך שווער באַשרייבן. די געפאַנגענע זענען אויסגעהרגעט געוואָרן טויזנטערווייז. קראַנקע האָבן קיינמאָל ניט באַקומען קיין שום מעדיצינישע הילף. אין איינעם אַ קעמפּ, נעבן סמאָלענסק, זענען טאָג־טעגלעך אויסגעשטאָרבן צוויי הונדערט געפאַנגענע פון הונגער, טיפוס, דיזענטעריע, אָדער זיי זענען פאַרפרוירן געוואָרן צום טויט. מען האָט די אויסגעדאַרטע קראַנקע געפאַנגענע געטריבן אויף צוואַנג־אַרבעט אין דער סמאָלענסקער קראַפט־סטאַציע און די יעניקע וואָס זענען אַנידערגעפאַלן אויסגעשעפּט, האָבן די וועכטער דערשאָסן אויף דער שטעל. דער קעמפּ־שפּיטאָל איז געווען אַ פּשוטער שלאַכטהויז. אַ דאָקטאָר וואָס האָט דאָרט געאַרבעט אין די אָנהייב חדשים פון יאָר 1942, אין די ברענענדיקע רוסישע פרעסט, האָט באַשטעטיקט, אַז דער שפּיטאָל איז ניט געווען געהייצט, אַז די פאַרוווּנדעטע זענען געלעגן ניט באַנדאַזשירט אויף די הוילע ברעטער, און אַז זייערע קליידער און בעטגעוואַנט זענען געווען באַדעקט מיט אייטער און קויט.

איין קעמפּ אַזאַ פאַר קריגס־געפאַנגענע האָט מען איינגעאָרדנט אין דער ציוויל־טורמע פון אָריאָל. ווען די דייטשן האָבן אָפּגעטראָטן, האָט אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים גענומען אויפן פאַרהער אייניקע פון די אָפיצירן מעדיקער אינעם קעמפּ. די טעגלעכע פּאָרציע פאַר געפאַנגענע איז באַשטאַנען פון 200 גראַם ברויט און איין ליטער סופּ געקאָכט פון פוילע סאָיאַ־פאַסאָלעס און ווערעמדיק מעל. דעם ברויט האָט מען געבאַקן פון מעל געמישט מיט זעגשטויב. דער מאַקסימום נאַרהאַפטיקייט אין אַ טעגלעכער פּאָרציע איז געווען 700 קאַלאָריען.

ביי אַזאַ נערונג האָבן די געפאַנגענע געמוזט אַרבעטן פון עלף ביז צוועלף שעה אַ טאָג. זיי זענען, פאַרשטייט זיך, ניט געווען אומשטאַנד עס צו טאָן, און אַ סך פון זיי זענען געשטאָרבן פּשוט פון פיזישער אויסגעשעפּטקייט. הונדערטער געפאַנגענע האָבן אין אָט דעם קעמפּ געליטן פון געשווילעכצן, אַלס רעזולטאַט פון דער סיסטעמאַטישער אויסהונגער־סיסטעם; אָבער אַזאַ מין דיאַגנאָז האָט

מען ניט געטאָרט שטעלן אין קעמפּ. די געשווילעכץ איז שטענדיק געווען פאַרטייטשט מיט נירן אָדער האַרץ־ליידן, און עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אַפילו צו דערמאָנען דעם נאָמען „הונגער עדעמאַ״.

הייצשטאָף און פריש וואַסער האָבן אינגאַנצן אויסגעפעלט, און דער קעמפּ איז געווען פאַרפלייצט מיט ווערעם און לייז. די שטערבלעכקייט האָט אָנגענומען אַ מאַסן־פאָרם און מינדעסטנס דריי טויזנט זענען געשטאָרבן פשוט פון אונטערדערנערונג. די געפאַנגענע זענען געשטאָרבן צו זעקס אין אַ טאָג, און די לעבעדיקע זענען געשלאָפן צוזאַמען מיט די טויטע.

דערביי איז אָט־דער קעמפּ ניט געווען ערגער פון אַנדערע, ווייל אין די ערשטע מאָנאַטן פון דער קאַמפּאַניע האָט די דייטשע אייבער־קאָמאַנדע זיך קנאַפּ־וואָס געזאָרגט צי די רוסישע געפאַנגענע לעבן אָדער זיי שטאַרבן. ערשט שפּעטער ווען מען האָט זיך געכאַפּט וואָס פאַר אַ שקלאַפן־אַרבעט מען קאָן אַרויסשלאָגן פון זיי, האָט מען גענומען אָנווענדן אַ ביסל מער מי אויף צו דערהאַלטן זיי ביים לעבן.

די מינימום־פּאָרציע, וואָס OKW האָט באַשטימט פאַר אַ קריגס־געפאַנגענעם אויף אַ צייטמאָס פון אַכט און צוואָנציק טעג, איז ניט געווען צו גרויס. איר וואָגמאָס איז געווען אַ פאָלגנדע: ברויט 6 קילאָ, פלייש 400 גראַם, פעט 400 גראַם, צוקער 600 גראַם. פאַר געפאַנגענע וואָס האָבן געאַרבעט ספּעציעל שווער איז די וואָגמאָס געווען אַביסל העכער.

מען האָט די געפאַנגענע אויך באַרויבט פון זייערע קליידער. אַן אַדמיניסטראַטיווער באַפעל, וואָס איין דייטשישע דיוויזיע האָט אַרויסגעגעבן אונטערן טיטל „די לאַגע פון קליידער־באַזאָרגונג״, האָט באַשטימט אַז מען זאָל אָן שום קווייקלעניש אַראָפּנעמען פון די רוסישע געפאַנגענע זייערע שטיוול, אויב זיי זענען גאָר גוט. אין די גרעסטע פרעסט פון 1941/42 האָט מען זיי געלאָזט ווינטערן אין דרויסן, האַלב פאַרהונגערט, נאַקעט און הויל. איז שוין גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זיי זענען אויסגעשטאָרבן ווי פליגן.

אָבער זיי זענען אומגעקומען ניט בלויז פון הונגער, פאַרוואָר־לאָזקייט און קעלט אַליין. דעם 24־טן יולי 1941, אַ חודש נאָכדעם ווי היטלער האָט אַריינמאַרשירט אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע, האָט די דייטשע אייבערקאָמאַנדע אַרויסגעלאָזט אַ ברייט־אַלגעמיינעם

באַפעל וועגן דער באַהאַנדלונג פון די רוסישע קריגס־געפאַנגענע, — ווי אַזוי מען זאָל זיי גרופּירן, אָרגאַנזשירן און איינקוואַרטירן. צוליב דעם צוועק זענען זיי געוואָרן צעטיילט אויף פינף קאַטעגאָריעס. וועגן איין קאַטעגאָריע צווישן די אַלע איז געשטאַנען אַז זי אַנטהאַלט אין זיך „עלעמענטן וואָס זענען פּאָליטיש אומדערטרעגלעך; פאַרדעכטיקע, קאָמיסאַרן און אַגיטאַטאָרן". אַזעלכע האָבן געדאַרפט ווערן באַהאַנדלט לויט „ספּעציעלע אינסטרוקציעס". דאָס האָט געהייסן אַז די זאָנדערקאָמאַנדאָס *) פון געסטאַפּאָ און ס.ד., וואָס זענען געווען אַנגעשלאָסן צו יעדער קעמפּ פון קריגס־געפאַנגענע, האָבן אויסגעזוכט אָט־די „פּאָליטיש אומדערטרעגלעכע עלעמענטן". לויט דער פראַזעאָלאָגיע פונעם באַפעל גופא, האָבן די ס.ד. איינהייטן געזאָלט אָפּערירן „ווי מעגלעך אומבאַמערקבאַר", ניט געדאַרפט אָפּלייגן אויף שפּעטער די ליקווידאַציעס און דורכפירן זיי דערווייטערט פון די טראַנזיט קעמפּן און דערפער אויף אַזויפיל, אַז די איבריקע קריגס־געפאַנגענע און די ציווילע באַפעלקערונג זאָלן גאָרניט וויסן דערפון.

אַזוי האָבן געקלונגען די אינסטרוקציעס, — אָבער אין דער ווירקלעכקייט זענען כמעט אַלע קריגס־געפאַנגענע אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין זייער לעצטן וועג אַריין האָט מען זיי אַריינגעפּאַקט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, ווי אַזויפיל און אַזויפיל פגרים, אָפּט אָן ברויט און אָן וואַסער, און געהאַלטן זיי דאָרטן פאַרשפּאַרט דריי אָדער פיר טעג.

אין איינעם אַ פאַל, ווען אַ צוג פון קריגס־געפאַנגענע, וואָס איז באַשטאַנען פון פופציק וואַגאָנען, איז אָנגעקומען צום ציל און מען האָט אויפגעעפנט די טירן, — איז דער שלעכטער ריח פון די טויטע קערפּערס געווען ניט צום אויסהאַלטן; די העלפט פון די געפאַנגענע זענען געווען טויט, אַ סך אויפן סאַמע ראַנד פון טויט, און די ווייניקע וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל כוח צו לאָזן זיך לויפן נאָך וואַסער, האָבן די וועכטער דערשאָסן. אין אַן אַנדער צוג, צונויפגעשטעלט פון דרייסיק וואַגאָנען, פול אָנגעפּאַקט מיט געפאַנגענע, האָט זיך ביים סוף פון דער רייזע שוין ניט געפונען קיין איין לעבעדיקער נפש, און מען האָט פון דאָרטן אויסגעלאָדן 1500 טויטע קערפּערס.

*) אָפּטיילונג צוליב ספּעציעלע אויפגאַבן.

קאַפּיטל VII

קריגס־פאַרברעכנס אין אָפענעם ים

ווען עס איז אין 1939 אויסגעבראָכן דער קריג צווישן ענגלאַנד און דייטשלאַנד, איז שוין מער ווי אַ דריי יאָרהונדערטער געווען איינגעפירט, אַז אַ קריגשיף מעג פאַרכאַפּן אַ פיינדלעכע האַנדלשיף, ברענגען זי צו פירן אין אייגענעם פּאָרט כדי דאָס „פּריז־געריכט" זאָל, ביי פּאַסיקע אומשטאַנדן, קאָנען קאָנפיסקירן די שיף צוזאַמען מיט איר פראַכט.

מען האָט אויך געמעגט אָפּשטעלן און דורכזוכן אַ נייטראַלע שיף, און אויב מען האָט אויף איר געפונען קאָנטראַבאַנדע פלעגט מען שוין די שיף פאַרנעמען און דאָס „פּריז־געריכט" האָט זי קאָנפיסקירט.

עס איז אויך געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער שטייגער, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קריגס־מינהג, אַז אויב מען מעג בכלל פאַרניכטן שיפן, אויסער די פאַלן ווען זיי שווימען אין פאַרויס־דערקלערטע „קריגזאָנען", איז עס נאָר און אויסשליסלעך דאַן, ווען די שיפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד שוין נאָך דעם ווי מען פאַנגט זיי.

עס איז געווען פאַרויסגעזעצט, אַז אויב שיפן שווימען מיט אַ קאָנוואָי, הייסט עס, אַז זיי ווילן זיך ניט לאָזן מיט גוטן מען זאָל זיי פון אַ פיינדלעכער קריגשיף באַזוכן און דורכזוכן. מעג מען זיי, דעריבער, דערטרינקען גלייך ביים אַנטדעקן; אָבער אויב אַ האַנדלשיף שווימט אָן אַ קאָנוואָי טאָר מען זי ניט דערטרינקען איידער מען וואָרענט זי, זי זאָל זיך אָפּשטעלן און זיך לאָזן באַזוכן און דורכזוכן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען אָפט געבראָכן אָט־דעם בריייט־פאַרשפּרייטן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרין־געזעץ. האָט מען עס טאַקע געהאַלטן פאַר העכסט געווינטשן, מען זאָל אויפסניי

אויפקלערן די לאַגע, און דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין פּאַראַגראַף 22 אינעם לאָנדאָנער מאַרין־אָפּמאַך פון 1930, צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן, גרויס בריטאַניע, פראַנקרייך, איטאַליע און יאַפּאַן *).

פּאַראַגראַף 22 זעט פאָר:

(I) בשעת אַן אַקציע קעגן אַ האַנדלשיף דאַרפן די אונטער־וואַסער־שיפלעך זיך צופּאַסן צו די פאָרשריפטן פונעם אינטער־נאַציאָנאַלן געזעץ פאַר די אויבנשווימענדיקע־שיפן.

(II) אַ קריגשיף, סיי ווען זי שווימט אונטערן וואַסער אָדער פון אויבן, דאַרף ניט דערטרינקען אָדער שעדיקן אַ האַנדלשיף איידער די פּאַסאַזשירן, די מאַנשאַפט און די שיף פּאַפּירן זענען געראַטעוועט, אויסער אין יענע פאַלן בשעת אַ שיף וויל בשום אופן ניט, נאָך פיל וואָרענונגען, זיך אָפּשטעלן אָדער זי דערלאָזט אַקטיוו ניט קיין שום באַזוך אָדער דורכזוכונג. רעטונגשיפלעך ביי די שיפן רעכענען זיך ניט פאַר אַ גענוג זיכערן אָרט, סיידן די זיכערקייט פון די פּאַסאַזשירן און פון דער מאַנשאַפט איז באַוואָרנט דורך גינסטיקע ים און וועטער־באַדינגונגען, דורך דער נאָענטקייט פון ברעג, אָדער דורך דער אָנוועזנהייט פון אַן אַנדער שיף וואָס איז גרייט און איז אין שטאַנד זיי אַלע אויפצונעמען.

די געזעצן זענען גענוג פאַרשטענדלעך און איינדייטיק, און עס קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין קיין שום לייטישער תירוץ אַז מען האָט זיי ניט פאַרשטאַנען. אָבער עס איז שוין פון די ערשטע שעה'ן אָן ביים אויסברעכן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואָרן קלאָר, אַז די דייטשן האָבן בדעה אַבסאָלוט זיי צו איגנאָרירן, ווייל שוין דעם 3־טן סעפּטעמבער 1939 אויפדערנאַכט איז דער דאַמפער א ט ה ע נ י אַ, אויף זיין וועג קיין אַמעריקע, דערטרונקען געוואָרן דורך אַ דייטשן או־שיפל, צוזאַמען מיט בערך אַ הונדערט מענטשן.

---

*) די קורצע פעסשטעלונג וועגן דער לעגאַלער לאַגע ביים דערטרינקען אַ פיינדלעכע האַנדלשיף איז אַ תמצית פון אַ מעמאָראַנדום אַרויסגעלאָזט דורכן בריטישן אויסערן מיניסטעריום דעם 8־טן אָקטאָבער 1940.

די נאַצישע פּאַרטיי־צייטונג, דער פעלקישע־בעאָבאַכטער האָט, אינעם נומער פון דעם 23־טן אָקטאָבער 1939, געגעבן אַזאַ שרייענדיק קעפּל: „טשערטשיל האָט דערטרונקען אַטהעניאַ".
אונטער אַ בילד פון דער שיף איז געווען אָפּגעדרוקט:

דאָס בילד אויבן ווייזט די שטאָלצע אַטהעניאַ, דעם אָקעאַן־ריז, וואָס איז אונטערגעגאַנגען דורך טשערטשיל׳ס פאַרברעכן. יעדער איינער קאָן דייטלעך זען די גרויסע ראַדיאָ־איינריכטונג אויפן דעק. אָבער דאָך האָט מען אין ערגעץ ניט געהערט קיין שום הילפרוף, קיין שום ס.אָ.ס. פאַרוואָס האָט אַטהעניאַ געשוויגן? ווייל מען האָט דעם קאַפּיטאַן ניט דערלויבט, אַז ער זאָל עפּעס וואָס לאָזן וויסן דער וועלט. עס איז געווען זייער געשייט פון אים וואָס ער האָט זיך איינגעהאַלטן און ניט דערציילט דער וועלט, אַז ווינסטאָן טשערטשיל האָט זיך פאַרמאָסטן צו דערטרינקען די שיף דורך אַן עקספּלאָזיע פון אַ צייט־באָמבע. דער קאַפּיטאַן האָט עס גוט געוווּסט, אָבער ער האָט געמוזט שווייגן. ביי אַ 1,500 מענטשן וואָלטן אומגעקומען ווען טשערטשיל׳ס אורשפּרינגלעכער פּלאַן וואָלט זיך איינגעגעבן, אָט אַזוי ווי דער פאַרברעכער האָט עס געוואָלט. יאָ, ער האָט געהאָפט אַן געגאַרט אַז די 100 אַמעריקאַנער אויפן שיף זאָלן געפינען זייער טויט אין די ים־כוואַליעס, כדי דער צאָרן פונעם פאַרפירטן אַמעריקאַנער פאָלק זאָל זיך ווענדן קעגן דייטשלאַנד, צוליב דעם אויסגעטראַכטן בלבול אַז די דייטשן זענען שולדיק אינעם פאַרברעכן. צום גליק האָט דאָס רוב אויסגעמיטן דעם גורל וואָס עס האָט פאַר זיי צוגעגרייט טשערטשיל. אונדזער בילד פון רעכטס ווייזט צוויי פאַרוווּנדעטע פּאַסאַזשירן. זיי האָט געראַטעוועט די פראַכטשיף סיטי אָף פלינט און, ווי עס איז דאָ צו זען, זענען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַן אַמעריקאַנער וואַכשיף גיב צוליב דער ווייטערדי־קער מעדיצינישער באַהאַנדלונג. אָן ווערטער באַשולדיקן זיי שטום דער קרימינעלען פאַרברעכער טשערטשיל. זיי ביידע, צוזאַמען מיט די שאָטנס פון די אַלע וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער לעבן, רופן אים צו אַ וועלט־טריבונאַל און זיי פרעגן דאָס בריטישע פאָלק „ווי לאַנג נאָך וועט דער מערדער פאַרנעמען דעם גרויסן

פון מאסן־שחיטה

דאָס פארברענען די קערפערס
אין בירקענוי פארן אויפשטעלן
די קרעמאטאָריע

דאָס הענגען פּאַטריאָטן אין שול

אַמט, אַזוי רייך אין דער טראַדיציע און אַזוי באַרימט אין דער בריטישער געשיכטע ?״

פיינע הויכקלינגענדיקע אויפגעבלאָזענע ווערטער מצד אַ פאָלק וואָס איז נאָכדעם געשטאַנען פאַר אַ געריכט פון דער געשיכטע, שולדיק אין אַ טוץ מיליאָנען מאָרדן.

די פאַקטן האָבן אויסגעזען אַנדערש. דער דאַמפער אַ ט ה ע נ י אַ איז געוואָרן טאָרפעדירט שפעט אויפדערנאַכט דעם 3־טן סעפטעמבער 1939 דורך אַ או־שיף־30, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם אָבער־לויטענאַנט לעמפּ, וואָס ער איז שפּעטער געפאַלן אין קריג. קיין שום סיגנאַל־שאָס איז ניט געגעבן געוואָרן. דאָס או־שיפל האָט געוואַרט ביז נאַכט, און ערשט דאַן אַרויף אויף דער אייבערפלאַך. איינער פון דער מאַנשאַפט. אַן עדות ביים דערטרינקען די שיף, האָט געמוזט חתמענען אַ דעקלעראַציע אונטער אַ שבועה אַז ער וועט „אויסמעקן פון זיין זכרון אַלע געשעענישן פון יענעם טאָג״.

גלייך ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן אַז די שיף איז אונטערגעגאַנגען, האָט אַדמיראַל רעדער (Raeder) און דער דייטשישער אַדמיראַלן־אַמט אָפיציעל אָפגעלייקנט אַז וועלכע־עס־איז או־שיפל האָט זיך געפונען אין דער געהעריקער זאָנע בשעת׳ן אָנגריף.

די אַדמיראַלן רעדער און דעניץ (Doenitz) האָבן ביידע שוין אין מיטן סעפטעמבער 1939 געוווּסט, אַז דעם אָבערלויטענאַנט לעמפּ׳ס סובמאַרין האָט דערטרונקען אַ ט ה ע נ י אַ, ווייל לעמפּ אַליין האָט געמאָלדן וועגן דער געשעעניש. מען האָט געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן אַז דער סובמאַרין־קאָמאַנדיר האָט בטעות אָנגענומען די שיף פאַר אַ באַוואָפנטע האַנדלשיף אויף פּאַטראָל. לויט דעניץ׳ס ווערטער, האָט ער אָנגעזאָגט אַלע זיינע סובמאַרין־אָפיצירן שאַרף אַכטונג צו געבן אויף אַזעלכע שיפן, אָבער ער האָט זיי ניט דערקלערט וועלכע אַרט שיפן זענען עס און ניט אָנגערופן קיין איין נאָמען אַפילו פון אַזאַ מין שיף.

עס איז אַ העכסט אומוואַרשיינלעכע השערה, אַז או־30 זאָל האָבן פאַרטרונקען אַ ט ה ע נ י אַ על־פּי־טעות אַלס באַוואָפנטע שיף, און עס איז דערביי ניטאָ קיין איין פונק פון אמת. ווייל דעם 22־טן סעפטעמבער 1939 איז אַרויס אַ באַפעל מען זאָל זיך אין אַלע

פאַלן נוהג זיין „ביים דערטרונקען אַ שיף, אַריינצושרייבן אין קריגס־טאָגבוך אַז מען האָט זי פאַרוועקסלט מיט אַ קריגשיף אָדער פּאַטראָל־שיף". אַט די דירעקטיוו איז אַרויס מיט פינף טעג פריער ווי די או־30 האָט זיך צוריקגעקערט אויף דער באַזע אין ווילהעלמס־האַפען, אַזוי אַז דעניץ האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם תירוץ מיט מינימום פינף טעג פריער איידער ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אויסצופרעגן לעמפ׳ן וועגן דעם אינצידענט.

עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש וואָס מען האָט קעגן דעם קאָמאַנדיר ניט אָנגענומען קיין שום דיסציפּלינאַרע מיטלען. OKW* „האָט געהאַלטן אַז אַ פעלד געריכט איז דאָ ניט נייטיק ווייל דער קאָמאַנדיר האָט געהאַנדלט מיט אַ גוטן גלויבן". יעדנפאַלס, איז דעניץ אַליין געווען דער מיינונג אַז אַ פעלד־געריכט וועט פרייספרעכן לעמפ׳ן אָן דערביי „וואָלט עס בלויז מיטגעבראַכט אַן איבעריקן טומל און אַ פּ אַ ר ל ו ס ט פ ו ן צ י י ט".

אינעם קריגס־טאָגבוך, וואָס דער שעף פון דער סובמאַרין־קאָמאַנדע האָט געפירט, איז דעם 27־טן סעפּטעמבער איינגעשריבן פאָלגנדעס: „או־30 קומט צוריק. זי האָט דערטרונקען: ד ע ם ד אַ מ פ ע ר ב ל י ר ל אַ ז ש י ס א ו ן ד ע ם ד אַ מ פ ע ר פ אַ נ אַ ד". דערצו איז נאָך דער טאָגבוך פון או־30 געפעלשט. די ערשטע זייטל איז אַרויסגעריסן און פאַרביטן מיט אַ צווייטער. די פעלשונג איז גאָר ניט אַזוי גרויסאַרטיק געמאַכט, ווי מען וואָלט עס געקאָנט דערוואַרטן פון דער דייטשישער פינקטלעכקייט. בשעת אַלע דאַטעס אויף די אָריגינאַל זייטן פונעם טאָגבוך זענען געשריבן מיט רוימישע ציפערן, זענען זיי אויף דער ערשטער פאַרטוישטער זייט אָנגעשריבן מיט אַראַבישע ציפערן. יעדער זכר וועגן דערטרינקען דעם דאַמפער אַ ט ה ע נ י אַ איז קאָנסעקווענטערהייט אויסגעמיטן פון דער געפעלשטער זייט.

די אַ ט ה ע נ י אַ איז דערטרונקען געוואָרן וויינציקער ווי מיט צוועלף שעה נאָך דער קריגס־דערקלערונג צווישן דייטשלאַנד און גרויס־בריטאַניע. די דייטשן האָבן לאַנג ניט געוואָרט און גלייך געלאָזט וויסן דער וועלט, אַז זיי האָבן בדעה צו איגנאָרירן דעם

* Oberkomando d. Marine — דער גענעראַלשטאַב פונעם פלאָט.

פּראָטאָקאָל פון 1936 *) און צו באַנייען אירע פּיראַטישע שטיק פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אָבער שפּעטער זענען געקומען נאָך ערגערע זאַכן.

ביים אָנהייב קריג איז דעניץ געווען דער קאָמאַנדיר פונעם או־שיפן אָפּטייל אין דער דייטשער מאַרין. דאָס איז געווען דער הויפּטגעווער פונעם פּלאַט, און מיליאָנען טאָן אַלייִרטע און נייטראַלע שיפן זענען דורך זיינע סובמאַרינען דערטרונקען געוואָרן אין לויף פון דער מלחמה.

עס איז ניט געווען לאָגיש צו דערוואַרטן, אַז די קאָמאַנדירן פון די או־שיפן, מיט דעניצן בראַש, זאָלן זיין איבערקלייבעריש אין זייערע מעטאָדן ביים פירן דעם אונטערוואַסער־קריג. ער איז געווען דער סאַמע פאַרברעכנטסטער נאַצי און אינעם דייטשן מאַרין־זשורנאַל, אין דער אויפלאַגע פונעם יאָר 1944, האָט מען אים געשילדערט אַלס אַן „אָנפירער וואָס אינספּירירט שטענדיק אַלע אונטערגעוואָרפענען אים כוחות". זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן האָבן באַשטעטיקט זיין פאַנאַטיזם, און אַז עס איז אים געלונגען אָנצושטעקן אַלע מענטשן אונטער זיין קאָנטראָל מיט זיינע איבערצייגונגען, ווערט דעמאָנסטרירט דורך דער ווילדער פאַרביסענער אַרט, אין וועלכער זיי האָבן געפירט דעם אונטער־וואַסער קריג אין משך פון דער גאַנצער מלחמה.

אין אָקטאָבער 1939 האָט אַדמיראַל רעדער, צוזאַמען מיט דעם דייטשישן מאַרינע קריגשטאַב, צוגעגרייט אַ מעמאָראַנדום מיטן טיטל מעגלעכקייטן פון דער צוקונפטיקער קריגס־פירונג אויפן ים, ווו עס זענען פאָרויסבאַשטימט געוואָרן

---

*) ווען דער לאָנדאָנער מאַרין־אָפּמאַך איז אויסגעגאַנגען דעם 31־טן דעצעמבער 1936, איז דער פאַראַגראַף 22 געבליבן גילטיק פאַר די צדדים, אין קראַפט פון דעם פאַראַגראַף 23. און דאָך האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן און גרויס־בריטאַניע (איינגעשלאָסן די דאָמיניאָנען און אינדיע) נאָך פריער, דעם 6־טן נאָוועמבער 1936, געחת׳מעט אַ פּראָטאָקאָל וואָס אַנטהאַלט וואָרט אין וואָרט די פאַרשריפטן פון דעם פאַראַגראַף 22. עס זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען אַז אויך אַנדערע מדינות זאָלן זיך קאָנען אָנשליסן. דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעשלאָסן אין יאָר 1936, און סאָוועט־רוסלאַנד אין 1937.

די ריכטליניען פון אַ ים־סטראַטעגיע. נאָכן פעסטשטעלן אַז ביים אַטאַקירן די בריטישע ים־קאָמוניקאַציעס דאַרף מען אָנווענדן די פאַרביסנסטע מעטאָדן און אַז עס איז געווונטשן מען זאָל אַלע דורכגעפירטע אַקציעס באַזירן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, — האָט דער דאָקומענט ווייטער אונטערגעשטראָכן אַז אויב עס איז נאָר צו דערוואַרטן אַ באַדייטנדן דערפאָלג, זאָל מען אָננעמען אַלע מיטלען וואָס זענען נייטיק פונעם מיליטערישן שטאַנדפונקט, מעגן זיי אַפילו זיך ניט אַריינפּאַסן אין דעם עקזיסטירנדיקן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. אין פּרינציפּ, דאַרף יעדער ווידערשטאַנד קעגן דעם שונא ווערן, דעריבער, באַזירט אויף אַ וועלכן־עס־איז לעגאַלן באַגריף, אויב מען זאָל אַפילו מוזן שאַפן אַ נייע געזעץ־געבונג פאַרן ים־קריג. עס איז געווען קלאָר, אַז דער ציל האָט, ווייטער און נאָכאַמאָל, געדאַרפט באַרעכטיקן די מיטלען.

דער אונטערוואַסער־קריג קעגן די אַליירטע און נייטראַלע האַנדלשיפן איז זיך אָנגעגאַנגען וויילדן גאַנג וואָס אַדמיראַל רעדער האָט אים אָנגעמערקט. פון סאַמע אָנהייב אָן, האָט מען געהאַלטן אין איין דערטרינקען, אָן אַ שום פריערדיקן סיגנאַל־רוף, פיינדלעכע און נייטראַלע האַנדלשיפן. און אויסער אייניקע אויסנאַמען האָט מען אַפילו ניט געפּרוּווט צו ראַטעווען די פּאַסאַזשירן אָדער די מאַנשאַפט. שפּעטער אין דער מלחמה, ווען די סיסטעם פון פּראָקלאַמירן אָפּעראַציע־געפערלעכע זאָנעס איז אַריין אין קראַפט, זענען אויסער יענע זאָנעס נאָך אַלץ פאָרגעקומען סובמאַרין־אַטאַקעס אָן אַ שום וואָרענונג.

דעם 30־טן סעפּטעמבער 1939 האָט אַ דייטשישע סובמאַרין צום ערשטן מאָל דערטרונקען, אָן אַ שום וואָרענונג, אַ נייטראַלע האַנדל־שיף. עס איז דאָן טאָרפּעדירט געוואָרן דער דענישער פראַכט־דאַמפער ווענדיאַ וואָס איז געשווומען אין דער ריכטונג צו קלייד. די או־שיף האָט עפּעס יאָ געגעבן אַ צוויי גאַנץ־שוואַכע וואָרענונג־שאָסן, אָבער כמעט גלייכצייטיק דערמיט האָט מען אַרויסגעפייערט אַ טאָרפּעדאָ וואָס האָט דערטרונקען די שיף. הגם דער שיף־קאַפּיטאַן האָט שוין געהאַט סיגנאַליזירט אַז ער נעמט אָן די באַדינגונגען פונעם סובמאַרין, האָט אָבער ער שוין ניט באַוויזן צו פאַרלאָזן די שיף.

פאַרן סוף פון נאָוועמבער איז שוין דאָס דערטרינקען נייטראַלע

שיפן ביי ענלעכע אומשטאַנדן געוואָרן אַן אמת׳ער שטייגער. דעם 12־טן נאָוועמבער האָט אַ דייטשע סובמאַרין דערטרונקען אין צפון־ים די נאָרוועגישע שיף אַ ר נ ע ק י אָ ד ע. קיין שום סיגנאַל און קיין שום וואָרענונג איז ניט געגעבן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ טאַנקשיף אויפן וועג פון איין נייטראַלן פּאָרט אין אַ צווייטן. דעם קאַפּיטאַן און נאָך פיר שיפלייט האָט געראַטעוועט אַן אַנדער שיף, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרבראַכט פיל שעה׳ן אין אָפענע שיפלעך. דער סובמאַרין־קאַפּיטאַן גופאָ האָט ניט געמאַכט קיין שום פּרוּוו צו ראַטעווען די מאַנשאַפט.

אין יאַנואַר 1941 האָט היטלער אַנאָנסירט אַז יעדער שיף, מיט אָדער אָן אַ קאָנוואָי, „וואָס באַווייזט זיך פאַר אונדזערע טאָרפּעדאָ־רערן", וועט ווערן טאָרפּעדירט. פון די באַגלייט־דרונגען איז געווען קלאָר אַז דאָס איז דער עיקר באַשטימט פאַרן אַמעריקאַנער געברויך, און ווען דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג אויף דער צווייטער זייט פון אַטלאַנטיק האָבן די דייטשן געטענה׳ט אַז דער באַפעל האָט געמיינט די שיפן וואָס טרעטן אַריין אין דער „קריגס־זאָנע".

אַז אַ שיף איז אויך אויסער דער קריגס זאָנע גאָר ניט געווען באַוואָרנט פון אַן אומגעזעצלעכן אָנפאַל, האָט קלאָר דערוויזן דאָס דערטרינקען פון ס י ט י אָ ף ב ע נ אַ ר ע ס דעם 17־טן סעפּטעמבער 1940. עס איז געווען אַ טראַנספּאָרטשיף פון 11,000 טאָן וואָס האָט געפירט צוויי הונדערט און איין און ניינציק פּאַסאַזשירן מיט אַ הונדערט קינדער צווישן זיי. די שיף איז דערטרונקען געוואָרן אויסער דער „קריגס־זאָנע", אָן אַ שום סיגנאַל, און צוויי הונדערט און אַכט און פופציק פּאַסאַזשירן, צווישן זיי זיבן און זיבעציק קינדער, האָבן דאַן פאַרלאָרן זייער לעבן. דער אָנפאַל איז פאָרגעקומען אין אַ שרעקלעכן וועטער, בשעת עס האָט געהאָגלט און געדעגנט אינעם אָפענעם שטורמישן ים. מען האָט די שיף טאָרפּעדירט אַ זייגער צען באַנאַכט, און אין דער פּאַניק, אין דער פינצטערניש און אינעם ווירבלווינט האָבן זיך פיר רעטונגסשיפלעך איבערגעקערט בשעת מען האָט זיי אַרונטערגעלאָזט אין ים, און די איבעריקע זענען פאַרזונקען אין אויפגעברויזטע כוואַליעס. אַ סך קינדער זענען געשטאָרבן פון ווינט און פון קעלט.

דער פּראָצענט אומשולדיקע קרבנות פון דער דייטשישער

„פאַרביסנקייט" איז אינעם לויף פונעם ערשטן ווינטער אַלץ געשטיגן, שיפלייט און פּאַסאַזשירן האָבן זיך לאַנגע טעג אַרומגעטריבן אויף אָפענע שיפלעך אין די צײַין פון דעם אַטלאַנטישן ווירבלווינט; זיך געקלאַמערט אין פליטן ביז אייגער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך אַראָפּגעגליטשט אין וואַסער אַרײַן, ווייל זייערע פאַרפרוירענע פינגער האָבן זיך ניט געקאָנט אָנהאַלטן אינעם געלענדער; מען האָט פון די סובמאַרינען געשאָסן מיט מאַשין־געווער אין די שיפלייט, בשעת יענע האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין דעם בוימעלדיקן ים.

איז דאָס געווען דער „פאַרביסענער" בייער געזעץ פון ים־קריג „געבוירן פון דער מיליטערישער נויטווענדיקייט", וואָס דער אַדמיראַל רעדער האָט וועגן דעם גערעדט אין זיין מעמאָראַנדום פונעם יאָר 1939? די אַלע וואָס געדענקען נאָך די שרעקלעכע טעג פון 1917 ווייסן, יעדנפאַלס, אַז קיין גרויסע נייעס האָבן אין דעם ניט געשטעקט.

דאָס טאָרפּעדירן די בריטישע דאַמשיף שיעף מיעד, דעם 27־טן מיי 1940 מיט אַ פאַרלוסט פון איין און דרייסיק שיפלייט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער בייזוויליקייט מצד דעם סובמאַרין־קאָמאַנדיר צו דער מאַנשאַפט, וועלכע האָט, נאָכדעם ווי איר שיף איז פאַרזונקען, זיך געקלאַמערט אין ברעטער און אין איבערגעקערטע שיפלעך.

דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן אָכערן, און זיין שיף איז געווען אַ או־37. דער הויפט אינזשעניר פון דער שיעף מיעד האָט אים אַזוי באַשריבן: „יונג, ביי אַכט און צוואַנציק, גוט געבויט. מיט העלע האָר, אַ גאַנץ שיינער. רעדט אַ גוטן ענגליש מיט אַ טיף־ברוסטיקער שטים".

דער פאָלגנדער אויסצוג פון דעם יונגערמאַנס טאָגבוך *) ווייזט אַז ער האָט זיך גאַנץ פיין אַמוזירט.

27־טן מיי.

1952. אַ דאַמשיף אין אויסבליק, אין דער ריכטונג צו מערב.

---

*) דאָס האָט מען געפונען אין זיין באַזיץ בשעת מען האָט אים שפּעטער גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

אַ 5,000 טאָן. שנעלקייט 10 ים־מייל. זיך געלאָזט אין געיעג.

1444. אונדזער שיף האָט אַריבערגעיאָגט דעם דאַמפּער. זיך אַרונטערגעטוקט. די כוואַליקייט שטערט צו מעסטן אין דער טיף און צו אָבסערווירן... אין פולן גאַנג, נאָענט דערביי... די צייט איז קורץ, באַלד דאַרף מען שיסן... דער אָפּשטאַנד ווערט קלענער. די רער איז גרייט — זאָל איך אָדער ניט? די מאַנשאַפט ביי די האַרמאַטן שטייט גרייט... הורראַאַה! אַ האַרמאַט קעגן דעם הינטערטייל, אַ זעניט־האַרמאַט אַ פּנים. פ י י ע ר! עס מוז טרעפן אין ציל. דעם פּעריסקאָפּ אַרויף, אָבסערוואַציע... די טרעף־ליניע הינטערטייל 30. דיסטאַנץ 320 מעטער. דער הינטערטייל זינקט באַשיינפּערלעך. די מאַנשאַפט שפּרינגט אין די שיפלעך. דער באָזטייל הויבט זיך. איך כאַפּ אַ קוק אַרום און אַרום.

1554. אייבערפלאַך — הינטערטייל אונטערן וואַסער. דער באָזטייל הייבט זיך העכער. די שיפלעך זענען שוין איצט אויפן וואַסער. זייער גליק. דער איינדרוק איז פון אַ פולער אָרדענונג. די נאָזטיילן שטעלן זיך אויף גאָר הויך. פון ערגעץ־ווו באַווייזן זיך אין דער פאָדערשטער טייל שיף צוויי מענטשן, זיי לויפן לענג אויס דעם דעק צום הינטערטייל. דער הינטערטייל פאַרשווינדט. אַ שיפל קערט זיך איבער. עס עקספּלאָדירט אַ קעסל, צוויי מענטשן פליען אין דער לופטן מיט אויסגעשטרעקטע גלידער... און שוין איז אַלעס פאַרביי. אַ גרויסע מאַסע בראָכוואַרג שווימט אַרויף. מיר קומען נעענטער צו דערקענען די שיף. די שיפלייט האַלטן זיך אין איין ראַטעוועז, קריכן אויף פליטן און אויף איבערגעקערטע שיפלעך. מיר פישן אַרויס אַ באָיע, אָבער אָן אַ נאָמען דערויף.

1648. איך פרעג אַ מענטשן אופן פליט. ער זאָגט און גיט דערביי קוים אַ דריי מיטן קאָפּ, „ניטאָ קיין נאָמען". אַ יינגל אין וואַסער שרייט, „ראַטעוועט, ביטע, ראַטעוועט מיך". די איבעריקע האַלטן זיך גוט. זיי זעען אויס נאַס און מיד. אויף זייערע פּנימער אַן אויסדרוק פון ביטערן האַס... מיר לאָזן זיך אין אונדזער פריערדיקער ריכטונג.

נאָכדעם ווי ער האָט דערטרונקען זיין קרבן האָט דער קאָמאַנדיר זיך נאָך געדרייט אַרום דעם אָרט אַ האַלבע שעה צייט. צוויי

מענטשן זענען געשטאַנען אויפן דעק מיט האַקנס כדי אָפּצוטרייבן די שיפלעך. די שיפלייט, זיי אויך, זענען געבליבן אויפן דעק און פאָטאָגראַפירט די לעבנגעבליבענע, אָבער גאָרניט געזאָגט דערביי. די סובמאַרין האָט זיך אונטערגעטוקט, אַן דעם מען זאָל פאַרלייגן די לעבנגעבליבענע אַ וועלכע עס איז הילף *).

אין יאַנואַר 1940 האָט די אייבערקאָמאַנדע פון די באַוואָפנטע כוחות אַרויסגעלאָזט אַ דירעקטיוו, אַז או־שיפן פון דער מאַרין זענען פון איצט אָן באַרעכטיקט צו דערטרינקען אַלע שיפן אין די וואַסערן נאָענט צו פיינדלעכע ברעגן, ווו דאָרט קען מען זיך באַנוצן מיט מינעס. און די קאָמאַנדירן פון די או־שיפן האָט מען אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן מיט זייער האַנדלונג און מיט דער אַרט פון געוווער־באַנוצונג מאַכן דעם איינדרוק ווי עס וואָלטן עקספּלאָדירט מינעס.

די אינסטרוקציעס צו איבערלאָזן אויף הפקר די שיפלייט פון די דערטרונקענע שיפן זענען, ווי עס ווייזט אויס, צו ערשט אַרויס אין מיי 1940. דער דויער־באַפעל נומ. 1954 פון דער או־שיפן קאָמאַנדע האָט געקלונגען אַזוי:

„שלעפּט ניט אַרויס די מענטשן פון וואַסער און נעמט זיי ניט מיט זיך. זאָלן אייך ניט אַרן די רעטונגסשיפלעך פון די האַנדלשיפן. די וועטער־באַדינגונגען און די דיסטאַנץ פונעם ברעג זענען ניט וויכטיק **). האָט אין זינען בלויז אייער אייגן שיף.

---

*) אָבער אייניקע סובמאַרין־קאָמאַנדירן האָבן איז אַנהייב זיך באַגאַנגען אַנדערש. אין איין פאַל האָט מען געהייסן דער מאַנשאַפט פון אַ בריטישער פיששיף אַריין אין די רעטונגשיפלעך, איידער זיי האָבן געוואָלט זי דערטרינקען. ווען דער קאָמאַנדיר האָט דערזען די לאַגע, האָט ער געזאָגט, „דרייצן מענטשן אין אַ שיפל! ווי שיקט מען עס אַרויס אַ שיף אין ים מיט אַזאַ מין שיפל. איר ענגלענדער זענט גאָרניט ווערט!" דאַן האָט ער געהייסן יענעם קאַפּיטאַן אַרויפנעמען צוריק די שיפלייט אויפן דעק און זיך לאָזן צום היימפּאָרט מיטן פולן גאַנג. ער האָט נאָך געשיקט דערצו אַ פלאַש דייטשן דזשין מיט דעם „קאָמאַנדירס גריסן".

**) זאָל דאָ ווערן דערמאָנט אַז דער מאַרין פּראָטאָקאָל פון 1936 האָט פעסטגעשטעלט, אַז רעטונגשיפלעך ווערן ניט באַטראַכט אַלס זיכערער אָרט סיידן די זיכערקייט פון די פּאַסאַזשירן און מאַנשאַפט איז באַוואָרנט

מיר מוזן זיין האַרב אין דער מלחמה. דער שונא האָט אָנגעהויבן דעם קריג מיטן ציל צו פאַרניכטן אונדז, דאַרפן מיר מער מיט גאָרנישט זיך רעכענען”.

ווען די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זענען אַריין אין קריג, אין דייטשלאַנד האָט געמוזט נעמען אין אַכט אַז פון איצט וועט אין אַ גרויסער מאָס שטייגן דער פאַרנעם פון ים־שיפערייי און דערצו וועלן די מעגלעכקייטן פונעם שיף־בוי זיין ניט אויסצושעפן, זענען די אַרויסגעלאָזטע באַפעלן געוואָרן נאָך שאַרפער און דראַסטישער. די או־שיפן קאָמאַנדירן האָבן שוין באַדאַרפט ניט בלויז זיך אָפּהאַלטן פון ראַטעווען די מאַנשאַפט, נייערט טאַקע פאַרניכטן זיי בפועל ממש.

קוים אין אַ חודש אַרום נאָכן יאַפּאַנישן אָנגריף אויף פּערל האַרבאָר, האָט היטלער געהאַט די געלעגנהייט צו געבן פאַרשטיין זיין אַמבאַסאַדאָר אין בערלין וועגן דער נייער פּאָזע. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז גאָר ניט וויכטיק וויפל שיפן די אַמעריקאַנער בויען אויס, זייער הויפּט פּראָבלעם באַשטייט אין דעם ווי אַזוי צו קריגן פּאַסיקע מאַנשאַפט פאַר די שיפן, און אַז זיין כוונה איז צו דערטרינקען אַלע האַנדלשיפן אָן שום וואָרענונגען. עס שטייט אין קאָן די עקזיסטענץ ממש פון דייטשלאַנד, און דעריבער איז דאָ ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר הומאַנע געפילן. ער האָט בדעה צו באַפוילן, אַז די או־שיפן זאָלן נאָכן טאָרפּעדירן אַרויפקומען אויפן אייבערפלאַך, און זיי זאָלן שיסן דירעקט אין די רעטונגשיפלעך. לויט די סטענאָגראַפישע נאָטיצן, אויפגענומען בשעת דעם מיינונגס־אויסטויש, האָט „דער אַמבאַסאַדאָר אָשימאַ מיטן גאַנצן האַרצן צוגעשטימט צו דעם פירער׳ס באַמערקונגען און האָט געזאָגט אַז אויך די יאַפּאַנער זענען געצוווּנגען אָנצונעמען די זעלבע מעטאָדן”.

אין דעם פאָלגענדן סעפּטעמבער איז אַ שטרענג געהיימער

אין די געגעבענע ים און וועטער־באַדינגונגען נאָענט צום ברעג, אָדער אין דער אָנוועזנהייט פון אַן אַנדער שיף וואָס איז אומשטאַנד זיי אויפצונעמען.

באַפעל אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דעניץ׳עס הויפּט־שטאַב צו אַלע או־שיף קאָמאַנדירן.

עס זאָל ניט געמאַכט ווערן קיין שום פּרווּו צו ראַטעווען די מאַנשאַפטן פון די פּאַרזונקענע שיפן. דאָס הייסט ניט אַרויסשלעפּן די מענטשן פון וואַסער און ניט אַריינזעצן זיי אין רעטונגשיפלעך, ניט גלייכשטעלן די איבערגעקערטע שיפלעך, און ניט דערלאַנגען זיי עסן און טרינקען. דאָס ראַטעווען זיי איז קעגן די פּשוטסטע פאָדערונגען פון קריגפירונג צו פאַרניכטן די פיינדלעכע שיפן און זייער מאַנשאַפט... זייט האַרטנעקיק, געדענקט אַז דער שונא האָט גאָר ניט קיין מיטלייד מיט פרויען און קינדער בשעת ער באָמבאַרדירט דייטשע שטעדט.

דעם זעלבן טאָג וואָס־אָט דער באַפעל איז געוואָרן אַרויסגעשיקט האָט זיך אין דעניץ׳עס קריגזשורנאַל באַוויזן די פאָלגנדע נאָטיץ:

די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע קאָמאַנדע אָפיצירן ווערט ווידער צוגעצויגן צום פאַקט אַז אַלע פרווון ראַטעווען שיפלייט פון די פּאַרזונקענע שיפן גייען קעגן די פרימיטיווסטע פאָדערונגען פון דער קריגפירונג אויסצוראָטן די שיפן און זייער מאַנשאַפט.

דער קאָמאַנדיר פון דער 5־טער או־שיף פלאָטילע אין קיעל *), היינץ מעהלע, האָט געפונען אַז דער באַפעל איז צווידייטיק און ער האָט געבעטן דערקלערונגען ביי זיין עלטערן אָפיציר אין דעניץ־שטאַב. מען האָט אים אויפגעקלערט די כוונה פונעם דעקרעט דורך צוויי ביישפילן. אין דעם ערשטן האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ או־שיף אין דער בוכטע ביסקיי. זיי זענען געווען אויף זייער פּאַטראָל גאַנג, בשעת זיי האָבן דערזען אַ גומי־שיפל מיט געראַטעוועטע פון

*) קאָרוועטן־קאַפּיטאַן קאַרל היינץ מעהלע — דער אָפיציר איז געשטאַנען פאַר אַ בריטישן מיליטער געריכט אין אָקטאָבער 1946, אונטער דער באַשולדיקונג אַז ער האָט ווייטערגעגעבן אָט דעם באַפעל זיינע או־שיף קאָמאַנדירן. מען האָט אים געפונען שולדיק און פאַראורטיילט צו פינף יאָר תפיסה.

אַ בריטישן אַעראָפּלאַן. אַזוי ווי די סובמאַרין האָט זיך געפונען אַהינצוועגס מיט איר מיסיע, איבערפולט מיט פּראָוויאַנט און אויסריכטונג, איז אוממעגלעך געווען אַריינצונעמען די אַעראָפּלאַן־לייט. דער או־שיף קאָמאַנדיר האָט דעריבער ווייט אויסגעמיטן דאָס שיפל, און איז זיך אַוועק ווייטער אין זיין פּאַטראָל־וועג. ווען ער האָט ביים צוריקקער אויף דער באַזע געמאָלדן וועגן יענע אומשטאַנדן, האָט מען אים געזאָגט, אַז אויב ער האָט ניט געקאָנט מיטברייגען די לעבנגעבליבענע צוליב פּאַרהער־צוועקן, האָט ער באַדאַרפט זיי אַראָפּשיקן צום גרונט כדי זיי זאָלן „ניט דערלעבן צו קעמפן אַן איבעריקען טאָג".

דער צווייטער געבראַכטער ביישפּיל האָט געקלונגען אַזוי: אין לויף פונעם ערשטן חודש זענען אין די או־שיף אָפּעראַציעס קעגן דער ים־שיפערייי פון די פאַראייניקטע שטאַטן דערטרונקען געוואָרן אַ זייער באַדייטנדיקע צאָל טאָנען אין די פלאַכע וואַסערן פונעם אַמעריקאַנער ברעג, און דער רוב שיפלייט האָבן זיך אַ דאַנק דער נאָענטקייט פון ברעג, געראַטעוועט. דער דעניץ׳ס הויפּשטאַב האָט דאָס זייער באַדויערט.

דער אינטערנאַציאָנאַלער מיליטער טריבונאַל אין נירענבערג האָט געהאַלטן, אַז דער אַזוי גערופענער „לאַקאָניאַ באַפעל" האָט ניט באַפוילן מיט אַ כיוון צו הרגענען די געראַטעוועטע פון די פאַרזונקענע שיפן ביים או־שיף אָנגריף, אָבער זיי האָבן אין זייער פּסק־דין פעסטגעשטעלט, אַז דער נוסח איז אָן אַ שום ספק געווען צווייַדייטיק און ער פאַרדינט די העכסטע שטראָפרייד.

בשעת מאַהלע האָט אינסטרוקטירט די או־שיף קאָמאַנדירן אײדער יענע האָבן זיך געלאָזט אין זייער מיסיע־וועג, האָט ער זיי פאָרגעלייענט דעם באַפעל אָן קאָמענטאַרן און נאָר צוגעגעבן די צוויי אויבנדערמאָנטע ביישפּילן. די קאָמאַנדירן האָבן דאַן געקאָנט באַקומען בלויז דעם איינעם איינדרוק, אַז די אייבערקאָמאַנדע איז פאַראינטערעסירט אַז מען זאָל הרגענען די מאַנשאַפט פון די שיפן. מעהלע האָט ליב געהאַט דערבייי צו זאָגן, מעגלעך כדי אַ ביסל צו באַרויִקען זיין געוויסן, „די או־שיף קאָמאַנדע קאָן אייך ניט געבן אַזאַ מין באַפעל אָפיציעל: זאָל יעדער האַנדלען אַזוי ווי עס הייסט אים זיין אייגענער געוויסן".

די דייטשן האַלטן די גאַנצע צייט אין איין טענה׳ען, אַז דער

איינציקער צוועק פון דעם „לאַקאָניאַ באַפעל" איז געווען צו פאַרהיטן אַז סובמאַרין־קאָמאַנדירן זאָלן ניט איינשטעלן זייערע שיפן ביים ראַטעווען די לעבנגעבליבענע נאָך די אַנגריפן. איז עס טאַקע אַזוי וואָלטן זיי דאָך געקאָנט נעמען צו הילף דעם דויער באַפעל 154 *), אין דעם פאַל וואָלט דער באַפעל ניט געלאָזט קיין ספקות, ווייל בשעת מען פאָרמולירט אַזעלכע אינסטרוקציעס, האָט מען שטענדיק אין זינען אַז זיי קענען אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם שונא.

וואָס פאַר אַ שטעלונג דער גראָסאַדמיראַל האָט געהאַט אין דער אמת׳ן, ווייזט זיך אַרויס אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אָנהייב אָקטאָבער 1942 בשעת אַן אינספּעקציע־באַזוך אויף דער 2־טער או־שיף פון דער טרענירונג־דיוויזיע **). ער האָט זיך געווענדט צו די אָפיצירן אויף די קורסן און זיי געזאָגט אַז די דערפאָלגן פון די או־שיפן האָבן זיך פאַרמינערט. נאָכן צוזאָגן די סטודענטן אַז עס וועט אינגיכן קומען אַ פאַרבעסערונג, האָט ער זיי דערציילט אַז די אַליירטע האָבן גרויסע שוועריקייטן מיט דער שיף־מאַנשאַפט. די אַליירטע מאַרינער האַלטן דעם וועג איבערן אַטלאַנטיק פאַר זייער געפערלעך, ווייל די דייטשע סובמאַרינען דערטרינקען נאָך אַלץ זייערע שיפן אין אַ גרויסער צאָל. אַ סך מאַרינער זענען שוין איינמאָל געווען טאָרפּעדירט, און זיי האָבן אַ קנאַפן חשק זיך לאָזן אויפסניי אין ים אַריין. דעניץ האָט ווייטער גערעדט אַז עס איז ניט צום פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָנען עס די דייטשע או־שיפן ראַטעווען אויך איצט די מאַנשאַפט פון די פאַרזונקענע האַנדלשיפן און איינשטעלן דערביי זייערע אייגענע שיפן. דערמיט אַרבעטן זיי לטובת דעם שונא, ווייל די געראַטעוועטע שיפלייט וועלן שפּעטער נאָך אַמאָל שווימען אויף אַנדערע שיפן. מען האַלט איצט ביי אַ ברייטן שטאַפּל אין קריג, האָט ער ווייטער געזאָגט, און מען גייט אַריין אין אַ טאָטאַלן קריג אויפן ים. די מאַנשאַפט גופא דאַרף זיין אַ צילברעט פאַר די או־שיפלעך, פּונקט אַזוי ווי די שיפן זייערע.

---

*) זע אויבן, זייט 96.

**) וועגן אָט דער רעדע האָט אויפן נירנבערגער פּראָצעס פאַר די הויפּט קריגס־פאַרברעכער געזאָגט עדות דער געוועזענער שיף אונטער־אָפיציר פּעטער יאָזעף הייסיק.

די סטודענטן האָבן פון דער רעדע פאַרשטאַנען, אַז פון איצט אָן פירט זיך אַ טאָטאַלער קריג קעגן די שיפן און קעגן זייער מאַנשאַפט צוגלייך; און ווער קאָן דען צו זיי האָבן טענות. דער נירענבערגער טריבונאַל האָט באַשטעטיקט די באַשולדיקונג קעגן דעם גראָסאַדמיראַל, אַז יענער האָט מיט אַ כיוון געהייסן הרגענען די לעבנגעבליבענע פון די טאָרפעדירטע שיפן, און דערמיט האָט דער טריבונאַל זיכער געהאַנדלט קעגן אים על פי יושר.

זעקס חדשים נאָכדעם ווי עס איז אַרויס דער „לאַקאָניאַ באַפעל", האָט אַן או־852, אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן־לויטענאַנט היינץ עק, דערטרונקען אינעם אַטלאַנטישן אָקעאַן דעם דאַמפער פּעלעאוס, אַ גריכישע שיף וואָס איז געווען פאַרפאַכטעט אין דעם בריטישן מיניסטעריום פון קריגס־טראַנספּאָרט.

דער דאַמפער פּעלעאוס, דאַן מיט באַלאַסט, איז געווען אויפן וועג קיין פּלאַטע, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט פריטאַון דעם 18־טן מאַרץ 1943. דעם 14־טן מאַרץ 1943 פאַרנאַכט איז ער געשוווּמען אין דער ריכטונג פון מערב, אַ ביסל דרומדיקער פונעם עקוואַטאָר און ביי אַ 300 מייל פון דעם נאָענטסטן פּונקט אויפן אַפריקאַנער ברעג. עס זענען דאָרט געווען פינף און דרייסיק שיפלייט, דאָס רוב גריכן. פון זיי זענען געבליבן לעבן בלויז דריי.

אַ זייגער 5.50 נאָכמיטאָג, האָבן זיך באַוויזן צוויי טאָרפעדאָס פון דער לינקער זייט,ביידע האָבן געטראָפן אין שיף, און אין משך פון דריי מינוט איז זי אונטערגעגאַנגען. דאָס רוב שיפלייט איז דאָך געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער שיף, און זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין די שטיקלעך בראַכוואַרג און אין די פּליטן וואָס זענען געשוווּמען אַרום און אַרום.

דאַן איז די סובמאַרין אַרויף אויפן אייבערפלאַך, איז צו צו איינעם פון די פּעלעאוס שיפלעך מיט דריי געראַטעוועטע, און אַרויפגענומען איינעם פון זיי אויפן דעק פון או־852, ווייל דער קאַפּיטאַן פון דער סובמאַרין האָט באַפוילן זיינעם אַן ענגליש־רעדנדיקן אָפיציר אויסצוגעפינען דעם נאָמען פון דער טאָרפעדירטער שיף. דער אַרויפגעבראַכטער האָט געגעבן די בייטיקע אינפאָרמאַציע; די נעמען פון דער שיף און פונעם קאַפּיטאַן, די פּראַכט, דיביידע

פאָרטן פון וואַנען און וווהין זיי האָבן געהאַלטן זייער וועג, און אויך צי עס געפינען זיך אין דער סביבה אַנדערע שיפן.

דער אָפיציר איז מיט די אַרויסבאַקומענע אינפאָרמאַציעס אַרויף אויפן ציל־טורם און האָט אָפּגעגעבן דעם קאַפּיטאַן זיין באַריכט. דאַן האָט אים יענער געמאָלדן וועגן דעם באַשלוס אָפּצומעקן אַלע שפּורן פונעם דערטרינקען די שיף, דורך דעם וואָס מען וועט הרגענען אַלע געראַטעוועטע.

דערווייל האָט מען ביים דריטן אָפיציר פונעם דאַמפּער פּעלעאוס, וואָס מען האָט אים אַרויפגעבראַכט אויפן סובמאַרין דעק, צוגענומען זיין רעטונגגאַרטל, און אים אַראָפּגעשיקט צוריק אויפן פּליט פון וואַנען מען האָט אים גענומען.

און דאַן האָט עק פון אַ מאַשין־געווער געגעבן פייער, געצילט אין דעם פּליט מיט די לעבנגעבליבענע, און זיין מאַנשאַפט האָט אַהין אַראָפּגעוואָרפן האַנט־גראַנאַטן. ווי ווייט עס איז באַקאַנט, זענען אַלע אַ חוץ דריי דאַמאָלס דערהרגעט געוואָרן. אָט די דריי זענען געבליבן אויף זייערע פּליטן פינף און צוואַנציק טעג אין אָפענעם ים, ביז אַ פּאָרטוגעזישע שיף האָט זיי געראַטעוועט. זיי האָבן אַלע ביים דערציילן זייערע איבערלעבונגען אָפּגעגעבן אַ שבועה.

איינער פון זיי, אַ גריך מיטן נאָמען ליאָסיס, האָט דערציילט אַז ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך בשעת ער האָט דערזען, ווי דער שפּור־וועג פון צווי טאָרפּעדאָס דערנענטערט זיך צו דער לינקער זייט שיף; און ער האָט גלייך געהייסן די שטייערלייט אויסקעמען*) דעם שפּור־וועג.

די צווי טאָרפּעדאָס האָבן דאָך געטראָפן אין פּעלעאוס, און ליאָסיס האָט זיך פּלוצים דערזען אין וואַסער. ער איז אַרומגעשווומען ביז ער האָט געפונען אַ שטיק בראַכוואַרג און זיך אין דעם איינגעקלאַמערט. צו אים איז באַלד צוגעשטאַנען נאָך איינער פון די שיפלייט, און צוזאַמען האָבן זיי זיך געלאָזט צום פּליט וואָס זיי האָבן באַמערקט אַ ביסל פאָרויס. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך

---

*) ד.ה. אויסקערעווען די שיף אין אַ פּאַראַלעל ליניע צום שפּור־וועג פונעם טאָרפּעדאָ. זע זייט 12 אין דעם פּעלעאוס פּראָצעס פון י. קאַמעראָן (וויליאַם האָדזש און שות.).

די סובמאַרין באַוויזן פון אויבן, זיך אַרומגעדרייט נעבן דעם בראָכוואַרג און אַריבערגערעדט צום פּליט פונעם דריטן אָפיציר. מען האָט יענעם מיטגענומען אַרויף און אים אויסגעפרעגט, ווי שוין דערציילט.

דערווייל האָט ליאָסיס צוגעבונדן זיין פּליט צו אַן אַנדערן ווו עס זענען געווען מער געראַטעוועטע שיפּלייט, און דאַן האָט זיך די סובמאַרין ווידער באַוויזן און זיי צוגערופן נעענטער צו זיך. זיי האָבן געמיינט אַז מען גייט זיי אַרויפנעמען, און ליאָסיס מיט זיינע חברים האָט זיך דערנעענטערט צום דייטשן או־שיפל וואָס האָט פּלוצים אויפגעעפנט אויף זיי אַ פייער פון מאַשין געווער. איינעם פון זיינע חברים האָט עס געטראָפן אין עטלעכע ערטער, און די פּליטן זענען געווען דורכגעלעכערט, אָבער זיי זענען ניט אונטערגעגאַנגען. די דייטשן האָבן דאַן אַראָפּגעוואָרפן האַנט־גראַנאַטן. די סובמאַרין האָט אַ לאַנגע צייט ניט אויפגעהערט צו שיסן און צו וואַרפן גראַנאַטן אינעם בראָכוואַרג אַריין, און ערשט מיטן באַגינען זענען זיי אַוועק.

דער קאָמאַנדיר פון או־852 האָט אויף זיין פּראָצעס *) געזאָגט אַז ער האָט באַשלאָסן צו דערטרינקען די פּליטן מיט מאַשין־געווער און ער האָט עס אַזוי טאַקע געטאָן, אָבער ער האָט געשוואָרן אַז צו יענער צייט איז שוין ניט געווען צו זען קיין איינעם ניט פון דער פּ ע ל ע א ו ס מאַנשאַפט, און אַז ער האָט קיינמאָל ניט געגעבן קיין באַפעל צו שיסן אין די געראַטעוועטע. ער האָט ניט געלייקנט אַז דער הויפּט־אינזשעניר האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם באַשלוס צו פאַרניכטן אַלע שפּורן צוליב דער „מעגלעכקייט פון ראַטעווען לעבעדיקע נפשות״, ווייל ער האָט דאָך פאַרבאָטן אַרויפנעמען די לעבנגעבליבענע אויף דער שיף. ער האָט געזאָגט אַז ער האָט באַקומען דעם „לאַקאָניאַ באַפעל״.

---

*) דער קאָמאַנדיר און פיר מיטגלידער פון זיין מאַנשאַפט זענען געשטאַנען פאַר אַ בריטישן מיליטער געריכט אין האַמבורג אין אָקטאָבער 1945 פאַר זייער באַטייליקונג אין הרגענען די מאַנשאַפט פון פּ ע ל ע א ו ס דורך שיסן און וואַרפן גראַנאַטן אין זיי. מען האָט זיי אַלעמען דערקלערט פאַר שולדיק און דער קאָמאַנדיר מיט דריי אַנדערע זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך שיסן.

עס איז כמעט קיין ספק ניט אַז ביים צוריקקער פון קאַפּיטאַן־לויטענאַנט עק אויף דער באַזע, וואָלט אים דער גראָס־אַדמיראַל באַגריסט און געלויבט פאַר זיין רעאַליסטישער האַרט־נעקיקייט. גאָרניט אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט דעם קאַרוועטן־קאַפּיטאַן האַרטענשטיין וואָס האָט, אַלס דער קאָמאַנדיר פון או־156, מיט זעקס חדשים פריער דערטרונקען דעם דאַמפער לאַקאָניאַ. אָבער עק׳ן איז געווען עפּעס אַנדערש באַשערט. דער פּאַטראָל־גאַנג, בשעת ער האָט דערטרונקען דעם פּעלעאוס, איז געווען זיין ערשטער און אויך דער לעצטער, אַלס קאָמאַנדיר פון אַ או־שיף. אַנשטאָט צום סוף קומען צוריק קיין קיעל, און דאָרט באַקומען לויבדאַנקען פונעם אַדמיראַל און פון זיין פירער, האָט ער נאָך אַ לופט אַטאַק צוגעפירט זיין שיף צום ברעג פון סומאַלי־לאַנד דעם 2׳טן מיי 1944 און דאָרט אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

דער קאָמאַנדיר וואָס האָט דערטרונקען לאַקאָניאַ האָט דאָך געראַטעוועט אַ צאָל לעבנגעבליבענע, און צום סוף האָט ער פאַר זיין מי באַקומען אַ ווייכן פאַרוואורף פאַרוואָס האָט ער ריזיקירט מיט זיין שיף. ווי דער גראָסאַדמיראַל האָט אין זיין ראַפּאָרט וועגן האַרטענשטיינ׳ס אָפּעראַציע געשריבן, „איז דער אינצידענט אַ נייער באַווייז וואָס פאַר אַ שטערונג עס זענען הומאַנע געפילן צום שונא".

דעם 5־טן יולי 1944 האָט אַ או־247 דערטרונקען דעם פיש־דאַמפער נאָרין מערי אַן אַכצן מייל מערב׳דיקער פון קאַפּ וראַטס. דער דאַמפער איז צו יענער צייט געווען באַשעפטיקט מיט פישפאַנג אויפן מערב ברעג פון סקאָטלאַנד, און זיי האָבן שוין געהאַט אויף דער שיף אַ 325 קאַסטנס מיט פיש. די שיף האָט פאַרלאָזט אייער מיט פיר טעג צוריק און געהאַלטן די ריכטונג צו די פיש גרונטן פונעם לאַנדצוג לויס.

אַ זייגער 8 אויפדערנאַכט האָט אַ מאַטראָס מיטן נאָמען דזשיימס מאַקאַליסטער דערזען, ווי צווי טאָרפּעדאָס שווימען פאַרביי דעם לינקען ראַנד פון דער שיף, מיט אַ צווישן אָפּשטאַנד פון אַן אַכט פיס, און מיט אַן אָפּשטאַנד פון דער שיף אויף אַ צען פיס. גלייכצייטיק האָט ער באַמערקט אַ ציל־טורם, אויף אַ דיסטאַנץ פון אַ 150 יאַרד, גלייך פון הינטן.



„וואויל די אָרימע אין גייסט, ווייל זיי געהערט דאָס הימל־רייך"
(סקיצן פון מאדאם וויאולט לאקון אין ראוועגסברוק)

„די סעלעקציע פון קרבנות פאר די גאז־צימערן" (ד"ג)



„זיי זענען געווען 40 טויזנט...״



„דאָס זענען געווען פרויען און קינדער״

מאַקאַליסטער האָט צונויפגערופן אַלע מאַטראָסן, דערווייל איז זיך די סובמאַרין אַרונטער, און דער שטורמאַן האָט ניט געוואָלט גלייבן אין מאַקאַליסטער׳ס רייד.

אָבער אין אַ שעה אַרום איז די או־שיף אַרויף אויף דער אייבערפלאַך און מיט אַמאָל געגומען פייערן פון מאַשין געווער אויף נ אָ ר י ן מ ע ר י. די שנעלקייט פון דעם דאַמפּער׳ס גאַנג איז געווען דריי מייל, און דער וועטער איז געווען פיין, מיט אַ קלאָרן אויסבליק, און דער ים רויק. ער האָט גלייך פאַרשנעלערט דעם גאַנג ביז צען ים־מייל, אָבער די סובמאַרין האָט אים נאָכגעיאָגט און ווידער געשאָסן. די ערשטע דריי זאַלפּן האָבן געהרגעט דריי פון די שיפליט, צווישן זיי אויך דעם סקיפּער.

די או־שיף האָט דאַן געעפנט אַ פייער פון אַ קאַנאָן אַרויפגעשטעלט אויפן ציל־טורם; די ערשטע שראַפּנעל האָט געטראָפן אין קעסל, די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, אינגאַנצן איינגעהילט אין דאַמף.

די רעשט פון דער מאַנשאַפט, זיבן אין צאָל, האָבן זיך פאַרשטעקט, אָבער נאָך דריי צווישן זיי זענען גיך דערהרגעט געוואָרן, און די סובמאַרין האָט געקרייזט אַרום, אַ ביסל אָפּגערוקט פאָרויס, און נאָכדעם פאַרביי־געשווומען דעם לינקען ראַנד, און בשעת מעשה געשאָסן פון ביידע מאַשין־געווערן.

מאַקאַליסטער האָט געפּרוּווט אַרונטערלאָזן אַ נויטשיפל צוזאַמען מיטן שטורמאַן, אָבער דער לעצטער איז בשעת מעשה דערהרגעט געוואָרן, און דער ערשטער איז אַראָפּ און האָט זיך באַהאַלטן אין דער קאַמער וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער וואַסער־ליניע. דער דאַמפּער איז שוין איצט געווען שטאַרק אויסגעבויגן אויף לינקס, און 10.10 באַנאַכט האָט ער זיך איבערגעקערט און אונטערגעגאַנגען. די פיר לעבנגעבליבענע זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין ים. מאַקאַליסטער איז אַרומגעשוווּמען ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף דעם פאָדערטייל פון אַן איבער־געקערטן רעטונגשיפל און זיך אַרויפגעקלעטערט דערויף.

די סובמאַרין איז נאָך אַלץ ניט אַרונטער. זי האָט זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פונעם איבערגעדרייטן רעטונגשיפל און אויסגעשאָסן אַהין אַ קורצן זאַלפּ. ווען צווישן זיי איז געווען אַן אָפּשטאַנד פון אַ זיבעציק יאַרד, האָט מאַקאַליסטער זיך אַראָפּ־

געגליטשט אין וואַסער אַריין, און איז געבליבן דאָרט ביז די או־שיף האָט אויפגעהערט צו שיסן און איז אַרונטער אין דער טיף.

5 אַ זייגער גאַנץ פרי אויף מאָרגן האָט די שיף פון זיין מאַיעסטעט ליידי מאַדליין אויפגענומען די צוויי איינציקע לעבנגעבליבענע, מאַקאַליסטער און דעם צווייטן אינזשעניר פון דער שיף. וואָס שייך די איבעריקע אַכט שיפלייט פון דער נאָרין מערי, זענען זעקס צווישן זיי דערהרגעט און צוויי פאַרפאַלן געוואָרן, וואַרשיינלעך דערטרונקען *).

או־247 איז געווען איינע פון די סאַמע־לעצטע דייטשע סובמאַרינען, און זי האָט זיך געפונען אויף איר ערשטן אָפּעראַציון פּאַטראָל. זי האָט געטראָגן צוויי גרויסע מאַשין־געווערן, איינעם אויפן הינטערדעק, דעם אַנדערן אין פאָדערגרונט פון איר ציל־טורם. און אַ קלענערער מאַשין־געווער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָרליקאָן, איז געשטאַנען אויפן פאָדערדעק. די נאָרין מערי איז געווען אַ געוויינלעכע פישערשיף וואָס איז געשוווּמען אין דערלויבטע גרענעצן, אָבער פונקט ווי אַלע אַנדערע קליינע שיפן בשעת׳ן קריג, האָט זי געטראָגן אַ לויס מאַשין געווער אויף אַן אַנטי־אַעראָפּלאַנען געשטעל, אַלס שוץ קעגן די דייטשישע פלי־מאַשינען וואָס זענען געווען שטענדיק גרייט אָנצוגרייפן אַלץ און אַלעמען.

אָט דער ניט געזעצלעכער אָנגריף איז געווען פּראָטאָקאָלירט אין דעם קאָמאַנדירס קריגזשורנאַל אויף אַ פאָלגנדן אופן:

1943. אַ פישער שיף. צוויי שאָסן פון די רערן I און VI. די שיף גיט זיך אַ דריי אויס אויף רעכטס גלייך נאָכן שאָס און פאַרנעמט אַ פּאָזיציע פון 180°. דער ים איז גלאַט ווי אַ באַסיין און די שיף האָט אַפּנים געזען דעם שפּורן־שטעג.

2055. אויף דער אייבערפלאַך. פישער־שיפן. אָנגעגריפן די נאָענטסטע. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דריי מינוטן אַרום. זענק שאָס אַרויסגעקנאַלט פון רער III אין דער

*) דער באַריכט וועגן דער געשעעניש ווערט געגעבן לויטן עדות זאָגן אונטער אַ שבועה פון דזשיימס מאַקאַליסטער פאַר אַ געשווירענעם נאָטאַריוס אין עדינבורג דעם 21־טן דעצעמבער 1945.

אומבאַוועגלעכער נאָרין מערי. פאַרפעלט, אַ פעלשאָס, ניט אַרויס.

2151. פאַרזונקען דורך אַ א.א.־שראַפּנעל־שאָס און איר זייט, פאַרזונקען מיטן הינטערטייל.

דער שעף פון דער אָפּעראַטיווער דיוויזיע BDU איז ווייזט אויס געווען זייער צופרידן מיט אָט דער גאַלאַנטער אַקציע, ווייל ער האָט ביי זיך אינעם קריגזשורנאַל אַריינגעטראָגן די פאָלגנדע באַמערקונג: „דאָס פאַרזינקען דורך אַ א.א.־שראַפּנעל אַ פישערשיף אין דער זאָנע זאָגט עדות וועגן אַן אָנגרייפערישן גייסט און גרויסער געוואַגטקייט... די אָפּעראַציע איז אויסגעפירט געוואָרן אין שווערע באַדינגונגען". אין דער ווירקלעכקייט, איז עס געווען אַ פּשוטער געמיינער מאָרד.

פונעם ערשטן קריגס־טאָג אָן ביזן סאַמען לעצטן, איז דער מאָרד אין אָפענעם ים אַנגעגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט. פונקט אַזוי ווי אין דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט דייטשלאַנד געפירט ניט קיין געצווימטן סובמאַרין־קריג, סיי קעגן די שונאים און סיי קעגן די נייטראַלע, אין פולער גרינגשעצונג צו דעם פּראָטאָקאָל פון 1936 און צום אַנגענומענעם שטייגער און שניט פון דער ציוויליזירטער וועלט.

קאַפּיטל 4

דאָס פּייניקן און מאָרדן
די ציווילע באַפעלקערונג
אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס

אין די אַמאָליקע צייטן האָט דער שונא געהאַט די פולע מאַכט איבער דער אָקופּירטער טעריטאָריע. ער האָט געקאָנט זי רויבירן, אויסהרגענען די איינוווינער אָדער פאַרטרייבן זיי אין געפאַנגענ־שאַפט, און צונעמען פאַר זיך זייער גאַנצן פאַרמעגן. גרויסע ענדערונגען זענען אָבער פאָרגעקומען אין לויף פונעם אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן דערגרייכט זייער קרוינפּונקט אין די „האַג־תקנות בנוגע די געזעצן און די מינהגים פון קריג אויף דער יבשה", אָנגענומען אויף דער שלום־קאָנפערענץ אין האַג, אין 1907.

פּאַראַגראַף 46 פון די־אָ תקנות האָט פעסטגעשטעלט אַז „כבוד און רעכט פון משפחה, דאָס לעבן פון מענטשן און זייער פּריוואַט אייגנטום, פּונקט אַזוי ווי זייערע גלויבנס־איבערצייגונגען און לעבנס־שטייגער מוזן ווערן רעספּעקטירט". אין דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַלע אָקופּירטע טעריטאָריעס האָבן די דייטשן אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געהאַלטן אין איין ברעכן אָט דעם פּאַראַגראַף.

דעפּאָרטירט מיליאָנען פון זייערע היימען ווי שקלאַפן; אומגעבראַכט טויזנטער ערב'ניקעס און רעוואַנש־געפאַנגענע; דורכגעפירט הונדערטער ניט באַרעכטיקטע רעוואַנש־אַקציעס; געמאַכט גלייך מיט דער ערד צענדליקער שטעט און דערפער; פאַרוויסט טויזנטער אַקער פרוכטבאַר לאַנד; אויסגעראָטן מיליאָנען יידן; אויסגעהרגעט אין מאַסן־עקזעקוציעס הונדערטער טויזנט אומשולדיקע בירגער; חרוב געמאַכט געטאָס און דערהרגעט זייערע איינוווינער אָדער אַוועקגעפירט זיי אין קאָנצענטראַציע און

פאַרניכטונגס־לאַגערן. צוגענומען און אויסגענוצט פאַר דער דייטשער ווירטשאַפט אַלע רוי־מאַטעריאַלן, מעטאַל־אָפּפאַל און מאַשין־געצייג; פאַרכאַפּט הורטאָם קונסטווערק, מעבל און שניט־סחורה פון אַלע פאַרנומענע טעריטאָריעס.

אין אַ רעדע אויף דער קאָנפערענץ פון דייטשישער אָקופּיר־מאַכט אין אויגוסט 1942 האָט גערינג געזאָגט: „גאָט ווייסט אַז איר זענט ניט געשיקט געוואָרן צו אַרבעטן דאָרט לטובת די פעלקער וואָס זענען אונטער אייער אויפזיכט, נייערט אויף אַרויסצובאַקומען פון זיי וואָס מער, כדי דאָס דייטשע פאָלק זאָל קאָנען לעבן. אָט דאָס דערוואַרט איך פון אייער מי און פלייס. עס מוז, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, נעמען אַ סוף צו די אייביקע זאָרגן פאַר פרעמדע פעלקער. עס אַרט מיך גאָר ווייניק אויב די פעלקער אייערע וועלן אויסגיין פאַר הונגער״.

די בייזוויליקע כוונה פון דער אָקופּאַציע־מאַכט איז געווען צו טעראָריזירן די איינוווינער און אומדערבאַרעמדיק צו עקספּלואַ־טירן יעדער זאַך און יעדן איינעם פאַר דעם דייטשישן קריגס־פּאַרנעם.

פאַר דער זשענעווער־קאָנווענץ פון 1949 האָט דער אינטער־נאַציאָנאַלער געזעץ דערלויבט ביי געוויסע אומשטאַנדן צו נעמען ערב׳ניקעס, אָבער אומברענגען זיי — אויסער אין די פאַלן ווען זיי זענען געווען געזעץ־מעסיק פאַראורטיילט פאַר טויט־פאַרברעכנס — איז שטרענג פאַרבאָטן דורך דעם פאַראַגראַף 50 אין דער האַג קאָנווענץ פון 1907 וואָס זאָגט: „קיין שום קאָלעקטיווע שטראָף, אין געלט אָדער אין אַן אַנדער אַרט, זאָל פאַר אינדיווידועלע אַקטן ניט אַרויפגעלייגט ווערן אויף דער באַפעלקערונג, וואָס זי טראָגט ניט דערפאַר קיין געמיינזאַמע אַחריות״.

לאָרד ווריגט, וואָס באַהאַנדלט אָט די פראַגע אין זיין אַרטיקל אין דאָס בריטישע יאָרבוך פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט פון יאָר 1948, שרייבט דאָרט: „עס איז מיין אייגענע פעסטע איבערצייגונג, באַזירט סיי אויף אַ פּרינציפּ און סיי אויף אויטאָריטעטן, אַז הרגענען ערב׳ניקעס (און אויך רעוואַנש־געפאַנגענע) הייסט גיין קעגן דעם קריגס־געזעץ, אַז עס איז אין קיין שום אומשטאַנדן ניט דערלאָזבאַר, און אַז עס הייסט פשוט מאָרד״.

נאָך מער, עס ווייזט זיך אַרויס אַז אָט דעם כלל האָט נאָך אין זיבעצטן יאָר־הונדערט פעסטגעלייגט ניט קיין קלענערער

לאָרד ראַסעל אָף ליווערפּול

אויטאָריטעט ווי גראָטיוס אין זיין בוך De jure belli ac pacis און לאָרד ווריט האָט אין זיין אַרטיקל ציטירט פון דאָרטן אָט דעם אויסצוג:

מען טאָר ניט טייטן קיין ערב־ניקעס סיידן זיי אַליין באַגייען אַ פאַרברעכן... אין אַמאָליקע צייטן איז געווען אָנגענומען צו גלייבן אַז יעדער מענטש האָט איבער זיין אייגענעם לעבן דאָס זעלבע רעכט ווי ער האָט איבער אַנדערע זאַכן וואָס זיי געפינען זיך אין זיין רשות, און אַז דאָס רעכט גייט איבער, דורך אַ שטילן אָדער אויסגעדריקטן הסכם, פון איינצלנע פּערזאָנען צו דער מדינה. דעריבער איז ניטאָ וואָס צו חידושן זיך ביים לייענען אַז מען פלעגט טייטן פּערזענלעך אומשולדיקע מענטשן פאַר די זינד פון זייערע מדינות. אָבער איצט ווען אַ טיפערער וויסן לערנט אונדז אַז די מאַכט איבערן לעבן געהערט צו גאָט, און דערפון איז דאָך געדרונגען אַז קיין איינער איז פּערזענלעך ניט קיין בעל־הבית אויפן לעבן, ניט אויף זיין אייגענעם און ניט אויף אַן אַנדערנס לעבן.

דער שטייגער פון דערשיסן ערב־ניקעס און רעוואַנש־געפאַנגענע *) איז ביי דער דייטשער מאַכט געווען ברייט אָנגענומען אין יעדן מיליטעריש־אָקופּירטן לאַנד.

נאָכן שליסן דעם וואָפן־שטילשטאַנד מיט פראַנקרייך אין יוני 1940 האָט זיך די דייטשע אָקופּיר־מאַכט אין אָנהייב אויפגעפירט גאַנץ טאָלעראַנט. זיי האָבן געהאָפט אַריינצושלעפּן פראַנקרייך אין זייער קריג קעגן ענגלאַנד און שפּעטער קעגן די פאַראייניקטע־שטאַטן פון אַמעריקע. און מיט אַלע מיטלען וואָס זענען נאָר געשטאַנען צו זייער דיספּאָזיציע האָבן זיי געפּרוּווט געווינען

---

*) עס איז פאַראַן אַ חילוק, הגם אינגאַנצן ניט קיין וויכטיקער פאַרן קרבן גופא, צווישן ערב־ניקעס און רעוואַנש־געפאַנגענע. די ערשטע ווערן אַריינגעזעצט אין טורמע כדי זיי זאָלן מיט זייער לעבן גאַראַנטירן אַז די געזעלשאַפט צו וועלכער זיי געהערן וועט זיך אין דער צוקונפט גוט אויפפירן. די לעצטע אַרעסטירט מען נאָך עפּעס אַ געשעעניש און מען הרגעט זיי אַלס נקמה אָדער רעוואַנש. איןביידע פאַלן צאָלן אינגאַנצן אומשולדיקע מענטשן מיט זייער לעבן פאַר פרעמדע זינד.

דאָס פראַנצייזישע פאָלק און דערגרייכן ביי זיי מאַקסימום מיטווירקונג און מיטאַרבעט.

עס איז געווען נאָר אַ פרומער ווונטש, און דעם מילדן צוגאַנג איז באַשערט געווען אַ מפּלה. ווי נאָר די רעזיסטענץ פון די פראַנצויזן האָט זיך געשטאַרקט, איז די מאַסקע פון זיסער פאַרשטענדעניש גלייך אַראָפּגעפאַלן, זי איז קיינמאָל ניט געווען מער ווי אַ שווינדל און ווי אַ בלויזער אָנשטעל, און די נאַציס זענען ווידער געוואָרן צו זיי שלעכט.

די עקזעקוציעס פון ערב'ניקעס אין דינאַן (Dinanat), אין לאַאָן (Laon), און אין סענלי (Senlis), וואָס האָבן אין 1914 אויפגערודערט די ציוויליזירטע וועלט, זענען בלאָס און קליין אין פאַרגלייך מיטן בלוטבאָד אין אָראַדאָר־סור גלען, אין לידיצע, אין די באַלקאַנען, אין וואַרשע, אין רוסלאַנד און אין די אַרדיטין היילן.

פאַרן סוף פון 1940 זענען רויטע קלעפּצעטלען אין שוואַרצע ראַמען געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין פראַנקרייך, אָנגעקלעפּט אויף די ווענט אין פּאַריז און אין די שטעט און דערפער איבערן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן אָנאָנסירט די ערשטע דערשיסונגען פון די ערב'ניקעס אַלס רעוואַנש־אַקט פאַר די אַנטי־דייטשע אינצידענטן.

אין סעפּטעמבער 1940 האָט דער הויפּטקאָמאַנדיר פון דער דייטשער אַרמיי אין פראַנקרייך דעפינירט די ערב'ניקעס אַלס „איינוווינער פון אַ לאַנד וואָס גאַראַנטירן מיט זייער לעבן אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך אויפפירן פיין און גוט. די אַחריות פאַר זייער גורל ליגט אַזוי אַרום אויף זייערע מיטבירגער. דערפאַר דאַרף מען עפנטלעך וואָרענען די באַפעלקערונג אַז די ערב'ניקעס וועלן ווערן באַשטראָפט פאַר יעדן פיינדלעכן אַקט מצד אַן איינצעלנעם מענטשן".

די אַחריות פון אומשולדיקע פאַר די זינד פון אַנדערע האָט געהערט צו דער אָפיציעלער פּאָליטיק און האַנדלונג פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, און זיי האָבן אַלעס געטאָן כדי צו פאַרזיכערן אַז זייערע דראָונגען זאָלן ווערן פאַרווירקלעכט אין לעבן. „דראָונגען וואָס ווערן ניט רעאַליזירט", האָט דער באַפעל פעסטגעשטעלט, „שאַפן אַן איינדרוק פון שוואַכקייט".

אַט די דאָקטרין איז אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער העכסטער אינסטאַנץ אינעם אַלגעמיינעם באַפעל וואָס איז מיט דער אונטערשריפט פון קייטעל אַרויס אין סעפטעמבער 1941. דער באַפעל איז געבליבן גילטיק אין משך פון דער גאַנצער מלחמה און אַדרעסירט איז ער געווען צו די דייטשע מיליטער קאָמאַנדירן אין פראַנקרייך, בעלגיע, נאָרוועגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק, אוקראַינע, סערביע, גריכנלאַנד און קריט וואָס זיי אַלע זענען געווען אָקופּירט דורך דייטשלאַנד.

אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע פאַר רוסלאַנד האָט דער באַפעל געהייסן אומברענגען פון 50 ביז 100 קאָמוניסטן פאַר יעדן איינציקן דערהרגעטן דייטשישן זעלנער. אין דעם זעלבן חודש איז דער באַפעל שפּעטער באַשטעטיקט און אויפגענומען געוואָרן דורך שטילפּנאַגעל׳ן אין זיין באַרימטן באַפעל וואָס איז אין פראַנקרייך געווען באַקאַנט אַלס דער „קאָד פאַר ערבות־לייט".

דער באַפעל איז פון גרויסער וויכטיקייט ווייל ער דעמאָנסטרירט קלאָר און דייטלעך דעם צוגאַנג פון דער דייטשישער מיליטער־קאָמאַנדע אין פראַנקרייך צו דער ערבות־פּאָליטיק. עס פאָלגן דאָ אויסצוגן דערפון:

I. דעם 22־טן אויגוסט 1941 האָב איך אַרויסגעלאָזט די פאָלגנדע מעלדונג: „דעם 21־טן אויגוסט אינדערפרי איז אַ מיטגליד פון די דייטשע באַוואָפנטע כוחות דערהרגעט געוואָרן אין פּאַריז אַלס רעזולטאַט פון אַ מערדערישן אַטענטאַט". דעריבער באַפעל איך אַז:

(1) אַלע פראַנצויזן וואָס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט אָדער דורך איר ווירקונג און זיי זיצן אין וועלכן־עס־איז אַרעסט אין פראַנקרייך, ווערן באַטראַכט אַלס ערבות־לייט פונעם 23־טן אויגוסט אָן.

(2) טאָמער קומט ווייטער פאַר אַן אינצידענט וועט אַ טייל פון די ערבות־לייט ווערן דערשאָסן, אין אַ צאָל וואָס הייבגט אָפּ דערפון ווי וויכטיק עס איז יעדער אַטענטאַט.

III. אויפן סמך פון מיין מעלדונג פון 22־טן אויגוסט 1941 און פון מיין באַפעל פון דעם 19־טן סעפטעמבער 1941 [וואָס איז

געבראַכט אין פּאַראַגראַף II], ווערן די פאָלגנדע גרופּעס מענטשן דעריבער באַטראַכט אַלס ערבות־לייט.

[זעקס אַזעלכע גרופּעס זענען אויסגערעכנט]

VI. רשימות פון ערבות־לייט.

אויב עס טרעפט אַן אינצידענט וואָס פאָדערט דאָס דערשיסן פון ערבות־לייט אין איינקלאַנג מיט מיין מעלדונג פונעם 21־טן אויגוסט 1941, מוז דער טויטאורטייל ווערן אויסגעפירט גלייך נאָכן באַקומען דעם באַפעל. די דיסטריקט־קאָמאַנדירן דאַרפן, דעריבער, פון דער אַלגעמיינער צאָל ערבות־לייט אין זייערע דיסטריקטן אויסקלייבן די יעניקע וואָס זיי קומען אין באַטראַכט פאַר דער היגריכטונג פון אַ פראַקטישן שטאַנדפּונקט און דאַן מאַכן אַ באַזונדערע רשימה פון זייערע נעמען. אָט־די רשימות וועלן דינען אַלס באַזע פאַר די פאָרשלאַגן וואָס מען וועט מיר דערלאַנגען אין דעם פאַל פון אַ היגריכטונג.

אויף וויפל און ווי ווייט מען האָט ביז איצט אָבסערווירט, שטאַמען די מחבלים פון קאָמוניסטישע אָדער אַנאַרכיסטישע טעראָר־באַנדעס. די דיסטריקט־קאָמאַנדירן דאַרפן, דעריבער, אויסקלייבן פון צווישן די אַרעסטירטע די יעניקע וואָס פּאַסן צום מייסטן פאַר דער היגריכטונג צוליב זייערע קאָמוניסטישע אָדער אַנאַרכיסטישע אַנשויונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט אָדער צוליב זייער שטעלונג אין אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס. ביים דורכפירן די סעלעקציע דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז וואָס מער די טויט־קאַנדידאַטן זענען באַקאַנט, אַלץ אַ גרעסערן אָפּשרעקנדיקן איינדרוק וועט עס מאַכן אויף די מחבלים גופא, און אויף יענע פּערזאָנען אין פראַנקרייך און אין אויסלאַנד וואָס טראָגן די מאָראַלישע אַחריות פאַר די אַקטן פון טעראָר און סאַבאָטאַזש.

אַ רשימה פון ערבות־לייט דאַרף ווערן צוגעגרייט פון צווישן די אַרעסטירטע מיט דע־גאָל'יסטישע בייגונגען.

מען האָט אויך צוגעגרייט אַ דעפּאָ פון ערבות־לייט.

די רשימות דאַרפן באַשטיין פון 150 פאַר יעדן דיסטריקט און ביי 400 פאַר דער גרעסערער פּאַריזער קאָמאַנדע. די דיסטריקט־שעפן דאַרפן שטענדיק פירן אַ רשימה פון די

פּערזאָנען וואָס פאַרברייינגען צייטווייליק אָדער זיי וווינען פּערמאַנענט אין זייערע דיסטריקטן, ווייל מען דאַרף, ווי ווייט מעגלעך, נעמען די טויט־קאַנדידאַטן פון יענעם דיסטריקט ווו עס איז פאָרגעקומען דער אַקט.

דאַן קומען אינסטרוקציעס צו דער הינריכטונג אַליין, און דער לעצטער פּאַראַגראַף ענדיקט זיך אַזוי:

ביים באַגראָבן די קערפּערס, דאַרף מען פאַרמיידן צו באַהאַלטן זיי צוזאַמען אין איין אַלגעמיינעם קבר אויף דעמזעלבן בית־עולם, כדי דערמיט ניט צו שאַפן קיין פּילגרים־ערטער, וואָס קענען איצט אָדער שפּעטער זיך פאַרוואַנדלען אין צענטרען פון אַנטי־דייטשער פּראָפּאַגאַנדע. אין אַ נייטיקן פאַל דאַרף מען זיי, דערביי, ברענגען צו קבורה אין פאַרשידענע ערטער.

ענלעכע באַפעלן זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין בעלגיען דורך דעם גענעראַל פאָן פאַלקענהאַוזען, אין האָלאַנד דורך דעם גאַולייטער סייס־אינקוואַרט, און אין נאָרוועגיען דורך דעם גענעראַל פאָן פאַלקענהאָרסט.

די רעזולטאַטן פון אָט דער סיסטעם זענען געווען ניט שטענדיק פונקט אַזעלכע, ווי די מחברים האָבן עס דערוואַרטעט און פאַלקענהאַוזען האָט פון בעלגיען געשיקט צו קייטעל׳ן אַ בריוו פול מיט קריטיק, אָבער ניט פון הומאַניטאַרע, נייערט פון ריין פּראַקטישע טעמים.

בייגעלייגט אַ רשימה פון די ערבות־לייט וואָס זענען ביז איצט דערשאָסן געוואָרן אין מיין זאָנע און אויך פון די אינצידענטן וואָס האָבן גורם געווען צו די דערשיסונגען. אין אַ גרויסער צאָל פאַלן, דער עיקר אין די גאָר ערנסטע, האָט מען די אמת׳ע שולדיקע ערשט שפּעטער געכאַפּט און פאַראורטיילט.

דער רעזולטאַט איז אָן אַ שום ספק זייער ניט קיין גינסטיקער. דער איינדרוק דערפון שרעקט ניט אַזוי אָפּ די באַפעלקערונג ווי עס צעשטערט ביי זיי דעם געפיל פון יושר און זיכערקייט: עס שאַפט זיך אַ בריק צווישן די איינוווינער וואָס זענען באַאיינפלוסט פון די קאָמוניסטן מיט די איבעריקע טיילן פון דער באַפעלקערונג: אַלע קרייזן ווערן איבערפולט מיט האַס צו דער אָקופּאַציע־מאַכט

– און די פײַנדלעכע פּראָפּאַגאַנדע געווינט דערבײַ אַ ווירקונגספולן אויפהעצערישן שטאָף.

געחתמעט: פאָן פאַלקענהאַוזען.

פאַלקענהאַוזען האָט זיך מער ווי איינמאָל געקלאָגט פאַרן OKW אויפן טרויעריקן איינפלוס פון קייטעלס באַפעל. ער האָט נאָכאַמאָל און אויפסניי אויפגעוויזן, אַז אין עטלעכע פאַלן האָט מען די סאַבאָטאַזשניקעס אַנטדעקט נאָכדעם, ווי די אומשולדיקע זענען שוין געווען דערשאָסן, און אַז די אמת־שולדיקע האָבן גאָר ניט געהערט צום קרייז פון די אומגעבראַכטע ערבות־לייט. דאָס האָט פאַרביטערט אויך יענע טיילן פון דער באַפעלקערונג וואָס זייער שטעלונג איז פריער געווען אַ פּאַסיווע.

קעגן סוף 1942 איז צו קייטעל'ן אָנגעקומען אַ נייע וואָרענונג, דאָס מאָל מצד דעם ווערמאַכט קאָמאַנדיר אין האָלאַנד. נאָכן מעלדן וועגן דעם דערשיסן פון אַ צאָל זייער אָנגעזעענע ערבות־לייט אין ראָטערדאַם, האָט ער אונטערגעשטראָכן אַז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז דורך דעם שטאַרק געטראָפן. קיין שום זאַך וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן אין דער אָקופּאַציע־צייט, און זייער ווייניק גרויל־מעשים זענען דאָך ניט אָפּגעטאָן געוואָרן, האָט ניט געמאַכט אַזאַ מין איינדרוק און ניט אַרויסגערופן אַזאַ גרויסע פאַרביטערטקייט. עס זענען אָנגעקומען אין דעם דייטשן הויפּט־שטאַב אַ סך בריוו, אַ טייל געחתמעט און אַ טייל אַנאָנים. דער ראַפּאָרט האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „מיט איין וואָרט, אַפילו אין די רייען פון דער קליינער צאָל אמת פּראָ־דייטשע האָלענדער, האָט מען פריער קיינמאָל ניט געפילט אַזאַ שטאַרקן פּראָטעסט און אַזאַ מין אַרט האַס".

אָבער קייטעל האָט זיך דערמיט ווייניק וואָס איבערגענומען. ער האָט זיין באַפעל פונעם 16־טן סעפּטעמבער 1941 אין משך פון דער גאַנצער מלחמה קיינמאָל ניט צוריקגערופן, און העכער 29.000 ערבות־לייט זענען געוואָרן אומגעבראַכט בלויז אין פראַנקרייך אליין.

פון צייט צו צייט האָט די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט אַפּעלירט צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג זיי זאָלן זיך אָפּטרייסלען פון דער רעזיסטענץ, און צו די פּאָטענציעלע פראַנצייזישע בוגדים און

מוסרים זיי זאָלן מסרן יענע מיטבירגער זייערע וואָס זענען נאָך געבליבן טריי.

דער פאָלגנדער טעקסט איז פון אַזאַ מין אָרט אויפרוף, וואָס איז אַרויס אין סעפּטעמבער 1941:

איך אַנערקען אַז אַ גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג ווייסט גוט איר פליכט, וואָס באַשטייט אין העלפן דער מאַכט אין דער שטענדיקער מי און אַנשטרענגונג אונטערצוהאַלטן רו און אָרדענונג אין לאַנד אין די אינטערעסן פון די איינוווינער.

אָבער צווישן אייך געפינען זיך אַגענטן, געדונגענע פון דייטשלאַנד׳ס שונאים, קאָמוניסטישע קרימינעלע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַר זיך איין און איינציק צוועק, — שאַפן רייבונגען צווישן דער אָקופּאַציע־מאַכט און דער פראַנצייזישער באַפעלקערונג...

איך וועל מער ניט דערלויבן אַז אָט די מערדער זאָלן זיך פאַרמעסטן אויפן לעבן פון דייטשע זעלנער. איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען, ווי הארב און האַרטנעקיק זיי זאָלן ניט זיין, כדי צו טון מיין פליכט... איך אַפּעליר צו אייך אַלע, צו אייער אַדמיניסטראַציע און צו אייער פּאָליציי, איר זאָלט מיט מיר קאָ־אָפּערירן, זיין שטענדיק אויף דער וואַך, און פּערזענלעך אַקטיוו מיטהעלפן ביים אַרעסטירן די שולדיקע. מען דאַרף ניט דערלאָזן, מען מוז דענונצירן די קרימינעלע טעטיקייט כדי צו פאַרמיידן אַ קריטישע סיטואַציע וואָס קאָן אַריינברענגען דאָס לאַנד אין אַ צרה.

ווער עס שיסט פון אַ באַהעלטעניש אַרויס אויף דייטשע זעלנער, וועלכע טוען דאָך בלויז זייער פליכט, וועלכע פאַרזיכערן אַ רויק נאָרמאַל לעבן, יענער איז ניט קיין פּאַטריאָט נייערט אַ קליינמוטיקער רוצח און אַ שונא פון אַלע אָרנטלעכע מענטשן.

פראַנצויזן! איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, אַז איר וועט ריכטיק פאַרשטיין אַלע מיטלען וואָס איך נעם אונטער אין אייערע אייגענע אינטערעסן.

געחתמעט: פאָן שטילפּנאַגעל.

אין משך פון זיבעציק יאָר האָבן דאָך די דייטשן באַזעצט פראַנקרייך דריי מאָל, און עס איז באמת אַ חידוש וואָס זיי האָבן אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פון זייער שונא.

פארסמאליעטע קערפערס אין
קלויסטער פון אוראדאָר

די שחיטה אין אוטאָן


דאָס דאָרף לידיצע


נאָך דער שחיטה אין לידיצע

אין אָקטאָבער 1941 זענען פאָרגעקומען „די עקזעקוציעס אין שאַטאָבריאַן און באָרדאָ". דעם 21־טן אָקטאָבער האט זיך די פאלגנדע נאָטיץ באַוויזן אין דער צייטונג Le Phare:

קליינמוטיקע קרימינעלע לייט, געדונגען פון ענגלאַנד, און מאָסקווע, האָבן נעכטן אינדערפרי געשאָסן פון הינטן אין דעם פעלדקאָמענדאַנט פון נאַנט און אים דערהרגעט. די מערדער זענען נאָך ביז איצט ניט אַרעסטירט. אַלס רעוואַנש־שטראָף האָב איך באַפוילן צו דערשיסן פופציק ערבות־לייט. דערווייל. דער פאַל איז זייער אַ שווערער, און אויב ביז 23־טן אָקטאָבער 1941 צוועלף באַנאַכט וועלן זיך ניט געפינען די שולדיקע, וועלן דערשאָסן ווערן נאָך פופציק ערבות־לייט.

דער אינערן מיניסטער פון ווישי, פושע (Pucheu) * האָט צוגעגרייט אַ רשימה פון זעכציק פראַנצויזן, וועלכע זענען געזעסן פאַרשפאַרט אין שאַטאָבריאַן, און וואָס מען האָט זיי פאַרדעכטיקט אַז זיי זענען געפערלעכע קאָמוניסטן.

זיבן און צוואַנציק צווישן זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אין שאַטאָבריאַן, און דער אַבאַט מאַיאָן, וואָס איז געווען דאָרט אַנוועזנד, האָט אויף מאָרגן אָנגעשריבן אָט דעם פאָלגנדן ראַפּאָרט:

עס איז געווען אַ ווונדערבאַרער האַרבסטאָג. דער וועטער איז געווען אַ באַזונדערס מילדער. די זון האָט געשיינט פון אינדערפרי אָן. יעדער איינער אין שטאָט איז זיך געווען פאַרטון אין זיינע אייגענע טאָג־טעגלעכע ענינים. אין שטאָט איז געווען לעבעדיק, ווייל עס איז געווען מיטוואָך, דער מאַרק־טאָג. די איינוווינער האָבן געוווסט פון די צייטונגען און דורך אַן אינפאָרמאַציע דירעקט פון נאַנט, אַז מען האָט דאָרט דערהרגעט אַ הויכן אָפיציר אָבער זיי האָבן זיך ניט געוואָלט גלייבן אַז עס וועט פאָלגן אַזאַ ווילדע און שווערע רעוואַנש־שטראָף. די דייטשע מאַכט האָט מיט אַ טאָג פריער אין דעם לאַגער שואַזעל אָפּגעזונדערט און אַריינגעזעצט אין אַ ספּעציעלן פּלאַץ אַ צאָל

*) פושע איז געשטאַנען פאַר אַ פראַנצייזישן מיליטער טריבונאַל אין אַלזשיר אין 1944. ער האָט באַקומען אַ טויט־אורטייל און איז געוואָרן געטייט.

מענטשן אַלס ערבות־לייט פאַר אַ פאַל פון אַן אַטענטאַט קעגן די אָקופּאַציע־כוחות. פון צווישן יענע מענטשן האָט מען אויסגעקליבן די אַלע וואָס מען האָט זיי באַדאַרפט אין יענעם אָוונט דערשיסן.

דער גלוו פון בער האָט געהאַלטן ביי פאַרענדיקן זיין אָנבייסן ווען מעסיע מאָראַ, דער שעף פון געם שוואַזעל לאַגער, איז געקומען צו אים אַ היים און האָט אים אין אַ פּאָר ווערטער דערקלערט זיין ענין. אים האָט אַהער געשיקט דער וויצע־פּרעפעקט פון שאַטאָבריאַן, מעסיע לעקאָרנו מיט אַ ביטע צום גלח אַז יענער זאָל גלייך קומען און מטפּל זיין מיט זיבן און צוואַנציק אויסגעוויילטע פון צווישן די „פּאָליטישע אַרעסטירטע" אין שואַזעל, וואָס מען וועט נאָכמיטאָג אויספירן אויף זיי אַ טויט־אורטייל.

דער גלח האָט מסכים געווען און איז גלייך אַוועק אין לאַגער. דער וויצעפּרעפעקט איז שוין געווען דאָרט אויף צו מעלדן די אַרעסטירטע וועגן זייער שרעקלעכן גורל... פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ רעש פון אויטאָמאָבילן. די טיר וואָס איך האָב פאַרמאַכט ביים אַריינגיין, כדי צו שאַפן אַן אינטימע אַטמאָספער, האָט זיך העפטיק אויפגעפּראַלט און עס האָבן זיך באַוויזן פראַנצייזישע זשאַנדאַרמען מיט האַנטקייטלעך. אויך אַ דייטשער אַרמיי גייסטלעכער איז געקומען. ער האָט געזאָגט צו מיר „מעסיע גייסטלעכער, אייער מיסיע איז פאַרענדיקט און איר מוזט תיכף אַוועקגיין".

דער צוגאַנג צו דעם שטיינברוך, וווּ עס איז פאָרגעקומען די עקזעקוציע, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן פאַר אַלע פראַנצויזן. איך ווייס נאָר אַז די ערבות־לייט זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דריי גרופּעס, צו ניין אין יעדער איינער, איך ווייס אַז אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט מען זאָל זיי פאַרבינדן די אויגן פאַרן דערשיסן, אַז דער יונגער מאָקע האָט געחלש'ט און איז אַנידערגעפאַלן, און אַז דער לעצטער אויסגעשריי אויף די ליפּן פון אַט־די העלדן איז געווען אַ הייסער „ז אָ ל ל ע ב ן פראַנקרייך".

אַ פּאָליציי אָפיציר מיטן נאָמען רוסעל (Roussel) האָט געזען

ווי מען האָט די פּאַראורטיילטע באַכמיטאָג געפירט אין פיר דייטשע לאַסט־אויטאָס, און אַ דייטשער אָפיציר איז פאָרויסגעפאָרן אין אַ מאַשין פון שטאָב. די מענטשן האָבן געטראָגן האַנט־קייטלעך און געזונגען פּאַטריאָטישע לידער ווי די „מאַרסילעז" און דאָס „אַפּשייד ליד". אין איינער פון די מאַשינעס איז געווען אַ גרופּע באַוואָפנטע דייטשע זעלנער.

מיט אַ צוויי שעה שפּעטער האָט זיך דער קאָנוואָי צוריקגעקערט פון דעם שטיינברוך, ווו עס איז פאָרגעקומען די עקזעקוציע, אַריינגעפאָרן אין הויף פונעם שלאָס און דאָרט אויסגעלייגט די קערפּערס אין אַ קעלער, ביז מען וועט צוגרייטן די טרומנעס.

אויפן צווייטן טאָג, דעם 23־טן אָקטאָבער, ווי רוסעל האָט איבערגעגעבן, „האָט מען די קערפּערס אַריינגעלייגט אין טרומנעס אָן איין פראַנצויז דערביי, און אַלע אַריינגאַנגען אין שלאָס זענען דאָן געווען באַזעצט מיט אַ דייטשער וואַך. מען האָט די טויטע אַוועקגעפירט אין ניין פאַרשיידענע בית־עולמ׳ס אין דער סביבה, צו דריי טרומנעס אין יעדן איינעם. די דייטשן האָבן זיך באַמיט אויסצוקלייבן ערטער, ווו עס איז ניטאָ דאָרט קיין רעגולערער אויטאָבוס־פאַרקער, אַ פּנים כדי צו פאַרמיידן מאַסנבאַזוכן פון דער באַפעלקערונג אויף די קברים פון די מאַרטירער".

בלויז מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן דערשאָסן אין באָרדאָ נאָך פופציק רעוואַנש־אַרעסטירטע. מען האָט זיי אויסגעקליבן פון אַ 100 מענטשן באַקאַנט אַלס סימפּאַטיקער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און פון דער דע־גאָל׳יסטישער באַוועגונג, וואָס מען האָט זיי אַרעסטירט דעם 22־טן אָקטאָבער. דער גענעראַל פאָן פאַבער די פאָר האָט וועגן אָט־די רעוואַנש־מיטלען געמאָלדן דעם פּרעפעקט פון זשיראָנד אין אַ בריוו.

באָרדאָ, 23־טן אָקטאָבער 1941.

צו דעם פּרעפעקט פון זשיראָנד, באָרדאָ.

אַלס רעוואַנש פאַר דעם קליינמוטיקן מאָרד פון דעם קריגס־ראָט ריינערס, האָט דער מיליטער קאָמאַנדיר אין פראַנקרייך באַפוילן הינצוריכטן פופציק ערבות־לייט. די הינריכטונג וועט פאָרקומען מאָרגן.

אין פאַל אויב די מערדער וועלן ניט זיין אַרעסטירט אין דער

באַגענטער צוקונפט, וועלן אָנגענומען ווערן צוגאָביקע מיטלען, ווי אין דעם פאַל פון נאַנט. איך האָב דעם כבוד אייך מיטצוטיילן אַט דעם באַשלוס.

געחתמעט: פאָן פאַבער די פאָר.

שעף פון דער מיליטערישער ראַיאָן־אַדמיניסטראַציע.

עס זענען נאָך אַ סך ערבות־לייט דערשאָסן געוואָרן אַלס אַן אַקט פון רעוואַנש. אין סעפּטעמבער 1941 איז פאָרגעקומען אַן אַטענטאַט אויף אַ צאָל דייטשע זעלנער אין דעם פּאַריזער סינעמאַ רעקס, און 116 ערבות־לייט זענען דערשאָסן געוואָרן אַלס רעוואַנש.

די פעסטונג ראָמענוויל אין דער פאָרשטאָט פון פּאַריז איז פון זינט דער מלחמה געוואָרן דער פּלאַץ וווּהין די פּאַריזער זענען עולה־רגל. בשעת דער אָקופּאַציע איז דאָרט געווען אַ זאַמל־פּונקט פאַר די ערבות־לייט, ווו מען האָט אויפגעהאַלטן אַ מין מענטשן־דעפּאָ וואָס פון דאָרטן האָט מען אויסגעוויילט די קרבנות צום שיסן, אַלס רעוואַנש פאַר די אָדער אַנדערע אַקטן קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט.

איינער פון זיי, מעסיע ראַבאַט, וואָס האָט געהאַט גרויס מזל און ער איז געבליבן לעבן, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם גורל פון עטלעכע אַרעסטירטע.

איינציקע פון אונדז האָט מען אַריבערגעפירט אין דעם דייטשן צירקל פון דער סאַנטע (אַ טורמע אין פּאַריז) אָבער די מערהייט האָט מען אַריינגעזעצט אין דער שערש־מידי, דער מיליטערישער טורמע (אויך אין פּאַריז). אַ געסטאַפּאָ־אָפיציר האָט אונדז לויט דער ריי פאַרהערט אויף דער רי דע סאָסעי (Rue des Saussaies).

מען האָט איינציקע פון אונדז אַזוי געפּייניקט אַז מען האָט אונדז צעבראָכן הענט און פיס. בשעת'ן פאַרהער האָט דער געסטאַפּאָ אָפיציר געזאָגט צו מיר, „ראַבאַט, דאָ וועט איר מוזן רעדן. פּראָפעסאָר לאַנגווין'ס איידעם, זשאַק סאָלאָמאָן, איז אַריין אַהער אַראָגאַנט און איז אַרויסגעקראָכן פון דאַנען אויף אַלע פיר".

נאָך אַ קורצן אויפהאַלט פון פינף חדשים אין דער שערש־מידי האָט מען אונדז, דעם 24־טן אויגוסט 1942, אַריבערגעשיקט אין דער פעסטונג ראָמענוויל. מען האָט אונדז ניט ערלויבט צו שרייבן אָדער צו באַקומען בריוו, און אויף די טירן פון אונדזערע קאַמערן

איז געווען אָנגעשריבן ''Alles verboten'' (אַלץ איז פאַרבאָטן). אַלץ וואָס מיר האָבן באַקומען צום עסן איז געווען דריי פערטל ליטער זופּ פון גרינס און 200 גראַם שוואַרצן ברויט אַ טאָג. די ביסקוויטן וואָס דער רויטער קרייץ און די קוויקער פאַראייניקונג האָבן אַריינגעשיקט אין טורמע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע, זענען צו אונדז קיינמאָל ניט דערגאַנגען. אין ראָמענוויל זענען מיר געזעסן ווי ''NN'' אַרעסטירטע.

אין צפון פראַנקרייך וואָס איז צוזאַמען מיט בעלגיען געווען אונטער דער אַדמיניסטראַטיווער לייטונג פון דעם גענעראַל פאָן פאַלקענהאַוזען, האָט געהערשט דער זעלבער מצב. דאָס זעלבע איז געווען אין האָלאַנד און אין נאָרוועגיען. אין גאַנץ מערב אייראָפּע האָבן די דייטשן אומגעבראַכט ערבות־לייט אַלס רעוואַנש פאַר די אַקטן פון רעזיסטאַנץ.

די היגריכטונגען זענען אומעטום געווען ניט־געזעצלעך; זיי זענען פאָרגעקומען נאָך איידער מען האָט עפּעס וואָס אונטערגענומען אויף צו געפינען און אַרעסטירן די אמת־שולדיקע, און אין אַ סך פאַלן האָט מען געכאַפּט די מחבלים קורץ נאָכדעם ווי די אומשולדיקע ערבות־לייט האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן כדי צו „מכפר זיין“, ווי די דייטשן האָבן עס גערופן, אויף דעם ווידערשטאַנד פון זייערע מיטבירגער *).

צום סוף 1941 איז שוין היטלער געקומען צום אויספיר אַז די אָנגענומענע מיטלען אויף צו באַשטראָפן די אַלע וואָס פאַרזינדיקן זיך קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע גענוגן ווייט ניט. דעריבער האָט ער באַשלאָסן אַז מען זאָל פאַרן דייטשן מיליטער געריכט ברענגען בלויז און אויסשליסלעך אַזעלכע פאַלן וואָס מען קען זיי דערלאַנגען אין משך פון איין וואָך נאָך דער באַגאַנגענער עבירה, און וואָס אַ טויט־אורטייל איז דערביי פאַרזיכערט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם „נאַכט

---

*) עס איז דעריבער ניטאָ וואָס צו וווּנדערן זיך, אַז אין דעם פּאַראַגראַף 3 פון דער „זשענעווער קאָנווענץ פון 1949“ ווערט איצט דאָס עצם נעמען ערבות־לייט „אין וועלכער צייט און אין וועלכן אָרט עס זאָל ניט זיין“ — אויסדריקלעך און שטרענג פאַרבאָטן.

און נעפל" דעקרעט פונעם 7־טן דעצעמבער 1941. זיין ציל איז געווען מען זאָל די פאַרדעכטיקע ניט־דייטשע ציווילע פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס אַוועקפירן קיין דייטשלאַנד אין געהיים, דערפון נעמט זיך דער נאָמען, סיידן עס איז גאַראַנטירט אַז אַ מיליטער געריכט אין זייערע אייגענע לענדער וועט אַרויסטראָגן פאַר זיי אַ טויט־אורטייל.

היטלער האָט געהאַלטן אַז אין אַזעלכע פאַלן קאָן אַ מילדערער אורטייל ווערן דורך די אָקופּירטע פאַרטייטשט אַלס שוואַכקייט, און אַז דער איינציקער וועג, אויסער אַ טויט־אורטייל, וואָס קאָן ווירקען אויף אַ פּאָטענציעלן מחבל — איז אָננעמען מיטלען אַז זיין משפחה און די אָרטיקע באַפעלקערונג זאָלן ניט וויסן גאָרנישט וועגן זיין גורל.

אין אַ געהיים בריוו אַדרעסירט צום Abwehr *), מיט די אינסטרוקציעס פונעם פירער אין שייכות מיט דעם דעקרעט, איז דער נייער פּלאַן ווי צו באַהאַנדלען אַזעלכע אַרעסטירטע געווען באַשריבן אַזוי: „די אַרעסטירטע דאַרפן, אין דער צוקונפט, ווערן אַריבערגעפירט קיין דייטשלאַנד געהיים... די מיטלען וועלן האָבן אַן אָפּהאַלטענדיקן עפעקט ווייל (א) די אַרעסטירטע וועלן פאַרשווינדן שפורלאָז, און (ב) קיין שום אינפאָרמאַציע וועגן זייער אויפהאַלט אָדער גורל וועט אין ערגעץ ניט זיין צו קריגן".

אָט די אידעע האָט געמאַכט אַ שריט ווייטער מיט אַ צוגאָב וואָס האָט געהייסן „די קאָלעקטיווע אַחריות פאַר די פאַמיליען־מיטגלידער פון מערדער און סאַבאָטאַזשניקעס". ווען און ווו עס איז נאָר דערהרגעט געוואָרן אַ מיטגליד פון די אָקופּאַציע כוחות האָט מען געדאַרפט ניט בלויז דערשיסן די שולדיקע, נייערט אויך פאַרשיקן זייערע נאָענטע קרובים מענער און פרויען עלטער פון 16 יאָר אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און אויב מען האָט ניט געכאַפּט די שולדיקע אַליין, האָט מען אַנשטאָט זיי געדאַרפט באַשטראָפן זייערע קרובים.

מען דאַרף ניט מיינען, אַז לויט אָט דעם דעקרעט האָט מען די NN אַרעסטירטע, ווי מען האָט זיי גערופן, נאָכן ברענגען קיין דייטשלאַנד געשטעלט דאָרט פאַר אַ געריכט. אינעם רוב פאַלן איז בכלל קיין שום פּראָצעס ניט פאָרגעקומען. און ווען מען האָט זיי

*) די געהיימע קאָנטר־אַגענץ.

שוין יאָ געשטעלט פאַר אַ ציווילן אָדער פאַר אַ OKW געריכט איז דערביי געווען אַ ספּעציעלע NN פּראָצעדור, און מען האָט זיי געוויינלעך אָפּגעזאָגט דאָס רעכט צו קאָנפראָנטירן מיט די עדות וואָס אויף זייער עדות־זאָגן איז געווען באַזירט די באַשולדיקונג, און מען האָט זיי אויך ניט דערלויבט אַרויסצורופן עדות פאַר זייער פאַרטיידיקונג. אָפט איז קיין שום באַשולדיקונג בכלל ניט אַרויסגערוקט געוואָרן. טיילמאָל האָט דער באַשולדיקטער אַ פּאָר מינוט פאַרן אָנהייב־געריכט זיך ערשט דערוווּסט פאַר וועלכע עבירה מען גייט אים מישפּטן. די פאַרהאַנדלונגען זענען פאָרגעקומען אין דער קאַמער. אַזאַ מין אַרט מישפּט האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ פּשוטן פאַרס. עס איז בשעת מעשה גאָרניט געמאַכט געוואָרן קיין שום אָנשטעל אַז עס איז ניט אַזוי.

אין 1944 איז די NN פּראָצעדור אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון די געריכטן צום געסטאַפּאָ, און קיינער לייקנט עס גאָר ניט אָפּ, אַז אונטער דער פּראָצעדור זענען אַ סך טויזנטער פון דער ציווילער באַפעלקערונג אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס געוואָרן אַרעסטירט, דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד, געמישפּט, פאַראורטיילט צום טויט, און אומגעבראַכט, אָדער געהאַלטן אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען אין די טורמעס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון וואַנען זעלטן ווער איז געקומען צוריק.

איינער פון די קריגס־פאַרברעכנס וואָס מען וועט עס אַמלענגסטן געדענקען איז דער חורבן פונעם דאָרף לידיצע, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, און די בלוטבאָד אין וועלכער עס זענען אומגעקומען אַ גרויסע צאָל איינוווינער, אַלס רעוואַנש דערפאַר וואָס די פאַרטיזאַנער האָבן דערשאָסן ריינהאַרד היידריך'ן, דעם פּראָטעקטאָר פון באָהעמיאַ און מאָראַוויאַ.

די דייטשן זענען אָנגעקומען אין דאָרף דעם 9־טן יוני 1942 שפּעט ביינאַכט, און זיי האָבן באַפוילן אַז אַלע איינוווינער זאָלן גלייך פאַרלאָזן זייערע הייזער, מיטנעמען מיט זיך זייער געלט און אַנדערע ווערט־זאַכן, און זיך צונויפזאַמלען אינעם דאָרף־סקווער. אַלע האָבן געפאָלגט, נאָר איין פרוי האָט אויפן וועג געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן מיט איר קינד, און זיי זענען ביידע

דערשאָסן געוואָרן. די פרויען און קינדער האָבן די געסטאַפּאָ־לייט אָפּגעפירט אין דער שולע, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן דעם 10־טן יוני גאַנץ פרי, האָט מען אַלע מענער פון דאָרף פאַרזאַמלט אין די שפּייכלערס און אינעם שטאַל־הויף פון אַ פאַרם, נאָכדעם אַריינגעפירט זיי אַלע אין דעם גאָרטן און דאָרטן דערשאָסן זיי גרופּעסווייז, צו צען אין אַ גרופּע. דאָס שיסן האָט ניט אויפגעהערט ביז עס זענען דערהרגעט געוואָרן 172 מענער. די עקזעקוטערס האָבן זיך דאַן פאָטאָגראַפירט מיט די טויטע קערפּערס ביי זייערע פיס, פונקט ווי פאַזאַנען־יעגער מיט זייער יאַגד־רויב.

אַ טייל פרויען האָט מען געבראַכט קיין פּראַג און זיי דאָרט דערשאָסן. די איבעריקע 195 האָט מען אַוועקגעשיקט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער ראַווענסברוק, ווו 42 האָט מען פאַרפייניקט, זיבן פאַרגאַזט, און דריי זענען פאַרשוווּנדן אָן אַ שום שפּור. מוטערס פון ניי־געבוירענע קינדער האָט מען געבראַכט אין לאַגער, נאָכדעם ווי מען האָט די קינדערלעך דערהרגעט.

מען האָט אַלע קינדער אַוועקגענומען ביי זייערע מוטערס אַ פּאָר טעג נאָכן חורבן פון דעם דאָרף. ניינציק פון זיי האָט מען אַוועקגעשיקט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער גנייזענאַו, און מער האָט מען זיי שוין ניט געזען. די יינגערע קינדער האָט מען אַריינגענומען אין אַ דייטשן שפּיטאָל אין פּראַג. דאָרט האָבן זיי באַטראַכט „ראַסע עקספּערטן", זיי געמאָסטן און געוואויגן צי זיי פּאַסן זיך צום נאַציִשן סטאַנדאַרד פון ריינער־אַרישער־ראַסע און צי זענען זיי גענוג גוט אויף ווערן אַדאָפּטירט אין דייטשע משפּחות. די אַלע וואָס האָבן דעם פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכן טעסט אויסגעהאַלטן, האָט מען אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד, כדי זיי זאָלן דאָרט וואַקסן און לעבן ווי דייטשן אונטער דייטשע נעמען. אַלע שפּורן פון זיי זענען פאַרשוווּנדן. די יעניקע וואָס זענען דורכגעפאַלן, האָט מען געשיקט קיין פּוילן צוליב אַ זאָנדערבאַהאַנדלונג *).

דעם גלח פונעם דאָרף, מיטן נאָמען שטערנבעק, דריי און

*) אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג, ד.ה., פאַרניכטונג אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

דער מערדער פון דער „גרויסער אקציע״ מאיאָר־גענעראל סטראָפּ

די קרבנות ווערן אויסגעשטעלט צום אונטערזוכן

דער מארש צום אומשלאג־פלאץ



מענטשן ווערן ארויסגעיאָגט פון די בונקערס

זיבעציק יאָר אַלט, האָבן זײ געוואָלט באַפֿרײַען מיטן תּנאַי ער זאָל פֿאַרלײקענען זײַן געמײנדע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, מען האָט אים געפּײניקט און פֿאַר זײַנע אויגן געשענדעט דעם קלויסטער. ער איז דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע מענער פֿון זײַן געמײנדע. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט פֿינף און דרײַסיק יאָר געלעבט מיט זײַן עדה — איצט וויל ער צוזאַמען מיט זײ שטאַרבן.

דעם 10־טן יוני אויפֿדערנאַכט, איז שוין אין דאָרף ניט געבליבן קײן אײן לעבעדיקער נפֿש. די מענער האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין אײן אַלגעמײנעם קבר. די הײַזער פֿריער צעראַבירט און דערנאָך פֿאַרברענט. און אַפֿילו די אָפּגעברענטע הײַזער־סקעלעטן האָט מען אַזוי צעשטערט, אַז אַ שטײן אויף אַ שטײן איז פֿון זײ ניט געבליבן. די מיסט און דעם בראָכוואַרג האָט מען פֿאַרקערט, די ערד צעאַקערט, אַרומגענומען מיט שטעכיקן דראָט און געלאָזט פּוסט און וויסט, כּדי אויף אײביק צו וואָרענען און צו שרעקן די טשעכן.

די דײַטשן האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אָפֿיציעלן קאָמוניקאַט וועגן דעם גרויל־מעשׂה אין דער צײַטונג ד ע ר נ ו י ע ט אָ ג דעם 11־טן יוני 1942.

בשעת׳ן זוכן די מערדער פֿון דעם ס.ס.־אָבערגרופּפּענ־פֿירער הײַדריך, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף שטאַרקע באַווײַזן אַז די באַפֿעלקערונג פֿון לידיצע נעבן קלאַדנאָ האָט געהאָלפֿן און געשטיצט די פֿאַרברעכער. אָט די באַווײַזן זענען געזאַמלט אָן וועלכער עס איז קאָ־אָפּעראַציע מצד די אײַנוווינער, טראָץ דעם פֿאַרהער און די אויספֿאָרשונג. אַזאַ שטעלונג צום פֿאַרברעכן, וואָס זײ האָבן אַרויסגעוויזן, איז שאַרף אונטערשטראָכן געוואָרן דורך זײער פֿײַנטלעכער טעטיקײט כּלפּי דעם רײַך, ווי לאַגערן מיט אויפֿהעצערישן פּראָפּאַגאַנדע מאַטעריאַל, סקלאַדן מיט געווער און אַמוניציע, גרויסע קוואַנטומס פֿון ראַציע־סחורות און אויך דורך דעם פֿאַקט אַז אײניקע אײַנוווינער פֿון דאָרף געפֿינען זיך אין אויסלאַנד אין אַן אַקטיווער דינסט בײַם שונא. אַזוי ווי די אײַנוווינער פֿון דאָרף האָבן זיך אויף אַ פֿרעכן אופֿן

קעגנגעשטעלט די פאַרעפנטלעכטע געזעצן דורך זייער אַקטיווער טעטיקייט און דורך זייער מיטהילף ביים מאָרד פון הייִדריך, האָט מען די דערוואַקסענע מענער דערשאָסן, די פרויען פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און די קינדער אייִנגעאָרדנט אין געהעריקע דערציִונגס־אַנשטאַלטן. די געביידעס האָט מען געמאַכט גלייך מיט דער ערד און דעם נאָמען פונעם אָרט אויסגעמעקט פון אַלע מקורות.

וואָס עס האָט זיך אין 1940 אָנגעהויבן אין פראַנקרייך אַלס אַ קליין ריטשקעלע בלוט, האָט זיך אין משך פון די דריי לעצטע אָקופּאַציע־יאָרן פאַרוואַנדלט אין אַ ווירבלדיקן שטראָם. וואָס שטאַרקער עס זענען געוואָרן די רעפּרעסיעס, אַלץ מער איז געוואַקסן די רעזיסטענץ. ווען די קאָלאַבאָראַציע איז דורכגעפאַלן, האָט איר פּלאַץ פאַרנומען טעראָר.

אין 1943 האָבן די דייטשן שוין קיין שום אָנשטעל ניט געמאַכט אַז מען וועט די פאַרשולדיקטע קעגן זייערע פאַרשריפטן פריער מישפּטן און ערשט דערנאָך באַשטראָפן. אין יאַנואַר 1943 האָט פאָן פאַלקענהאַוזען, וואָס האָט געטראָגן די אַחריות פאַר אַ טייל צפון־פראַנקרייך פונקט ווי פאַר בעלגיען, אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל אַז יעדער איינער ביי וועלכן מען וועט געפינען אויפרייס־מאַטעריאַל, אַמוניציע, אָדער געווער פון וועלכן עס איז מין אָן אַ געהעריקער דערלויבעניש „קאָן פון איצט אָן ווערן דערשאָסן אָן אַ שום געריכט".

מען וואָלט געקאָנט, דעריבער, מיינען אַז די דייטשן האָבן באַטראַכט די „מאַקיס" אַלס francs-tireurs; אָבער עס איז קלאָר אַז די פראַנצייזישע כוחות פון אינעווייניק, אויב אָנרופן זיי ריכטיק, זענען געווען אָנגענומען ווי אַ ניט־רעגולערע אַרמיי און ווי אַ באַשטאַנדטייל פון די פראַנצייזישע באַוואָפנטע כוחות.

דאָס זעט מען אינעם פאָלגנדן אויסצוג פון אַ מעמאָראַנדום צו דער וויסבאַדענער קאָמיסיע, אונטערן טיטל „טעראָריסטישע אַקציע קעגן פאַטריאָטן".

אויף דעם שונא׳ס צד געפינען זיך אָרגאַניזאַציעס, וואָס

זאָגן זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו אַנערקענען די סוווערינַיטעט פון דער פראַנצייזישער ווישי־רעגירונג און וואָס מען קאָן, לויט דער צאָל, דער באַוואָפּענונג און דער קאָמאַנדע זייערער, אָנרופן זיי כמעט אַן אַרמיי... די רעוואָלוציאָנערע איינהייטן רעכענען זיך פּאַר אַ טייל פון די כוחות וואָס קעמפן קעגן דייטשלאַנד. גענעראַל אייזענהאַוער האָט דערקלערט די טעראָריסטן וואָס קעמפן אין פראַנקרייך, אַלס מיליטער אונטער זיין קאָמאַנדע. קעגן אָט דעם מיליטער דאַרפן ווערן אָנגעווענדט רעפּרעסיע־מיטלען.

אָבער זיי האָבן ניט זוכה געווען צו יענער באַהאַנדלונג און שוין וואָס, לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, האָט דערויף רעכט יעדער מיטגליד פון באַוואָפנטע כוחות בשעת ער ווערט אַ קריגס־געפאַנגענער.

קייטעל האָט אַרויסגעלאָזט באַפעלן פון א. ק. ו ו. אַז אויב מען כאַפּט זיי בשעת'ן אַקט פון סאַבאָטאַזש זאָל מען זיי דערשיסן אויפן דער שטעל — קעגן דעם קאָנען ניט זיין קיין טענות — טאָמער אַרעסטירט מען זיי, דאַרף מען זיי איבערשיקן אין דעם נאָענטסטן לאָקאַלן אַמט פון ס י פּ אָ אָדער ס.ד. אַלע פּרויען וואָס האָבן סימפּאַטיזירט אָבער ניט גענומען קיין אַקטיוון אַנטייל אין דער פיינדלעכער טעטיקייט, דאַרפן ווערן „באַשטימט צו אַרבעט". די קונציק געשליפענע פראַזע האָט באַטייט אַז מען זאָל זיי דעפּאָרטירן קיין דייטשלאַנד ווי בהמות, פאַרשיקן אין אַ שקלאַפן אַרבעטס־לאַגער, פאַרמאַרדעווען דאָרט מיט שווערער האָרעוואַניע ביז טויט אָדער ביז פולער אויסגעשעפּטקייט. וואָס מיט זיי האָט דאָרטן פּאַסירט ווערט דערציילט אין אַן אַנדער קאַפּיטל *).

אַלע ציווילע אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס וואָס זענען געווען פאַרדעכטיק אין די דייטשע אויגן האָבן געזאָלט, אַנשטאָט צו ווערן איינטערנירט אין זייער אייגענעם לאַנד ווי עס איז בכלל אָנגענומען, ווערן „איבערגעשיקט צו ס.ד." דאָס קלינגט אויך גאַנץ אומשולדיק פאַר יעדן איינעם וועלכער ווייסט ניט וואָס אַזוינס איז געווען ס.ד., אָדער וואָס האָט פּאַסירט נאָכדעם ווי „די

*) זע קאַפּיטלען V און VI.

איבערשיקונג״ איז פאָרגעקומען, אָבער דאָס האָט געהייסען אַ קנוט, אַ צוואַנג־קלאַץ, אַן אייזערנע הענטשקע, דאָס האָט דאָך געהייסן אויסרייסן נעגל פון די הענט און פיס, קאָנצענטראַציע־לאַגער, גאַז־קאַמער.

אין איינקלאַנג מיט קייטעלס באַפעל, האָבן די סיפּאָ און ס.ד. באַקומען פולע רעכט אויסצופירן אַ טויט־אורטייל אָן אַ שום געריכט. די באַפעלן זענען געווען אַלגעמיין גילטיק אין אַלע אָקופּירטע טעריטאָריעס פון מערב איראָפּע.

זאָלן פרייע מענטשן זיך פאַרטראַכטן וואָס דאָס באַטייט: דאָס איז געווען אַ פּאָליציישער שנעלגעריכט: אַפילו אַ פאַרהעלטעניש־מעסיק יונגער באַאַמטער פון דער לאָקאַלער זיכערהייט־פּאָליציי האָט געקאָנט אויף דער שטעל פאַראורטיילן יעדן איינעם וואָס האָט געלעבט אין די אָקופּירטע לענדער און אומברענגען אים אויף דער הייסער מינוט — אָן אַ טעם און אָן אַ גרונד. קיין שום באַשולדיקונג, קיין שום באַווייזן, און קיין שום פאַרטיידיקונג. דאָס איז פאָרגעקומען טאָג איין און טאָג אויס, דאָס איז פאָרגעקומען אומעטום, און דאָס איז געווען אַ פּשוט'ער מאָרד.

אין האָלאַנד, נאָכן אַטענטאַט־פּרווו אויף ראַוטער, האָט דער גאַולייטער סייס־אינקוואַרט פּראָקלאַמירט „פאַרן גאַנצן שטח פון די אָקופּירטע נידערלענדער, אַ שנעלן פּאָליציי־געריכט וואָס וועט אַריין אין קראַפט תיכף ומיד״. עס איז באַקאַנט אַז ביי דער פּראָצעדור זענען מער ווי פיר טויזנט האָלענדישע בירגער געוואָרן אומגעבראַכט.

אין בעלגיען, צו דער צייט פון דער באַפרייונג אין סעפּטעמבער 1944, האָבן די פאַרברעכנס באַגאַנגען דורך דער דייטשער אַרמיי קעגן די ציווילע און קעגן די מיטגלידער פון די אָפיציעלע רעזיסטענץ כוחות, דערגרייכט זייער שפּיץ.

אין גרעד איז געוואָרן אַטאַקירט אַ קעמפּ פון די רעזיסטענץ כוחות. די דייטשן האָבן געהאַט אַ רעכט דאָס צו טון, און אויך פאַנגען יענע וואָס זענען ניט געהרגעט געוואָרן אין אַ רעגולערער שלאַכט בשעת דער אָפּעראַציע. אָבער נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַוועק האָט מען דאָרט געפונען פופצן טויטע

קערפּערס, שווידערלעך צעשעדיקטע. די דייטשן האָבן באַנוצט קוילן מיט אָפּגעזעגענע שפּיצן *). צוויי פון די געפאַנגענע האָט מען פריער געשלאָגן מיט שטעקנס, איידער מען האָט זיי אומגעבראַכט מיט אַ פּיסטאָל־שאָס אין האַלדז און נאַקן אַריין.

דעם 6־טן סעפּטעמבער 1944 זענען עטלעכע הונדערט מיטגלידער פון דער בעלגישער געהיימער אַרמיי געשטאַנען אויף קוואַרטיר אין שאַטאָ־דע־פּאַרע. די דייטשן האָבן באַקומען אַ ידיעה, אַז די אָפּטיילונג האַלט ביים פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, און זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם שלאָס. אַ טייל פּאַרטיזאַנען זענען דערהרגעט געוואָרן בשעת זיי האָבן געפּרוּווט זיך דורכרייסן דורכן דייטשן רינג, אַנדערע זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. די דייטשן האָבן אַרויסגערוקט די געפאַנגענע פאָרויס און, פאַרשטעלט דורך זיי, גענומען דערנענטערן זיך צום שלאָס. נאָך צוויי שעה האָט זיך די אַמוניציע אויסגעלאָזט און דער קאַמף האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט די בעלגיער וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן צוגעזאָגט אַז אויב זיי וועלן זיך אונטערגעבן וועלן זיי אַרויס גאַנץ מיטן לעבן. די דייטשן האָבן אָבער זייער וואָרט געבראָכן. זיי האָבן אַ סך פון די לעבנגעבליבענע פריער געפּייניקט און ערשט דערנאָך דערהרגעט. זיי האָבן באַגאָסן די קערפּערס מיט נעפט און אונטערגעצונדן דעם שלאָס.

אין דעצעמבער 1944 האָט פאָן רודשטעט אויסגעדרייט זיין אַרמיי אויף צוריק און האָט געמאַכט די לעצטע און פאַרצווייפלטע קאָנטער־אָפענסיווע איידער ער איז ענדגילטיק אָפּגעטראָטן אויף יענער זייט בעלגיש־דייטשע גרענעץ. אין דער ערשטער פאַזע

---

*) יעדער דייטשער זעלנער וואָס האָט נאָר געקאָנט לייענען האָט געוווּסט אַז די זאַך איז פאַרבאָטן. אין זיין „סאָלדבוך" (אָפיציאַל־ביכל) זענען געווען אָפּגעדרוקט די „צען געבאָטן פון קריגספירונג פאַרן דייטשן זעלנער". דער פינפטער געבאָט האָט פעסטגעשטעלט: „דום־דום קוילן זענען פאַרבאָטן, קיין שום אַנדערע קוילן זאָלן ניט ווערן פאַרוואַנדלט אין דום־דום". זע דעם אַפּענדיקס.

פונעם אָנגריף, איז די דייטשע אַרמיי דערגאַנגען ביזן שאָסע מאַרש־באַסטאָין און זיי האָבן פאַרנומען דעם דאָרף בראַנד. אָט די זעלנער, וואָס האָבן געהערט צו דער ווערמאַכט, האָבן זיך אויפגעפירט גאַנץ גוט און זיי האָבן ניט פאַרשאַפט קיין איבעריקע צרות.

אָבער ווייטער, אַראָפּ מיטן וועג, האָבן די ס.ד. אויפגעשטעלט אַ קאָנטראָל־פּונקט, און זונטאָג אינדערפרי, דעם 24־טן דעצעמבער 1944, איז אין דאָרף אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון געסטאַפּאָ און זיי האָבן אַרעסטירט צווישן די איינוווינער אַ זיבעציק מענער. זיי זענען אַפילו אַריין אין קלויסטער, בשעת דער פייערלעכער מעסע, און פאַרנומען אייניקע פון דער עדה וואָס האָבן תפילה געטאָן. דער אָנפירנדער אָפיציר האָט געזאָגט אַז ער נעמט זיי צום קאָנטראָל־פּונקט נאָר כדי צו קאָנטראָלירן זייערע פּאַפּירן און אַז זיי וועלן אַלע אין דער צייט קומען אַהיים צו ווייַנאַכט.

גלייכצייטיק האָט אַן אַנדער אָפּטיילונג פון געסטאַפּאָ דורכגעפירט אַ צאָל אַרעסטן אין דעם שכנ׳ישן דאָרף גרין. מען האָט די אַלע פאַרהאַלטענע פוןביידע דערפער געבראַכט אין אַן אָפּגעבערנטער זעגמיל אויפן ראַנד פונעם דאָרף בראַנד, ווו עס האָט זיך געפונען דער קאָנטראָל־פּונקט. און דאָרט איז פאָרגעקומען דער פאַרהער.

נאָכן פאַרהער האָט מען די עלטערע לייט באַפרייט, אָבער די יינגערע האָט מען אַריינגעפירט אין אַ שאָפּע, צוגענומען ביי זיי אַלע זייערע פערזענלעכע זאַכן און נאָר ערלויבט זיי איבערצולאָזן ביי זיך זייערע נאָזטיכלעך. דאַן האָט מען זיי אויסגעשטעלט אין דריי שורות און אַוועקגעפירט, מיט די הענט הינטערן קאָפּ, אין דער לענג פונעם הויפּטשאָסע — ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַן אָפּגעברענטן סקעלעט פון אַ הויז וואָס האָט געהערט אַ מעסיע בערטראַנד.

דאָ האָט מען זיי אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט זיי מיטן פּנים צום וועג און מיטן רוקן צו די הייזער. אַזוי זענען זיי געבליבן שטיין אַ שטיקל צייט אין דעם שניי, באַוואַכט פון זיבן ס.ס.־לייט מיט טאָמיגאַנס קאָמאַנדירט האָט מיט זיי אַן אָפיציר, דערזעלבער פעטער, וואָס איז געווען דער בירגערמייסטער.

די בלוטבאָד האָט זיך גיך אָנגעהויבן. אַ פעלדהוועבל *) איז

*) סערזשאַנט אין דער ווערמאַכט.

צוגעגאַנגען צו דעם מענטשן וואָס איז געשטאַנען לינקס אין דער לעצטער שורה, אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל, אים געפירט און אַריבערגעפירט די שוועל פון מעסיע בערטראַנד'ס הויז. דער ס.ס.־אָפיציר וואָס האָט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג אַז מען האָט אים פון וועג ניט געזען, האָט אויסגעשאָסן דעם קרבן אין האַלדז און נאַקן און מיט אַ שטופּ פון זיין קני אים אַריינגעשליידערט אין קעלער וואָס איז געווען אָפן־צעפּראַלט — ווייל דער אונטערשטער שטאָק איז איינגעפאַלן בשעת דאָס הויז האָט געברענט.

די פּאַראורטיילטע זענען געווען דריי און דרייסיק אין צאָל. ווען צוואַנציק זענען שוין אויף אַזאַ אופן דערהרגעט געוואָרן איז אָנגעקומען די ריי צו ווערן דערשאָסן פאַר אַ יונגען בעלגיער מיטן נאָמען לעאָן פּראַיל. ער איז געווען אַ הויכער, שטאַרקער יונג מיט ברייטע פּלייצעס. פּראַיל האָט באַמערקט, אַז דער דייטשער סערזשאַנט וויינט. האָט ער זיך געטאָן אַ דריי אויס, דערלאַנגט יענעם אַ שטויס אין פּנים אַריין, און אים אומגעוואָרפן. אין דער בהלה איז פּראַיל'ן געלונגען צו אַנטלויפן, און נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין וואַלד, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שייער אויף דעם פאַרם פון זיין פעטער, וואָס איז געווען דער בירגערמייסטער.

ער איז אָבער געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך אַרויסגעדרייט. און די איבעריקע צוויי און דרייסיק זענען אַלע דערהרגעט געוואָרן. די גאַנצע סביבה איז צו יענער צייט געווען פאַרשאָטן מיט שניי, און די דייטשן האָבן פאַרדעקט די קערפּערס מיט ברעטער וואָס זיי האָבן געפונען אין איינעם פון די אָפּגעברענטע הייזער. מען האָט קיינעם ניט ערלויבט צו גיין מיט יענעם וועג, און אויסער פּראַיל האָט קיינער אַפילו ניט חושד געווען וואָס עס האָט פּאַסירט. די דאָרפסלייט האָבן אַלע געטראַכט, אַז מען האָט זייערע פריינד און שכנים אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנג־אַרבעט.

דעם 10־טן יאַנואַר 1945 האָבן די דייטשן זיך עוואַקואירט פון בראַנד, און די בריטישע זעלנער זענען אויף מאָרגן אַהין אַריין. דער בירגערמייסטער וואָס האָט געוווּסט דעם אמת פון זיין פּלימעניק, איז אַוועק צום בריטישן קאָמאַנדע־אָפיציר און האָט אים געבעטן

גייִן מיט אים צום אָרט פונעם פאַרברעכן. ווען מען האָט אַוועק־געשאַרט די ברעטער און דעם שניי וואָס האָבן צוגעדעקט די טויטע קערפּערס, האָבן זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אײַין און דרײַסיק הרוגים. יעדער איינער האָט געהאַט אַ קויל־ווונד ביים באַזיס פונעם שאַרבן.

דער פאַרברעכן איז אויסגעפירט געוואָרן אַלס אַן אַקט פון רעוואַנש. אין סעפּטעמבער 1944, ווען די דײַטשן זענען דאָס פאָריקע מאָל געווען אין באַנד, איידער זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף מזרח פון די פאָרויסמאַרשירנדיקע אַליירטע, זענען דרײַ זייעריקע דערהרגעט געוואָרן אין דעם דערבײַיקן וואַלד. אַ דײַטשער אָפיציר, לויטענאַנט שפּאַאַן, וועלכער איז בשעת'ן בלוטבאָד אײַנגעשטאַנען אין באַנד האָט געזאָגט צו זײַן בעל־הבית'טע אַז עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל, „דירעקט פון הימלערן", מען זאָל היינריכטן דרײַסיק מענטשן אַלס נקמה פאַר די דרײַ דײַטשן וואָס מיטגלידער פון דער בעלגישער רעזיסטענץ האָבן זיי דערהרגעט אין סעפּטעמבער.

דאָס איז געוויס געווען אַן אמת, ווײַל דער בירגערמייסטער האָט, נאָכדעם ווי די דײַטשן זענען אַוועק, געפונען אַן אויפשריפט מיט קרייד אויף דער טיר פון אַ שאַפע הינטערן קאַפע דע־לאַ־פּאָסט: „דאָס איז די נקמה פאַר די העלדן וואָס די טעראָריסטן האָבן זיי דערשאָסן אין סעפּטעמבער". מען האָט קיין שום פּרוּוו ניט געמאַכט צו אַנטדעקן ווער זענען זיי אָט די „טעראָריסטן", עס איז אויך ניט געווען קיין ריכטיקע אויספאָרשונג. דרײַ און דרײַסיק יונגע בעלגיער, אין מיליטער עלטער, זענען אויסגעקליבן געוואָרן אינגאַנצן צופעליק און נאָך אַן אויבנאויפיקן פאַרהער האָט מען זיי אומגעבראַכט, אָן אַ שום געריכט.

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צו פראַנקרייך. געוויס זענען די פראַנצייזישע כוחות פון אינעווייניק דער עיקר באַשטאַנען פון גוט אָרגאַניזירטע פאַרשידנאַרטיקע איינהייטן, וואָס האָבן דורך אייגענע אָרגאַנען באַקומען באַפעלן פון רעגולער־מיליטערישע קאָמאַנדירן. אָבער אין די ערשטע עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי די אַליירטע האָבן געלאַנדיקט אין נאָרמאַנדיע, זענען אין פראַנקרייך אָן שום ספק פאָרגעקומען סאַבאָטאַזש־אַקטן און איבערפאַלן מצד

איינצלנע פּערזאָנען און קליינע גרופּעס וואָס די דייטשן זענען געווען באַרעכטיקט צו באַטראַכטן זיי אַלס France-Tireurs, און אויב מען האָט זיי געכאַפּט האָט מען דאָך געקאָנט זיי ברענגען פאַר אַ דייטשן געריכט און זיי פאַרמישפּט'ן צום טויט.

אָבער מען האָט דאָס ניט געטאָן; מען האָט זיי, שוין צו אָפט, פריער אַכזריותדיק געפּייניקט און נאָכדעם דערהרגעט אָן אַ שום מישפּט.

אין ראָדעז, ממש איין טאָג פאַר דער באַפרייונג, האָבן די דייטשן דערשאָסן דרייסיק אַרעסטירטע מאַקי־מיטגלידער, נאָכדעם ווי מען האָט זיי שרעקלעך געפּייניקט. מען האָט אין זיי געשאָסן פון אַ טאָמיגאַן, און צום סוף צעקנאַקט זייערע שאַרבנס מיט גרויסע שטיינער.

אין דעם וואַלד אַשער האָט געסטאַפּאָ געהרגעט אַ סך מיטגלידער פון די מאַקי. ווען עס איז געקומען די שעה און מען האָט געפינען זייערע קערפּערס, האָט דער קאָמיסאַר פון דער פּאָר־פּאָליציי געשריבן אַ ראַפּאָרט וועגן דעם געפינס. אייניקע קערפּערס האָבן געהאַט צעבראָכענע גלידער און טיפע ווונדן אין די נידעריקע טיילן פון זייערע פיס, אַפּנים איינגעשניטן פון די שטריק מיט וועלכע זיי זענען געווען פעסט געבונדן.

מען האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם שפּיטאָל־צימער אין נים צוויי יונגע מענטשן, וואָס זענען פאַרווונדעט געוואָרן אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דייטשע זעלנער אין פּראָווענס, און מען האָט זיי דערשאָסן. זייערע קערפּערס האָט מען צעקאַליעטשעט און אַרום זייערע העלדזער אויפגעהאָנגען אַ שילד: „אַזוי ווערן באַשטראָפט פראַנצייזישע טעראָריסטן".

אין משך פון אויגוסט 1944, בשעת די דייטשן האָבן געהאַלטן אין אַנטלויפן פון צפון פראַנקרייך, איז דער גרויל־חשבון געשטיגן. דעם 30־טן אויגוסט נאָכמיטאָג איז א טייל פון דער אדאָלף היטלער דיוויזיע אָנגעקומען אין אַ קליין דאָרף טאָווואָ אין דעם דעפּאַרטמענט ען (Aisne); און אַ פּאַטראָל האָט זיך געלאָזט צום הויז פון דעם אָרטיקן רעזיסטענץ־לידער וואָס האָט געהייסן מאַזשאָן.

די טיר האָט געעפנט זיין פרוי, און די זעלנער האָבן גלייך געשאָסן אין איר, פאַרווונדעט זי אין די היפּטן און צעבראָכן איר דעם קין. דאַן האָבן זיי ארייַנגעשלעפּט זי אין דער קיך, און פאַר

די אויגן פון אירע פינף קליינע קינדער, וואס איינער פון זיי איז געווען נאָך גאר א פיצל, האבן זיי איר צעבראָכן א האנט און א פוס, באַגאָסן זי מיט נעפט, און זי אונטערגעצונדן. צו די קינדער האָבן זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן ניט דערציילן ווי זייער פאָטער באַהאַלט זיך, וועט מען זיי דערשיסן. די קינדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דערציילן ווי דער פאָטער געפינט זיך, האָבן די דייטשן פארשפארט די קינדער אין קעלער, באגאָסן די דילן פונעם הויז מיט נעפט און זיי אונטערגעצונדן. דאַן זענען זיי אַוועק. מען האָט דעם פייער פארלאשן און די קינדער געראטעוועט. און דאס האט דער עלטסטער צווישן זיי, א יינגל פון ניין יאָר, איבערגעגעבן די פרטים פון דער שוידערלעכער מעשה.

עס זענען געווען נאָך און נאָך אָנצאליקע פאלן פון רעוואנש אויף נאָענטע קרובים פון די מענטשן וואס האבן געקעמפט אין די רייען פון די פראַנצייזישע רעזיסטענץ כוחות. אין אויאָנאַ איז אין איין נאכט פארשוואונדן א יונג פון ניינצן יאָר, וואס זיין ברודער איז געווען א מאקי. מיט דריי טעג שפעטער האט מען געפונען אין סיעזש זיין קערפּער, אַ שרעקלעך צעקאַליעטשעטן. זיין נאז און צונג זענען געווען אָפּגעהאקט, זיין גאנצער קערפער צעקיילט און צעביילט, און די פיס צעשניטן. נעבן אים זענען געלעגן די קערפערס פון פיר אנדערע יונגע מענטשן וואס יענע זענען געווען צעקאַליעטשעט ניט צום דערקענען. אויף די קערפערס זענען ניט געווען קיין שום סימנים פון שאָס־ווּנדן, און עס איז געווען קלאָר, אַז אַלע פינף יונגע מענטשן זענען געשטאָרבן פון די עינויים.

אין פּרעל, דרום פראַנקרייך, איז זומערצייט 1944 אַן אפטיילונג פון ס.ס. לייט געקומען אויף א פארם צו זוכן דאָרט צוויי מיטגלידער פון מאַקי. מען האָט זיי דאָרט ניט געפונען, און די ס.ס. לייט, וואס זענען געבליבן אָן זייער רויב, האבן ארעסטירט דעם פארמער מיט זיין פרוי. די דייטשן האבן דערשאָסן דעם מאַן, פאַרגוואַלדיקט די פרוי, דאַן זי דערהרגעט. נאָכדעם ווי זיי האבן געפייניקט זייער קליינעם דרייייעריקן קינד, האבן זיי אים געקרייציקט אויף דעם פארם־טויער.

אין אַסק האָט אַן אַנדער דייטשישע איינהייט, אַלס רעוואַנש פאר צעשטערן די אייזנבאן־ליניע, אומגעבראכט זיבן און זיבעציק

מענטשן, צווישן זיי צוואַנציק באַמטע פון די פראַנצייזישע רעגירונגס־באַנען. מען האָט זיי צוגענומען, אַן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָס, און זיי האָבן פּראַקטיש קיין שום דירעקטע שייכות ניט געהאַט מיטן אינצידענט וואָס האָט אַרויסגערופן דעם רעוואַנש. איין קרבן איז געווען אַ פיר און זיבעציק יעריקער ביזנעס־מאַן אין דימיסיע, און אַ צווייטער איז געווען אַ שול יינגל פון פופצן יאָר. די ווישי רעגירונג האָט וועגן דער גרויל־מעשה אָפיציעל געמאָלדן דעם פעלד־מאַרשאַל פאָן רונדשטעט, וואָס ער איז דאַמאָלס געווען דער הויפט־קאָמאַנדיר אין צפון פראַנקרייך, און יענער האָט געענטפערט: „די באַפעלקערונג פון אַסק טראָגט די אחריות פאַר די רעזולטאַטן פון זייער פאַררעטערישער אויפפירונג, וואָס איך קאָן זי נאָר שטרענג טאַדלען".

גענעראַל בעראַרד, וואָס איז געווען דער הויפט פון דער פראַנצייזישער מיסיע ביי דער דייטשישער וואָפנרו קאָמיסיע, האָט געשריבן צו גענעראַל פאָגל, זייער פּאָרזיצער, וועגן דעם ניט באַפרידיקנדן ענטפער פון פאָן רונדשטעט. ער האָט אָנגעוויזן, אַז צווישן דעם 10־טן אָקטאָבער 1943 און דעם 1־טן מיי 1944 זענען מער ווי 1.200 מענטשן געפאַלן קרבנות פון אַזעלכע געוואַלד־מעשים *) ער האָט אָנגעוויזן, אַז אַלע רעפּרעסיע־מיטלען זענען דער עיקר געווען אָנגעווענדט קעגן אומשולדיקע. עס זענען אויסגעפירט געוואָרן רעוואַנש־אַקטן אויף מענטשן וואָס מען האָט זיי פאַרדעכטיקט אַז זיי זענען אין אַ געוויסע מאָס פאַרבונדן מיט מאַקי, אָבער מען האָט זיך אַפילו ניט באַמיט אויסצוגעפינען צי דער פאַרדאַכט איז באַגרינדעט.

אין שייכות מיט אַ באַשטימטער גרויל־מעשה, וואָס זי האָט אַ פּנים ווייניק וואָס געאַרט דעם דייטשן הויפט קאָמאַנדיר, האָט דער גענעראַל בעראַרד פּראָטעסטירט וואָס זעקס און אַכציק אומשולדיקע מענטשן האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר אַן אַטענטאַט פרווו ביי וועלכן עס איז פּראַקטיש ניט אומגעבראַכט

---

*) דאָס איז געווען פאַרן בלוטבאָד אין אָראַדור־סור־גלאַן. נאָכדעם ווי די אַליירטע האָבן געלאַנדיקט אין נאָרמאַנדיע, האָט זיך די צאָל געוואַלד־מעשים שטאַרק פאַרגרעסערט.

געוואָרן קיין איין דייטשישער זעלנער. אָט דער פּראָטעסט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט איין מאַך פון דער האַנט.

אויפן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי די אַליירטע האָבן געלאַנדיקט אין נאָרמאַנדיע, האָט אַ באַדייטנדע צאָל פראַנצייזישע כוחות פון אינעווייניק אַטאַקירט אין דער שטאָט טול די פראַנצייזישע ווישי־כוחות, וואָס האָבן געהאַלטן די אויפזיכט אויף דער אָרדענונג אין יענעם דיסטריקט. נאָך אַ גאַנצן טאָג קעמפן, האָבן זיי פאַרנומען די גרעסטע טייל שטאָט. אין א פּאָר שעה ארום זענען אָנגעקומען דייטשישע געפּאַנצערטע מאַשינעס צו הילף דעם איינג צוגעדריקטן ווישי־גאַרניזאָן, און זיי זענען אַריין אין שטאָט פון וועלכער די FFI האָבן אָפּגעטראָטן.

דער דייטשישער קאָמאַנדיר האָט באַשלאָסן אָפּצאָלן מיט אַ רעוואַנש־אַקט. די FFI זענען אַוועק, און דערביי קיין איין געפאנגענעם ניט איבערגעלאָזט, האָט מען דעם רעוואנש־אקט אויסגעפירט אויף דער ציווילער באַפעלקערונג. אויף הונדערט און צוואַנציק מענטשן צווישן זיי. דער פאָלגנדער אויסצוג איז גענומען פון אן אפיציעלן ראפּארט.

די קרבנות זענען אויסגעקליבן געוואָרן אָן אַן אויספאַרשונג און אַ פאַרהער. צופעליקערהייט: ארבעטער, סטודענטן, פּראָפעסאָרן, בעלי־מלאכות, און סוחרים. עס זענען אַפילו געווען צווישן זיי אייניקע מיליץ *) און וואַפען־ס.ס. רעקרוטן. די הונדערט און צוואַנציק קערפּערס וואָס מען האָט זיי אויפגעהאָנגען פון די באַלקאָנען און גאַס־לאַמטערנעס אראָפּ, אין דער לענג פון דעם בולוואר דע לא גאַר, אויף אַ שטרעקע פון 500 מעטער, — זענען געווען אַ הימלשרייענדיק בילד, וואָס וועט לאַנג בלייבן אין דעם זכרון פון די אומגליקלעכע טול׳ער איינוווינער.

אין לויף פון אפּריל און מיי 1944, האָט דער קאַמף קעגן דער

---

*) אַ פּרייוויליקער פּאָליציי־כוח, וואָס די ווישי־רעגירונג האָט ווערבירט פאַר דער קאָלאָבאָראַציע מיט ס.ד. און געסטאַפּאָ.

פראַנצייזישער רעזיסטענץ־באַוועגונג אין די צענטראַל און דרום־מערב טיילן פון פראַנקרייך זיך זייער פארשטאַרקט. די מאַקי האָבן פון זייער זייט מיטגעהאָלפן צוגרייטן די אינוואַזיע פון די אַליירטע קיין נאָרמאַנדיע, און זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו באַלעסטיקן די דייטשע קאָמוניקאַציע ליניעס; די אייבער־קאָמאַנדע האָט אָפיציעל באַפולמעכטיקט די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער אינעווייניקסטער זיכערקייט אָנצונעמען אַלע מיטלען וואָס זיי וועלן נאָר געפינען פאַר נייטיק, כדי איינצוברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם פראַנצייזישן פאָלק.

צוליב דער אויפגאַבע, האָט מען דעם דייטשן גענעראַל ביי דער קאָמאַנדע פונעם מיליטער דיסטריקט אין לימאָזש צוגעשיקט די פאַנצער דיוויזיע ס.ס. „דאַס רייך".

די מאַקי אליין איז געווען שווער צו פאַקן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום זאָרגן מיט פראָוויאַנט, און זיי האָבן געקאָנט דאָס לאַנד ווי זייערע אייגענע צען פינגער: פלעגן זיי געבן זיך אַ ווייז פון זייערע באַהעלטענישן ארויס, דורכפירן אַ בליץ־אָנגריף אויף אַ פיינדלעכן קאָנוואָי אָדער מיליטערישן קעמפ, און דאַן זיך צוריקקערן אין זייערע פארבאָרגענישן. די דייטשן האָבן, דעריבער, געהאלטן אז עס איז לייכטער צו נעמען נקמה אין אומשולדיקע מענטשן, און נאָך יעדער דערפאָלגרייכער מאַקי־אָפעראַציע, האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער צאָרן אויף דער לאָקאלער באַפעלקערונג פון דער דאָרפישער פראַנקרייך.

אַ דעזערטיר פון דער דיוויזיע „דאָס רייך", וואָס איז אין יענע חדשים געווען מיט זיי, האָט געגעבן אַ קורצן באַריכט פון אייניקע באַגאַנגענע געוואַלד־מעשים.

בשעת אָט די אָפעראַציעס האָבן די אָפיצירן זיך ניט געוואָלט לאָזן דערקענען און זיי האָבן דאַן ניט געטראָגן קיין ראַנגצייכנס. צוערשט האָבן מיר אָפגערייניקט דאָס לאַנד ארום אזשען אין אַ ראַדיוס פון זיבעציק קילאָמעטער. מען האט רעווידירט און אויסגעהרגעט די באַפעלקערונג פון אַ סך דערפער, און די אָפיצירן האבן פארגוואלדיקט יונגע פרויען. נאָכן פאַרענדיקן די אָפעראַציעס, האָבן די אָפיצירן רעווידירט זייערע אייגענע זעלנער און צוגענומען ביי זיי

אַלע ווערטפולע זאַכן. די פּראָוויאַנט־קאָלאָנע ביי דער דיוויזיע האָט אַוועקגענומען פּי, ווייל דער פּראָוויאַנט־צופלוס פון דייטשלאַנד איז געווען אָפּגעשניטן.

איינמאָל זענען מיר פאַרבייגעפאָרן א קליין דערפל פון א צוועלף הייזער בערך, אייניקע קילאָמעטער פון אזשען. א פרוי פון א יאָר דרייסיק האט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. אונדזער אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר, וואָס האָט דערזען אַ לאַסט־אויטאָ ביים וועג, האָט זי געפרעגט, „האַלטן זיך דאָ אויף מאקי׳ס?" „ניין", האט זי געענטפערט. „איז ווען געהערט דען דער לאַסט־אויטאָ?" „איך ווייס ניט" האט זי געענטפערט. אָן ווייטערדיקע רייד האט מען זי אראָפּגעשלעפּט פון דעם ערשטן שטאָק, זי אויסגעטאָן, געשלאָגן מיט שטעקנס, און זי אויפגעהאָנגען, אַ צעבלוטיקטע, אויף אַ דערבייִיקן בוים.

אַ ביסל ווייטער האָט זיך אונדזער קאָנוואָי אָפּגעשטעלט אין פראָנט פון א גרויסן הויז מיט א דריי־קאָלירן פאָן דערויף. אונדזער קאָמאנדיר האט גענומען שיסן אין דער געביידע, און דער בעל־הבית איז אַרויס פון דאָרטן. דער אָפיציר האט גלייך אויסגעשאָסן אין זיין ברוסט. מען האָט געהייסן אַלע שטוב מענטשן אַרויסגיין אין דרויסן, און פינף יונגע פרויען האט מען אוועקגעפירט אין איינער פון אונדזערע מאַשינעס. פאַרבייפאָרנדיק דאָס לאַנד נאָכן פאַרלאָזן דאָס דאָרף, האָבן מיר געשאָסן אין יעדן פעלד־אַרבעטער — און זייערע פערד, קי, און הינט זענען אלע געפאַלן פון מאשינגעווער־פייער.

•

פון דאָרטן זענען מיר אַוועק קיין לימאָזש, און אויף מאָרגן האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אָפּרייניקן אָט־ווייג. אלץ און אלע אויף אונדזער וועג זענען געפאַלן טויט; מען האָט אויסגעטאָן פרויען, פאַרגוואַלדיקט און זיי אויפגעהאָנגען אויףביימער. דעם 16־טן יוני זענען מיר אָנגעקומען קיין סט. זשוניען. דעם זעלבן אָוונט, בשעת די אָפּטיילונג האט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן פּראָוויזיע, איז מיר געלונגען צו אנטלויפן, ווייל איך האב שוין ניט געקאָנט מער אויסהאלטן אזעלכע סצענעס.

דעם 6־טן יוני האָט זיך אָנגעהויבן די אינוואַזיע קיין נאָרמאַנדיע, און גלײַכצײַטיק דערמיט איז געשטיגן דער טעמפּאָ פֿון די מאַקי־אָפּעראַציעס. כּדי צו שטערן די דײַטשישע רעזערוון, זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פֿון דרום און דרום־מערבֿ צו הילף זייערע ענג־צוגעדריקטע חבֿרים אין צפֿון, האָבן די מאַקי געהאַלטן אין איין אַטאַקירן די וועג־און באַן־קאָמוניקאַציעס און אַרויסגערופֿן דערמיט אַ גרויסע בהלה. און דערווײַל האָט די דיוויזיע „דאַס רײַך" מאַרשירט דורך צענטראַל פֿראַנקרײַך און געזייט אַרום זיך חורבן און טויט.

אַ צוויי און צוואַנציק קילאָמעטער צפֿון מערבֿ פֿון לימאָזש, אין דעם קאַנטאָן סט. זשוניען, וואָס די דיוויזיע איז אָנגעקומען אַהין דעם 6־טן יוני, ליגט אויפֿן צפֿון ברעג פֿונעם טײַך גלאַן, דאָס דאָרף אָראַדור־סור־גלאַן, ניט ווײַט פֿון דעם הויפּט־שאָסע לימאָזש־לאַ ראָשפֿוקאָ־אַנגולעם.

אָראַדור־סור־גלאַן איז געווען אַ ברייטערע דאָרפֿישע „קאָמונע" (געמיינדע) אין דעם אָט־ווײַן דעפּאַרטמענט. מיט די שכנישע דערפֿלעך בראַנד, לאַפּלאַן, בעלווי, לערעפֿער, לאַ פּאָוועט און אַ צאָל אַנדערע, איז זייער אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג אין 1936 באַשטאַנען פֿון 1,500. די באַפֿעלקערונג פֿונעם דאָרף גופֿא איז אָבער געווען אַ סך קלענער, ווײַל דאָס רובֿ איז געווען צעשפּרייט אין די שכנות׳דיקע דערפֿלעך און אין אָפּגעזונדערטע פֿאַרמען.

זינט דער מלחמה האָט זיך די באַפֿעלקערונג פֿונעם דאָרף פֿאַרגרעסערט מיט אַ צאָל עוואַקווירטע פֿון לאָרען און מיט מענטשן פֿון לימאָזש, וואָס האָבן געהאַלטן אַז אין קריגס־צײַטן איז דאָס לעבן אויפֿן לאַנד לײַכטער ווי אין שטאָט.

דער 10־טער יוני 1944 איז אויסגעפֿאַלן שבת, אָראַדור־סור־גלאַן איז געווען איבערפֿולט און באַשעפּטיקט. אויסער די אײַנוווינער אַליין, האָבן זיך דאָרט געפֿונען די געוויינלעכע סוף־וואָך באַזוכער פֿון לימאָזש. און אַזוי ווי עס איז געווען דער אָנהייב פֿון אַ נײַעם ראַציע־פּעריאָד פֿאַר טאַבאַק, זענען פֿון אַלע טיילן קאָמונע אָנגעקומען סוחרים קיין אָראַדור צו קריגן דאָרט זייער צוטיילונג.

דער עולם איז נאָך געזעסן געמיטלעך בײַם מיטאָג־עסן, ווען

אַ זייגער 2.15 בייטאָג האָט זיך אַ גרעסערער קאָנוואָי פון דייטשישע זעלנער אַ לאָז אַריין געגעבן קיין אָראַדור פונעם לימאָזש־וועג און געלאַגערט אינעם אונטערשטן טייל דאָרף. די זעלנער האָבן געטראָגן שטאָל־העלמען און זיי זענען געווען איינגעהילט אין די גוט באַקאַנטע גרין־געלע קאַמופלאַזש־פעלערינעס, וואָס אַזויפיל וואַפן־ס.ס. איינהייטן האָבן געטראָגן. אייניקע מאַשינעס האָבן זיך איבערגערוקט אַ ביסל העכער אין דאָרף און דאָרט געלאַגערט.

קורץ נאָך זייער אָנקומען, איז דער שטאָט־אויסרופער אַ דורך די גאַסן און פאָרגעלייענט אַ באַפעל, אַז אַלע אָן אַ שום אויסנאַם, מענער, פרויען און קינדער, מוזן גלייך דערשיינען מיט זייערע פּעסער אין דעם דאָרפס־סקווער. גלייכצייטיק זענען די דייטשן אַריין אין יעדער הויז פונעם דאָרף, אַרויסגענומען אַלע שטוב מענטשן און זיי אוועקגעפירט צום סקווער; די יעניקע וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין די פעלדער זענען געוואָרן אַרומגערינגלט, און אַ סך פון זיי האָט מען בשעת מעשה דערשאָסן. אַנדערע וואָס האָבן געוווינט אין אָפּגעזונדערטע פאַרמען און אין די דערבייִיקע דערפלעך, האָט מען אויך געבראַכט אהער.

עס האָט געטראָפן אַז אַלע שול־קינדער, אין דער צאָל פון 191, האָבן זיך אין יענעם נאָכמיטאָג פאַרזאַמלט אין פאַרשיידענע שול־געביידעס צוליב אַ מעדיצינישער אינספּעקציע. דער אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר האָט געזאָגט אַז זיי האָבן מורא פאַר אַ געשלעג אין דאָרף, און זיי ווילן, דעריבער, זיכערקייטס־וועגן, אריבערנעמען אלע קינדער אין קלויסטער אריין. אזוי ארום בארויקט, זענען די קינדער צוזאמען מיט זייערע לערער שאַ־שטיל אריבער אהין. אלע אויסער איינעם. איין ייִנגל, א פּליט פון לאָרען, האָט שוין פון פריער געהאַט זיין נסיון מיט די דייטשישע זעלנער, און ער האָט געזאָגט צו איינעם פון זיינע פריינד, „דאָס זענען דייטשן, איך קאָן זיי, זיי וועלן אונדז אָנטאָן צרות, איך וועל פּרוּוון אַנטלויפן״.

אַזוי אָדער אַנדערש, האָט זיך דאָס ייִנגל, וואָס האָט געהייסן ראָזשער גאָדפּרין, אַרויסגעדרייט פון די איבעריקע, און נאָכן אויסבאַהאַלטן זיך אַ צייט־לאַנג אין שול־גאָרטן, איז ער אַנטלאָפן

צו די אַרומיקע וועלדער. מיט זעקס שעה שפּעטער, איז פון אָט די אַלע קינדער געבליבן ביים לעבן בלויז ער איינער אַליין.

א פּערטל צו דריי זענען שוין אַלע געווען פאַרזאַמלט אין דעם סקווער; יונג און אַלט, אינוואַלידן און קריפּלען, פּאַטערס און זין, מוטערס און טעכטער, שילער און לערער, קינדערלעך אויף די הענט און פּיצלעך אין זייערע וועגעלעך; דער בירגער־מייסטער, דער באַקער, דער אַפּטייקער, דער שמיד, בעלי־מלאכות און פּויערן — ניט ווייניקער פון זעקס הונדערט נפשות.

דער דייטשישער קאָמאַנדע־אָפיציר האָט זיך געווענדט צו דעם בירגער־מייסטער, יענער זאָל אָנרופן דרייסיק ערבות־לייט, אָבער ער האָט באַקומען אַ פּעסטן אָפּזאָג.

די דייטשישע זעלנער זענען איצט צוגעקומען, אַרומגערינגלט זייערע צוקונפטיקע קרבנות און זיי פאַרטיילט אין צוויי גרופּעס, איינע פון פרויען און קינדער, די אַנדערע פון מענער. די ערשטע גרופּע איז אונטער א וואַך אָפּגעפירט געוואָרן אין קלויסטער. וועגן זייער גורל וועט דערציילט ווערן ווייטער.

דאַן האָט דער דייטשישער קאָמאַנדיר זיך געווענדט צו די מענער מיט אַ רעדע. ער האָט צו זיי געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַן אינפאָרמאַציע וועגן א געהיימען לאַגער פון געווער אין דאָרף, און אַז ער האָט בדעה דורכצופירן אַ רעוויזיע. בשעת דער רעוויזיע וועט מען די מענער האַלטן אונטער אַ וואַך אין זעקס דאָרפס־שייערס. דאַן האָט מען זיי איינגעטיילט אין זעקס פּאַרטיעס און אָפּגעפירט צו די פאַרמען פון זעקס אַרטיקע איינוואוינער.

פון אָט־די אַלע מענער, זענען געבליבן לעבן בלויז פינף, און פון זיי טאַקע האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דעם גורל פון די איבעריקע. לאָמיר לאָזן איינעם פון זיי דערציילן זיין געשיכטע *).

---

*) אָט־די רייד פונעם עדות זענען גענומען פון דעם Dossier d'oradour sur Glane און שפּעטער אָפּגעדרוקט אין אַן אָפיציעלער
בראָשור: די פאַרברעכנס פונעם שונא אין פראַנקרייך
Crimes Ennemis en France

איוואַן ראָבי איז אין יוני 1944 אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, און ער האָט געלעבט מיט זיינע עלטערן אין באַס־פּאָרע, אין דער קאָמונע פון אָראַדור־סור־גלאַן.

אין דער גרופּע וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט אין שייער צוזאַמען מיט מיר איז געווען בריסאַ, דער שמיד, קאַמפּען, דער קאָנדיטאָר, און מאַרליער, דער פריזירער. קוים זענען מיר אָנגעקומען, האָבן די דייטשן אונדז געצוווּנגען אַפּצורוקן צוויי וואָגנס וואָס זענען געשטאַנען אין וועג; דאַן האָבן זיי אונדז אַריינגעשטופּט אינעווייניק, און פיר זעלנער ביי דער טיר האָבן אָנגעשטעלט אויף אונדז זייערע טאַמיגאַנס כדי ניט לאָזן אונדז אַנטלויפן. בשעת זיי האָבן קאָנטראָלירט זייער געווער, האָבן זיי גערעדט און געלאַכט צווישן זיך. מיט אַמאָל, אין אַ מינוט פינף נאָך אונדזער אַריינקומען, האָבן די זעלנער, אַ פּנים לויט אַ סיגנאַל־שאָס פון דעם סקווער, געעפנט אויף אונדז פייער. די ערשטע אַנידערגעפאַלענע זענען שפּעטער געווען באַשיצט פון די ווייטערדיקע פייער־זאַלפּן — דורך די קערפּערס פון די אַנדערע וואָס זענען געפאַלן אויף זיי. איך בין געלעגן אויסגעצויגן אויפן בויך, מיט מיין קאָפּ צווישן די הענט. דערווייל זענען די קוילן אָפּגעשפּרונגען פון דער באַענטסטער וואַנט. שטויב און זאַמד האָבן געשטאָקט מיין אָטעם. אייניקע פאַרווונדעטע האָבן געשריען און אַנדערע האָבן גערופן זייערע פרויען און קינדער.

פלוצלינג האָט דאָס פייער אויפגעהערט, און די ווילדע חיות האָבן געגומען טרעטן איבער אונדזערע קערפּערס, און זיי האָבן פון דער נאָענט אויסגעענדיקט, מיט דירעקט אָנגעצילטע רעוואָלווער־שאָסן, די יעניקע וואָס האָבן נאָך געוויזן אַ סימן פון לעבן.

איך האָב אין גרויס אַנגסט געוואַרט אויף מיין ריי. איך בין שוין געווען פאַרווונדעט אין מיין לינקן עלנבויגן. די געשרייען אַרום מיר האָבן אויפגעהערט, און דאָס שיסעריי איז געוואָרן זעלטענער. צום סוף איז געוואָרן

שטיל, און די שטילקייט איז געווען אַ שווערע און דריקנדיקע, איבערגעריסן פון צייט צו צייט מיט צוגעשטיקטע קרעכצן.

דאָן האָבן די זעלנער אַרויפגעוואָרפן אויף אונדז וואָס פאַר אַ ברען־מאַטעריאַל זיי האָבן נאָר געקאָנט געפינען; שטרוי, היי, טרוקענע צווייגן, ראָד־שפּיצן, און לייטערס. אָבער ניט אַלע אַרום זענען געווען טויט, און די וואָס זענען אַרויס גאַנץ האָבן געגומען שעפּטשען צו די פאַרוווּנדעטע וואָס האָבן נאָך געלעבט. איך האָב אַ קלײנעם דריי געטאָן מיטן קאָפּ און דערזען נעבן מיר איינעם פון מיינע פריינד, ווי ער ליגט אויף דער זייט, איינגעבאָגן אַ פאַרבלומיקטער, און ער גוסס׳ט. וואָרט אויף מיר אַזאַ גורל?

איך האָב דערהערט טריט; די דייטשן זענען געקומען צוריק. זיי האָבן אונטערגעצונדן דאָס שטרוי, וואָס האָט אונדז צוגעדעקט, און די פלאַמען האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט איבערן שייער. איך האָב געוואָלט אַרויסקריכן, אָבער די שווערע משא פון די קערפּערס אויף מיר האָט געהאַמעוועט מיינע באַוועגונגען, דערצו נאָך האָט די ווונד מיינע מיר געשטערט צו רירן מיט דער לינקער האַנט. נאָך פאַרצווייפלטער מי און אָנשטרענגונג, איז מיר געלונגען אַרויסקריכן. איך האָב זיך פאַוואָליע אונטערגעהויבן, געמיינט אַז מ׳אַט קריג איך אַ קויל, אָבער די מערדער זענען שוין ניט געווען אין שייער.

די לופט איז געוואָרן אַ שטיקנדע. פּלוצעם האָב איך דערזען אַ לאָך אין דער וואַנט, אַ ביסל העכער פון דער ערד. עס איז מיר געלונגען זיך אַ דורכקוועטשן אין דרויסן אַרויס, און איך האָב זיך באַהאַלטן אויף דעם דערבײיקן בוידעם.

פיר פון מיינע פריינד האָבן זיך שוין געווען אַריינגעכאַפּט אַהין נאָך פריער פאַר מיר, ברוסאַדיע, דאַרטו, עבראַ, און באַרי. איך בין אַרונטערגעקראָכן אונטער אַ הויפן שטרוי און טרוקענע באַב, באַרי און עבראַ האָבן זיך פאַרשטעקט הינטער אַ בינטל ריטלעך. בראָסאַדיע האָט

זיך אַריינגעפּרעסט אין אַ ווינקל. דאָרטן, מיט פיר קויל־וווּנדן אין זיינע פיס, האָט מיך געבעטן מאַכן פאַר אים פּלאַץ נעבן מיר. מיר זענען געלעגן איינס צוזאַמענגעדריקט, האָבן פּלאַטערדיק געוואָרט און ציטערדיק זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג.

ווי, אונדזער פּלאַג האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. פּלוצעם איז אַריין אַ דייטש, זיך אָוועקגעשטעלט נעבן אונדזער הויפן שטרוי און עס אונטערגעצונדן. איך האָב איינגעהאַלטן מיין אָטעם. ניט קיין ריר און ניט קיין קלאַנג פון אונדז, אָבער די פלאַמען האָבן שוין אָנגעהויבן באַקן מיינע פיס. איך האָב זיך אַ הייב אויף געטאָן אויף דאָרטן, וואָס האָט זיך ניט באַוועגט, האָב ריזיקירט און זיך ארומגעקוקט. די ס.ס. לייט זענען אוועק. אין דעם מאָמענט איז צוגעגאַנגען בראָסאַדיע. ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם וועג צו אַנטלויפן. איך בין אים נאָכגעגאַנגען פיס־טריט און אונטערגעיאָגט פון די פלאַמען, האָב איך זיך דערזען אין דרויסן נעבן אַ קראַליק־ביידל, וואָס בראָסאַדיע איז ערשט

וואָס אַהין אַריין.

איך בין אריין נאָך אים און גלייך אויפן מאָמענט גענומען גראָבלען אַ לאָך אינעם באָדן — דאָרט ווו איך האָב זיך איינגעקאָרטשעט. איך האָב זיך אַליין צוגעדעקט מיטן מיסט וואָס האָט זיך געוואַלגערט אַרום מיר. דאָרט זענען מיר געבליבן אַ שעה דריי ביז דער פייער האָט צום סוף דערגרייכט ביזן קראַליק־ביידל, און דער רויך איז אונדז אַריין אין האַלדז. איך האָב פאַרשטעלט מיין קאָפּ מיט די הענט כדי צו שיצן זיך פון די פונקען וואָס זענען געפאַלן פון דאַך און געצונדן מיינע האָר.

און דאָך איז אונדז צום דריטן מאָל געלונגען צו אַנטלויפן פון די פלאַמען. איך האָב באַמערקט אַ שמאָלן שפּאַלט צווישן צוויי ווענט. עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן איינגעבויגענערהייט צוקריכן אהין און אריינעטעמען אַ ביסל פריש לופט. אָבער עס איז געווען ניט מעגלעך לענגער איבערצובלייבן אין אַזאַ לאַגע. האָבן מיר געמוזט זיך אויפהייבן, און מיר האָבן זיך פאָרזיכטיק געלאָזט גיין צום

סקוועד. מיר האָבן געמוזט וויסן צי זענען דאָרט ניט געבליבן קיין דייטשישע זעלנער אויף דער וואַך. איז ברוסאַדיע געגאַנגען פאָרויס אויסצושפּירן. מען האָט קיינעם ניט געזען. מיר זענען צוגעקומען צום סקוועד. ווען מיר וואָגן אים אַריבערצוגיין?

אַ לעצטער בליק אויף רעכטס און אויף לינקס, און מיר האָבן זיך געלאָזט שפּאַנען, אַזוי שנעל ווי מיר האָבן גאָר געקאָנט, אין דער ריכטונג צום בית־עולם. ענדלעך האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין אַ קליין וועלדל. מיר האָבן זיך אַרומגענומען, אַזוי גרויס איז געווען אונדזער פרייד ווייטער צו זיין פריי.

דאַן האָבן מיר זיך צעשיידט. איך האָב פאַרבראַכט די נאַכט אין אַ קאָרן־פעלד, און אויף מאָרגן אינדערפרי אַ זייגער עלף בין איך אָנגעקומען צו זיך אַהיים אין פּאָרעט־באָס.

בשעת אָט־די שחיטה איז אָנגעגאַנגען, איז די פאַרטיע פון פרויען און קינדער, אין דער צאָל פון פיר הונדערט, צוגעקומען צום קלויסטער. דאָרט זענען געווען אַלע פרויען פון דאָרף, אַ סך פון זיי מיט קינדערלעך אויף די הענט און מיט פּיצלעך אין די וועגעלעך, און אויך אַלע קינדער פון שול־עלטער.

פון זיי אַלע, איז בלויז איינע געבליבן לעבן, מאַדאַם מאַרגעריט רופאַנש, אַ געבוירענע אין לימאָזש, וואָס האָט אין יענעם טאָג פאַרלאָרן איר מאַן, אַ זון, צוויי טעכטער, און איר קליין אייניקל, אַ יינגעלע פון זיבן מאָנאַט.

כמעט צוויי שעה נאָכאַנאַנד זענען די אומגליקלעכע מענטשן געזעסן ענג צוזאַמענגעפּרעסט אינעם קלויסטער און מיט וואַקסענדער אומרו זיך אַלץ מער און מער געשראָקן פאַרן גורל וואָס עס וואַרט אויף זיי. און וואָס פאַר אַ גורל עס האָט אויף זיי געוואַרט, וועגן דעם האָט דערציילט די מאַדאַם רופאַנש אין די פאָלגנדע ווערטער אירע: *).

אַ זייגער פיר נאָכמיטאָג זענען אַריין אין קלויסטער עטלעכע זעלנער, אַלע אין עלטער פון אונגעפער צוואַנציק

---

*) Crimes ennemis en France

יאָר, מיט עפּעס אַ מין פּאַק־קאַסטן, וואָס זיי האָבן אַרויפגעטראָגן ביזן בעלעמער און אים אוועקגעשטעלט נעבן דעם קאַר. פון דעם קאַסטן זענען אַראָפּגעהאָנגען שטריק־עקן *) וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד. די זעלנער האָבן אונטערגעצונדן די שטריק, און אַליין האבן זיי זיך אָפּגערוקט. ווען דאָס פייער איז דערגאנגען ביז צום קאַסטן, האָט ער עקספּלאָדירט און פאַרשפּרייט אַרום זיך וואלקנס מיט געדיכטן שווארצן שטיקנדן רויך.

די פרויען און קינדער, מיט א שטאָקנדן אָטעם און ווילדע געשרייען, זענען זיך צעלאָפן אין אלע ווינקלען פונעם קלויסטער, ווו עס איז נאָך געווען לופט צו עטעמען. און דאָסמאָל האָט זיך דורך דעם עצם דרוק פון אַ מאַסע טויט־דערשראָקענע מענטשן, אויפגעבראָכן די טיר צום קליידער צימר. איך האָב זיך אויך אריינגעריסן אהין און אַ דערשלאָגענע, זיך צוגעזעצט אויף אַ טרעפּל אָפּוואַרטן מיין גורל.

די דייטשן האָבן דערזען, אַז די מאַסע שטראָמט צו יענעם טייל קלויסטער, האָבן זיי גענומען ברוטאַל ארונטערקאָסן אלעמען וואָס האבן זיך געריסן אהין. מיין טאָכטער איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ שאָס, אַריינגעפייערט פון דרויסן. איך בין געבליבן לעבן נאָר א דאנק דעם וואָס איך האב זיך ניט פארלאָרן, האב צוגעשלאָסן די אויגן און זיך געמאכט טויט.

א זאלפן־שיסעריי האָט אפּגעהילכט צווישן די קלויסטער־ווענט. און דאַן האבן זיי אנגעוואָרפן שטרוי, טרוקענע צווייגן און שטולן אויף די קערפּערס וואָס זענען געלעגן נאָך דער הריגה, אָן אַ ווונד אַפילו, און איך האָב אויסגענוצט דעם וואָלקן־רויך און זיך באַהאַלטן הינטער דעם הויפּט־אלטאר.

*) דאָס זענען געווען, פאקטיש, די צינדשנורן.

אין דעם קלויסטער־טייל זענען געווען דריי פענצטער. איך בין צו צום מיטלסטן, דעם גרעסטן צווישן זיי, און מיט דער הילף פון אַ טרעפּן־לייטער וואָס מען נוצט צום אָנצינדן ליכט, האָב איך גענומען קריכן אַרויף. ווי אַזוי איך האָב עס געמאַכט, ווייס איך אַליין ניט. עפּעס אַן אויסטערלישער כוח האט זיך אין מיר דערוועקט. די שויב איז געווען צעבראָכן, און איך בין אַרויסגעשפּרונגען דורך דער פענצטער־ראַם. דער פאַל איז געווען א דריי מעטער די הויך.

איך האב א קוק געטאָן ארויף און דערזען אז א באקאנטע פרוי האָט מיר נאָכגעפאָלגט. זי האָט דורכן אָפענעם פענצטער אַרויסגערוקט איר קינד צו מיר און זי איז אַראָפּגעשפּרונגען נעבן מיר. די דייטשן האבן דערהערט דעם קינד'ס געשרייען און זיי האבן גענומען שיטן פייער אויף אונדז. מיין פריינד איז צוזאַמען מיט איר פּיצל דערהרגעט געוואָרן, און זייערע קערפּערס האָט מען שפּעטער געפונען אויפן זעלבן אָרט ווו זיי זענען דאָן געפאַלן טויט.

איך האב זיך געלאָזט צום קלויסטער־גאָרטן און אויפן וועג פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָרט האב איך זיך באהאלטן צווישן די שורות גרינע ארבעס און אין גרויסע אנגסטן געוואַרט, אַז עמיצער זאָל מיר קומען צו הילף. איך בין געלעגן אַ פאַרוואונדעטע ביז מאָרגן 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג, ווען מען האָט מיך סוף־סוף דאָרט געפונען.

די חורבות אליין פון דעם קלויסטער האָבן שטום אָבער זייער באַשיימפערלעך באַשטעטיקט די רייד פון מאַדאַם רופאַנש. דער דאַך אָפּגעברענט, אַ גרויסער טייל פונעם בעלעמער, וואָס איז שוין יאָ אַרויס גאַנץ פונעם פייער, איז שפּעטער איינגעפאַלן. און די שווארצע פאררויכערטע ווענט זענען געבליבן שטארצן ביז איצט ווי קלאָגעדיקע עדות פונעם פאַרברעכן. דער הויפּטאַלטאַר צעשטערט, דער אַלטאַר־טיש אַרויסגעריסן פון זיין געשטעל און אינגאנצן צעדרייט.

אַ שפּעטערדיקע אינספּעקציע פון די רוינען האָט באַוויזן, אַז

די דייטשן האָבן אַ סך שאָסן אַרויסגעפּייערט אינעווייניק אין קלויסטער טאַקע, ווו מען האָט געפונען אַ גרויסע צאָל ליידיקע פּאַטראָנען. מען האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן געשאָסן נידעריק — כדי גוט צו טרעפן אין די קינדער.

מיט צוויי אָדער דריי טעג שפּעטער, האָט דאָס אָרט אינספּעקטירט דער דיסטריקט־אינספּעקטאָר פון געזונט־מיניסטעריום. בשעת ער האָט דורכגעפירט די ערשטע אינספּעקציע, איז דער קלויסטער־באָדן געווען פאַרלייגט מיט אַש; שטיקלעך און ברעקלעך פון מענטשן, איבלדיקע קופּעס ביינער און פליייש, צווישן דעם אומבאַשרייבלעכן געמיש זענען געלעגן אַ סך האלב פאַרקוילטע קערפּערס וואָס זענען געווען ניט צום דערקענען. ער האָט איבערגעגעבן, אַז נעבן דעם הויפּט־אַלטאַר האָט ער געפונען אַ סך ביינער און פאַרקוילטע מענטשלעכע רעשטלעך, צווישן זיי אַ קינדערשן פוס פון בערך אַ זעקסיעריקן. אין דעם קליידער־צימער, וואָס אהין האבן זיך, לויט די רייד פון מאדאם רופאַנש, אַריינגעריסן נאָך דער עקספּלאָזיע פיל פרויען און קינדער, האָט מען געפונען זייער און זייער אַ סך פאַרקוילטע מענטשלעכע רעשטלעך. פון אַ קאַפּעל אין דער דרום׳דיקער זייט פונעם קלויסטער האָט אַ קליינע טיר געפירט אויפן בית־עולם. א סך צווישן די פאַרוווּנדעטע פון די ערשטע שאָס־זאַלפּן האָבן זיך אַ פּנים געלאָזט צו יענער טיר מיט דער האָפענונג צו אַנטלויפן דורך איר. אָבער די טיר איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען פאַרשלאָסן, ווייל נעבן איר זענען געווען אָנגעהויפט גרויסע הורבעס אַש און פאַרקוילטע קערפּערס. דעם אינספּעקטאָר׳ס ראַפּאָרט האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס זענען דאָרט געווען גענוג קערפּערס אָנצופילן אַ ברייטן הויכן פאַרם־וואָגן און לויט דער מאָסע געפינענע חתונה־רינגלעך און צירונג, האָט די פּאָליציי אָפּגעשאַצט די צאָל קרבנות ביז עטלעכע הונדערט, אלע לעבעדיקערהייט פאַרברענט. מענטשן, וואָס וווינען אין אַן אָפּשטאַנד פון אַ צוויי קילאָמעטער, האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געהערט די געשרייען פון דער קלויסטער ריכטונג.

ליקווידירט די איינוווינער, האָבן די דייטשע זעלנער גענומען סיסטעמאַטיש צו ראַבירן דעם דאָרף און די סביבה, דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט אין זייער וועג.

די דייטשישע מאַכט האָט קיינמאָל קיין שום אָפיציעלן תירוץ ניט געגעבן פאַר אָט־די גרויל־מעשים אירע. אויף מאָרגן נאָכן בלוטבאָד, האָט מען פשוט באַריכטעט אָן קאָמענטאַרן, אַז אין גאַנג פון מיליטערישע אָפּעראַציעס איז פונעם ישוב אין אָראַדור־סור־גלאַן „געוואָרן אַש און פּאָרעך״.

א מיטגליד פון דער זיכערהייטס־דינסט איז געקומען אין דער פּרעפעקטור פון אָט־ווײַן כדי אויסצוהערן אַ מעלדונג וועגן דער גרויל־מעשה פון דעם פּרעפעקט, נאָכדעם ווי יענער האָט שוין געהאַט באַזוכט אָראַדור. האָט ער דאַמאָלס דערציילט דעם פּרעפעקט, אַז די מאַקי׳ס זאָלן האָבן געפאַנגען אַ דייטשן אָפיציר מיט זיין שאָפער און זיי געפירט איבער די גאסן פונעם דאָרף, דאָן האבן אייניקע פרויען זיי באפאלן און געבונדן זייערע הענט מיט שטעכיקע דראָט: מען האט זיי שוין אפילו געהאט געפירט צום שיסן, איז דעם דייטשן אפיציר געלונגען צו אנטלויפן. ער האָט זיך גלייך צוריקגעקערט קיין לימאָזש, ווו ער האָט אָרגאַניזירט אַ שטראָף־עקספּעדיציע קעגן דעם דאָרף אַלס רעוואַנש און זיך אליין טאַקע באטייליקט דערביי.

די געניויסטע אויספאָרשונגען האָבן קיינמאָל ניט באשטעטיקט אַזאַ מין געשיכטע און עס איז מער ווי מסופק׳דיק צי האָט אַזאַ זאַך בכלל אַמאָל פּאַסירט. סיי־ווי וואָלט עס ביי קיין שום אומשטאנדן ניט בארעכטיקט אזא שוידערלעכן רעוואנש. אויב אזא מין זאַך וואָלט יאָ פאָרגעקומען, האָט מען דאָך געקאָנט, אָן צו גרויסע שוועריקייטן, אויסזוכן די שולדיקע און זיי ברייגנען פאַר אַ מישפט, אין איינקלאַנג מיטן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ; אָבער די פאַרטיליקונג פון הונדערטער אומשולדיקע מענטשן איז געווען אַ קלאַפּ פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ווען מען האָט זיך דערוווּסט די פּרטים, איז די ציוויליזירטע וועלט ממש אויפגעשוידערט געוואָרן.

די ווישי־רעגירונג האָט געשיקט א באריכט וועגן דער גרויל־מעשה צום דייטשן הויפּט קאָמאַנדיר אין מערב. יענער איז אויפגעפּאָדערט געוואָרן איבערצושיקן די פאַקטן צו דער דייטשער אייבערקאָמאַנדע אין פראַנקרייך, צוליב דעם „פּאָליטישן באַדייט פון די אָפּקלאַנגען אין די מוחות פונעם פראַנצייזישן פאָלק״. די אויספאָרשונג געמאַכט דורך די פראַנצייזן האָט פעסטגעשטעלט,

אַז ניט אין דאָרף גופא און ניט אַ זיבן קילאָמעטער אויסערן דאָרף האָט זיך דאָן ניט געפונען קיין איין מיטגליד פון FFI. די איינהייט איז באַגאַנגען דעם הימל־שרייענדיקן פאַרברעכן אַלס נקמה פאַר עפּעס אַן אַטענטאַט אויף איינעם אַ זעלנער זייערן — ערגעץ־ווו ווייטער מיט אַ פופציק קילאָמעטער.

*

אין יוני 1940, איז איטאַליע אַריין אין דער מלחמה אויף דער זייט פון דייטשלאנד און האט געקעמפט אלס איר פארבונדענע ביזן וואָפנרו אין סעפטעמבער 1943, ווען אין דרום־איטאַליע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג מיטן קעניג וויקטאָר עמנואל בראש.

נאָך דעם ווי די אליירטע כוחות האבן געלאַנדיקט אין איטאַליע איז דאָרט אין צפון אויפגעשטעלט געוואָרן אַ רעפובלי־קאַנישע רעגירונג מיט מוסאָליני בראש.

אין משך פונעם ווינטער און פרילינג 1943/4, האָט זיך אין דער לענג פון די דייטשישע קאָמוניקאַציע ליניעס אַנטוויקלט אַ ברייטע פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט. דער דייטשער הויך־קאָמאַנדיר, פעלד־מאַרשאַל אַלבערט קעסעלרינג האָט אָנגענומען דראַסטישע מיטלען כדי צו אונטערדריקן דעם ווידערשטאנד.

וועגן דער באַציונג פון די דייטשן צו די איטאַליענער נאָכן וואָפנרו האָט קעסעלרינג אַליין אָט־וואָס געזאָגט:

איטאַליע איז אריין אין קריג קעגן דעם ווילן פון דייטשלאַנד, און די איטאַליענער האָבן זיך געניטיקט אין אַ שטיצע מצד דער דייטשער אַרמיי, אַוויאַציע און פלאָט. דייטשע זעלנער זענען געקומען און האָבן געקעמפט פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון איטאַליע. די דייטשישע קרבנות אין אפריקע, טוניס, סיציליע און דרום־איטאַליע זענען געווען ריזיקע, אָבער מען האָט די קרבנות געבראַכט. די איטאַליענער זענען געווען מערער אין צאָל, אָבער זיי האָבן געקעמפט מיט ווייניקער היץ. מען האט עס טאָלערירט צוליב דער איטאַליענישער פריינדשאפט. אָט דער געפיל האָט זיך פאַרוואנדלט אין האַס ווען איטאַליע האָט פאַרראַטן די אקס־פאָליטיק און האָט אָנגעהויבן אַ פּאַרטיזאַנישן קריג.

דעם 23־טן מאַרץ נאָכמיטאָג איז אין רוים פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן רעוואַנש מצד די דייטשן און האָט פאַרשטאַרקט די טעראָר־מיטלען קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג אין דער אָקופּירטער איטאַליע.

יעדן נאָכמיטאָג אַרום דריי אַ זייגער, פלעגט אַן אָפּטיילונג פון אַ פּאָליציי רעגימענט מאַרשירן אין דער לענג פון דער וויאַ ראַזעלאַ. בשעת׳ן שפּאַציר אין יענעם טאָג האָט אויף זייער וועג אויפגעריסן א באָמבע וואָס האט צוויי און דרייסיק צווישן זיי דערהרגעט און א סך אנדערע פאַרווונדעט. אָבער־שטורמבאַנפירער קאַפּלער פון די ס.ד. איז אָנגעקומען אויפן אָרט פון דער עקספּלאָזיע און איז צוגעטראָטן צו דער אויספאָרשונג.

דערווייל האָט מען דורך די געוויינלעכע מיליטער־אָרגאַנען געמאָלדן וועגן דעם אינצידענט אין היטלערס הויפּטקוואַרטיר, און פון דאָרטן האָט מען גלייך באַפוילן דעם פעלד־מאַרשאַל קעסעלרינג צו דערשיסן אין לויף פון פיר און צוואַנציק שעה צען איטאַליענער פאַר יעדן געהרגעטן דייטשן פּאָליציסט. קיין פּרטים וועגן דעם ווו און ווי אזוי מען זאָל נעמען אָט די רעוואַנש־קאַנדידאַטן, האָט מען ניט אָנגעגעבן.

אָט דער באַפעל איז דורך דעם גענעראַל פאָן מאַקענזען דעם קאָמאַנדיר פון דער פערצנטער אַרמיי, איבערגעגעבן געוואָרן דעם גענעראַל מעלצער, דעם מיליטערישן קאָמענדאנט פון דער שטאָט רוים, מיט אינסטרוקציעס פעסטצושטעלן צי עס זענען פאַר דער נייטיקער צאָל פאַראַן גענוג אַרעסטירטע פאַראורטיילטע צום טויט.

קאַפּלער האָט אינפאָרמירט דעם גאַרניזאָן־קאָמענדאַנט אַז כדי צוזושטעלן די געפאָדערטע צאָל דאַרף ער מאַכן אַ רשימה פון 230 מענטשן וואָס זיי זענען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „ווערט דעם טויט״ *). דער באַגריף איז געווען זייער אַ ברייטער און ער האָט איינגעשלאָסן ניט בלויז פאַראורטיילטע צו לאַנגע טערמינען, נאָר אויך די אַרעסטירטע אונטערן פאַרדאַכט פון פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט און סאַבאָטאַזש, און דערצו אלע יידן וואָס זענען צו יענער צייט געזעסן פאַרשפּאַרט ביי די ס.ד. אין רוים.

*) Totwuerdig

קאַפּלער האָט געמאַכט אַ טור אין זיין טורמע אויף דער וויאַ טאַסאָ, אָבער ער האָט ניט געקאָנט צונויפשלאָגן די צאָל. האָט ער דעריבער געקראָגן פון אַ צווייטער טורמע אין רוים אַנדערע אַרעסטירטע וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט זייער מישפּט ביי די דייטשע מיליטער־געריכטן.

די צאָל פאראורטיילטע איז ענדלעך דערגאַנגען ביז 335. אין דעם אַן אלטער מאַן פון זיבעציק, אַ ייִנגל פון פערצן מיט אַ האַלבן, איינער וואָס דאס דייטשע געריכט האָט אים שוין געהאט פרייגעשפּראָכן און, צו דער פולער מאָס, פינף און פופציק יידן, וואָס קיין איינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות צו די פּאַרטיזאַנער, און אַ טייל פון זיי זענען אַפילו ניט געווען קיין איטאַליענישע יידן. די קרבנות האָט מען פארזאַמלט אין די אַרדעאַטין היילן אויסער רוים, און קאַפּלער'ס זיכערהייטס־דינסט האָט אויסגעפירט די עקזעקוציע, ווייל די ווערמאַכט האָט זיך אָפּגעזאָגט עס צו מאַכן.

אויפן פּראָצעס פונעם פעלד־מאַרשאַל קעסעלרינג אין דעם Tribunale di Giustizia אין ווענעציע, פעברואַר 1947 * האָט קאַפּלער געשילדערט דאָס דערשיסן פון אָט די אומגליקלעכע מענטשן. מען האָט זיי געהייסן זיך שטעלן אויף די קני, יעדעס מאָל צו פינף, די הענט פאַרבונדן אויף הינטן, און מען האָט אין זיי געשאָסן פון הינטן אין רוקן אריין. זיי זענען געווען זיבן און זעכציק מאָל פינף, און אַ גאַנצן נאָכמיטאָג איז אָנגעגאַנגען די הריגה. עס איז דערביי ניט געווען קיין אָפיציר־מעדיקער, וואָס וואָלט געקאָנט קאָנסטאַטירן דעם טויט פון איין גרופּע, איידער אַ צווייטע איז געקומען אויף דער ריי. ווען מען האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן לעצטן קרבן, האָט מען אויפגעריסן די הייל צו פאַרווישן אַלע שפּורן פון דעם פאַרברעכן.

די דייטשן האָבן אַפילו קיין אָנשטעל ניט געמאַכט, אַז אָט־די

---

*) מען האָט אים געפונען שולדיק אין אַלע אויסגערעכנטע עבירות און מען האָט אים פאַראורטיילט צום טויט דורך דערשיסן, אָבער דער באַשטעטיקונג־אָפיציר האָט דעם אורטייל געמילדערט צו אייביקער־תפיסה און אין 1953 האָט מען אים באַפרייט „אלס אַן אַקט פון חסד". ער איז איצט דער פּרעזידענט פון דער שטאַלהעלם אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד.

מענטשן האָבן געהאַט עפּעס צו טאָן מיטן באָמבע־אינצידענט. אַ טייל זענען שוין פון פריער א לאנגע צייט געזעסן אין טורמע; אַ סך האָבן געוווינט ווייט פון וויאַ ראַזעלאַ; אַ טייל האָבן בכלל ניט געוווינט אין רוים, און פינף און פופציק צווישן זיי האָבן פּשוט געהאַט דעם שלימזל צו געבוירן ווערן יידן.

די באָמבע אויף דער דייטשער פּאָליציי־אָפּטיילונג איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פאַרברעכן קעגן דער אָקופּיר־מאַכט. די פאַראַנטוואָרטלעכע האָבן געקאָנט ווערן געמישפּט דורך אַ דייטשישן מיליטער־געריכט, און זיי וואָלטן זיכער געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט. מען האָט אָבער קיין איינעם צווישן די אומגעבראַכטע אין די אַרדעאַטין הייל, בכלל ניט געמישפּט, שוין אָפּגערעדט פון פאַראורטיילן זיי. מען האָט זיי אַלע דערשאָסן אַלס רעוואַנש. דאָס וואָרט „רעוואַנש” קאָן מען זייער ברייט אויסטייטשן, אָבער דיווילדע הריגה פון אומשולדיקע איינוווינער לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרענטפערן דערמיט, וואָס מען רופט עס אַן רעוואַנש.

די בלוטבאָד אין די אַרדעאַטין היילן איז געווען נאָר אַ פאַרשפּיל דערפון וואָס האָט געזאָלט קומען שפּעטער. דעם 17־טן יוני 1944, האָט דער פעלד־מאַרשאַל אַרויסגעלאָזט אַן אַנדער באַפעל. קעסעלרינג אַליין האָט פאָרמולירט דעם באַפעל און אים אַדרעסירט, צווישן אַנדערע, צו דער צענטער און פערצנטער אַרמיי, דער הויפּטקוואַרטיר פון לופטוואַפע, דעם הויך־קאָמאַנדיר פון ס.ס. און פון דער פּאָליציי אין איטאַליע, גענעראַל וואָלף.

דער באַפעל האָט פּראָקלאַמירט נייע מיטלען אין צוזאַמענהאַנג מיט די אָפּעראַציעס קעגן די פּאַרטיזאַנען און האָט פעסטגעשטעלט אַז די פּאַרטיזאַנען־סיטואַציע אויף דער איטאַליענישער אַרענע, דער עיקר אין צענטראַל־איטאַליע, ווערט אַן ערנסטע געפאַר פאַר די קעמפנדיקע כוחות און פאַר זייערע קאָמוניקאַציע־ליניעס. „אין דעם קאַמף קעגן די פּאַרטיזאַנען, דאַרפן אַנגענומען ווערן אַלע מיטלען וואָס שטייען נאָר צו אונדזער דיספּאָזיציע, ווי שווער און האַרטנעקיק זיי זאָלן ניט זיין. איך וועל נעמען אונטער מיין שוץ יעדן קאָמאַנדיר וואָס וועט אַרויס פון אונדזער געוויינלעכער איינגעהאַלטנקייט (!), בשעת׳ן אויסקלייבן און אָנווענדן די שטרענגסטע מיטלען קעגן די פּאַרטיזאַנען. אין דעם צוזאַמענהאַנג

גילט דער אַלטער פּרינציפּ, אַז עס איז בעסער ביים אויספירן אַ באַפעל מאַכן אַ פעלער אינעם אויסוואַל פון די מיטלען, איידער פארנאכלעסיקן אָדער בכלל אים ניט אויספירן".

דער באפעל האָט ווייטער באשריבן ווי אזוי מען דארף זיך פירן בשעת מען פאַקט אַ ציווילן וואָס איז פאַרמישפּט אין דער טעטיקייט פון די פאַרטיזאַנען. אויב דאָס דערשיסן פון צען איטאליענער פאר יעדן זעלנער וואס ווערט דערהרגעט דורך דער ציווילער באפעלקערונג איז געווען זייער „געוויינלעכע איינגעהאַלטנקייט", איז דער נייער באַפעל געווען באמת אַן איינלאדונג צו א גרעסערן טעראָר.

אַרום דער זעלבער צייט האָט קעסעלרינג אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די איטאליענער וואס ווערט געבראכט דאָ אונטן.

דער הויך קאָמאַנדיר פון די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות שטעלט פעסט:

ביז איצט האָבן די דייטשע באַוואָפנטע כוחות געטאָן אלעס וואָס זיי האָבן געהאַט צו טאָן אין דער קריגס־פירונג, אויף א קאָרעקטן אופן און דערביי גענומען אין אַכט די אינטערעסן פון דער באפעלקערונג. אָט־די פריינדלעכע שטעלונג היינגט אָפּ פון אַן אַבסאָלוטער קעגנזייטיקייט מצד דער באַפעלקערונג. אויב די ביז איצט איינצלנע אָנגריפן און אַטענטאַטן מצד די פאַרטיזאַנען, וועלן זיך פאַרשטאַרקן, וועט דער הויך קאָמאַנדיר פון די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות זיין געצווונגען תיכף צו ענדערן אָט־די שטעלונג. די מענטשן אליין וועלן טראָגן די אחריות פאר די קאָנסעקווענצן פון אזא מין באשלוס.

כדי צו גאראנטירן די זיכערקייט פון די הינטער־זאָנעס און פון די קאָמוניקאַציע ליניעס, באַפויל איך גלייך אז:

1. יעדער איינער וואָס מען געפינט ביי אים געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל, ניט דעקלאַרירט ביי דער נאָענטסטער דייטשישער קאָמאַנדע, זאָל ווערן דערשאָסן.

2. יעדער איינער וואָס באַהאַלט אויס פאַרטיזאַנען אָדער

ער שיצט זיי, אָדער ער העלפט זיי מיט קליידער, שפּייז, אָדער געווער, זאָל ווערן דערשאָסן.

3. אויב מען געפינט אַ פּערזאָן וואָס האָט געוווּסט וועגן אַ גרופּע אויפשטענדלער, אָדער אַפילו וועגן אַן איינצלנעם אויפשטענדלער, און האָט וועגן דעם ניט אינפאָרמירט אין דער נאָענטסטער קאָמאַנדע, זאָל ווערן דערשאָסן.

4. יעדער איינער וואָס וועט אינפאָרמירן דעם שונא, אָדער די פּאַרטיזאַנען, ווי עס געפינען זיך דייטשישע קאָמאַנדעס, אָדער מיליטערישע איינריכטונגען, זאָל ווערן דערשאָסן.

5. יעדער דאָרף ווו עס איז דערוויזן אַז עס זענען דאָרט פאַראַן פּאַרטיזאַנען, אָדער אַז עס איז דאָרט פאָרגעקומען אַן אַטענטאַט קעגן דייטשישע אָדער איטאַליענישע זעלנער, אָדער עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו סאַבאָטירן אין די קריגס־לאַגערן, זאָל ווערן פאַרברענט ביזן גרונט. דערצו נאָך זאָלן ווערן דערשאָסן אַלע מענער עלטער פון אַכצן יאָר. די פרויען און די קינדער זאָלן ווערן אינטערנירט אין אַן אַרבעט־קעמפּ.

איטאַליענער.

דער שלום אין אייער לאַנד און דער גורל פון אייערע משפּחות ליגט אין אייערע הענט. די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות, ווי עס שטעלט פעסט דער באַפעל, וועלן האַנדלען יושרדיק אָבער אומדערבאַרעמדיק, און מיט אַזאַ האַרטנע־קיקייט ווי די אומשטאַנדן וועלן עס נאָר פאָדערן.

אין אַ ווייטערדיקן טעלעפּרינט־באַפעל פונעם 1־טן יולי 1944, האָט דער הויך־קאָמיסאַר זיך פאַררופן אויף דעם־אָ אויפרוף און האָט געזאָגט :

אין מיין אויפרוף צו די איטאַליענער, האָב איך געמאָלדן אַז מען וועט אָננעמען האַרטנעקיקע מיטלען קעגן די פּאַרטיזאַנען. די מעלדונג דאַרף ניט בלייבן קיין פּוסטע דראָונג... ווען און ווו מען דערוויסט זיך נאָר וועגן פּאַרטיזאַ־

נען־גרופּירונגען, זאָל מען אַרעסטירן אַ באַשטימטן טייל מענער אין יענער זאָנע, און אין פאַל פון וועלכן־עס־איז געוואַלד־אַקט, זאָלן אַט די מענער ווערן דערשאָסן... אויב מען וועט שיסן אויף אונדזערע זעלנער פון אַ דאָרף אַרויס, מוז דאָס דאָרף ווערן פאַרברענט און די רעדל־פירער זאָל מען עפנטלעך אויפהענגען. די דערבייִקע דערפער וועלן טראָגן די אַחריות פאַר יעדע שטערונג אין די קאַבלען און פאַר יעדן היזק אין די שינען.

נאָך אַט דער קלאָרער אַגיטאַציע צו מאָרדן און צינדן, שטעלט דער באַפעל צבויִאַקיש פעסט, אַז רויבן איז פאַרבאָטן און אַז אַלע קאָנטער־מיטלען דאַרפן זיין האַרבע אָבער גערעכטע, ווייל „דער כבוד פון דעם דייטשן זעלנער פאָדערט עס".

קיין סך קוראַזש האָט מען די דייטשע כוחות גאָר ניט געדאַרפט צוגעבן, כדי זיי זאָלן אַרויס פון זייער „געוויינלעכע איינגעהאַלטנ־קייט". אין צען טעג אַרום איז די פאָלגנדע מעלדונג געווען צעקלעפּט אויף די ווענט פון דער קליינער שטאָט קאָוואַלאָ.

ד ע ר ש ט אָ ט ־ ק אָ מ י ס אַ ר פ ו ן ק אָ ו ו אַ ל אָ ל אָ ז ט ו ו י ס ן אַ ז :

פאַר יעדן דערהרגעטן זעלנער אָדער ציווילן, זאָלן סיי מיליטערישע און סיי ציווילע, וואָס ווערט געשעדיקט, זאָלן פ ו פ צ י ק מ ע נ ט ש ן, פון יענעם אָרט ווו דער אַקט איז פאָרגעקומען, ווערן דערשאָסן.

פאַר יעדן דערהרגעטן זעלנער אָדער ציווילן, זאָלן ה ו נ ד ע ר ט מענטשן, גענומען פונעם געשעעניש־פּלאַץ, דערשאָסן ווערן.

אויב אייניקע זעלנער אָדער ציווילע ווערן דערהרגעט אָדער פאַרוווּנדעט, זאָלן אַ ל ע מ ע נ ע ר פ ו ן ד ע ם פּ ל אַ ץ ווערן ד ע ר ש אָ ס ן, ד ע ר פּ ל אַ ץ א ו נ ט ע ר ג ע צ ו נ ד ן, די פ ר ו י ע ן א י נ ט ע ר נ י ר ט, ד י פ י ק אָ נ פ י ס ק י ר ט א ו י ף ד ע ר ש ט ע ל.

די דייטשישע באַוואָפנטע זענען גאָר ניט געווען פויל ביים אויספירן אַזעלכע באַפעלן, און זיי האָבן אין לויף פונעם חודש

אויגוסט דורכגעפירט אַ גאַנצע רייע הימל־שרייענדיקע רעוואַנש־אַקטן קעגן די פּאַרטיזאַנען.

אין באַרגאַ טיטשינאַ האָבן אומבאַקאַנטע אין איינעם אַ פרי־מאָרגן פאַרוווּנדעט פיר דייטשישע זעלנער. אַ רעוואַנש איז תיכף אויסגעפירט געוואָרן דורך די דייטשישע באַוואָפנטע, וואָס האָבן צוערשט אָפּגעצוימט די דאָרפס־גאַסן מיט באַריערן. אין איינעם אַ גאַסטהויז איז די שפּיל באָטשיאַ געווען אין פולן שוווּנג. אויסער די אָרטיקע איינוווינער, האָבן זיך אין דער שפּיל באַטייליקט אַ סך פונעם שכנותדיקן דאָרף.

די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דאָס גאַסטהויז, אַרעסטירט אַ גרויסע צאָל מענער, אויסגעקליבן צווישן זיי דרייצן, אַלע אונטער דרייסיק יאָר, אויף זיי צו דערשיסן. אַן איטאַליעני־שער אָפיציר האָט געפּרוּווט אינטערווענירן, אָבער פון אַלע טויט־קאַנדידאַטן איז אים געלונגען צו באַפרייען בלויז צוויי „שוואַרצע העמדלעך”, די רעוואַנש אַרעסטירטע זענען דערשאָסן געוואָרן, צווישן זיי אויך אַ פאַשיסט, וואָס איז צוריקגעקומען פונעם רוסישן פראָנט אַ פאַרוווּנדעטער, און האָט זיך אין דאָרף געפונען צופעליק, אויף אַ באַזוך ביי זיין כלה. דאָס דאָרף האָבן זיי אויפגעריסן און אונטערגעצונדן.

מיט צוויי טעג שפּעטער, האָט אַ דייטשישער קאָמאַנדיר אין ברעשיאַ געשיקט אַן אָפּטיילונג פון פעלד־זשאַנדאַמעריע קיין באָוויענאַ לויט אַ חשד, אַז אינעם דאָרטיקן האָטעל ברענטאַנאַ קומט פאָר אַ געהיימע באַגעגעניש פון פּאַרטיזאַנען. אַז די אָפּטיילונג איז אָנגעקומען צו דער פאַרשטאָט, האָט מען געשאָסן אויף איר, און דריי מענטשן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אַלס רעוואַנש, איז די אָפּטיילונג אַריין אין דעם דאָרף־סקווער, און האָט ווילדערהייט געשאָסן אין יעדן איינעם. קיין איינער פון די מענטשן אין סקווער האָט זיכער ניט געקאָנט מיט אַ פּאָר מינוט פריער לויערן אויף די דייטשישע זעלנער. בשעת שיסן זענען צום וויניקסטן זעקס מענטשן דערהרגעט געוואָרן און נאָך אַנדערע פאַרוווּנדעט. צווישן די טויטע איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעפּובליקאַנישער נאַציאָנאַלער וואַך און אַ מיטגליד פון מוסאָליני׳ס רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, וואָס זיי ביידע זענען נאָך געווען אויף דער זייט פון די דייטשן.

די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן עטלעכע הייזער, צווישן זיי

די אָרטיקע קאָאָפּעראַטיווע קראָם און די בעקעריי. זיי האָבן פאַרכאַפּט שפּייז פון די וווּין־הייזער, פון די קראָמען און פון די האָטעלן, אין לויף פון דער נאַכט דערשאָסן נאָך אַכט איטאַליענער, און ערשט גאַנץ פרי אַוועק פון דאָרטן. עס איז געוואָרן פעסטגעשטעלט דייטלעך און קלאָר, אַז די אַלע קרבנות, אויסער צוויי, זענען געווען געוויינלעכע פרידלעכע בירגער וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מינדסטע שייכות צו דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג.

צו יענער צייט האָבן אַ צאָל רוסישע זיך געפונען אין אַקטיווער דינסט ביי די דייטשע כוחות אין איטאַליע. פיר פון זיי האָבן דעזערטירט פון זייערע איינהייטן, וואָס זענען געשטאַנען אויף קוואַרטיר אין דעם ראַיאָן פון וויטשענצאַ, און זיי זענען צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנען אין די בערג פון פּאָזינאַ. די איינוווינער פון פּאָזינאַ האָבן וועגן דעם קיין אַנונג ניט געהאַט, אָבער דער דייטשישער קאָמאַנדיר פון דער רוסישער גרופּע אין מאַוואַנאָ האָט באַשלאָסן אַרויפלייגן אויף זיי די אַחריות. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע אין וועלכער ער האָט געוואָרנט די באַפעלקערונג, אַז אויב די פיר רוסישע וועלן ביזן 17־טן אויגוסט ניט קומען צוריק צו זייער דינסט, וועט דאָס דאָרף ווערן באָמבאַרדירט און שפּעטער אונטערגעצונדן. ער האָט גענומען צוואַנציק ערבות־לייט פון פּאָזינאַ און פון דעם נאָענטן ראַיאָן פּוזינע. צווישן זיי איז געווען דער אָרטיקער גלח, דער באַפולמעכטיקטער פּרעפעקט און דער סעקרעטאַר פון דער געמיינדע.

די רוסישע דעזערטירן זענען ביזן 17־טן אויפדערנאַכט נאָך ניט געווען צוריק, אין גאַנצע צוואַנציק מינוט האָט געדויערט די באָמבאַרדירונג פונעם צענטער אין פּאָזינאַ, און מיט זיבן טעג שפּעטער האָבן זיי אונטערגעצונדן אַ סך הייזער. העכער 100 הייזער זענען געוואָרן רויִנירט, און 120 משפחות זענען געבליבן היימלאָז, נאַקעט און הויל.

אַן אַנדער געוואַלד־מעשה איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אינעם קליינעם דאָרף וואַלי־די־פּאַסוביאָ, פון דעם ראַיאָן וויטשענצאַ. אַן איינוווינער האָט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ געפונען אַ בריוו, געשריבן אין רוסיש. אַזוי ווי דער געפינדער האָט ניט געקאָנט לייענען קיין רוסיש, האָט ער געוויזן דעם בריוו אַ רוסישן זעלנער. דעם בריוו, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט

געשריבן איינער פון די רוסישע אין דער דייטשישער אַקטיווער דינסט. ער האָט אַגיטירט זיינע חברים, זיי זאָלן דעזערטירן און צושטיין צוזאַמען מיט אים צו די פּאַרטיזאַנער.

מען האָט דעם אומשולדיקן איטאַליענער גלייך אַרעסטירט, און זיין הויז פאַרברענט ביזן גרונט. אין דעם זעלבן טאָג האָט מען אונטערגעצונדן דעם שכנות׳דיקן דאָרף קאַרטיאַנאַ. דרייצן משפּחות זענען געבליבן היימלאָז, פופצן מענער האָט מען אַוועקגעפירט, און מער האָט מען זיי שוין קיינמאָל ניט געזען.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1944, איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן דריי דייטשישע זעלנער און פונקט אַזויפיל פּאַרטיזאַנען — נעבן מאַנטעקיאַ די קראָסאַראַ, אין דעם פּאַדואַ־דיסטריקט. צוויי פון די זעלנער זענען דערהרגעט געוואָרן, און דער צאָרן פון נקמה האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן דאָרף. מען האָט דורכגעזוכט אַלע הייזער און צוגענומען יעדע זאַך פון וועלכן־עס־איז ווערט: קליידער, בעטגעוואַנט, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, שרייב־מאַשינקעס, ראָווערן און בעלי־חיים׳ס. און דאַן האָבן די דייטשישע זעלנער אונטערגעצונדן די צעראַבירטע הייזער. פערציק הייזער זענען אַזוי אַרום איינגעאַנצן רויִנירט געוואָרן, און אין איינעם האָט מען געפונען די פּאַרקוילטע רעשטלעך פון אַ יונגער פרוי מיט אַ דריי־יעריק קינד, וואָס זיי ביידע האָט מען פריער דערשאָסן. צווישן די אַנדערע קרבנות איז געווען אַ מיידעלע פון ניין יאָר און אַ זקנה פון פיר און אַכציק.

אין משך פון דעם גאַנצן חודש אויגוסט איז דער טעראָר אָנגעגאַנגען און געהערשט אין דעם ראַיאָן פון ווענעציאַ. אָבער עס דאַכט זיך, אַז דער גרויזאַמסטער פון אַט־די אַלע רעוואַנשן איז פאָרגעקומען אין טאַרלאַנאָ, נעבן אודינע, נאָך אַ העפטיקן געשלעג צווישן דייטשע זעלנער און פּאַרטיזאַנען, ניט ווייט פון די דאָרפס־ראַנדן.

בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געראַנגל, זענען איינציקע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די פעלדער, אַנטלאָפן אין דאָרף, וווהין די דייטשן זענען גלייך אַריין. זיי האָבן געפונען עטלעכע איטאַליענער פאַרשטעקט אין די קעלערס, געהרגעט זיי אַלעמען, צעראַבירט און אונטערגעצונדן די הייזער. צוויי און דרייסיק מענער, פרויען און קינדער זענען דערהרגעט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, און

צען מיטגלידער פון איין משפחה, מיטן נאָמען דע באַרטאָלי, זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן אין איין שטוב. ווירדזשיניאָ דע באַרטאָלי, דער הויפּט פון דער משפחה; זיין זון סילוואַנאָ, אַ קריגס־אינוואַליד, אַ צווייטער זון, אַ טאָכטער, און זעקס אייניקלעך, אינעם עלטער פון צוויי ביז פופצן. נאָך קינדערלעך זענען געוואָרן דערשאָסן. אַ סך קערפּערס זענען אַזוי פאַרקוילט געוואָרן, אַז מען האָט זיי ניט געקאָנט דערקענען.

די שוידערלעכע מעשים האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אין צפון איטאַליע, און דער דוטשע אַליין האָט זיך ביטער געקלאָגט פאַר ד״ר ראַהן, וואָס איז געווען דער אַמבאַסאַדאָר און באַפולמעכ־טיקטער פון דייטשלאַנד ביי דער איטאַליענישער רעפּובליקאַנער רעגירונג. באַקומען דעם דוטשע׳ס בריוו, האָט ד״ר ראַהן איבערגע־שיקט אַ קאָפּיע דערפון צו קעסעלרינג, וועלכער האָט אָפּגעענטפערט דערויף, אַז אין דער צוקונפט וועט מען שטעלן די פאַרברעכער פאַר אַ פעלד־געריכט.

מען טאָר ניט אונטערנעמען קיין רעוואַנש, איידער מען מאַכט אַן אויספאָרשונג, איידער מען טוט אַלעס, וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי צו געפינען די שולדיקע פון יענע געשעענישן, וואָס מען פאַרענטפערט מיט זיי דעם רעוואַנש. דער רעוואַנש טאָר ניט זיין איבערטריבן, און ער דאַרף בכלל קיינמאָל ניט איבערשטייגן די מאָס און דעם גראַד פונעם שאָדן גופא.

די אַלע אויבנדערמאָנטע רעוואַנש־אַקטן זענען געווען ווילד און אומגעצוימט; מען האָט פריער גאָרניט געטאָן כדי אויפצודעקן די אמת־שולדיקע, און מען האָט נאָכדעם שטאַרק איבערגעטריבן אין דער האַרטנעקיקייט. דאָס איז געווען ניט ריכטיק און אינגאַנצן ניט בייטיק. עס זענען בכלל ניט געווען קיין רעוואַנשן אין יענעם זין, ווי דאָס פאַרשטייען אינטערנאַציאָנאַלע יוריסטן. געווען זענען דאָס ניט מער און ניט ווייניקער ווי ברוטאַלע אַקטן פון ווילדער נקמה, וואָס זיי האָבן פאַרשוועכט די עקזיסטירנדיקע תקנות פון קריגפירונג און אויפגעשוידערט דעם אַלגעמיינעם געפיל פון מענטש־לעכקייט *).

*) זע International Law, אָפּענהיים, באַנד וו, פּאַראַגראַף 253. 6־טע אויפלאַגע, 1940. רעד. לאַוטערפּאַכט.



פרויען ביי „מעדיצינישער קאָנטראָל"



א וואַגן פול קערפערס אין בוכנוואלד

שוין אין די ערשטע טעג פון זייער אינוואַזיע קיין פוילן, האָבן די דייטשישע אַרמייען באַגאַנגען אַ גאַנצע רייע גרויל־מעשׂים קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג. פיר טעג נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה, האָט דאָס דייטשישע מיליטער פון דער אַרמיי־גרופּע דרום דערשאָסן אָדער פאַרברענט אין סאָסנאָוויץ צוויי הונדערט פּוילישע בירגער. די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט אָן אַ שום ווידערשטאַנד, ווייל עס איז דאָרט ניט געווען קיין פּויליש מיליטער. די דייטשן האָבן ניט איבערגעקליבן און געשאָסן אין ניט באַוואָפנטע בירגער, אַרויסגעשלעפּט זיי פון זייערע הייזער און דערשאָסן אין דרויסן, אין דעם שטאָט־סקווער. דעם בית־המדרש האָבן זיי פאַר־ברענט ביזן גרונט, און דערשאָסן צוועלף יידן, נאָכדעם ווי מען האָט יענע געצוווּנגען צו גראָבן זייערע אייגענע קברים.

אויפן צווייטן טאָג האָבן אַנדערע אייגהייטן פון דער זעלבער דייטשישער פאָרמאַציע דערשאָסן אין קיטאַנאָוויץ אַכציק פּאָליאַקן. די דייטשן האָבן געשאָסן אין די הייזער, אונטערגעצונדן זיי און שפּעטער געשאָסן אין די שטוב־לייט, בשעת יענע האָבן געפּרוּווט אַרויסראַטעווען זיך פון דאָרטן.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן זיי דערשאָסן אָדער פאַרברענט אין פּינשטשאָוו נאָך 300 פּאָליאַקן. דאָס מאָל האָט דאָס מיליטער געצונדן די הייזער מיט גראַנאַטן: 500 הייזער זענען אויף אַזאַ אופן חרוב געוואָרן. עס איז ניט געווען קיין שום סיבה פאַר אַזאַ באַרבאַרישע האַנדלונג. דאָס פּוילישע מיליטער האָט אָפּגעטראָטן נאָך איידער די דייטשן זענען אָנגעקומען, און עס איז דאָרטן ניט געווען קיין שום לאָקאַלער ווידערשטאַנד.

דעם 10־טן סעפּטעמבער זענען אין אַ דאָרף דערשאָסן אָדער דערהרגעט געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן 112 פּאָליאַקן, צווישן זיי אַ צאָל קינדער. דאָס דייטשישע מיליטער איז אַריין אין דאָרף שבת, אָן אַ שום ווידערשטאַנד, און זונטאָג אינדערפרי האָט מען געזען ווי אייניקע פּוילישע זעלנער גייען איבערן פעלד אין דער ריכטונג צום דאָרף. ביז זיי זענען דערגאַנגען, האָט מען זיי דערשאָסן. די דייטשן האָבן דאַן צונויפגעזאַמלט אַ צאָל ציווילע, אַוועק־

געפירט זיי צו אַ שייער, וווּ מען האָט זיי געצוווּנגען צו שטעלן זיך אויף די קני מיט זייערע הענט איבערן קאָפּ, און מען האָט זיי דערשאָסן. זייערע קערפּערס האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ שייער

און אים אונטערגעצונדן. מען האָט שפּעטער געפונען אין אַש הונדערט און צוועלף שאַרבנס.

צו יענער צייט האָט מען אין קילעיאָוויץ דערשאָסן אָדער פאַרברענט 160 פּוילישע בירגער, מענער, פרויען און קינדער. ווען די דייטשן זענען אַריין אַהין, האָבן זיי צוזאַמענגענומען אויף אַ לאָנקע אַ צאָל בירגער, געשאָסן אין זיי, און דערהרגעט אַרום דרייסיק. שפּעטער האָבן זיי אַריינגעטריבן אין אַ הויז אַן אַנדער גרופּע, פאַרשלאָסן די טירן, אונטערגעצונדן דאָס הויז, און געשאָסן אין יענע וואָס האָבן געפּרוּווט זיך ראַטעווען דורך די פענצטער. אין משך פון די צוויי אָדער דריי טעג, וואָס דאָס דייטשע מיליטער איז געשטאַנען אין דאָרף, האָבן זיי אָפּגעטאָן ווייטערדיקע מעשים, און ווען זיי זענען ענדלעך אַוועק, האָט מען איבערגעציילט 160 טויטע פּאָליאַקן, און דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אָפּגעברענט ביזן גרונט, אויסער איין פאַרם.

אָט די שווידערלעכע פאַרברעכנס איז דאָס מיליטער באַגאַנגען טאָג־טעגלעך אין זייער זיגערישן פאַרויסמאַרש איבער פּוילן. דער סיפּור־המעשה וועגן זיי קאָן בלויז זיין אַ לעסטיקער, אומעטיקער קאַטאַלאָג פון רויב, בראַנד און מאָרד.

אין משך פון אַ פּאָר וואָכן איז דער קאַמף געווען פאַרביי: די פּוילישע אַרמיי האָט קאַפּיטולירט, און די „גענעראַל גובערניע" איז אויפגעשטעלט געוואָרן, מיט האַנס פראַנק בראש. זיין ציל איז געווען צו פאַרוואַנדלען פּוילן אין אַן איינפאַכן קאָלאָניאַל־באַזיץ פון דעם דריטן רייך און דער רעזשים פון טעראָר, הונגער, שקלאַפן־אַרבעט, גירוש און פאַרניכטונג — האָט זיך אָנגעהויבן.

צווישן סעפּטעמבער 1939 און דעם אָנהייב פון 1945, זענען אין פּוילן פאָרגעקומען 2.332 עקזעקוציעס, מיט אַ סך־הכל פון 34.098 קרבנות. 8.000 צווישן זיי זענען דערהרגעט געוואָרן אין די לעצטע פיר חדשים פון 1939, ווען די דייטשישע פּאָליציי, געשטיצט דורך די אָרטיקע דייטשן, איז צוגעטראָטן צו דער ליקווידאַציע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. אין דער אַלגעמיינער צאָל פון די עקזעקוציעס, זענען אין 57% פאַלן די פאַראורטיילטע געווען בלויז מענער, אין 20% מענער און פרויען, אין 12% מענער, פרויען און קינדער, און די רעשט אומבאַקאַנט. אַ טייל אומגעבראַכטע זענען געווען פאַראורטיילט צום טויט דורך דעם דייטשישן פעלד־געריכט.

אין איינקלאַנג מיטן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, אָבער 84% זענען געוואָרן אומגעבראַכט אָן אַ מישפּט, אָן אַ באַשולדיקונג און אָן אַן אורטייל.

אַ סך עקזעקוציעס זענען פֿאָרגעקומען אינעם גאַנג פֿון יענע טעראָר־איבערפֿאַלן אויף שטעט און געגנטן אין פּוילן, וואָס די אָקופּיר־מאַכט האָט זיי אָנגערופֿן „פּאַציפֿיקאַציע". דער מעטאָד פֿון „פּאַציפֿיצירן" אַ געגנט, איז געווען צו דערשיסן אַ טייל פֿון די איינוווינער.

די איבערפֿאַלן האָבן געווײנלעך געמאַכט די ס.ס. אָדער געסטאַפּאָ. דאָ אונטן ווערט דערציילט וועגן אַן עקזעקוציע אין סראָדאַ, דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939.

> די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אַרומגערינגלט אַ בלאָק הייזער און אָנגעהויבן דאָרט אַ מענטשן־יאַגד. מען האָט אויך געכאַפּט די פֿאַרבײַגייער אין די נאָענטע גאַסן. אין רעזולטאַט פֿונעם איבערפֿאַל, האָט מען אַרעסטירט אַכצן מענער און זיי פֿאַרזאַמלט אינעם טורמע־הויף. שפּעטער, האָט מען אַלע פֿאַראורטיילטע געפֿירט דורך די גאַסן צום פּלאַץ פֿון דער עקזעקוציע. מען האָט זיי געהייסן פֿאַרלייגן די הענט הינטערן נאַקן. בשעת זייער מאַרש דורך דער שטאָט, האָט די געסטאַפּאָ־וואַך זיי געשלאָגן און געפּלאָגט.

אָנגעקומען אויפֿן פּלאַץ פֿון דער עקזעקוציע, האָט מען זיי געצוווּנגען צו גראָבן אַ קאַנאַווע מיט זייערע הוילע הענט. דאָס האָט געדאַרפֿט זײַן זייער קבֿר. ווען דער קבֿר איז געווען פֿאַרטיק, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט אויסגעשטעלט די פֿאַראורטיילטע אויפֿן ראַנד פֿון דער קאַנאַווע און געהייסן זיי שרײַען „הייל היטלער". נאָכדעם האָט מען זיי אַרונטערגעקאָסעט מיט אַ פֿייער פֿון מאַשין־געווער. נישט אַלע זענען, פֿאַרשטייט זיך, גלייך דערהרגעט געוואָרן. די שיס־גרופּע האָט אויסגעענדיקט מיט די גראָבאײַזנס די נאָך־לעבעדיקע, אַרײַנגעוואָרפֿן די קערפּערס אין דער קאַנאַווע און אײַנגעדעפּטשעט זיי, ביז די אייבערפֿלאַך איז געוואָרן גלייך און גלאַט.

אין 1944, האָט מען אין דער בילאָגרײַ געגנט אויסגעגראָבן די

קרבנות פון איין מאַסן־עקזעקוציע, די מעדיציניש־געריכטלעכע עקספּערטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אויסגראָבונג, האָבן צונויפגעשטעלט אַ באַריכט וועגן דעם מצב פון די קערפּערס: „פאַרן מאָרד האָט מען די פאַראורטיילטע געבונדן מיט גראָבן דראָט. מען האָט געמאַכט צו עטלעכע קנופּן אויף זייערע אָרעמס און הענט... מען האָט זיי געשלאָגן און געפּייניקט אויף דעם גרויזאַמסט־בעסטיאַלישן אופן. דאָס ווערט אין אייניקע פאַלן באַשטעטיקט דורך צעהאַקטע און צעקנאַקטע פּנימער, דורך צעבראָכענע אונטערשטע אָדער אייבערשטע געביס־טיילן, אין איין פאַל דורך אַ גרויסן שפּאַלט אינעם שאַרבן״.

אַן אַנדער „פּאַציפיקאַציע״ פון דער באַפעלקערונג אין דער ראַדאָמסקאָ געגענט איז אַ פּנים דורכגעפירט געוואָרן אַלס רעוואַנש פאַר זייער העלפן די פּאַרטיזאַנען. אַן עדות האָט געזען ווי די דייטשן שלעפּן אַרויס פון דריי פּאַרם־הייזער גרויס און קליין, פאַרשפּאַרן זיי אין אַ שייער און שיקן אַהין אַ שווערן פייער פון מאַשין־געווער. דער שייער האָט זיך אָנגעצונדן, און די מענטשן זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. דאַן איז דאָס דייטשישע מיליטער אַוועק צו אַן אַנדער פּאַרם, און וואָס עס האָט פּאַסירט דאָרט, ווערט דערציילט דורך דעם איינציקן לעבנגעבליבענעם, אַ יונג מיטן נאָמען וולאַדיסלאַוו פּיעטראַס *).

מיינע עלטערן האָבן ביי זיי געבעטן רחמים, זיי זאָלן אונדז לאָזן לעבן, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט הערן און אָנגעהויבן שיסן אין אונדז. ביי די ערשטע שאָסן זענען מיר אַלע געפאַלן צו דער ערד, אָבער די דייטשן האָבן געפייערט ווייטער. איין קויל האָט געטראָפן אין מיין לינקער זייט. ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט אונדזער שטיבל, האָב איך באַשלאָסן אַנטלויפן. מיינע עלטערן און מיינע ברידער און שוועסטער זענען געלעגן אויף

*) וולאַדיסלאַוו פּיעטראַס האָט זיין עדות אָפּגעגעבן ביי דער צענטראַל קאָמיסיע פאַר דער אויספאָרשונג פון די דייטשישע קריגס־פאַרברעכנס אין פּוילן, און דאָס איז געווען געדרוקט אין דעם אָפיציעלן ראַפּאָרט „דייטשע פאַרברעכנס אין פּוילן״, באַנד ו, (וואַרשע, 1946).

דער ערד און האָבן זיך ניט גערירט. נאָר מיין קליין פלימעניצע טערעזאַ, דריי חדשים אַלט, האָט נאָך געוויינט אין וויגעלע. עס איז מיר געלונגען זיך צו דערקלייבן ביזן וואַלד, דאָרט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין די קוסטעס, און פון דאָרטן האָב איך געזען ווי אונדזער הויז שטייט אין פלאַמען. און אָט דעם איבערפאַל האָב איך פאַרלאָרן מיין פאָטער און מוטער, מיין באָבע, צוויי ברידער און דריי שוועסטער. מיין קליין פלימעניצע טערעזאַ איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. אונדזער דערפל איז באַשטאַנען פון פיר פאַרם־הויפן. זיי זענען אַלע אַוועק אין פלאַמען, און אַלע מענטשן, אויסער מיר איינעם, זענען אָדער דערהרגעט, אָדער פאַרברענט געוואָרן.

גרויל מעשים פון דער אַרט זענען געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין 1939, ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן צו רעאַליזירן זייער פּלאַן פון „ליקווידירן" די פּוילישע באַפעלקערונג.

היטלער האָט געזאָגט, אַז אין פאָדערגרונט פון זיין פּראָגראַם שטייט „די צעשטערונג פון פּוילן". „דער ציל", האָט ער דעם 22־טן אויגוסט 1939 געזאָגט אין זיינער אַ רעדע, „איז צו ליקווידירן די לעבעדיקע כוחות, און ניט בלויז צו דערגרייכן ביז אַ באַשטימטער ליניע... זאָל די צעשטערונג פון פּוילן זיין דער קאַרדינאַלער צוועק".

אַזוי איז אָט דער שוידערלעכער פייער און בראַנד אָנגעגאַנגען אין משך פון פינף לאַנגע יאָרן. געבן אַ געטריעם באַריכט וועגן דעם גאַנג דערפון, וואָלט געווען צו אומעטיק און עקלדיק. אָבער די פאָלגנדע שילדערונג פון אַ עד־ראיה וועגן אַ כאַראַקטעריסטישער מאַסן־עקזעקוציע, אין נאָוועמבער 1941, וועט געניגן אַלס אַ קלאַסישער מוסטער פאַר אַלע איבעריקע.

4 אַ זייגער גאַנץ פרי איז די געסטאַפּאָ אַריין אין מיין קאַמער און געזאָגט אַז זיי זענען געקומען נאָך מיר. מען האָט מיר אַרויפגעלייגט האַנט־קייטלעך און צוגעפירט צו אַן אויטאָ מיט נאָך צוויי אַרעסטירטע. מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אינעם הינטערשטן טייל אויטאָ און צוזאַמענגעשמידט אונדזערע פיס. נאָכן אָפּפאָרן אַ שטיק וועג, האָט מען פאַר־

קערעוועט אויף אַ רייטוועג אינמיטן וואַלד. דאָרט האָט מען אונדז באַפרייט פון די קייטן, אַרויסגעשלעפּט פונעם אויטאָ, און צוגעפירט צו אַ לאָנקע, ווו עס זענען געווען אויסגעגראָבן מאַסן־קברים. אַ גרויסע צאָל יידן זענען געזעסן אַרום און אַרום, אויך פרויען, און קינדער, און פּיצלעך קינדער אויף זייערע הענט. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אָנגעהויבן מיט יענע וואָס זענען געווען נענטער צום גרעסערן פון די צוויי קברים, זיי האָבן געהייסן די יידן זיך אויסטאָן און נאָכדעם שפּרינגען אין קבר. די וואָס האָבן געקווייקלט האָט מען זיי געשלאָגן און אַראָפּגעשטופּט אַהין. אויפן גרונט פונעם קבר איז געווען אַ שיכט פון שטיינקאַלך. אייניקע פרויען זענען געשפּרונגען אַהין צוזאַמען מיט די קינדערלעך אויף זייערע הענט; אַנדערע האָבן פריער אַריינגעוואָרפן אַהין זייערע פּיצלעך. אונדז, די דריי אַרעסטירטע, האָט מען געהייסן צונויפקלייבן די שיך און קליידער פון די יידן. די געסטאַפּאָ האָט צוגענומען אַלע ווערט־זאַכן, זייגערס, רינגלעך און אַנדער צירונג און געלייגט עס אין הויפנס. דאַן האָט מען באַפוילן אַז די איבעריקע זאָלן זיך שוין ניט אויסטאָן. דער קבר איז געווען אָנגעפּאַקט ביז איבער די ראַנדן. דערווייל, האָב איך מיט מיינע צוויי חברים צונויפגעקליבן קליידער, ווערט־זאַכן, קאָלדרעס און אַנדער האָב און גוטס, און דאָס האָט געדויערט ביז מיטאָג, ווען עס איז אָנגעקומען אַ לאַסט־אויטאָ מיט פיר גרויסע טאַנקען דערויף. די דייטשן האָבן צוגעפּאַסט אַ קליין מאָטאָר־פּאָמפּע און גענומען פּאָמפּען פון די טאַנקען אַרויס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, וואַסער גלייך אין דעם קבר אַריין... *).

אויף מאָרגן איז דער קבר געווען פאַרשאָטן.

---

*) די ווייטערדיקע שילדערונג פונעם עדות איז צו שוידערלעך אפילו צו דרוקן עס.

די מאָנסטער־גרויס פון די דייטשישע קריגס־פאַרברעכנס אין פּוילן קען ניט ווערן אָפּגעשאַצט, ביז מען נעמט ניט אין אַכט די ציל־איינשטעלונג פון דער דייטשער מאַכט אין יענעם לאַנד.

האַנס פראַנק האָט איבערגענומען די אַדמיניסטראַציע פון יענעם אומגליקלעכן לאַנד מיט אַ מיסיע צו פאַרוואַנדלען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, פּוילנ׳ס „עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע סטרוקטור אין אַ הויפן אַש מיט פּאָרעך״. דער זין פון די באַקומענע דירעקטיוון איז פאַר אים געווען אינגאַנצן אָפן און קלאָר, וואָרעם אַזוי האָט ער אין זיין טאָג־בוך פאַרשריבן: „ווען איך קום צום פירער און זאָג אים ,מיין פירער, איך האָב צו מעלדן אַז איך האָב אויסגעראָטן נאָך 150.000 פּאָליאַקן׳, וואָלט ער געענטפערט, ,וווּנדערבאַר, אויב עס איז געווען נייטיק׳ ״.

אין די נאַצישע אויגן ווערט יעדע שענדונג פון די קריגס־געזעצן באַרעכטיגט מיט מיליטערישער נויטווענדיקייט *).

די דייטשע פאַרברעכנס קעגן די קריגס־געזעצן אין קריגס־שטייגער און קעגן דער מענטשהייט וואָס זיי זענען באַגאַנגען אין פּוילן האָבן ניט קיין שום באַרעכטיקונג. זיי זענען געווען אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דער נאַצי־אידעאָלאָגיע און נאַצי־פּלאַנירונג און זיי האָבן אָוועקגעשטעלט זייערע מחברים אויסער די גרענעצן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

ווען היטלער האָט אין 1941 אַריינגעמאַרשירט קיין רוסלאַנד, האָט זיך ווייטער און אויפסניי געלאָזט הערן דאָס גוט באַקאַנטע שלאָגוואָרט פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם ”Drang nach Osten“ **) „אויב מען וויל אַ נייע טעריטאָריע״, האָט אַמאָל היטלער געשריבן אין מ ײ ן ק אַ מ ף, „קען מען זי קריגן אויפן חשבון פון רוסלאַנד. די נייע אימפּעריע דאַרף זיך לאָזן מיט יענע וועגן און שטעגן, וואָס די טעווטאָנישע ריטער האָבן באַטראָטן, כדי דאָס מאָל מיט

---

*) Kriegsraeson geht vor Kriegsmanier וואָס מען קען עס איבערזעצן ווי „קריגס־אינטערעסן קומען פאַר קריגס־מאַנירן״. זע International Law אָפּענהיים, באַנד II, זייט 184, 6־טע אויפלאַגע.

**) דער דראַנג אויף מיזרח.

דער הילף פון דער דייטשישער שווערד צו דערווערבן ערד פאַרן דייטשן אַקער". ווייץ, קוילן און נעפט פון אוקראַינע און קאַווקאַז, ניקל פון דעם האַלב־אינדזעל קאָלאַ, אָט־די אַלע לעבעדיקע קוואַלן זענען דאָרט געשטאַנען גרייט, און דייטשלאַנד האָט זיך אין זיי שטאַרק געניטיקט.

אין נאָוועמבער 1939 האָט היטלער אויף אַ קאָנפערענץ געזאָגט צו זיינע גענעראַלן, אַז נאָר „מיטן כוח פון די אומשטאַנדן" האָט זיך די נאַצי־אַגרעסיע אָנגעהויבן ניט אין מיזרח. אָבער דאָס גרויסע געווינס וואַרט נאָך אויף זיי, און די מזל'דיקע שעה איז דערווייל בלויז אָפּגעלייגט געוואָרן.

דער קריג קעגן רוסלאַנד האָט זיך געפירט מיט מער ווילדקייט און באַרבאַרישקייט ווי אומעטום, און די דייטשישע פאַרטיידיקער האָבן אויף אַ רייע פּראָצעסן פון קריגס־פאַרברעכנס אַלץ געטענה'ט, אַז די האַג־קאָנווענצן זענען ניט געווען גילטיק פאַר דער מלחמה צווישן אַ.ס.ס.ר. מיט דייטשלאַנד. מען האָט אַרויסגערוקט אַן אַרגומענט, וואָס צוויי אומבאַקאַנטע רוסישע שרייבערלעך האָבן אים באַגרינדעט אויפן סמך פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. און דהיינו, אַז אין אַ.ס.ס.ר. האָט מען אין משך פון לאַנגע יאָרן געהאַלטן אונטער אַן אָפיציעלן חרם די אידעע וועגן אינטערנאַציאָנאַלן כוח פון וועלכן עס איז געזעץ, מיט דעם איינעם אויסרייד אַז אַזאַ געזעץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ „דין פאַרשלייערטן אינסטרומענט פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּאַנסיע". אָבער אַלע מאָדערנע רוסישע יוריסטן האָבן אַקצענטירט סיי די ממשות'דיקייט און סיי די אָבליגאַטאָרישקייט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ.

ווייטער, קיין שום מדינה האָט קיינמאָל ניט אָנערקענט, אַז רוסלאַנד איז באַרעכטיקט מבטל צו זיין אַ התחייבות פון דער צאַרישער רעגירונג, ספּעציעל אַזאַ ווי די האַג־קאָנווענץ IV וואָס האָט געפאָדערט, ביים צוריקציען זיך, אַ ספּעציעלע פאָרעם פון פאַרמעלדונג. אַזאַ פאַרמעלדונג איז קיינמאָל ניט דערלאַנגט געוואָרן דער האָלענדישער רעגירונג, וועלכע האָט געפירט דעם רעגיסטער פון באַטייליקטע. אין 1939 האָט אָט־די רעגירונג צעשיקט צירקולאַרן צו אַלע פאַרטנערן, אויך צום דייטשישן רייך, מיט אַ רשימה פון די באַטייליקטע. אַ.ס.ס.ר. האָט זיך געפונען אין דער רשימה, און קיינער האָט קעגן דעם ניט פּראָטעסטירט.

ווען אָט־די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן פאַרן אינטער־נאַציאָנאַלן מיליטער־טריבונאַל אין נירענבערג, האָבן זיי וועגן דעם געפסק׳נט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

עס איז פאַראַן אַ טענה, אַז לויט דעם תנאַי פון דער אַלגעמיי־נער באַטייליקונג אין דעם פונקט II פון דער האַג־קאָנוועגץ אין 1907, איז אין דעם פאַל די האַג־קאָנווענץ ניט גילטיק. לויט דער מיינונג פונעם טריבונאַל, איז ניט נייטיק צו באַשליסן אין אָט־דער פראַגע. צו דער צייט ווען די כּללים פון קריגפירונג אויף דער יבשה זענען אַרויס־געבראַכט געוואָרן אין דער קאָנווענץ, האָבן זיי אָן שום ספק אַנטהאַלטן אין זיך אַ פאָרשריט לגבי דעם דעמאָלט עקזיסטירנדן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, אָבער די קאָנווענץ האָט אויסדריקלעך פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ פּרוּוו אויפסניי צו רעווידירן די אַלגעמיינע קריגס־געזעצן און מינהגים, און דערמיט אַליין האָט מען שוין אַנערקענט זייער עצם־זיין. אַרום 1939 זענען די פעסטגעלייגטע כּללים אין קאָנווענץ געווען אַנערקענט דורך אַלע ציוויליזירטע פעלקער און באַטראַכט אַלס אַ דעקלאַראַציע פון געזעצן און מינהגים אין קריג.

דעם 13־טן מיי 1941, אַ חודש צייט פאַרן אָנהייב פון דער אָפענסיווע אויף רוסלאַנד, איז אַרויס דער באַפעל וועגן דער „קריגס־געריכטסבאַרקייט" אינעם געביט „באַרבאַראָסאַ". אָט דער געריכטס־באַפעל צו די ווערמאַכט־קאָמאַנדירן האָט ניט איבערגעלאָזט קיין ספק וועגן די מעטאָדן מיט וועלכע די פאַרנומענע טעריטאָריע וועט ווערן רעגירט. דער באַפעל האָט געהייסן אומדערבאַרעמדיק, גלייך אויף דער שטעל, אויסראָטן און אויסוואָרצלען אַלע אָנגריפן מצד דער ציוויל־לער באַפעלקערונג, — צוזאַמען מיט די אָנגרייפער. טאָמער געלינגט עס ניט, דאַרף מען ברענגען פאַר אַן אָפיציר אַנדערע, „טאָטפאַרדעכטיקע עלעמענטן", און דער אָפיציר וועט שוין באַשליסן, צי זאָל מען זיי יאָ אָדער ניט שיסן. אין געוויסע פאַלן זאָל מען אויך אַרויפלייגן קאָלעקטיווע שטראָפן אויף די וווין־ערטער, ווו די אָנגריפן זענען פאָרגעקומען.

אָט־דער באַפעל איז געוואָרן ברייט און פריי אינטערפּרעטירט, און עס איז געווען אַזאַ פאַל, ווען אויפן סמך פון דעם באַפעל, האָט מען דערשאָסן אַ יונג רוסיש מיידל פון זעכצן יאָר — פאַר זינגען אַן אַנטי־דייטשן ליד.

פון דעם מאָמענט אָן ווען דאָס דייטשע מיליטער איז אַריינגעדרונגען קיין רוסלאַנד ביזן מאָמענט ווען דער לעצטער נאַצי איז פון דאָרטן אַרויסגעטריבן געוואָרן, זענען אומעטום, — פון דער רוסישער־דייטשער גרענעץ ביז סמאָלענסק, פון סמאָלענסק ביז סטאַלינגראַד, פון סטאַלינגראַד ביז קרים, און פון דאָרטן ביז כאַרקאָוו, ווען און ווו דער דייטשישער זעלנער אָדער דער ס.ס.־מאַן האָט נאָר געשטעלט זיין פוס, — באַגאַנגען געוואָרן פאַרברעכנס קעגן טויזנטער און טויזנטער זקנים, פרויען און קינדער, מיט אַ ברוטאַלישקייט וואָס עס איז זיך ניט פאָרצושטעלן. די מאָרד־אַקסעסואַרן זענען געווען פון אַ ברייטן פאַרנעם, די טעכניק אַ פאַרשידענאַרטיקע, אָבער אָן שום ספק אָרגאַניזירט און אָנגעפירט פון די העכסטע אינסטאַנצן.

איינער פון די רוסישע פּראָקוראָרן ביים נירענבערגער פּראָצעס האָט דערציילט דעם טריבונאַל, ווי אַזוי מען האָט געעפנט די קברים מיט די קרבנות, און עקספּערטן און געריכט־מעדיציניקער האָבן באַטראַכט די אויסגעגראָבענע קערפּערס. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די מאָרד־מעטאָדן זענען געווען אידענטיש אויך דעמאָלט, ווען צווישן איין קבר און דעם צווייטן האָבן זיך געצויגן טויזנטער קילאָמעטער, און ווען די עקזעקוטאָרס זענען געווען פאַרשיידענע מענטשן. מען האָט שטענדיק און אומעטום געמאַכט ווונדן אין די זעלבע טיילן פונעם קערפּער.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. די מאָסמיטלען ביים פאַרמאַסקירן די מאַסן־קברים אַלס אַנטי־טאַנקן קאַנאַוועס אָדער שוצגראָבנס, זענען אויך געווען אידענטיש. ווען די קרבנות זענען אָנגעקומען אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ, האָט מען זיי, שטענדיק און אומעטום, געהייסן זיך אויסטאָן און זיך לייגן מיטן פּנים אַראָפּ. אין די פון פריער צוגעגרייטע גריבער. גלייך ווי די ערשטע שיכט מענטשלעכע קערפּערס איז געוואָרן דערשאָסן, האָט מען זיי באַשאָטן מיט שטיינקאַלך, און געצוווּנגען די צווייטע גרופּע קרבנות זיך אויסטאָן און זיך אַוועקלייגן פון אויבן, אויף די הרוגים. אומעטום,

— צי עס איז געווען אין די בלאָטעס פון ווייסרוסלאַנד אָדער באַרג־צופוסנס אין קאַווקאַז, איז די מושטיר געווען די זעלבע.

דער אַנגראַ־מאָרד איז ניט געווען קיין רעזולטאַט פון אויסבראָכן מצד ניט דיסציפּלינירטע דייטשישע אייגהייטן אָדער פאָרמאַציעס, נאָך ווייניקער מצד איינצלנע אָפיצירן אָדער זעלנער. דאָס איז געווען אַ פעסטגעלייגטע פּאָליטיק פון היטלער׳ס קאַבינעט, — געווליגן, געמאָסטן און אויסגעפּלאַנירט נאָך איידער די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן, און געטריי אויסגעפירט נאָכדעם אין פולער געהאָרכזאַמקייט צו די באַפעלן.

כדי צו רעאַליזירן אָט־די פּאָליטיק און פאַרווירקלעכן אָט־די פּלענער, איז ניט געווען גענוג נאָר אויפוועקן אינעם מיליטער די נידעריקסטע אינסטינקטן און אויפהעצן זיי צו הרגענען אומשולדיקע ציווילאַסטן מיט דער גרעסטער אכזריות און ברוטאַלישקייט; עס איז נייטיק געווען צו טרענירן ספּעציעלע אייגהייטן פאַר אַזאַ מין אַרט אַרבעט, און דערצו אויך פּראָקלאַמירן, אַז אַזעלכע פאַרברעכנס וועלן בלייבן ניט באַשטראָפט.

די מיסיע איז אין פאָרויס געווען אַזוי אָפּשטויסנד און ווידער־וויליק, אַז נאָר פאַרשוינענע אָן געפיל. אָן רחמנות און אָן געוויסן האָבן זיך געקאָנט צורירן דערצו. עס איז אין דייטשלאַנד, נאָך פאַר דער מלחמה, אַ סך אָפּגעטאָן געוואָרן, כדי צו באַפרייען דאָס פאָלק פון דעם, וואָס היטלער האָט עס אָנגערופן „די פאַרדראָסיקע צוימונגען וואָס דאָס לייגט אַרויף די כימערע פון געוויסן און פון מאָראַל״; אָבער עס איז געווען נאָך אַלץ ניט גענוג, און פאָרמאַציעס פון פאַרדאָרבענע קרעאַטורן, די Einsatz-Kommandos האָבן דורך גאַנץ רוסלאַנד באַגלייט די ווערמאַכט כדי צו טאָן, אַנשטאָט איר, די שמוציקע אַרבעט.

לויט אַ באַפעל, אַרויסגעלאָזט דורך היטלער׳ן, האָט מען ניט געקאָנט שטעלן צו אַ פעלד־געריכט קיין דייטשן זעלנער פאַר אַ וועלכן־עס־איז פאַרברעכן קעגן סאָוועטישע בירגער. אים האָט געקאָנט באַשטראָפן בלויז און נאָר זיין קאָמאַנדע אָפיציר, אויב עס איז געווען נייטיק.

מען האָט די לאָקאַלע קאָמאַנדירן געגעבן אַ ברייטע פולמאַכט אונטערצונעמען קאָלעקטיווע שטראָף־מיטלען קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג. זיי האָבן געקאָנט פאַרברענען אויף אַש דערפער

און שטעט, פאַרכאַפּן אָן אַ שום רעקוויזיציע־פּראָצעדור פּראָוויאַנט און פי, אַרעסטירן יעדן איינוווינער, און אים דעפּאָרטירן קיין דייטשלאַנד אויף שקלאַפן־אַרבעט.

עס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אויב דער אינטער־נאַציאָנאַלער געזעץ האָט בכלל סאַנקציאָנירט וועלכע־עס־איז פאָרעם פון רעוואַנש, האָט עס געקאָנט געשען בלויז דאַן, ווען אַלע אַנדערע מיטלען זענען שוין אויסגעפּרוווט כדי צו קריגן אַ סאַטיספאַקציע, און ערשט נאָך אַ באַראַטונג מיט די העכערע אינסטאַנצן; קיין שום רעוואַנש טאָר ניט דורכגעפירט ווערן אויף דער אַחריות פון אַ קלענערן קאָמאַנדיר. אָבער פון סאַמע אָנהייב אָן, האָט מען אין דעם רוסישן קריג געגעבן די לאָקאַלע קאָמאַנדירן זייער אַ ברייטע פולמאַכט.

די דייטשישע אייבער־קאָמאַנדע האָט שטענדיק געהאַלטן אין זינען דעם פּרינציפּ אַז קריגס־פאַרברעכנס קעגן סאָוועטישע בירגער דאַרפן ניט דראָען דעם פאַרברעכער מיט קיין שום דיסציפּלינאַרע קאָנסעקווענצן. און ווען מען האָט אינפאָרמירט היטלערן, אַז אייניקע מיטגלידער פון דער ווערמאַכט זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך רעכטצופאַרטיקן פאַר די געוואַלד־מעשים וואָס זיי זענען באַגאַנגען בשעת אַן אָפּעראַציע קעגן פּאַרטיזאַנען, — האָט ער געהייסן קייטעל׳ן אַרויסלאָזן וועגן דעם ענין אַ ווייטערדיקע דירעקטיוו.

די דירעקטיוו האָט פעסטגעשטעלט, אַז אויב די רעפּרעסיעס קעגן די פּאַרטיזאַנען אין מיזרח וועלן ניט טראָגן דעם ברוטאַלישסטן כאַראַקטער, וועט ניט לאַנג דויערן, און די געפאַר וועט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז מען וועט זי שוין ניט קאָנען בייקומען. „דאָס מיליטער האָט, דעריבער, דאָס רעכט און די פליכט, אין נייטיקע פאַלן, צו באַנוצן זיך אין אָט־דעם געראַנגל מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, אָן אַ שום אויסנאַם, אַפילו קעגן פרויען און קינדער... קיין איין דייטש וואָס באַטייליקט זיך אין אַ קאַמפּס־אַקציע קעגן די פּאַרטיזאַנען, אָדער זייערע מיטהעלפער, דאַרף ניט טראָגן קיין שום אַחריות ניט אין דיסציפּלינאַרן און ניט אין יורידישן זין". אָט די דירעקטיוו האָט געגעבן דעם דייטשישן זעלנער אין רוסלאַנד אַ carte blanche צו פאַרגוואַלטיקן און מאָרדן, און ער האָט די געלעגנהייט אויסגענוצט פול און ברייט.

די אַלע באַפעלן זענען צעשיקט געוואָרן צום מיליטער, און די

קלענערע קאָמאַנדירן האָבן אַרויסגעלאָזט זייערע אייגענע צוגאָב־אינסטרוקציעס. דעם 12־טן יולי האָט פאָן מאַנשטיין אַרויסגעלאָזט אַ דירעקטיוו וועגן דער אויפפירונג פונעם מיליטער אין רוסלאַנד, אַלס צוגאָב צו איינעם פון זיינע אָפעראַטיווע באַפעלן. ער האָט זיי צוגעגעבן מוט, זיי זאָלן זיין אַכזריות'דיק לגבי די „באָלשעוויסטישע פראָפאַגאַנדיסטן".

עס זענען אין דער דייטשישער אַרמיי געווען קורסן פאַר אכזריות. אַ קאָרפּאָראַל פונעם ספּעציעלן באַטאַליאָן „אַלטענבערג", וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די געוואַלד־מעשים פונעם דייטשן מיליטער אין דער שטאָט כאַרקאָוו און אינעם כאַרקאָווער ראַיאָן, האָט באַשטעטיקט אַז ער האָט אויף אַזאַ קורס געהערט פאָרטראַגן פון העכערע אָפיצירן אין G.F.P. *). זיי האָבן געזאָגט, אַז די רוסישע מענטשן זענען אונטערמענטשן, אַז מען דאַרף די מערהייט צווישן זיי פאַרניכטן, אַז די ווייניקע וואָס מען וועט זיי לאָזן לעבן, וועלן אַרבעטן פאַר די דייטשן אַלס שקלאַפן. „אַזעלכע אינסטרוקציעס", האָט דער קאָרפּאָראַל דערציילט, „זענען געווען, אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליטיק פון דער דייטשישער רעגירונג לגבי די פעלקער אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס; און מען מוז זיך מודה זיין, יעדער מיטגליד פון די באַוואָפנטע כוחות, מיך אויך אַריינגערעכנט, האָט אויסגעפילט די אינסטרוקציעס".

מען האָט אויך צענויפגעשטעלט ספּעציעלע אינסטרוקציעס פאַר יענע אויסדערוויילטע וואָס האָבן געדאַרפט אָנפירן מיט דער טויט־מאַשינעריע אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן. אַ רוס מיטן נאָמען כאַנוסעוויטש האָט דערציילט אַז בשעת ער איז געווען אינטערנירט אין אַזאַ לאַגער, זענען דאָמאָלס פאָרגעקומען דאָרט ספּעציעלע צען־טעגיקע קורסן פון קערפּער־פאַרברענען. די צוהערער זענען געווען אָפיצירן און העכערע קאַפּאָ'ן. דער הויפּט אינסטרוקטאָר איז געווען אַ קאָלאָנעל שאַלאַק, וואָס האָט געהאַט גרויסן נסיון אין די ענינים. ער האָט אויפן פּלאַץ ווו מען האָט פאַרברענט די קערפּערס, דערקלערט דעם פאַרברען־פּראָצעס, און אויך ווי אַזוי אוי־פצושטעלן אַ מאַשין אויף צעשטויסן די ביינער.

רוסישע קינדער זענען אַפילו באַנוצט געוואָרן ווי אַ לעבעדיקע

---

*) G.F.P. — געהיימע פעלד־פּאָליציי.

שיס־ציל ביי די איבונגען פון דער היטלער־יוגנט. אַ פראַנצייזישע פרוי מיטן נאָמען אידאַ וואַסאַ, וואָס איז בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען פאַרוואַלטערין פון אַ פראַנצויזישן מושב־זקנים אין לוואָוו, האָט דערציילט אַז זי האָט עס אַליין געזען מיט אירע אייגענע אויגן, און אירע רייד זענען אויסגעפאָרשט און דורכויס באַשטעטיקט געוואָרן. דער ראַפּאָרט פון דער קאָמיסיע וועגן די רעזולטאַטן פון זייער אויספאָרשונג שטעלט פעסט, אַז די דייטשן האָבן אין לוואָוו „ניט געשוינט קיין מענער, פרויען און קינדער. די דערוואַקסענע האָט מען פשוט דערהרגעט אויף דער שטעל, און די קינדער האָט מען אַוועקגעגעבן דער היטלער־יוגנט פאַר אַ שיסציל אין זייערע איבונגען".

די דייטשן זענען אַריין אין לוואָוו דעם 31־טן יוני 1941, און זיי האָבן אָנגעהויבן דעם מאַסנמאָרד גלייך אויף מאָרגן. נאָכדעם ווי זיי האָבן דערהרגעט הונדערטער און הונדערטער, האָבן זיי אין אַ גאַס־אַרקאַדע אַראַנזשירט אַן אויסשטעלונג פון די אומגעבראַכטע בירגער. די צעקיילט און צעביילטע קערפּערס, דער עיקר פון פרויען, זענען געוואָרן אויסגעלייגט ביי די ווענט פון די הייזער. אין צענטער פונעם מאַקאַברישן גרופּנבילד איז געווען דער קערפּער פון אַ פרוי, וואָס צו איר ברוסט איז מיט אַ דייטשן באַיאָנעט געווען צוגעשטאָכן — איר פּיצל קינד.

ניט בלויז די היטלער־יוגנט האָט זיך באַנוצט מיט רוסישע קינדער, ווי מיט אַ שיסציל. אין אַ קלייגעם דאָרף, אין דער געגנט פון קראַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, האָט אַ גרופּע שיכורע דייטשישע זעלנער אַוועקגעשטעלט אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף אויפן גאַניק פון אַ שטוב, און זיי האָבן געשאָסן אין אים פון אַן אויטאָמאַטישער ביקס. ער איז געפאַלן, דורכגעלעכערט פון קוילן.

אין אַ צווייטן דאָרף האָבן די דייטשע זעלנער געבונדן די הענט פון אַ פינף און צוואַנציק יעריקער טראָגעדיקער פרוי פון אַ רוסישן זעלנער און זי פאַרגוואַלדיקט. נאָכדעם האָבן זיי איינגעשניטן איר האַלדז, און אַריינגעשטאָכן באַיאָנעטן אין אירע בריסטן.

אין ראָסטאָוו האָט אַ פופצן יעריקער יינגל זיך געשפּילט אין הויף מיט זיינע שטוב־טייבעלעך. פאַרבייגייענדיקע דייטשישע זעלנער זענען אַריין אין הויף און צוגעגנבעט די טייבעלעך. ווען

דער ייִנגל האָט פּראָטעסטירט, האָבן די גנבֿים אים אַרויסגעשלעפּט אויפֿן גאַסן־ראָג, אים דערשאָסן און געדרעפּטשעט מיט די פֿיס אויף זײַן פּנים, ביז עס איז געוואָרן ניט צום דערקענען.

נעבן סמאָלענסק, ווי נאָר דאָס דײַטשע מיליטער איז אַרײַן אַהין, האָבן זיי דערשאָסן אַ 200 שול־ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפֿן אין פֿעלד בײַ דער שניט־אַרבעט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַוועקגענומען אַ צאָל מיידלעך אויף צו זעטיקן די אַפּעטיטן פֿון די אָפֿיצירן. די ברוטאַלע אָנפֿאַלן פֿונעם מיליטער אויף פֿרויען, אין די ערשטע עטלעכע מאָנאַטן פֿון דער אינוואַזיע, האָבן דערמאָנט די טעג ווען אַטטילאַ, גאָט׳ס שטראָף, האָט פֿאַרוויסט און פֿאַרטיליקט גאַליע מיט זײַנע הונען־האָרדעס.

אינעם אוקראַיִנער דאָרף באָראָדאַיעווקאַ, האָט אַפֿילו איין פֿרוי ניט אויסגעמיטן די שענדונג. אין בערעזאָווקאַ האָט מען אַוועקגעטראָגן אַלע פֿרויען צווישן זעכצן און דרײַסיק, אַזוי ווי די סאָביבען פֿרויען פֿון פֿאַרצײַטנס, און אין סמאָלענסק האָט אַ דײַטשער קאָמאַנדיר געעפֿנט אין איינעם פֿון די האָטעלן אַ שאַנדהויז פֿאַר אָפֿיצירן, וווּהין מען האָט צענויפֿגעטריבן גרויסע צאָלן אַנשטענדיקע פֿרויען, און זיי דאָרט געצוווּנגען צו פּראָסטיטוציע. אין דער שטאָט לוואָוו האָט דאָס אָנגרייפֿנדע מיליטער אין אַ קליידער פֿאַבריק פֿאַרגוואַלדיקט און שפּעטער דערהרגעט צוויי און דרײַסיק פֿרויען. אַנדערע מיידלעך האָט מען אַרײַנגעשלעפּט אין דעם שטאָטישן גאָרטן און דאָרט זיי ברוטאַל פֿאַרגוואַלדיקט; בײַ אַן אַלטן גלח, וואָס האָט געפּרוּווט זיך אַרײַנמישן, האָבן זיי אַרונטערגעריסן זײַן מאַנטיע, אונטערגעצונדן זײַן באָרד און אים דערשטאָכן מיט אַ באַיאָנעט. נעבן באָריסאָוו, אין ווײַסרוסלאַנד, האָבן פֿינף און זיבעציק פֿרויען געפּרוּווט אַנטלויפֿן פֿון די אָנקומענדע דײַטשן; די דײַטשן האָבן זיי געכאַפּט און אַ סך צווישן זיי פֿאַרגוואַלדיקט. אַ גרופּע זעלנער האָבן פֿאַרשלעפּט אַ מיידל פֿון זעכצן יאָר אין וואַלד אַרײַן און זי דאָרט פֿאַרגוואַלדיקט. אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַנדערע רוסישע פֿרויען, האָבן זיי אָפּגעשניטן אירע בריסטן, צוגענעגלט זי צו אַ בוים, און אָט־אַזוי געלאָזט זי אויסגיין.

אַזוי האָבן אויסגעזען די קאָנסעקווענצן פֿון מאַכן מענטשן פֿרײַ צו באַגיין פֿאַרברעכנס, אָן אַ שום מורא פֿאַר שטראָף. די רעזולטאַטן

זענען געווען פּונקט אַזעלכע, ווי די מייסטער האָבן עס פאַרטראַכט און אויספּלאַנירט.

אָבער מיט דער שענדונג פון פרויען האָט זיך די מעשה נאָך ניט אויסגעלאָזט. אין אַ סך דערפער און שטעט, ווו די דייטשן האָבן דורכגעמאַרשירט אין זייער ערשטן בליצצוג, זענען פאָר־געקומען אַנגראַ־הריגה׳ס. אין איין דאָרף האָבן זיי דערשאָסן אַלע זקנים און יוגענטלעכע, און די הייזער פאַרברענט אויף אַש; אין אַ צווייטן האָבן זיי אַלע זקנים, זקנות און קינדער פאַרטריבן, ווי בהמות, אין אַ קאָלעקטיווע פאַרם־שייער. פאַרשפאַרט זיי אינעווייניק, און פאַרברענט זיי לעבעדיקערהייט; אין נאָך איינעם האָבן זיי אַריינגעשטופּט זעקס און אַכציק מענטשן אין אַן ענג הייזקע, פאַרחתמ׳עט טיר און פענצטער, ביז אַלע זענען אינעווייניק דערשטיקט געוואָרן צום טויט; אין אַ פערטן האָבן זיי פאַרשלאָסן אין אַ קלויסטער 10 פרידלעכע ציוויליסטן, צוזאַמען מיט אַ צאָל פאַרוווּנדעטע זעלנער פון דער רויטער אַרמיי, און אויפגעריסן די געביידע.

אָבער דאָס אַלעס זענען געווען קליינע געוואַלד־מעשים אין פאַרגלייך מיט די גרעסערע שחיטות, וואָס ביי די דייטשן האָבן זיי געהייסן „אַקציעס״*). אַזעלכע ווי זיי האָבן אַדורכגעפירט אין קיעוו און אין ראָסטאָוו.

אין קיעוו, אין דער הויפּט שטאָט פון אוקראַינע, אין די ערשטע טעג פון זייער אינוואַזיע, האָבן זיי פאַרפּייניקט און דערהרגעט 52,000 מענער, פרויען און קינדער, צווישן זיי אַ גאַר גרויסע צאָל יידן. אַ סך פון זיי האָט מען פאַרזאַמלט אויפן יידישן בית־עולם, אויסגעטאָן זיי הויל־נאַקעט, און פאַרן דערשיסן האָט מען זיי מערדערלעך געשלאָגן.

אין ראָסטאָוו, אין משך פון אַ צען־טעגיקן אויפנהאַלט, האָט דאָס דייטשישע מיליטער פאַרטיליקט אַ סך טויזנטער איינוווינער. אַכט און פערציק האָבן זיי דערהרגעט מיט אַ פייער פון מאַשין־געווער, אין דרויסן ביים אַמט פון דער מלוכהשער אייזנבאַן; זעכציק האָבן זיי דערשאָסן, בשעת יענע זענען זיך געגאַנגען איבער די שטאָט־גאַסן, און 200 האָבן זיי אומגעבראַכט אויפן אַרמענישן בית־

*) הויפּט אָפּעראַציעס.

עולם. ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט זיי אַרויסגעטריבן נאָך אַזאַ קורצער אָקופּאַציע, האָבן זיי געדראָט מיט אַ בלוטיקער נקמה אין דער באַפעלקערונג, „אַז זיי וועלן צוריקקומען".

די דייטשן האָבן זיך אויך באַנוצט מיט ציוויליסטן ווי מיט אַ וואַפנשילד צו שיצן דעם פּאַרויסמאַרש און צוריקטריט פון זייער מיליטער. אין אויגוסט 1941, בשעת אַ פּרוּוו אַריבערצוגיין דעם טייך איפּוט, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט די איינוווינער פון דער שטאָט דאָבריש אַלס אַ שילד קעגן דעם רוסישן פייער, פאַרשטעלט מיט זיי די דייטשישע איינהייטן אין זייער פּאַרויסמאַרש. אָט די פּראַקטיק האָבן זיי גענוצט אַזוי לאַנג ווי דאָס דייטשישע מיליטער איז געבליבן אויף דער סאָוועטישער ערד. גרויסע צאָלן איינוואוינער זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן ביים אָפּרייניקן מינען־פעלדער, הגם זייער באַשעפטיקונג ביי געפערלעכער אַרבעט איז פאַרבאָטן דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז עס האָט זיך געפילט אַ גרויסער מאַנגל אין עקזעקוטאָרס. אָבער ניין, דער אָנבאָט האָט זיך שטענדיק אויסגעגלייכט מיטן נאָכפרעג, און דער לייענער האָט שוין זיכער באַמערקט, אַז דער נאָכפרעג איז גאָר ניט געווען קליין. קיינער פון די עקזעקוטאָרס האָט אָפּנים ניט געקוקט אויף זיין פינצטערע פליכט מיט אַ ווידערווילן; ניט ווייניק האָבן זיך געקוויקט דערמיט און אייניקע האָבן זיך אפילו שטאָלץ באַריימט מיט זייערע מעשים. איינער צווישן זיי, מיטן נאָמען לע קור, איז געווען אַ העכערער קאָרפּאָראַל אין דער דייטשער אַרמיי גופא, און ניט קיין מיטגליד אין ס.ס., און ער האָט, טראָץ זיין פראַנצייזישן נאָמען, געשטאַמט פון סטאַרגאַרד, וווּ ער איז געבוירן און האָט דאָרט אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לעבן. ער האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ סינעמאַ און איז געוואָרן מאָביליזירט אין דער 4־טער דייטשישער לופט־דיוויזיע און, בשעת זיין דינסט אין רוסלאַנד, איז ער אַלט געווען זיבן און צוואַנציק יאָר.

ער האָט געאַרבעט ווי אַ לאַבאָראַטאָריע־אַסיסטענט אין דער פאָטאָגראַפישער סעקציע ביי דער שטאַבסקוואַרטיר פון דער לופט פעלד־דינסט, און זיין פרייע צייט האָט ער פאַרווענדט, לויט זיינע אייגענע ווערטער, אין „שיסן געפאַנגענע רויטאַרמייער און

פרידלעכע בירגער, און פאַרברענען הייזער צוזאַמען מיט די שטוב־מענטשן״.

אין נאָוועמבער 1942, האָט ער זיך באַטייליקט אין דערשיסן צוויי און בײַנציק סאָוועטישע בירגער, און מיט אַ חודש שפּעטער — נאָך פינף און פופציק. „אין ביידע פאַלן״, האָט ער געזאָגט, „האָב איך אַליין טאַקע געשאָסן״. ער האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין רעוואַנש־אַקציעס קעגן אייניקע דערפער, און געהאַט די געלעגנהייט אַליין אונטערצוצינדן אַ סך הייזער. ער האָט געשאָסן, אַזוי האָט ער געזאָגט, איבער 1.000 מענטשן און „אַלס אַנערקענונג פאַר גוטע אַרבעט און טרייע דינסט אין דער דייטשער אַרמיי, באַקומען אַ העכערונג אין ראַנג, נאָך פאַר דער צייט״.

ער האָט אָן אַ שום ספק פאַרדינט אַ פּרעמיע פון זיין פירער, וועמעס ראַט ער האָט אַזוי געטריי נאָכגעפאָלגט, וואָרעם האָט דען היטלער ניט געזאָגט, „אָט־די ריזיקע טעריטאָריע (רוסלאַנד) מוז מען איינשטילן ווי מעגלעך שנעלער: דער בעסטער וועג צו דערגרייכן דעם צוועק — איז צו שיסן אין יעדן איינעם, אַפילו אין יענע וואָס וואַרפן בלויז אַ מיאוסן בליק״.

עס זענען אָבער פאַראַן געווען דייטשן, וואָס האָבן אויפגעשוידערט פון דעם געזעענעם. איין דייטשישער אָפיציר, אַ מאַיאָר רעזלער, וואָס האָט פריער קאָמאַנדירט מיט אַ באַטאַליאָן אין דעם 28־טן רעגימענט, האָט געשיקט אַ ראַפּאָרט צום אָפיציר אין דער קאָמאַנדע פנעם ניינטן מיליטערישן דיסטריקט וועגן אַ געוואַלד־מעשה נעבן זשיטאָמיר, בשעת זיין אייניהייט איז איינגעשטאַנען אין יענער זאָנע, אין יולי 1941.

מאַיאָר רעזלער האָט זיך ערשט געווען אַריינגעקליבן מיט זיין שטאָב אין זיין נייע רעזידענץ, ווען ער האָט דערהערט, ערגעץ ניט ווייט, פייער־זאַלפן פון ביקסן, באַגלייט מיט פּיסטאָל־שאָסן. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס דאָרט קומט פאָר, און ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון די פייער־קראַכן, צוזאַמען מיט זיין אַדיוטאַנט, דעם ערשטן לויטענאַנט פאָן באַסעוויץ.

ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַן ערדוואַל ביי דער אייזנבאַן, האָט מען זיי אינפאָרמירט, אַז עס גייט דאָ אָן אַ מאַסן־עקזעקוציע. וואָס זיי האָבן דערזען, ווען זיי זענען צוגעקומען צום אָפּהאַנג, איז אָמבעסטן באַשריבן אין מאַיאָר רעזלער׳ס אייגענע ווערטער.

ווען מיר האָבן ענדלעך אַרויפגעקלעטערט אויפן ערדוואַל, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט אַ קאָשמאַרן־בילד. אין דעם באָדן איז געווען אויסגעגראָבן אַ גרוב פון זיבן ביז אַכט מעטער די לענג און אפשר פיר מעטער אין דער ברייט. די איבערגעדרייטע ערד, וואָס איז געלעגן אָנגעהויפט אויף איין זייט פון דער גרוב, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט בלוט אויף דורך און דורך. די גרוב אַליין איז געווען איבערפולט מיט אַן אַ שיעור קערפּערס פון ביידע מינים און פון אַלע עלטערס. עס זענען געווען דאָרט אַזויפיל קערפּערס, אַז עס איז אוממעגלעך צו זאָגן ווי טיף עס איז געווען דער גראָבן. הינטער דעם בערגל ערד איז געשטאַנען אַן אָפּטייל פון פעלדפּאָליציי, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַן אָפיציר. אַ סך זעלנער פון די אייגהייטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דער זאָנע, זענען געשטאַנען אַרום און אַרום, אָנגעטאָן בלויז אין זייערע אונטער־הייזלעך, און האָבן זיך צוגעקוקט צו דער פאָרשטעלונג.

איך בין צוגעגאַנגען צום קבר אַליין נעענטער און נעענטער, און וואָס איך האָב דערזען, וועל איך שוין קיינמאָל ניט קאָנען פאַרגעסן. אין גרוב איז געלעגן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און געהאַלטן אייגעקלאַמערט אין זיין לינקער האַנט אַ שפּאַציר־שטעק. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אַז ער לעבט נאָך און איך האָב געהייסן איינעם פון די פּאָליציי־לייט אים צו פאַרענדיקן און יענער האָט מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל „איך האָב שוין זיבן מאָל אַריינגעשאָסן אין זיין בויך; זאָל ער שוין איצט שטאַרבן אויף זיין אייגענעם חשבון".

די גופים זענען ניט געלעגן אין גראָבן אין רייען, נאָר אַזוי ווי זיי זענען אַרונטערגעפאַלן פונעם ראַנד בשעת מען האָט אין זיי געשאָסן... איך האָב נאָך אַזאַ בילד קיינמאָל ניט געזען, ניט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און ניט אין דער איצטיקער. איך בין בייגעווען אַ סך ניט־אָנגענעמע זאַכן אין דעם פּרייוווילליקן קאָרפּוס *), אין 1919, אָבער ניט אַזאַ

*) דעם „פּרייוווילליקן קאָרפּוס" האָבן אין 1919 געגרינדעט אַ צאָל

שרעקלעכן קאָשמאַר וואָס איך האָב צוגעזען אין זשיטאָמיר...
איך וויל צוגעבן, אַז לויט דעם עדות־זאָגן פון דייטשע זעלנער
וואָס זיי זעען אָפט אַזעלכע עקזעקוציעס, ווערן טאָג טעגלעך
אויף אַזאַ אופן דערשאָסן עטלעכע הונדערט מענטשן.

דער אָפיציר אין דער קאָמאַנדע פון דעם ניינטן מיליטערישן דיסטריקט האָט איבערגעשיקט דעם ראַפּאָרט צום OKW צוזאַמען מיט דעם פאָלגענדן טיפּישן באַגלייט־בריוו:

אָביעקט: — די געוואַלד־מעשים וואָס ווערן באַגאַנגען
לגבי דער ציווילער באַפעלקערונג אין מיזרח.
אין צוזאַמענהאַנג מיט די ברייט פאַרשפּרייטע פּילצאָליקע מאַסן־עקזעקוציעס אין רוסלאַנד, בין איך פון סאַמע אָנהייב געוועז איבערצייגט אַז מען כאַפּט דערביי אומנייטיק איבער די מאָס. איך לייג ביי אַ ראַפּאָרט פון מאַיאָר רעזלער וואָס באַשטעטיקט דורכויס אַזעלכע קלאַנגען... אויב אַזעלכע זאַכן ווערן אָפּגעטאָן אָפן, וועט מען זיך וועגן זיי דערוויסן אין פאָטערלאַנד, און זיי וועלן אַרויסרופן קריטיק.
געחתמ׳עט: שירווינדט

אין אַזאַ געווירבל פון באַרבאַרישקייט איז ניט לייכט אויסטיילן, אָדער ספּעציעל אונטערשטרייכן, איין פאַרברעכער אָדער איין פאַל, אָבער דער משוגענער סאַדיזם האָט פּאָרט דערגרייכט זיין שפּיץ אין דעם פאַרניכטונגס־לאַגער יאַנאָוו, אין משך פון יענעם פּעריאָד וואָס

הפקר־יונגען פון דער דייטשישער אַרמיי. זיי האָבן ניט אָנערקענט דעם וועראַלער אָפּמאַך און געהאַלטן פיליפּ שיידעמאַנען, וואָס האָט זיך אויפן אָפּמאַך געחתמ׳עט, פאַר אַ פאַרעטער. זייער טעטיקייט האָט זיך באַשרענקט מיט מיזרח־דייטשלאַנד, דער עיקר אין שלעזיען און אין דער באַלטישער פּראָווינץ, וואָס זיי האָבן עס גערופן „דאָס באַלטיקום". די מיטגלידער פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע זענען באַגאַנגען אַ סך אַקטן פון סאַבאָטאַזש און מאָרד קעגן לעבן און פאַרמעגן פון די אַלע, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר קאָלאַבאָראַטאָרס מיט דער קאָמיסיע פון די אַליירטע און מיט דער רעגירונג פון פרידריך עבערט.

דאָרט האָבן געדינט אַלס קאָמענדאַנטן, לויט דעם פאָלגנדן סדר, האַופּט־שטורמפירער געבאַוער, אָבערשטורמפירער ווילהאַוז, און האַופּטשטורמפירער וואַרצאָק *).

געבאַוער האָט זיך נוהג געווען, מיט זיינע אייגענע הענט, צו דערשטיקן פרויען און קינדער. ער האָט פאַרפרוירן מענער צום טויט אין פעסלעך; מען האָט זיי פריער געבונדן הענט און פיס, און דאַן האָט מען זיי אַרונטערגעלאָזט אין די פעסער, און זיי דאָרט איבערגעלאָזט ביז זיי זענען פאַרפרוירן געוואָרן.

סתם־מאָרד איז געווען צו מאָנאָטאָן, האָט מען דערלויבט דעם שטאָט זיי זאָלן צוטראַכטן נייע מעטאָדן. און איינער צווישן זיי מיטן נאָמען וועפּקע האָט פאַרגעלייגט אַ געוועט, אַז ער וועט מיט איין זעץ פון אַ האַק צעשפּאָלטן אַ ייִנגל אויף דער העלפט. מען האָט זיך מיט אים געוואָטן. וועפּקע האָט גענומען אין לאַגער אַ צען יעריקן ייִנגל, געהייסן אים קניען, מיטן קאָפּ באַהאַלטן אין די פּלאַכן פון זיינע הענט, און נאָכדעם ווי וועפּקע האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַ שווונג, האָט ער מיט איין איינציקן קנאַק צעהאַקט דעם ייִנגל אויף צוויי.

וואַרצאָק האָט זיך נוהג געווען אויפהענגען די אַרעסטירטע פאַר די פיס, און לאָזן זיי הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ, — ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען. דער הויפּט פון זיין אויספאָרשונג אָפּצווייג, מיטן נאָמען הייבע, האָט אַריינגעקלאַפּט אייזערנע שטאַנגען אין די בייכער פון די אַרעסטירטע, און אַרויסגעריסן פינגער־נעגל ביי פרויען מיט אָפּצווענגעס.

ווילהאַוז, פון זיין אַמט־באַלקאָן, האָט אָפט געשאָסן אין די געפאַנגענע וואָס זענען געגאַנגען איבערן פאַראַד־פּלאַץ. ער הט עס געטאָן טיילווייז לשם ספּאָרט, און טיילווייז כדי צו אַמוזירן זיין

---

*) אָט דער ספּור־המעשה וועגן אייניקע געוואַלד־מעשים באַגאַנגען אין יאַנאָווער לאַגער, האָט דערציילט דער עדות מיטן נאָמען מאַנוסעוויטש, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער לאַגער־דינסט. ער האָט געאַרבעט אין אַ ספּעציעלן אָפּטייל פון אַרעסטירטע וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן פאַרברענען די קערפּערס פון די אומגעבראַכטע אין לאַגער. זע די פאַרהאַנדלונגען פונעם 59־טן טאָג פון דעם נירענבערגער פּראָצעס פון די הויפּט פאַרברעכער אין קריג, דאָנערשטאָג, 14־טן פעברואַר 1946.

פרוי און זיינע טעכטער. פון צייט צו צייט פלעגט ער דערלאַנגען זיין פרוי די ביקס, יענע זאָל אויך אויסשיסן. כדי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן זיין ביין־יאָריגער טאָכטער, פלעגט ער זיך טיילמאָל באַנוצן מיט קליינע קינדערלעך ביי פראַקטיצירן די איבונג מיט אַ לעבעדיקן ציל. מען האָט די קינדערלעך אונטערגעוואָרפן אין דער הויך, כדי ער זאָל קענען פון דער נאָענט שיסן אין זיי. זיין טאָכטער האָט געפּאַטשט אין די הענט און געזאָגט, „פּאַפּאַ, מאַך עס נאָך אַמאָל״. און דער פּאַפּאַ האָט איר צוליב געטאָן.

דאָס איז געווען דער זעלבער קאָמענדאַנט, וואָס אין היטלער׳ס פיר און פופציקסטן געבוירנטאָג האָט ער, אַנשטאָט צו סאַלוטירן פון מאַשין־געווער, אויסגעקליבן פיר און פופציק אינטערנירטע און אַליין טאַקע זיי אַלע דערשאָסן.

אין יאַנאָוו פלעגט מען פייניקן און הרגענען אונטער אַן אַקאָמפּאַנימענט פון מוזיק. מען האָט צונויפגעשטעלט אַן אָרקעסטער פון אַרעסטירטע און מען האָט קאָמפּאָנירט אַ ספּעציעלע מעלאָדיע וואָס האָט געהייסן דער „טויטן־טאַנגאָ״. בשעת מען האָט אויפגעלייזט דעם לאַגער, האָט מען אַלע מיטגלידער פונעם אָרקעסטער אומגעבראַכט.

אַזוי קלינגט דער ספּור־המעשה וועגן די נאַצישע געוואַלד־מעשים אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס. אָבער דאָס דערציילטע ביז איצט, איז קוים אַ טראָפּן אין ים. דער לעצטער סך־הכל איז דאָך געווען צוועלף מיליאָן מאָרדן. אין זיין שלוס־רעדע פאַרן אינטער־נאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל אין נירענבערג, האָט סער האַרטליי שאַוקראָס געזאָגט :

אין אונדזערע אַלע לענדער, ווען עס טרעפט אַז עמיצער הרגעט אַ מענטשן, אפשר אין אַליידנשאַפטלעכן אָדער פּאַטאַלאָגישן טראַנס, פאַרוואַנדלט זיך דער מאָרד אין אַ סענסאַציע, אונדזער מיטגעפיל ווערט וואַך און דערצו רוען מיר ניט, ביז דער פאַרברעכער ווערט באַשטראָפט און דער געזעץ געשיצט. זאָלן מיר טאָן ווייניקער, ווען מען האָט דערהרגעט ניט איינעם נאָר, לויט דער נידריקסטער אויס־רעכענונג, צוועלף מיליאָן מענער, פרויען און קינדער? ניט אין קאַמף, ניט אין טראַנס, נאָר אין קאַלטבלוטיקן קאַלקולירטן

און פלאַנירטן פּרווו צו פאַרניכטן פעלקער און ראַסן, אויסראָטן טראַדיציעס, אינסטיטוציעס און די עצם עקזיסטענץ פון פרייע און לאַנג־יעריקע מדינות. צוועלף מיליאָן מאָרדן! צוויי דריטל פון די יידן אין אייראָפּע פאַרטיליקט, און דאָס מאַכט אויס זעקס מיליאָן, אַפילו לויטן חשבון פון די מערדער אַליין. מאָרד אויסגעפירט אַלס אַן אינדוסטריע פון אַ מאַסן־פּראָדוקציע...

עס איז זייער מעגלעך אַז ווייל אָט די הריגה איז פאָרגעקומען אין אַ צייט ווען די וועלט איז געווען פאַרטאָן אין שלאַכטן, מאָרדן, פּלוצעמדיקע טויטן, דערפאַר האָט מען ביזן סוף ניט באַנומען די גאַנצע ריזיקע אומגעהייערקייט דערפון, און דערפאַר אפשר האָט מען עס אַזוי גיך פאַרגעסן.

קאפיטל V

שקלאַפן־אַרבעט

צווישן 1941 און 1945, זענען מער ווי פינף מיליאָן אויסלענדישע אַרבעטער דעפּאָרטירט געוואָרן אַלס שקלאַפן קיין דייטשלאַנד, פון וואַנען אַ גרויסער פּראָצענט צווישן זיי, הגם וויפל געניי איז ניט באַוווּסט, זענען שוין מער צוריק ניט געקומען.

עס איז לייכטער אָפּצושאַצן די קאָנצעפּציע פון דייטשלאַנד׳ס פּאָליטיק אין שקלאַפן־אַרבעט, אויב מען דערמאָנט זיך אַז זי געהערט צו דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער דאָקטרין, וואָס דערהויבט די מדינה ביז גאָר און רעכנט זיך אײַנגאַנצן ניט מיט די פּערזענלעכע רעכט פון דעם יחיד. לויט די רייד פון אַ דייטשן שרייבער וועגן דעם נאַציאָנאַל סאָציאַליזם, זענען „אַרבעטס באַציונגען ניט קיין פּשוטע יורידישע באַציונגען צווישן אַן אַרבעטער און זײַן אַרבעטגעבער. זיי זענען אַ לעבעדיקע דערשײַנונג, און דער אַרבעטער ווערט דערבײַ אַ שרײַפל אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער מאַשין פאַר קאָלעקטיווער פּראָדוקציע״.

צוואַנג־אַרבעט איז אין דייטשלאַנד אַליין אײַנגעפירט געוואָרן נאָך אין 1935, און פון 1939 האָט זיך אָנגעהויבן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון די אַרבעטער, לויט א דעקרעט פון געהרינג אַלס אַ טייל פון זײַן פיר־יאָר פּלאַן. דער דעקרעט האָט אײַנגעשלאָסן אויך אויסלענדער, וואָס האָבן דאַן געלעבט אין דייטשלאַנד, אַזוי אַז דער פּרינציפּ פון רעקרוטירן אויסלענדישע אַרבעטער מיט צוואַנג, האָט עקזיסטירט אין דייטשלאַנד נאָך פאַר דער מלחמה.

איז עס, דעריבער, גאָר ניט קיין וווּנדער וואָס דער פּרינציפּ איז, אין 1941, אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס, טראָץ דעם פאַרבאָט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. אָט־דער פּרינציפּ איז געווען איינער פון די עלעמענטאַרע באַשטאַנד־טיילן אין דער פּאָליטיק פון דער נאַצי־דאָמינירונג, און ער האָט

געשטאַמט פון דער טעאָריע וועגן „הערן פאָלק” און פון דער קאָנצעפּציע וועגן טאָטאַלן קריג.

ווען עס איז אין דייטשלאַנד נאָך אַנטשטאַנען אַ מאַנגל אין אַרבעטקראַפט, און דעם קריגס־שווונג האָט גענומען דראָען אַ געפאַר, — פלעגט מען אַראָפּברענגען שקלאַפן פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס. זיי האָבן געאַרבעט פאַרן דייטשן נצחון — אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן נאָך געקאָנט. ווען זיי זענען געוואָרן צו שוואַך אָדער צו קראַנק צו אַרבעטן ווייטער, האָט מען זיי געלאָזט שטאַרבן. ווען זיי זענען אָבער ניט גענוג שנעל געשטאָרבן, האָט מען זיי דערביי צוגעהאָלפן; מען האָט זיי אומגעבראַכט אין די גאַז־קאַמערן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און זייערע ערדישע רעשטלעך האָט מען פאַרברענט אין די לאַגער־אויוונס. אָבער מען דאַרף דאָך ניט זיין פאַרשווענדעריש, חלילה; זייערע ביי־פּראָדוקטן מוז מען אוטיליזירן; זייער בלוט און אַש פאַר באַמיסטיקונג, זייערע האָר אויף פּראָדוצירן שטאָף, און דאָס גאָלד פון זייערע ציין — אויף אָנצושטאָפּן די שאַצקאַמערן פון דער רייכסבאַנק.

אָט דאָס איז געווען דער נאַצי־שטאַנדפּונקט. און פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן געדענקט, אַזוי האָבן זיי אויך געהאַנדלט.

דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ בנוגע צוואַנג־אַרבעט פאַר די איינוווינער פון אָקופּירטע טעריטאָריעס, איז פעסטגעלייגט אינעם פּאַראַגראַף 52 פון דער האַג־קאָנווענץ, וואָס איז געווען אָבליגאַטאָריש פאַר די דייטשן אין 1939.

מען טאָר ניט רעקווירירן קיין פאַרמעגן ביי די מוניציפּאַליטעטן און ניט פאַרלאַנגען קיין דינסט־הילף ביי די איינוווינער, אויסער פאַר די נויטן פון דער אָקופּיר־אַרמיי. אָבער זיי דאַרפן זיין אין אַ פּראָפּאָרץ צו די רעסורסן פונעם לאַנד, און פון אַזאַ אַרט, אַז די איינוווינער זאָלן זיך ניט באַטייליקן אין קיין מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן זייער אייגענעם לאַנד.

די אָקופּיר־מאַכט האָט אויך קיין שום רעכט ניט געהאַט צו דעפּאָרטירן די איינוווינער צו זיך אין לאַנד, אויף צוואַנג־אַרבעט.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען עס געמאַכט אין אַ פֿאַרהעלטעניסמעסיק קלענערן מאַסשטאַב. גרויסע צאָלן פֿראַנצויזן און בעלגיער זענען געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, און די זאַך איז אַלגעמיין געטאַדלט געוואָרן דורך אַנדערע פֿעלקער. אָבער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען דעפּאָרטירט אַרבעטער פֿון די אָקופּירטע טעריטאָריעס אין אַזאַ ריזיקן מאַסשטאַב און אונטער אומשטאַנדן פֿון אַזאַ ברוטאַלישקייט און דערנידערונג, אַז די דעפּאָרטאַציע פֿון 1914/18 ווערט בלאָס און קליינלעך אין פֿאַרגלייך מיט די מעשים־תעתועים פֿון די היטלער־באַנדעס.

די נאַציסטישע פּאָליטיק פֿון שקלאַפֿן־אַרבעט האָט געהאַט צוויי צוועקן: איינער איז געווען צו נוצן אויסלענדישע אַרבעט צוליב אַ הויכן שוווּנג פֿון דער דייטשער קריגס־מאַשין; דער צווייטער, אַ לאָגישער אויספֿיר פֿון דער נאַציסטישער ראַסע־דאָקטרין, איז געווען דורך פֿאַרניכטונג אָפּצושוואַכן די „נידעריקע" פֿעלקער. זיי האָבן גאָר ניט געהאַט קיין כּוונה, אַז די דעפּאָרטירטע זאָלן אויסהאַלטן דעם פּלאָג און די פּיין, אַז יענע זאָלן קומען צוריק אַהיים. די דעפּאָרטירטע זענען געשטאָרבן אָדער מען האָט זיי אומגעבראַכט אין הונדערטער טויזנטער, און נאָך אַ סך טויזנטער זענען ביז איצט געבליבן היימלאָז.

די פּראָגראַם פֿון שקלאַפֿן־אַרבעט, וואָס איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל אינעם אַלגעמיינעם פּלאַן פֿון טאָטאַלן קריג, איז פֿאָרמולירט און אָנגעפֿירט געוואָרן דורך זאַוקעל און שפּער. אָט די ביידע מענער זענען פֿאַרמישפּט געוואָרן דורכן נירענבערגער אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל: זאַוקעל'ס שטעלונג צו דער פּראָגראַם פֿון שקלאַפֿן־אַרבעט האָט זיך אויסגעדריקט אין איינער פֿון די פֿאַרשריפֿטן, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט: „מען דאַרף האָדעווען, לאָזשירן און באַהאַנדלען אָט־די אַלע מענטשן אויף אַזאַ אופֿן, אַז מען זאָל קאָנען אַרויסשלאָגן פֿון זיי די מעגלעכסט העכסטע נוץ, ביים סאַמע נידעריקסטן גראַד הוצאות". און אַזוי איז עס טאַקע געשען.

מען האָט די מענטשן טראַנספּאָרטירט פֿון זייער היים און לאַנד אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס געוויינלעך רעכנט מען אַז זיי זענען אוממעגלעך פֿאַר בהמות; מען האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען־

געפּרעסט אין שמוציקע וואָין־ערטער; זיי זענען געווען איבער־געאַרבעט און אונטערדערנערט, און ווען זיי האָבן שוין מער ניט געהאַט קיין כוח צו אַרבעטן, אָדער זיי האָבן ניט געוואָלט גלייך שטאַרבן, האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו מען האָט זיי פאַרגאַזט און זייערע קערפּערס פאַרברענט אין די לאַגער־אויוונס. לויט זאַוקעל׳ן, איז דער ציל פון דער אַרבעט־פּאָליטיק געווען אויסנוצן, גרינטלעך און געטריי, לטובת דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדענע — יעדן איינציקן קוואַל פון אַלע, ווי ער האָט זיי אָנגערופן, דעראָבערטע לענדער, אריינגערעכנט רוי־מאַטעריאַלן און מענטשישע אַרבעטקראַפט.

וווהין און ווען די דייטשן זענען נאָר אַריין, האָבן זיי גלייך אַרומגעקרייזט די איינוווינער און אַוועקגעשיקט זיי אויף אַרבעט. אין דער ערשטער צייט האָט מען עפּעס יאָ געמאַכט אַ פּרוּוו צו ווערבירן פרייוויליקע, אָבער דער פּרוּוו איז דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק. האָבן זיי אָפּגעוואָרפן יעדן אָנשטעל פון פרייוויליקער ווערבירונג, און מען האָט אַוועקגעשלעפּט אַרבעטער מיט קאָמביניר־טע מיטלען פון שווינדל, כוח, און טעראָר.

דער ערשטער קרבן איז, פאַרשטייט זיך, געווען פּוילן. פראַנק, היטלערס גאַולייטער אין דעם לאַנד, האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו קריגן אַ מיליאָן אַרבעטער, און ער האָט באַפוילן זיין פּאָליציי אַרומרינגלען פּוילישע דערפער און זיך באַנוצן מיט געוואַלד־מיטלען פון כאַפּערס.

„קריגן און טראַנספּאָרטירן, ווייניקסטנס, אַ מיליאָן אַגריקולטור און אינדוסטריע אַרבעטער, מענער און פרויען, — צווישן זיי 750.000 אַגריקולטור אַרבעטער, מיט ניט ווייניקער ווי פופציק פּראָצענט פרויען, כדי צו גאַראַנטירן אַגריקולטור פּראָדוקציע אינעם רייך, און אויך אַלס פאַרבייט פאַר אינדוסטריעלע אַרבעטער וואָס פעלן אויס אין רייך". דאָס זענען געווען זיינע פאַראָנגען.

מען האָט שוין אין מיי 1940 אָנגעהויבן אָנצוווענדן צוואַנג־מיטלען, ווייל עס זענען ניט געווען גענוג פרייוויליקע כדי צו דעקן אינגאַנצן די וואַקסנדע פאָדערונגען. „דער אַרעסט פון יונגע פּאָליאַקן בשעת זיי פאַרלאָזן דעם קלויסטער אָדער סינעמאַ", האָט פראַנק געשריבן אין זיין טאָג־בוך, „וועט אַרויסרופן ביי דער

פּוילישער באַפעלקערונג אַ וואַקסנדע נערוואָזיטעט. איך האָב אָבער גאָרניט קעגן, מען זאָל כאַפּן גלייך פון די גאַסן יענעם מענטשישן מיסט וואָס איז פעיק צו אַרבעטן און דרייט זיך אָפּט אַרום ליידיק. דער בעסטער מעטאָד דערביי איז צו אָרגאַניזירן אַן איבערפאַל".

וואָס מער אַרבעטער עס האָט זיך געפאָדערט, אַלץ אָפטער זענען פאָרגעקומען אַזעלכע איבערפאַלן. אין 1942 איז אַנטשטאַנען אַ נויטווענדיקייט פאַר אַ סך מער פוילישע אַרבעטער. מען האָט געוואָלט מיט די פּאָליאַקן פאַרבייטן יענע יידן וואָס זענען נאָך אַלץ געווען באַשעפטיקט אין דייטשלאַנד, כדי זיי צו עוואַקוירן. דער גורל פון אָט־די יידן קומט צום פאַרשיין אין דעם לעצטן קאַפּיטל. וואָס שייך די פּאָליאַקן, וואָס מען האָט זיי דעפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד כדי צו פאַרבייטן די יידן, האָט אַן אינסטרוקציע פון דעם באַפולמעכטיקטן גענעראַל פאַר אַרבעטקראַפט באַשטימט, מען זאָל זיי שיקן אויף אַרבעט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, „אויף וויפל זיי זענען קרימינעלע אָדער אַסאָציאַלע עלעמענטן". די איבעריקע פּאָליאַקן האָבן געדאַרפט ווערן טראַנספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד, אָן די משפחות, און ווערן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די אַרבעטס־אַמטן פאַר די וואָפן־פאַבריקן. דערמיט האָבן די דייטשן דירעקט געבראָכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ.

ווי עס האָט אַזוי אָפט געטראָפן אין משך פון דער מלחמה, האָבן אָט־די צו דראַסטישע מעטאָדן ניט שטענדיק געבראַכט יענע רעזולטאַטן וואָס די איניציאַטאָרן האָבן דערוואַרט אָדער געהאָפט. פּונקט ווי דאָס דערשיסן די ערבות־לייט האָט שפּעטער אין פראַנקרייך בלויז פאַרשטאַרקט דעם ווידערשטאַנד קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע, אַזוי האָט די „ווילדע און האַרטנעקיקע מענטשן־יאַגד" אויף אַרבעטער אין פּוילן אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע רעאַקציע. איינער פון זאַוקעל'ס געהילפן האָט אויף אַ זיצונג פון היטלער'ס צענטראַלער פּלאַנירונג־קאָמיסיע, ראַפּאָרטירט מיט די פאָלגנדע ווערטער:

די סיטואַציע אין פּוילן איז אין דעם מאָמענט אַ העכסט ערנסטע. דער ווידערשטאַנד קעגן אונדזער אַדמיניסטראַציע איז זייער שטאַרק... אַזוי צום ביישפּיל, איז צוריק מיט פערצן טעג דערשאָסן געוואָרן דער הויפּט פון אונדזער

אַרבעטס־אַמט אין װאַרשע. אָן דער הילף פון פּאָליציי כוחות קומט אָן שווער ביז גאָר צו רעקרוטירן (אויף אַרבעט), אַפילו װען מען מאַכט עס מיטן בעסטן װילן.

אין די אָקופּירטע מיזרח־טעריטאָריעס, וואָס האָבן איינגעשלאָסן אויך רוסלאַנד, האָט די צוואַנג־װערבירונג אויף אַרבעט זיך געפירט אין אַ סך אַ ברייטערן מאַסשטאַב. אין 1942 האָט זאַוקעל אַרויסגעלאָזט באַפעלן, מען זאָל צונויפטרייבן אין אוקראַינע צוויי מיליאָן אַרבעטער. אַריבערשיקנדיק די פּאָדערונגען צו ראָזענבערג׳ן, וואָס איז דאַמאָלס געווען דער רייכס־מיניסטער פאַר די אָקופּירטע מיזרח טעריטאָריעס, האָט זאַוקעל געשריבן: „איך ווייס גוט די שוועריקייטן וואָס וועלן אַנטשטיין ביים אויספירן אָט דעם נייעם באַפעל, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אויב מען וועט האַרטנעקיק אויסנוצן אַלע רעסורסן און די פולע קאָ־אָפּעראַציע פון אַלע באַטרעפנדע, וועט מען די פּאָדערונג קאָנען אויספירן ביז צו דעם באַשטימטן טערמין״. אַלע רעסורסן זענען טאַקע האַרטנעקיק אויסגענוצט געוואָרן, און עס איז באמת געווען אַ פולע קאָ־אָפּעראַציע, דערהויפּט מצד דעם רייכס־קאָמיסאַר פאַר אוקראַינע צו וועמען ראָזענבערג האָט איבערגעשיקט אָט־די באַפעלן.

זיין רעאַקציע אויף די פּאָדערונגען איז געווען גיט אומכאַראַק־טעריסטיש.

מיר זענען אַ הערן־פאָלק... איך וועל אויסזויגן דעם לעצטן טראָפּן חיות פון אָט דעם לאַנד. די איינוווינער מוזן אַרבעטן, אַרבעטן, און ווידער אַרבעטן. אייניקע רעגן זיך אויף אַז די באַפעלקערונג וועט, מעגלעך, ניט האָבן גענוג צום עסן. זיי קאָנען דאָס גאָרניט פאַרלאַנגען. מיר זענען איינגאַנצן ניט געקומען צו געבן זיי מן פונעם הימל. מיר זענען אַ הערן־פאָלק און מיר דאַרפן שטענדיק געדענקן, אַז דער נידעריקסטער דייטשישער אַרבעטער איז ראַסיש און ביאָלאָגיש טויזנט מאָל מער ווערט ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון דאַנען.

אויך דער רייכספירער הימלער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גרעסערע פאַרשטענדעניש. ער האָט געשריבן:

וואָס עס געשעט מיט די רוסן אינטערעסירט מיך בכלל ניט. צי אַנדערע פעלקער זענען אין אַ פּראָספּעריטי אָדער זיי שטאַרבן פון הונגער, אינטערעסירט מיך אַזוי ווייט אויף וויפל מיר נייטיקן זיך אין זיי, אַלס אין שקלאַפן פאַר אונדזער קולטור. ווען 10.000 רוסישע פרויען פאַלן אויסגעשעפּט ביים גראָבן אַן אַנטי־טאַנק טראַנשעע, אינטע־רעסירט עס מיך אינגאַנצן ניט, אויב נאָר די טראַנשעע איז פאַרטיק געמאַכט פאַר דייטשלאַנד.

ווען דאָס צוואַנג־רעקרוטירן פון אַרבעטער פאַר דייטשלאַנד איז דערגאַנגען צום אַפּאָגיי, האָט זיך גלייכצייטיק דערמיט אויך פאַרשטאַרקט דער פּאַרטיזאַנען־ווידערשטאַנד. כדי אויסצומיידן די דעפּאָרטאַציע, האָבן אַ סך רוסן פאַרלאָזט זייערע היימען, זענען אַוועק אין די וועלדער, און צוגעשטאַנען דאָרט צו די גערילאַ־באַנדעס. פּונקט אַזוי ווי היטלער׳ס קאָמיסאַרן־באַפעל האָט ממש געטריבן די רוסישע אַרמייען, זיי זאָלן פעסטער בלייבן שטיין, קעמפן ביזן סוף און ניט אָפּטרעטן, אַזוי האָט אויך דער באַנייטער דרוק אויף שקלאַפן־אַרבעט פאַרמינערט די צאָל פּאָטענציעלע שקלאַפן, און גלייכצייטיק פאַרמערט דעם ווידערשטאַנד פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

האָט מען, דעריבער, כדי אַריינצוקריגן רוסישע אַרבעטער, אונטערגענומען נאָך מער האַרטנעקיקע שריט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע מענטשן־יאַגד.

צווישן די דאָקומענטן וואָס מען האָט נאָך ראָזענבערג׳ס אַרעסט געפונען אין זיינע פּאַפּירן, זענען געווען אויסשניטן וואָס די נאַצי־צענזאָרן האָבן אַרויסגענומען פון רוסישע בריוו, געשריבן אין יענעם פּעריאָד. אין איינעם פון זיי איז געשטאַנען:

ביי אונדז זענען פאָרגעקומען נייע געשעענישן. מען כאַפּט מענטשן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דעם 5־טן אָקטאָבער איז אָנגעקומען די ריי פון אייניקע מענטשן אין קאַווקאַז, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט גיין, און די

דייטשן האָבן אונטערגעצונדן דאָס דאָרף. ווען זיי האָבן ניט געקאָנט געפינען די אַלע וואָס האָבן געדאַרפט גיין פון באַראַנאָוויצקי, זענען אַנגעפאַרן דריי לאַסט־אויטאָס מיט דייטשן, און זיי האָבן אונטערגעצונדן די הייזער פון די אַפּוועזנדע.

אַן אַנדערער האָט געשריבן:

דעם 1־טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען אַ נייע רעקרוטי־רונג פון אַרבעטקראַפט. איך וועל באַשרייבן נאָר דאָס וויכטיקסטע פון דעם וואָס איז געשען. דו קאָנסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן די אַכזריות. דו געדענקסט מן הסתם וואָס מען האָט אונדז, בשעת דער פוילישער מאַכט, דערציילט וועגן די סאָוועטן. מיר האָבן דאַמאָלס ניט געגלויבט, און אַפילו איצט דאַכט זיך עס אויס ניט וואָרשיינלעך. עס איז געקומען אַ פאָדערונג אויף פינף און צוואַנציק אַרבעטער, אָבער קיין איינער האָט זיך ניט צוגעשטעלט. אַלע זענען אַנטלאָפן. דאַן איז געקומען די דייטשישע פּאָליציי און האָט אונטערגעצונדן די הייזער פון די אַנטלאָפענע. דער פייער האָט זיך ווילד צעפלאַקערט, ווייל עס האָט שוין ניט גערעגנט אַ צוויי מאָנאַטן צייט. דערצו זענען נאָך אין די פאַרם־הויפן געווען די סקירדעס מיט קערנער־תבואה. דו קאָנסט זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן. מענטשן זענען געלאָפן ראַטעווען, האָט מען זיי ניט געלאָזט לעשן, זיי געשלאָגן און אַרעסטירט. דערווייל האָט די פּאָליציי אונטערגעצונדן נאָך אַנדערע הייזער. די מענטשן זענען געפאַלן אויף די קני פאַר די פּאָליציסטן, געקושט זייערע הענט, אָבער יענע האָבן געשלאָגן מיט גומענע שטעקנס און געדראָט אַוועקלאָזן מיטן פייער דאָס גאַנצע דאָרף. איך ווייס ניט וואָס עס וואָלט געווען דער סוף, ווען סאַפּורקאַני מישט זיך ניט אַריין. ער האָט צוגעזאָגט אויף מאָרגן מער אַרבעטער.

אַ דריטער האָט באַשריבן די יאַגד אין אַן אַנדער געביט:

זייער געיעג דויערט שוין דאָ אַ וואָך צייט, און עס איז

זיי נאָך אַלץ ניט גענוג. די געפאַנגענע אַרבעטער זיצן פאַרשפּאַרט אין דער שול־געביידע. זיי קאָנען אפילו ניט ווי עס דאַרף צו זיין, דערליידיקן זייערע נאַטירלעכע באַדערפעניש. זיי מוזן עס טאָן, ווי חזירים, אין דעם זעלבן צימער. די טעג האָבן מענטשן פון די אַרומיקע דערפער זיך געלאָזט עולה־רגל זיין צום פּאָטשאַיאָווער מאָנאַסטיר, האָט מען זיי אַלעמען אַרעסטירט, איינגעשפּאַרט, און מען קלייבט זיך שיקן זיי אויף אַרבעט. צווישן זיי זענען דאָ קריפּלען, בלינדע און אַלטע.

אַ דיסטריקט קאָמיסאַר נעבן קיעוו האָט אין אַ באַריכט וועגן זיין טעטיקייט אין 1942, אַזוי געשריבן צום מיניסטער ראָזענבערג:

אין אויגוסט 1942 האָט מען געמוזט אָננעמען מיטלען קעגן צוויי משפּחות וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געדאַרפט צושטעלן אַן אַרבעט־רעקרוט.ביידע זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן, אָבער זיי זענען ניט געקומען. מען האָט זיי געדאַרפט ברענגען מיט געוואַלד, אָבער עס איז זיי געלונגען צוויי מאָל צו אַנטלויפן פונעם זאַמל־פונקט אין קיעוו. פאַרן צווייטן אַרעסט האָט מען אַריינגעזעצט די פּאָטערס פון ביידע אַרבעטער אויף אַזוי לאַנג ביז זייערע זין וועלן דערשיינען. צום סוף האָב איך באַשלאָסן אונטערנעמען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל דער, אַלץ מער און מער בונטאַרישער, אוקראַינישער יוגנט קלאָר באַווייזן, אַז זיי מוזן פאָלגן אונדזערע באַפעלן. איך האָב געהייסן פאַרברענען די הייזער פון ביידע אַנטלאָפענע.

און דאַן פאָלגט די ממש איבלדיק פאַלשע פראַזע:

די לאָקאַלע באַפעלקערונג האָט גוט אויפגענומען אָט די האַרבע שטראָף, ווייל ביידע משפּחות האָבן פריער מיט גרינגשעצונג און ביטול זיך באַצויגן צו יענע אָרנטלעכע מענטשן וואָס האָבן פרייוויליק צוגעשטעלט זייערע קינדער צו דער אַרבעט־מאָביליזאַציע.

דער הויפּט־טויער פון אוישוויצער קאַצעט



איינע פון בוכנוואלדער קרעמאטאָריעס



דאָס פאַרקריפּל'ען פּרויען־פיס

קינסטלעכע גלידער, וואָס שטאַמען פון די קרבנות אין די גאַז־צימערן

אָבער דער באַפולמעכטיקטער גענעראַל פאַר אַרבעט *) האָט דאָך אַליין געזאָגט אַז צווישן די פינף מיליאָן אויסלענדישע אַרבע־טער, וואָס מען האָט פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס געבראַכט קיין דייטשלאַנד, זענען אַפילו קיין צוויי הונדערט טויזנט ניט געקומען פרייוויליק.

דערווייל האָבן די אַלע האַרבע און ברוטאַלע מעטאָדן סיי־ווי ניט געהאַט קיין דערפאָלג. דאָס פאַרברעכן גאַנצע דערפער האָט ניט געבראַכט מער רעקרוטן; אָבער פונדעסטוועגן, אויך אָן שום דערפאָלג, האָט מען אָט די מעטאָדן אָנגעווענדט ווייטער; און מען האָט די ס.ס. טיילן באַפוילן צו נעמען אָנטייל אין די איבערפאַלן אויף די דערפער, פאַרברענען זיי, און די גאַנצע באַפעלקערונג דעפאָרטירן מיט געוואַלד קיין דייטשלאַנד, אַלס שקלאַפן.

דאָס איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג. אין די זאַמל־און טראַנזיט קעמפן, וואָס די שווער־געטראָפענע מענטשן זענען אַדורכגעגאַנגען, האָט מען זיי שטאַרק דערנידעריקט, ביז גאָר שלעכט און ברוטאַל באַהאַנדלט, און מען האָט זיי נאָכדעם טראַנספּאָרטירט קיין דייטש־לאַנד אין ממש מוראָ׳דיקע באַדינגונגען.

מען האָט זיי, געווייינלעך, אַרויסגעכאַפּט פון זייערע היימען אַזוי האַסטיק, אַז זיי האָבן אַפילו ניט באַוויזן עפּעס־וואָס מיטצונעמען אין וועג אַריין; צומאָל האָט מען זיי אַוועקגעשלעפּט האַלב־אָנגעטאָן; טיילמאָל אַפילו אין נאַכט־העמדער. מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין קעלערס, געשלאָגן, געהאַלטן אָן עסן און טרינקען, אָן טואַלעט באַקוועמלעכקייטן, און בשעת די מעדיציניש׳ע אונטערזוכונגען האָט מען די פרויען ציניש באַהאַנדלט.

די פאָלגנדע שילדערונג איז גענומען פון אַ פאַרכאַפּטן דאָקומענט.

אין די דוש־צימערן פאַר פרויען און מיידלעך האָבן טיילווייז באַדינט מענער, וועלכע פלעגן אַפילו אַרויסהעלפן ביים אָנזייפן זיי. די מענער האָבן אויך געמאַכט פאָטאָגראַפישע בילדער אין די דוש־צימערן. אַזוי ווי די מערהייט צווישן די אוקראַינישע פויערטעס זענען פון אַ

*) זאַוקעל.

היכן מאָראַלישן סטאַנדאַרד און זיי זענען געווינט צו שטרענגער צניעות, — מוזן זיי זיך דערביי פילן שטאַרק דערנידעריקט.

דער דאָקומענט, פון וועלכן דער אויבנגעבראַכטער אויסצוג איז גענומען, שטעלט ווייטער פעסט, אַז אַזעלכע אינצידענטן „פּאַסן אינגאַנצן ניט פאַרן כבוד און פּרעסטיזש פון דעם גרויסן דייטשן רייך", אָבער דער גרויסער דייטשישער רייך האָט אַ פּנים ווינציק אָדער בכלל גאָרניט געטאָן כדי צו באַזייטיקן אָט־דעם פלעק פון זיין רעפּוטאַציע.

אויף זייער רייזע פון רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד, האָט מען צוזאַמען מיט אַנדערע אַריינגעשטופּט אין די פי־וואַגאָנען אויך קראַנקע און שוואַכע. פון פופציק ביז זעכציק אין יעדן וואַגאָן. מען האָט גאָרניט אַראַנזשירט אויף צו שפּייזן זיי אין וועג. זיי האָבן ניט געהאַט קיין וואַסער, און זיי זענען געווען געצוווּנגען צו דערליידיקן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן דאָרט, וווּ זיי זענען געשטאַנען אָדער געלעגן. אַ סך צווישן זיי האָבן שוין ביים אָנקומען קיין דייטשלאַנד ניט געטויגט פאַר קיין שום אַרבעט, און דעמאָלט האָט מען זיי אָפּגעשיקט צוריק קיין רוסלאַנד אין ענלעכע באַדינגונגען.

די אומשטאַנדן ביי וועלכע מען האָט צוריקגעשיקט די דעפּאָרטירטע, זענען געווען גוט באַקאַנט דעם מיניסטעריום פונעם באַפולמעכטיקטן זאַוקעל, און דאָס ווייזט דער פאָלגענדער באַריכט, וואָס איז געוואָרן צונויפגעשטעלט אין ראָזענבערג'ס אַמט.

פרויען האָבן אין אָט־דעם צוג געבוירן קינדער, וועלכע מען האָט אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצטער אין פולן גאַנג. מענטשן מיט טובערקולאָז און ווענערישע קראַנקייטן זענען געפאָרן אין דעם זעלבן וואַגאָן; גוסס'דיקע זענען געלעגן אינעם לאַסט־וואַגאָן אָן אַ ביסל שטרוי; איינעם אַ טויטן האָט מען אַרויסגעוואָרפן אויף דער באַן־ראַמפּע. ענלעכע זאַכן זענען געוויס פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע טראַנספּאָרטן אויף זייער צוריקוועג.

מען האָט די שקלאַפן־אַרבעטער דעפּאָרטירט ניט בלויז פון פּוילן און רוסלאַנד. פיל טויזנטער זענען אויך דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך, פון האָלאַנד, פון בעלגיען, און שפּעטער פון איטאַליען.

אין פראַנקרייך איז מען, פון 1940 ביזן סוף 1942, צוגעגאַנגען צו דעם ענין מיט אַ געוויסער פאָרזיכטיקייט. דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער שטעלונג פון די נאַציס לגבי פראַנקרייך, מיט אַן איבעראַשנדיקער נאַיווקייט, ווייל זיי האָבן דאָך אייגנטלעך געקאָנט פאַרשטיין בעסער, האָבן זייביים אָנהייב געפּרוווט פאַרבלענדן די פראַנצויזן מיט זיסע ריידעלעך און פיינע מאַנירן, מיט אינסטרוקציעס פאַר די זעלנער זיך אויפצופירן „קאָרעקט".

אָבער מיטן האַרצן איז פראַנקרייך קיינמאָל ניט געווען אין ווישי, און אַזוי שנעל ווי זי איז געקומען צו זיך נאָך דעם גרויסן קלאַפּ פון דער מפּלה, וואָס דע־גאָל האָט עס אָנגערופן די „ערשטע שלאַכט" אינעם קריג, איז געוואָרן קלאָר, אַז די גאַליע'שע יונגפרוי וועט זיך ניט לאָזן, מען זאָל זי געווינען מיט ליבע אָדער מען זאָל זי פאַרפירן. סיידן און נאָר מען זאָל זי פאַרגוואַלדיקן.

אין משך פון די פאָלגנדע חדשים איז זאַוקעל'ס מאַכט באַדייטנד פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די דעקרעטן פון היטלער'ן און גערינג'ן, און ער האָט באַקומען אַ פולע יורידישע קאָמפּעטענץ אויסצופירן די אויפגאַבע וואָס דער פירער האָט פאַר אים געשטעלט. און פון זיין רעזידענץ אין דעם פּאַריזער האָטעל „ריץ", האָט ער אַ סך פראַנצויזן אַוועקגעשיקט צו קנעכטשאַפט און צום טויט.

אין די אָפיציעלע מעלדונגען האָט ער מיט דער געוויינלעכער באַרימעריי באַרעכטיקט זיין פּאָליטיק אויפן גרונד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע. דער מערקווערדיקער געוואַלדשוווּנג פון דעם קריג, האָט ער געזאָגט, האָט אים געצוווּנגען צו מאָביליזירן, אין נאָמען פון דעם פירער, אַ סך מיליאָנען אויסלענדער פאַר דער דייטשער קריגס־ווירטשאַפט. דאָס איז געווען בויטוּוענדיק, כדי צו פאַרהיטן דאָס לעבן און די פרייהייט פונעם דייטשן פאָלק, כדי אָפּצוהיטן די מערב קולטור פאַר יענע וואָס,

„אַלס קאָנטראַסט צו די פּאַראַזיטישע יידן און פּלוטאָקראַטן״, באַזיצן זיי דעם ערלעכן ווילן און כוח צו לעבן אויף זייער אייגענעם חשבון. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער אַרט אַרבעט וואָס עס האָט פֿאַרלאַנגט דער ווערסאַלער אָפּמאַך, צוזאַמען מיט די פּלענער פֿון דייווים און יאַנג, און דער אַרט אַרבעט וואָס ער, אַלס דער באַפֿולמעכטיקער פֿון היטלער׳ן, האָט דעם כבוד צו פֿאָדערן. יענע האָט אָנגענומען די פֿאָרעם פֿון קנעכטשאַפֿט לטובת דער מאַכט פֿון יידן, — זיין אַרבעט איז אַ צושטייער צום קאַמף פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון דייטשלאַנד און אירע פֿאַרבינדעטע.

אָבער דער פּלאַן האָט באַצוועקט ניט בלויז צו העלפֿן דעם דייטשישן קריגס־שוונג. די אויסראָטונג דורך אַרבעט איז געווען אַ גרונד עלעמענט פֿון דער פּאָליטיק גופֿא, און ניט בלויז איינע פֿון אירע קאָנסעקווענצן. צוליב דעם ציל, האָט מען אין דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע אויסגעשעפּט דעם אויסלענדישן אַרבעטער ביזן לעצטן טראָפּן פֿון זיין געזונט און כוח.

אין 1942, האָט זאַוקעל באַקומען נאָך אַ גרעסערע קראַפֿט איבער דער ציווילער און מיליטערישער מאַכט אין די טעריטאָריעס אָקופּירט דורך די דייטשע באַוואָפֿנטע כוחות. דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו האָבן זיינע אייגענע פֿאָרשטייער אין די שטאַבן פֿון מיליטערישע קאָמאַנדעס, און צו געבן זיי דירעקטע באַפֿעלן, איבער די קעפּ פֿון זייערע מיליטערישע קאָמאַנדירן.

דער גענעראַל פֿאָן פֿאַלקענהאַוזען, וואָס איז געווען דער מיליטערישער גובערנאַטאָר גלייכצייטיק פֿון בעלגיע און צפֿון־פֿראַנקרייך, האָט עדות געזאָגט *) אַז ווען מען האָט איבערגעגעבן זאַוקעלן די אָנפֿירונג מיט דער רעקרוטן־אַרבעט, האָט זיך דער אַלטער סדר געענדערט. פֿריער איז אין זיין שטאַב געווען אַן אָפֿיציר, וואָס איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דינגען אַרבעטער און די אַרבעט, אַזוי האָט פֿאָן פֿאַלקענהאַוזען פֿאַרזיכערט, איז געווען אַ ריין פֿרייוויליקע. נאָכדעם, זענען די באַפֿעלן פֿאַר דער אַרבעט־

*) גענעראַל פֿאָן פֿאַלקענהאַוזען איז געוואָרן פֿאַרהערט דעם 27־טן נאָוועמבער 1945 דורך דער פֿראַנצייזישער אויספֿאָרשונג־סעקציע פֿאַר די קריגס־פֿאַרברעכנס.

אָפּטיילונג געקומען דירעקט פון זאַוקעל׳ן, און פאַר דעם מיליטערישן גובערנאַטאָר איז נאָר געבליבן זיי אויסצופירן.

אין משך פון דער גאַנצער אָקופּאַציע, האָבן די לאָקאַלע פעלד־קאָמאַנדירן זיך באַנוצט מיט רעקרוטן־אַרבעט פאַר דער וואַך־דינסט און פאַר די באַפעסטיגונגען. אין פראַנקרייך האָבן זיי ביי דער צוואַנג אַרבעט באַשעפטיקט אינדאָ־כינעזער און אַרבעטער פון צפון־אַפריקע. אין דער צווייטער העלפט פון 1942 האָט מען געבראַכט קיין פראַנקרייך צוליב דער טאָדט אָרגאַניזאַציע *) צוויי גרויסע טראַנספּאָרטן מיט שקלאַפן; 5.560 אַלזשירער און 1.825 מאַראָקאַנער.

אויך די Chantiers de Jeunesse**) האָט מען פון 1943 און ווייטער אויסגענוצט פאַר צוואַנגאַרבעט. אין יאַנואַר 1943 האָט דער אַרבעט־אַמט ביי דער דייטשער וואַפנרו־קאָמיסיע אין פּאַריז געמאָלדן, אז דער מערב הויפּט־קאָמאַנדיר, דעמאָלט איז עס געווען פאָן רונדשטעדט ***), באַהאַנדלט די פראַגע, ווי אַזוי קאָן

---

*) די טאָדט אָרגאַניזאַציע איז געווען אַן אַרבעטס־אַמט וואָס האָט באַשעפטיקט אַרבעטער אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס, אין אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי די אַטלאַנטישע וואַנט און ווי דער אויפבוי פון מיליטערישע שאָסייען. אַלבערט שפּער, דער רייכס־מיניסטער פאַר באַוואָפע־נונג און קריגס־פּראָדוקציע, האָט צוגעצויגן דערצו, אַלס פאַרשטאַרקונג, אויך צוואַנגאַרבעט. די אָרגאַניזאַציע האָט געטראָגן דעם נאָמען פון איר גרינדער פריץ טאָדט, וואָס איז געשטאָרבן אין 1942, און וואָס זיין נאָכפאָלגער איז געווען שפּער.

**) דאָס איז געווען אַ יוגנט אָרגאַניזאַציע וואָס מאַרשאַל פּעטען האָט געגרינדעט נאָכן וואַפנרו, און וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען פאַרמירט לויטן מוסטער פון דער היטלער יוגנט. זייער מאַרש־געזאַנג האָט געהאַט דעם רעפרען "Maréchale, nous voilà"

***) פעלד־מאַרשאַל רונדשטעדט איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע גענעראַלן אין דער דייטשער אַרמיי, וואָס האָט געהערט צו דער אַלטער שול. ער איז שפּעטער געווען דער איניציאַטאָר פון דער אַרדענער קאָנטער־אָפענסיווע, אין דעצעמבער 1944, וועלכע איז געווען דייטשלאַנד׳ס לעצטער צוריקקלאַפּ. ער האָט אין 1949 געזאָלט שטיין פאַר אַ מישפּט, אַלס קריגס־פאַרברעכער, אָבער די פאַרהאַנדלונגען זענען ניט פאָרגעקומען, ווייל אַ

מען אויפפאָדערן מער פראַנצייזישע אַרבעט כדי צו פאַרווירקלעכן אויפגאַבן, „וויכטיקע פאַר ביידע לענדער". און אויך, אז עס איז דאָ אַ כוונה צו רעקרוטירן מיטגלידער פון יענער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. די דייטשן האָבן אויסגענוצט אַ סך פון אָט־די נייע רעקרוטן פאַר יעדער אַרבעט אויף די באַפעסטיגונגען, וואָס זענען געוואָרן באַקאַנט אַלס די „אַטלאַנטישע וואַנט". עס איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער בוי פון שוצפעסטונגען קעגן די אַליירטע אַרמייען, וואָס האָבן זיך דאַמאָלס געגרייט צו באַפרייען פראַנקרייך, קאָן ווערן באַצייכנט, אַפילו אומגעפער, אַלס אַן אויפגאַבע „וויכטיק פאַר ביידע לענדער".

ווען דער ווידערשטאַנד צו אַרבעט־רעקרוטירונג האָט זיך געשטאַרקט, האָט די אָקופּיר־מאַכט פאַרעפנטלעכט גזירות וואָס האָבן געדראָט מיט טויט־שטראָף פאַר די ווידערשפעניקע. די גזירה פון 31־טן יאַנואַר 1942 האָט געקלונגען אַזוי:

> ווער עס וועט זיך אָפּזאָגן צו געבן דינסט אָדער פאַרמעגן, וואָס ווערט פון אים געפאָדערט דורך דעם מיליטערישן קאָמאַנדיר אין פראַנקרייך, אָדער דורך יעדער מאַכט באַפולמעכטיקט דורך אים... וועט באַקומען די שטראָף פון קנעכטשאַפט... אין ערנסטע פאַלן מעג אַנגעווענדט ווערן טויט־שטראָף.

אָט די ערנסטע פאַלן פון ברעכן די האַג־תּקנות האָבן אַרויסגערופן אַנטאַליקע פּראָטעסטן מצד דעם גענעראַל דאַיען, דעם פראַנצייזישן דעלעגאַט ביי דער דייטשער וואַפנרו־קאָמיסיע.

שוין אין 1941 האָט ער געמאַכט אויפמערקזאַם אויף דער ניט־לעגאַלער אויסנוצונג פון צוואַנגאַרבעט אין דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע ביים אויספירן „מיליטערישע אַרבעט אויפן ברעג פון בריטען". ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז די פראַנצייזישע ציווילע מאַכט ווערט געצוווּנגען צוצושטעלן וואַך־דינסט פאַר געפערלעכע פונקטן, פאַר בריקן, טונעלן, אַמוניציע־דעפּאָ׳ס, און אָפּעריר־אַעראָדראָמען; און

ספּעציעלע מעדיצינישע קאָמיסיע האָט דערקלערט אַז ער איז ניט אין שטאַנד צו שטיין פאַר אַ געריכט.

ער האָט, אַלס צוגאָב, צוגעשיקט אַ רשימה פון יענע דינסטן וואָס די דייטשן האָבן אויסגענוצט.

גענעראַל דאַיען האָט אויך שטורמיש פּראָטעסטירט קעגן דער גזירה פונעם 31־טן יאַנואַר 1942, און ער האָט פעסטגעשטעלט אַז זי ווידערשפּרעכט סיי דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ און סיי דער װאַפנרו־קאָנווענץ.

די דייטשישע טענה, אַזוי אָפּט איבערגעחזר׳ט, אַז די אַרבעט־רעקרוטירונג אין פראַנקרייך איז פאָרגעקומען אויף אַ ריין פרייוויליקן באַזיס, — האָט ניט קיין שום באַגרינדונג. די אַרבעטער וואָס האָבן אונטערגעחתמ׳עט אַרבעט־קאָנטראַקטן, זענען געשטאַנען אונטער יענעם פיזישן און גייסטיקן דרוק וואָס די דייטשן האָבן זיך דערמיט אַזוי אויסגעצייכנט. דער דרוק איז געווען, גלייכצייטיק, אַ קאָלעקטיווער און אַ פּערזענלעכער.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז דער דרוק איז געווען אַ פאַר־ויס־געפּלאַנטער, ווי עס דערווייזן די פאָלגנדע אויסצוגן פון אַ דייטשער אינסטרוקציע.

אָביעקט: — פאַרגרעסערטע אַרבעט־מאָביליזאַציע אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס פאַר דייטשלאַנד און צוגרייטונג פאַר אַ מאָביליזאַציע מ י ט כ ו ח. דער מאַנגל פון אַרבעטער אינעם רייך פאָדערט אַז מען זאָל אין די אָקופּירטע טערי־טאָריעס רעקרוטירן מער אַרבעטער ווי פריער... צו ערשט זאָל מען די מאָביליזאַציע דורכפירן אויף יענעם פרייוויליקן באַזיס, ווי ביז איצט. אויב מען וויל, אָבער, דערגרייכן גוטע רעזולטאַטן, דאַרפן די געהעריקע דייטשע אינסטאַנצן אָנווענדן י ע ד ן ג ײ ס ט י ק ן ד ר ו ק.

אָט די אַלגעמיינע דירעקטיוו איז געטריי אויסגעפירט געוואָרן דורך יענע צו וועמען זי איז געווען אַדרעסירט, און בעיקר דורך זאַוקעל׳ס פאָרשטייער אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, נאָר־וועגיע און לוקסעמבורג. כדי אָפּצונאַרן די אַרבעטער פון יענע לענדער, האָט מען געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע וועגן די גליקן וואָס די דייטשע אַרבעט־אַמטן לייגן ביבע פאָר. מיט דער פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך פאַרנומען די פּרעסע און דער ראַדיאָ.

אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע האָט געבראַכט נעבעכדיקע רעזולטאַטן, ווייל עס האָט ניט געדויערט לאַנג, ביז די פראַנצויזן האָבן דערזען, אַז די מאַטעריעלע גליקן עקזיסטירן בכלל ניט. אַ ווייטערדיקער שריט איז, דעריבער, געווען קינסטלעך צו שאַפן אַרבעטלאָזיקייט, אַראָפּני־דערן די לעבנסבאַדינגונגען פאַר די אַרבעטער און די סובסידיע פאַר די אַרבעטלאָזע. אויך דאָס איז דורכגעפאַלן, און דאַן איז אויפן אָרט פון דער אַזוי־גערופענער פרייוויליקער רעקרוטירונג — געקומען דער צוואַנג.

וועגן איין מיטל אַזאַ ווי אַזוי צו קריגן פראַנצייזישע און בעלגישע שקלאַפן, האָט זאַוקעל דערקלערט אויף אַ קאָנפערענץ אין 1944, אין שייכות מיט דעם פיר־יאָר־פּלאַן. דער פאָלגנדער אויסצוג איז ציטירט פון די סטענאָגראַפישע נאָטיצן, געמאַכט בשעת די עצם פאַרהאַנדלונגען. „דער ריזיקסטער שווערפּונקט וואָס פאַרשאַפט מיר גרויסע זאָרגן, איז דער פאַקט, אַז עס איז ניטאָ קיין אָרגאַני־זאַציע אין אָט־די דיסטריקטן צו רעקרוטירן פראַנצויזן און בעלגיער אויף אַרבעט. אַזוי, אַז איך האָב באַדאַרפט טרענירן אַ גאַנצן שטאַט, פון ביידע מינים, זיי זאָלן פאַר אַ גוטן לוין גיין אויף אַ מענטשן־יאַגד, ווי מען פלעגט עס אין די אַמאָליקע אַלטע צייטן מאַכן אין די „שאַנכאַי־אַקציעס", און אַריינבאַרן מענטשן, מיט דער הילף פון ליקער אָדער זיסע רייד". עס זענען זיכער געווען אַ סך פראַנצויזן וואָס, נאָך אַ פאַרווײלונג־אָוונט, האָבן זיי זיך אויף מאָרגן אויפגעכאַפּט אין אַ בהמות־וואַגאָן, אויפן וועג קיין דייטשלאַנד, מיט אַ קאָפּווייטאָג, און מיט אַ בילעט אין איין ריכטונג, — קיין דאַכאַו *), ווי אַ וואָפן־פאַבריק אין דער רור־געגנט.

דער דירעקטער דרוק וואָס מען האָט אָנגעווענדט אויף די אַרבעטער איז געווען אַ צווייענדיקער, אַ מאָראַלישער און אַ מאַטעריעלער. די דייטשן האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן די דעפּאָר־טאַציע פון פראַנצייזישע אַרבעטער קיין דייטשלאַנד קאָמפּענסירן מיט דער באַפרייונג פון אַן אַנטשפּרעכיקער צאָל קריגס־געפאַנגענע. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי קלייבן זיך באַפרייען בלויז אין אַ פּראָפּאָרץ פון איין קריגס־געפאַנגענעם פאַר פינף אַרבעטער.

---

*) איינער פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דרום־דייטשלאַנד. זע קאַפּיטל VI.



מאסן־קבר אין בעלזעץ



א בילד פון קאצעט

ענגלישע זעלנער רוימען־אָפּ דעם לאגער מיט בולדאָזן

די אַרט פון אַנגעווענדטן מאַטעריעלן דרוק ווערט אילוסטרירט אין דעם פאָלגנדן בריוו, וואָס די אָפּטיילונג פון דעם רייכס־מיניס־טעריום פאַר אַרבעט אין פּאַ־דע־קאַלע האָט געשיקט צו אַ יונגן פראַנצויז.

ג. ה.,

דעם 26־טן מערץ דעם יאָר, אין מאַרקיז, האָב איך אייך באַשטימט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד אין אייער פאַך. און איר האָט געדאַרפט פאָרן מיטן טראַנספּאָרט וואָס איז אַרויס דעם 1־טן אַפּריל. איר האָט אויף דער אויפפאָדערונג ניט געלייגט קיין אַכט. איך וואָרן אייך דערמיט, איר זאָלט צוזאַמען מיט אייער געפּעק זיך צושטעלן דעם נעקסטן מאָנטאָג, דעם 28־טן אַפּריל, פאַר 19 אַ זייגער, אויף דער גאַס פאָם ד׳אַר 51, אין קאַלע. איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז איר פאָרט קיין דייטשלאַנד ווי אַ פרייער אַרבעטער, און אַז איר וועט דאָרט אַרבעטן אין די זעלבע באַדינגונגען און איר וועט באַקומען דעם זעלבן לוין ווי די דייטשע אַרבעטער. אין פאַל אויב איר וועט ניט דערשיינען, מוז איך אייך וואָרענען אַז עס קענען פאָלגן ניט קיין גינסטיקע קאָנסעקווענצן.

דער בריוו איז געווען געחת׳מעט „האַננעראַן, פאָרשטייער פון דעם אַרבעט־מיניסטעריום אין דעם רייך".

עס איז ניט באַקאַנט, צי אָט־די דראָונג פון „ניט גינסטיקע קאָנסעקווענצן" האָט געווירקט אויפן דערהאַלטער פונעם בריוו, און צי ער האָט זיך יאָ אָדער ניט צוגעשטעלט אויפן רוף; אָבער אַ סך אַנדערע האָבן עס אָן שום ספק געטאָן. וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, ווערט דערציילט אַ ביסל שפּעטער אין דעם זעלבן קאַפּיטל.

אין יאַנואַר 1943 האָט זאָוקעל באַקומען אין פּאַריז די ידיעה פון שפּער וועגן דעם פירער׳ס נייעם באַשלוס אַז עס איז שוין מער ניט נייטיק זיך „באַזונדערס צו רעכענען מיט די פראַנצויזן" ביים רעקרוטירן אין פראַנקרייך אַרבעטער, ספּעציאַליסטן און ניט־

ספּעציאַליסטן. די רעקרוטירונג קאָן דערייבער ווערן דורכגעפירט מיטן גרעסטן דרוק און מיט די שטרענגסטע מיטלען.

זאַוקעל האָט דורכגעקוקט די פאָדערונגען, און ער האָט באַשלאָסן, אַז פאַר דער וואָפן־אינדוסטריע אין דייטשלאַנד מוזן גלייך אַרויסגעשיקט ווערן פון פראַנקרייך 150.000 ספּעציאַליסטן, און פון האָלאַנד און בעלגיע נאָך 50.000 דערצו.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז ער בייגעוועזן אויף אַ באַגעגעניש אין דער צענטראַל פּלאַנירונג־קאָמיסיע אין בערלין. ער האָט דאָרט דערציילט אַז אים איז געלונגען איינרעדן לאַוואַל׳ן, וועלכער האָט שוין געהאַט איינגעפירט צוואַנגאַרבעט אין פראַנקרייך, מען זאָל דעם איצטיקן געזעץ פאַרברייטערן אויף נאָך דריי עלטער־יאָרן, און אַז מען האָט שוין גערופן די מענטשן.

אָבער דאָס אַלעס איז געווען ניט מער ווי אַ טראָפּן אין אַן אָקעאַן. אין יוני 1943 האָט זאַוקעל געשיקט היטלער׳ן אַן אַנגעוואָרפענעם פּלאַן פאַר די קומענדיקע זעקס חדשים. דער פּלאַן האָט ביזן סוף יאָר פאַרויסגעזען אַ דעפּאָרטאַציע קיין דייטשלאַנד פון נייע 500.000 שקלאַפן. זאַוקעל האָט געבעטן היטלער׳ס הסכמה דערצו, און ער האָט זי, די הסכמה, באַקומען.

אָבער דער פּלאַן אַליין פאַר זיך איז געווען איין זאַך, — זיין דורכפירונג איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש. זאַוקעל איז געקומען צוריק אין האָטעל ריץ און, פון זיין לוקסוס־רעזידענץ אַרויס, פאַנאַנדערגעוויקלט אַ טעטיקייט אויף דורכזעצן זיין פּראָגראַם. אָבער די פּראָנצויזן זענען שוין געווען געקומען צו זיך פון זייער שרעקלעכן קלאַפּ אין 1940, און דער פּראָיעקט האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ ווייט־פאַרשפּרייטן פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד מצד רעגירונגס אָנגעשטעלטע און מצד קעמפערישע פּאַטריאָטן.

אויף אַ פּעריאָדישער קאָנפערענץ וועגן דעם פיר־יאָר־פּלאַן אין מערץ פון דעם פאָלגנדן יאָר, האָט זאַוקעל געמוזט צוגעבן דעם דורכפאַל. „אין דעם פאַרגאַנגענעם האַרבסט איז די פּראָגראַם פון אַרבעט־מאָביליזאַציע, אינעם פּונקט פון אויסלענדישע אַרבעט־קראַפט, שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן. איך וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די סיבות, מען האָט שוין וועגן דעם גענוג גערעדט. אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגן, איז, — אַז די פּראָגראַם איז צעקלאַפּט״.

די דערקלערונג האָט אָבער די דייטשן ניט אָפּגעהאַלטן, און

טראָץ דעם וואָס די עקזיסטירנדע פּראָגראַם איז דורכגעפאַלן, האָבן זיי דאָך באַשלאָסן אָנצוגיין ווייטער מיטן פּלאַן פון אַריבערפירן, אין לויף פון 1944, העכער אַ מיליאָן אויסלענדישע אַרבעטער קיין דייטשלאַנד. די ציפערן זענען באַשטעטיקט געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ אין יאַנואַר, מיטן אָנטייל פון היטלער׳ן. לויט דעם פּלאַן, האָבן פון פראַנקרייך יעדן מאָנאַט געדאַרפט אָנקומען 91.000, און פון בעלגיען און פון האָלאַנד, פון יעדן לאַנד באַזונדער, צו 25.000 אין משך פונעם גאַנצן יאָר.

זאַוקעל האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט מיט אַלע מיטלען צו דריקן אויף דער ווישי־רעגירונג און צו שטעלן איר אַלץ גרעסערע און גרעסערע פאָדערונגען. אין פעברואַר 1944, איז די ראַם פון צוואַנג־אַרבעט פאַרברייטערט געוואָרן פאַר אַלע מענער צווישן זעכצן און זעכציק, און פאַר אַלע פרויען צווישן אַכצן און פינף און פערציק.

דער באַפולמעכטיקטער גענעראַל האָט, אמת, געמוזט מעלדן היטלערן, אַז דער אַלטער מאַרשאַל פון פראַנקרייך שטימט ניט צו צו דער צוואַנג־אַרבעט פון פרויען פאַרן רייך, אָבער דערפאַר האָט ער געקאָנט אָנזאָגן זיין פירער, אַז די פראַנצייזישע רעגירונג נעמט אָן די פאָדערונג צו דערקלערן טויט־שטראָף פאַר יענע אָנגעשטעלטע וואָס רייסן אַרונטער די רעאַליזירונג פון דער פּראָגראַם. דערביי האָט ער פאַרזיכערט זיין פירער אַז ער האָט קלאָר און דייטלעך געוואָרנט וועגן די ווייטערדיקע, נאָך שטרענגערע, מיטלען אין פאַל, אויב מען וועט ניט צושטעלן מער און מער שקלאַפן.

אָבער דערווייל איז די צייט ניט געשטאַנען אויף איין אָרט, און די באַפרייונג פון פראַנקרייך האָט זיך אָנגערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער.

די דייטשן האָבן באַשלאָסן, אין פאַל פון אַן אינוואַזיע קיין פראַנקרייך מצד די אַליירטע, צו דעפּאָרטירן אַלע מענער וואָס טויגן זיך צו אַרבעט, אָבער ווי נאָר די אַליירטע האָבן געשטעלט אַ פוס אויף דער פראַנצייזישער ערד, האָבן זיי זיך אַזוי שנעל באַוועגט, אַז פאַר די דייטשע פּלענער איז שוין ניט געבליבן קיין צייט.

איידער אָט־די אַלע אַרבעטער האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, האָט מען זיי צוגעזאָגט אַז זיי וועלן אין דייטשלאַנד באַקומען דעמזעלבן לוין ווי דער דייטשער אַרבעטער, אָבער דעם צוזאָג האָט מען קיינמאָל ניט געהאַלטן.

זיי האָבן באַקומען זייער ווייניק, און די געלטשטראָפן וואָס זייערע אַרבעטגעבער פלעגן אַרויפלייגן אויף זיי פאַר דער מינדסטער דיסציפּלין־עבירה, האָבן אָפט דערגרייכט די גרויס פון אַ וואָכן־לוין, און דער אַרבעטער האָט צום סוף גאָרניט געקראָגן. די וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די פאַבריקן, זענען בדרך כלל געווען איינגעזעצט אין אַרבעטס־קעמפן, און די פּוילישע, וואָס זיי האָט מען דערעיקר'שט געשיקט אויף פאַרם־אַרבעט, האָבן געוווינט אין שטאַלן און געווען אויסגעשטעלט אויף קערפּערלעכע שטראָפן.

די אַדמיניסטראַציע פון די קעמפן פאַר אויסלענדישע אַרבעטער איז אָפט געלעגן אין די הענט פון די פירמעס וואָס האָבן זיי באַשעפטיקט. איין קעמפּ אַזאַ איז געווען סיטויר אין שאַנדעלאַה, און די קעמפּ־לייט האָבן געאַרבעט אין דער דערביייקער פאַבריק פון שטיינאויל און שות׳.

אָט־די פאַבריק האָט פּראָדוצירט נעפט פון שיפערשטיין. אין 1943 איז אין דייטשלאַנד געווען אַ מאַנגל אין נעפט, און דער רייך־מיניסטער שפּער האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט אַרויסצוקריגן וואָס מער נעפט צוליב דער ווייטערדיקער קריגס־פירונג. שטיינאוילס פאַבריק האָט באַקומען פּריאָריטעט, און מען האָט זיי צוגעשטעלט אַרבעטער פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין נויענגאַם *).

דער לייטער פון דער פירמע איז נאָמינעל געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די אַרבעטער וואָס האָבן געלאַגערט אין שאַנדעלאַה, און כאָטש ער האָט זיך אין דער אַדמיניסטראַציע ניט באַטייליקט אַקטיוו, זענען די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין קעמפּ אים געווען גוט באַקאַנט.

די לעבנס־באַדינגונגען, די שפּייז און די היגיענע אין אָט דעם קעמפּ זענען געווען פּשוט שוידערלעכע. די שפּייז איז קוים־קוים געווען גענוג צו דערהאַלטן די נשמה. די קליידער האָט מען זעלטן

*) זע קאַפּיטל VI.

געוואַשן און נאָך זעלטענער געביטן. דער קעמפּ האָט געווימלט און געשוויבלט מיט פּלוי און מיט לייז. כדי צו באַשיצן זיך פון דער קעלט, האָבן די אַרעסטאַנטן, ווייל אַרעסטאַנטן זענען זיי פּאַקטיש געווען, זיך געפּרוּווט צודעקן מיטן פּאַפּיר פון די זעק פאַר צעמענט אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. די ציווילע אַדמיניסטראַציע איז געווען קעגן דעם, מען זאָל אַזוי אויסנוצן די זעק. האָט מען, לויט אַ פאַראָרדענונג פונעם קעמפּ־קאָמענדאַנט, די אַרעסטאַנטן דערפאַר געשלאָגן. די שטראָף פאַר אַזאַ עבירה איז געווען פינף און פופציק שמיץ אין דער עפנטלעכקייט.

עס איז ניט געווען קיין מעדיצינישער לייטער אין קעמפּ, און מיטן שפּיטאָל האָט אָנגעפירט אַ סאַניטאַר, וואָס פאַר דער מלחמה איז ער פון פאַך געווען אַ ציגל־לייגער. ער האָט געמאַכט אַלע אָפּעראַציעס מיט אַ סקאַלפּעל, וואָס ער האָט אַריינגעשטעקט אין נעפט, און דאָס האָט ביי אים געהייסן סטעריליזאַציע.

דאָס פאָלגנדע איז אַ פראַגמענט פון אַ שילדערונג פון אייגעם אַן אינטערנירטן, וואָס האָט אַסיסטירט דעם סאַניטאַר ביי זיינע אָפּעראַציעס.

> איך פערזענלעך האָב באַוווּנדערט די אַרט מיט וועלכער ער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ער האָט אָפּערירט, על פּי טראָף, מענטשן וואָס זענען שוין סיי ווי געווען דריי־פערטל טויט. איז גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס זיי זענען אַלע געשטאָרבן. אַזוי האָט ער, צום ביישפּיל, אָפּערירט אַ יוגאָסלאַוו וואָס זיין בויך איז געווען שרעקלעך געשוואָלן איבער די איבעריקע קערפּער־טיילן זענען געווען שטאַרק אויסגעדאַרט. דער סאַניטאַר האָט מיר געזאָגט אַז ביי יענעם איז דער בויך פול מיט אייטער. און ער האָט דעם בויך געעפנט, אַרויסגענומען פון דאָרטן דעם אייטער, און צוריק פאַרנייט. איך וועל קיינמאָל ביזן סוף פון מיין לעבן ניט פאַרגעסן, ווי אַזוי דער יוגאָסלאַוו איז מיט דריי טעג שפּעטער געשטאָרבן זינגענדיק דעם יוגאָסלאַווער נאַציאָנאַלן הימן. דער סאַניטאַר האָט פאַרמאָגט אַ סקאַלפּעל, וואָס דערמיט האָט ער געמאַכט אַלע זיינע אָפּעראַציעס. ער האָט אים דעזינפיצירט אין נעפט וואָס ער פלעגט גנבענען אין

גאַראַזש. ער האָט אויך געהאַט קליינע פּינצעטן און אַ שערל. אַזוי ווי עס זענען ניט געווען קיין שום באַטויבמיטלען, האָט מען עס קיינעם ניט איינגעגעבן. איך האָב צוגעהאַלטן דעם פּאַציענט, אָדער מען האָט אים צוגעבונדן צום טיש.

דער מעדיצינישער לייטער האָט באַזוכט זיין קעמפּ נאָר כדי צו קאָנסטאַטירן די טויט־פאַלן און אַרויסגעבן טויט־סערטיפיקאַטן. צוליב אַנדערע זאַכן האָט מען אים גאָר קיינמאָל ניט איינגעלאַדן.

די באַציונג פון די קעמפּ־אָנגעשטעלטע איז געווען אַזאַ, ווי פאַר זיי וואָלט בכלל ניט געווען קיין חילוק, צי די אַרעסטאַנטן שטאַרבן יאָ אָדער ניט. און דער פּערסאָנאַל אַליין איז גראַדע ניט געשטאָרבן פאַר הונגער.

אויף די אָנצאָליקע פּראָצעסן קעגן דעם פּערסאָנאַל פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַרבעטס־קעמפּן פאַר זייערע קריגס־פאַרברעכנס, האָבן זיי זיך געפּרוווט פאַרטיידיקן מיט דער טענה, אַז די כאַאָטישע לאַגע אין דייטשלאַנד, אין 1944 און אין די ערשטע חדשים פון 1955, האָבן אַלץ מער און מער פאַרערגערט די לעבנס־באַדינגונגען אין אַזעלכע קעמפּן. די באַקליידונג אָבער פונעם פּערסאָנאַל אין שאַנדעלאַה איז אויך דעמאָלט געווען גאַנץ גוט, און זייער עסן — אינגאַנצן ווי עס באַדאַרף צו זיין. פון הונגער זענען זיי אַוודאי ניט געשטאָרבן. כאָטש עס איז געווען איין קיך פאַר די ס.ס. און פאַר די אַרבעטער, האָבן די ס.ס.־לייט פונדעסטוועגן געהאַט אַ באַזונדערן קוכער. זיי האָבן באַקומען 500 גראַם קאַרטאָפל אַ טאָג, זיי האָבן געהאַט פינף און דרייסיק גראַם פּוטער. די אַרבעטער האָבן קיין פּוטער ניט אָנגעקוקט. דער פּערסאָנאַל האָט געהאַט זעכציק גראַם וווּרשט אַ טאָג, פערציק גראַם פלייש טעגלעך, און עס איז בכלל ניט געווען קיין איין טאָג אָן פלייש. איינמאָל אַ וואָך האָבן זיי געקראָגן אַ מילכיקע זופּ: דערצו האָט מען פאַרווענדעט פופציק ליטער מילך. זיי האָבן געהאַט 100 גראַם פּאָווידלע אָדער קינסטלעכן האָניק. זיי האָבן געהאַט פינף און צוואַנציק גראַם קעז טעגלעך. די אַרבעטער האָבן זעלטן ווען געקראָגן קעז. די ס.ס.־לייט האָבן דערצו ניט געטאָן קיין שווערע אַרבעט.

דער אמת׳ער אונטערשייד צווישן דעם פּערסאָנאַל און די אַרבעטער איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: דעם פּערסאָנאַל האָט מען באַטראַכט אַלס מענטשן; אויף די אַרבעטער האָט מען געקוקט ווי אויף אַ לעבעדיקן מאַטעריאַל צום פאַרנוצן.

די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, איבערהויפּט פאַר מענטשן וואָס זענען געווען האַלב־פאַרהונגערט. אויב די אַרבעט איז ניט געגנוג שנעל געגאַנגען, האָט מען די אַרבעטער פאַרמסר׳ט פאַרן ציווילן אויפזעער. ווען די אַרעסטאַנטן זענען שוין געווען אַזוי שוואַך אַז זיי האָבן מער ניט געקאָנט אַרבעטן, האָט מען זיי גרופּעסווייז צוריקגעשיקט קיין נויענגאַם, און אויף זייער אָרט אַריינגעבראַכט מער פּאַסנדע מענטשן. זיי האָבן געהאָרעוועט בוכשטעבלעך ביז אין טויט אַריין, דאָס הייסט, זיי האָבן געאַרבעט אויף אַ הונגער־דיעט ביז זיי זענען געשטאָרבן אין שאַנדעלאַה אָדער, ניט פעיק מער צו אַרבעטן, זענען זיי געוואָרן צוריקגעשיקט קיין נויענגאַם, כדי דאָרט צו שטאַרבן. דער קאָמענדאַנט, וואָס האָט געהייסן עבסען, איז געווען אַ סאַדיסטישע בריאה, און די רעשט פונעם פּערסאָנאַל איז געגאַנגען אין זיינע טריט. איידער ער איז צוגעשטאַנען צו די ס.ס. איז ער געווען אַ געהילף־יעגער, אַ פּשוטער פרעדיקער, מיט אַ ספּעציעלער נייגונג פאַר יונגע מענטשן וואָס זענען אַראָפּ פון גלייכן וועג.

דאָס האָט ער טאַקע באַפוילן די וועכטער זיי זאָלן שלאָגן די אַרבעטער פאַרן טראָגן פאַפּירענע זעק אַלס צוגאָב צו זייערע קליידער; געשלאָגן האָט מען מיט אַ קליינער גומענער שפּיצרוט וואָס האָט געהייסן אַ „שלאַג“.

אין זיינע הענט איז געלעגן דאָס לעבן און דער טויט פון זיינע אַרעסטאַנטן. ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן מוסר זיין פּערסאָנאַל, וואָרענען, זיי זאָלן זיך ניט חבר׳ן מיט די אינטערנירטע, וועלכע האָבן געהייסן ביי אים „קרימינעלע“ און „אָפּפאַל“; און ווי „אָפּפאַל“ האָט ער זיי טרעטירט טאַקע, געשלאָגן יעדן איינעם צווישן זיי, סיי בשעת׳ן עצם־פאַראַד און סיי פאַרדעם אָדער נאָכדעם.

עבסען האָט אַלס געהילף צו זיך געהאַט אַ פעיקן לויטענאַנט, טרושעל, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטער׳ן צונאָמען „דער רוצח“, און וואָס איז, אפנים, געווען נאָך ערגער פון זיין קאָמענדאַנט.

איין געפאַנגענעם האָט מען אין אַ קאַלטער נאַכט געפּאַקט

אַ שלאָפנדיקן אין דעם הייץ־קאַמער; עבסען האָט אים געשלאָגן מיט דער גאַנצער לענג פון אַ גראָבער שטריק. אַ לאַטווישער איז דורך זיינעם אַ חבר פאַרמסר'ט געוואָרן אז ער אַרבעט אויס שווערדן. מען האָט עס צוגעטראָגן צו טרושעלן, און יענער האָט אים געגעבן אַ קויל אין קאָפּ אַריין און דערביי גערעדט, „דאָס וועט אים אויסלערנען ווי מען מאַכט געווער, און ער וועט עס שוין מער ניט טאָן".

וו'הין און ווען טרושעל איז נאָר געגאַנגען, האָט ער געטראָגן מיט זיך אַ שפּיצרוט, און אַלע אַרום אים האָבן געלעבט אין אַ שטענדיקער אַנגסט.

נאָך איינער אַ וועכטער איז געווען אַ גרויס געוואַקסענער מאַן, וואָס אין זיין ציווילן לעבן איז ער געווען אַ קעלנער. אויף זיין פּראָצעס האָט איינער פון די עדות געזאָגט אז ער איז געווען „פעט ווי אַ חזיר". קיין הונגער דיעט האָט ער, אַפּנים, דאָרטן ניט געהאַלטן. אָט דער מענטש האָט ביי יעדער געלעגנהייט, מיט יעטוועדער אויסרייד, סיסטעמאַטיש געשלאָגן די געפאַנגענע מיט אַ לאָפּאַטע, מיט אַ ברעט אָדער מיט יעדער אַנדער זאַך, וואָס איז אים נאָר געקומען צו דער האַנט. אין זיין רשות איז אויך געלעגן צו באַשטראָפן מיט פינף און צוואַנציק שמיץ פאַר קליינע עבירות קעגן דער דיסציפּלין. ער פלעגט נאָך דערצו איינהאַלטן פאַר זיך אַ טייל פון דער שפּייז, וואָס ער האָט באַדאַרפט פאַרטיילן צווישן די אַרעסטאַנטן.

אין אָט־דעם קעמפּ, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע קאָנצענטראַציע און אַרבעט־לאַגערן, האָט געהערשט די קאַפּאָ־סיסטעם. אַ קאַפּאָ איז על פּי רוב געווען אַ דייטשער קרימינעלער וואָס מען האָט געבראַכט פון אַ געוויינלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער און אים באַשטימט פאַר דעם עלטסטן איבער די אַנדערע געפאַנגענע. מען האָט אים איבערגעגעבן די אויפזיכט איבער אַ בלאָק מיט באַראַקן, און אַלס לוין, דערפאַר וואָס ער האָט ברוטאַל טראַקטירט זיינע אונטערטעניקע, האָט ער באַקומען אַ בעסערע באַהאַנדלונג, האָט ניט געאַרבעט, געהאַט מער צו עסן און געקראָגן עפּעס צו רויכערן. איינער פון די קאַפּאָ'ס אין שאַנדעלאַה איז געווען אַ מאַן מיטן נאָמען גראָס, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער אַרבעטס־דינסט אינעם קעמפּ, דאָס הייסט אַז ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט־

פּאַרטיילונג. ער האָט געהאַט אַ פיינעם געפיל פאַר הומאָר, און יוען ער האָט באַמערקט אַ באַזונדערס אויסגעדאַרטן אַרעסטאַנט, און כדי אויסזען דאָרט באַזונדערס דאַר האָט מען שוין באַדאַרפט זיין אַ לעבעדיקער סקעלעט, פלעגט ער צו יענעם זאָגן: „דו וועסט גאָר אין גיכן גיין אין קרעמאַטאָריע". איין אינטערנירטן, וואָס איז פריער געווען דער אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון אַ צוקער־פאַבריק אין פראַנקרייך, האָט גראָס געשלאָגן, בשעת יענער האָט געהאַלטן אין לויפן איבער אַ שטרעקע פון אַכציק מעטער. יעדעס מאָל ווען דער געפאַנגענער איז אַנידערגעפאַלן, האָט מען אים אויפגעהויבן און ווייטער געשלאָגן. אין פיר שעה אַרום איז ער געשטאָרבן.

אָט דאָס איז געווען די טאָג־אָרדענונג פון די אַזוי־גערופענע אַרעסטאַנטן אין קעמפּ, און דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז זיי זענען ניט געווען קיין קרימינעלע, כאָטש אפילו דאָס וואָלט אויך ניט געקאָנט באַרעכטיקן אַזאַ מין אַרט טרעטירונג. זיי זענען געווען געוויינלעכע, פרידלעכע ציווילע. זיי האָבן אָפּגעהיט דאָס געזעץ און זייער איינציקע זינד איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן געוווינט אין די לענדער, אָקופּירט דורך דער דייטשער אַרמיי, און וואָס דייטשלאַנד האָט זיך געגייטיקט אין זייער אַרבעט. האָט מען זיי אָנועקגעריסן פון זייערע פרויען און משפחות, אָפט אין מיטן דער נאַכט, אָנגעלאָדן אין וואַגאָנען, און נאָך אַ שוידערלעכער, טיילמאָל פינף טעגיקער, רייזע, האָט מען זיי אויסגעלאָדן, ווי אַ באַלאַסט, אויף דער באַן־דאַמבע פון אַן אַרבעט־קעמפּ, זיי זאָלן דאָרט אַריינטרעטן אין שקלאַפן־לעבן.

נאָר אַ האַרץ שטאַרקער פון אייזן האָט נאָך געקאָנט טרוימען אַז ער וועט דאָס אַלעס איבערלעבן. עס איז מעגלעך אַז אַ סך האָבן געוואַרט אויף זייער לעצטן גאַנג צו דער קרעמאַטאָריע, ווי אויף אַן אויסלייזונג פון אַן אומדערטרעגלעך־פּיינלעכן לעבן.

אָנהייב 1943, האָט די רייך־רעגירונג אַרויסגעלאָזט אַ דירעקטיוו אַז מען זאָל ניט רעפּאַטריירן טראַגיקע פרויען, נאָר די אָרטיקע מאַכט זאָל זיי דערמעגלעכן צו האָבן זייערע קינדער „אויף דעם פּשוט'סטן אָבער געהעריק־היגיענישן אופן". און אַז מען זאָל אויך מאַכן איינאָרדענונגען אויף אויפהאַלטן, שפּייזן און באַזאָרגן די

קינדער נאָכן האָבן, כדי די מאַמעס זאָלן קאָנען גלייך צוריקגיין אויף דער פאַבריק אַרבעטן פאַר דייטשלאַנד.

אַ זייער גרויסע צאָל אויסלענדישע אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט אין "Volkswagen werke" ניט ווייט פון האַנאָווער, און אין פעברואַר 1943 האָט מען אין וואָלסבורג אויפגעשטעלט אויף דער פאַבריק־זאָנע אַ „קינדער־היים", וואָס איז געווען אָנגעפירט דורך אַ רוסישן פערסאָנאַל. די היים איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דער פאַבריק־אָפטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף, שפּעטער האָט דער פאַבריק דאָקטאָר קאָרבעל, צוזאַמען מיט דער מאַטראָנע עללאַ שמידט *), איבערגענומען דעם קאָנטראָל און די זאָרג פאַר דער היים. נאָכדעם האָט מען די היים איבערגעפירט אויף אַ צוועלף קילאָמעטער ווייטער, אין דער ריכטונג צו ריהען, און זי דאָרט איינגעקוואַרטירט אין באַראַקן.

עס איז באַקאַנט אַז צווישן אַפּריל 1943 און אַפּריל 1945, זענען דאָרט געשטאָרבן 400 קינדערלעך, 60 בלויז אין איין חודש אויגוסט 1944. צו ערשט האָבן זיך די פּיצלעך דאָרט געפונען צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס, אָבער דער רייך־מיניסטער פאַר אַרבעט איז נאָכדעם באַשטאַנען דערויף, אַז די מאַמעס זאָלן גיין צו דער אַרבעט, ניט שפּעטער ווי פערצן טאָג נאָך דער געבורט. די שטערבלעכקייט האָט זיך פון דאַן אָן שטאַרק געהעכערט.

דער מעדיצינישער לייטער האָט געטראָגן די שולד פאַר אַ העכסט בייזוויליקע און פאַרברעכערישע פאַרנאַכלעסיקונג. אין 1944 איז די שטערבלעכקייט אינעם היים דערגאַנגען צו 254 פון 310 אָנגענומענע קינדער, און צום סוף יאָר איז זי נאָך מער געוואַקסן. און דאָך האָט ד"ר קאָרבעל באַשרענקט זיינע באַזוכן ביז איינמאָל אין אַ וואָך. ער האָט אפילו ניט געפּרוּווט זיך באַראַטן אַמאָל מיט אַ ספּעציאַליסט פאַר קינדער קראַנקהייטן. און ער אַליין האָט אויך קיינמאָל ניט באַטראַכט קיין שום קראַנק קינד. פון די אַלע קינדער וואָס זענען דאָרט געשטאָרבן האָט מען קיינעם נאָכן טויט ניט געפּאַלמעסט, און ער האָט נאָר

*) זיי ביידע, ד"ר קאָרבעל צוזאַמען מיט דער מאַטראָנע, זענען פאַרמישפּט געוואָרן דורך אַ בריטישן געריכט קעגן קריגס־פאַרברעכנס. קאָרבעל האָט געקראָגן אַ טויט־אורטייל.

געחתמ׳עט, אָדער געלאָזט אַנדערע חתמ׳ענען, טויט־צייגענישן מיט דעם אויבנאויפיקן דיאַגנאָז „לעבנס־שוואַך".

די מאַטראָנע האָט זיך אויפגעפירט ניט קיין סך, אָדער בכלל ניט, בעסער. זי איז זיך באַגאַנגען מיט די קינדערלעך האַרטהאַרציק און ברוטאַל. עס איז דאָרט ניט געווען קיין מינדסטער סימן פון היגיענישע פאַרזיכט־מיטלען, אין דער צייט ווען די קרעציקייט און די מכה פון וואַנצן האָט אַרויסגערופן דעם ווידערווילן ביי יעדן באַזוכער אינעם אַנשטאַלט. זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט קיין איינמאָל ניט באַזוכט דעם אַנשטאַלט אומדערוואַרטעט.

ווען די אומגליקלעכע קינדערלעך, פאַרלייזיקטע, קרעציקע, אָפּגעשוואַכטע פון אַ לויזן מאָגן, זענען ענדלעך געשטאָרבן, — האָט מען זיי געלאָזט ליגן אין אַ קליין צימערל. פון דאָרטן האָט מען זיי גרופּעסווייז פאַרפּאַקט אין קאַרטאָן־קעסטלעך, טראַנס־פּאָרטירט צום אָרטיקן בית־הקברות, ווו מען האָט זיי באַגראָבן אָן שום צערעמאָניעס. מען האָט אויך די מאַמעס ניט מודיע געווען וועגן זייער גסיסה און קבורה.

דערביי איז די „קינדער היים" אין ריהען ניט געווען דער איינציקער קינדער אַנשטאַלט, וואָס די נאַציס האָבן אויפגעשטעלט. אַלס רעזולטאַט פון די מפּלות אויפן שלאַכט־פעלד, איז אין 1944 געוואָרן אַ שאַרפער קריזיס אין שפּייז־פּראָדוקציע. ווי געזאָגט, האָט מען פון פּוילן און רוסלאַנד דעפּאָרטירט אַ סך אויסלענדער און זיי געבראַכט קיין דייטשלאַנד צו ערד־אַרבעט. צווישן די שקלאַפן זענען געווען אַ סך פרויען, און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז די דייטשע פאַרמער האָבן אָנגעהויבן צו קלאָגן זיך פאַר זייערע לאָקאַלע נאַציסטישע פּאַרטיי־פירער, אַז פּוילישע פרויען, די ערד־אַרבעטאָרנס, פאַרלירן אַ סך צייט בשעת זייער שוואַנגערשאַפט, בשעת דער געבורט און שפּעטער בשעת׳ן זייגן די קינדער.

האָט מען דעריבער פאַר די פּיצלעך־קינדער פון אָט־די פרויען איינגעאָרדנט אין דער געגנט פון העלמשטעדט אַ קינדער היים. און כדי די מאַמעס זאָלן קאָנען, זייער קורץ נאָך דער געבורט, גיין צוריק צו דער פעלד־אַרבעט, האָט מען גענומען אַוועקרייסן פון זיי זייערע קינדערלעך, אָפט אַפילו מיט כוח.

די היים האָט זיך געפונען אין וועלפּקע, און איז באַשטאַנען פון צווי באַראַקן אויף אייגער אַ פאַרם אין דער געגנט. דער באַציִשער

פּאַרטיי־לידער, אַ געוויסער גריקע, האָט אַלס בעל־הבית'טע דאָרט באַשטימט אַ פרוי מיטן נאָמען בילינן, און איינעם אַ מאַן, וואָס האָט געהייסן העסלינג, האָט ער איבערגעגעבן די אויפזיכט אויף דער אַדמיניסטראַציע אויסער די מעדיצינישע טייל. די פרוי האָט פּראָטעסטירט פאַר גריקען און האָט אים דערקלערט, אַז זי איז אַ שול־לערערין און אינגאַנצן ניט קוואַליפיצירט פאַר אַזאַ מין שטעלע.

פונעם סאַמע אָנהייב אָן איז שוין דאָרט געווען אַ גרויסע פאַרנאַכלעסיקונג און אַ גרויסע שטערבלעכקייט. דער אָרטיקער דאָקטאָר, וואָס האָט געזאָלט האָבן די אויפזיכט אויפן היים, איז געווען דורכויס גלייכגילטיק און האַרטהאַרציק; די פּאַרם־באַראַקן זענען אינגאַנצן ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ צוועק; עס איז דאָרט ניט געווען קיין ריכטיקע אויפזיכט; דאָס עסן איז געווען שלעכט און, אַפילו, שעדלעך; קראַנקע קינדער האָבן ניט באַקומען קיין מעדיצינישע הילף; און זיי זענען ניט געווען אָפּגעזונדערט פון די געזונטע. די באַראַקן האָבן געהאַט דעכער פון אייזן, און די היץ אין די העלמשטעדטער סטעפּן איז זומערצייט געווען אַזוי גרויס, אַז די קינדערלעך האָבן מוראַדיק געליטן.

די פרוי בילינן וואָלט אייגנטלעך געקאָנט מיט פלייסיקייט און זאָרג פאַרגיטיקן דאָס וואָס עס איז איר אָפּגעגאַנגען אין קענטעניש און אין נסיון. זי האָט אָבער פאַר אירע פליכטן געשענקט ווייניק וואָס צייט, געגעסן און געשלאָפן אויסער דעם אַנשטאַלט, און אויך אין משך פונעם טאָג פלעגט זי אָוועקגיין פון דאָרטן אויף אַ סך שעה'ן נאָכאַנאַנד. די קינדער און זייער באַהאַנדלונג האָט זי איבער־געלאָזט אויף פיר אומדערפאַרענע רוסישע מיידלעך און אויף נאָך איין רוסישע פרוי פון צווייפלהאַפטער דערפאַרונג. די געלעגערס זענען געווען שמוציק און פאַרלייזט, און כאָטש ביים אויפנעמען זענען די קינדערלעך געווען געזונט, זענען זייערע הינטנס געוואָרן גיך קרעציק, די באַקן איינגעפאַלן, די פיס ווי שטעקלעך, און זייער הויט פון אַ מין גרינלעך־בלויעם קאָליר. זייער וועש האָט מען זעלטן ווען געביטן, און זייער עסן איז ניט געווען רעגולירט. די שטערבלעכקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז צווישן מיי און דעצעמבער 1944, זענען פון הונדערט אויפגענומענע קינדער, געשטאָרבן פיר און אַכציק.

אויך אין אָט־דעם קינדער אַנשטאַלט האָט מען די טויטע קינדער ניט גלייך געבראַכט צו קבורה. מען האָט זיי, נאָך אַ שטיק צייט, אַריינגעפּאַקט אין קאַרטאָן־קעסטלעך, מיט אַ האַנטוועגעלע אָוועקגע־פירט אויף אַ פעלד הינטער דעם בית־הקברות, און דאָרט זיי באַגראָבן. די קבורה איז דורכגעפירט געוואָרן אַזוי אויבנאויפיק, אַז אין איינעם אַ טאָג האָט מען געזען ווי אַ הונט טראָגט אין זיין מויל אַ קינדעריש קעפּל, באַוואָקסן מיט האָר.

וועגן אָט־די באַדינגונגען האָבן גוט געוווּסט די פאַראַנטוואָרט־לעכע אינסטאַנצן. אָבער דאָס האָט ניט געפירט צו קיין שום פאַרבעסערונג.

דער אופן ווי אַזוי אָט־די און ענלעכע אַנשטאַלטן זענען געווען אָרגאַניזירט און אָנגעפירט, אילוסטרירט אַן איבעריקן מאָל, אַז די נאַצי׳ס האָבן אינגאַנצן און דורכויס ניט אָנערקענט קיין שום מענטשיש רעכט פאַר יענע נידעריקע באַשעפענישן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שכל און ניט קיין מזל געבוירן צו ווערן דייטשן. הונדערטער אומשולדיקע קינדער מיט ריינע נשמות האָבן געמעגט אומקומען פון קרענק און פון הונגער; טויזנטער פרידלעכע מענער און פרויען האָבן געמעגט פאַרמאָרדעוועט ווערן דורך אַרבעט ביז צום טויט, און מיליאָנען יידן האָבן געמעגט ווערן פאַרניכטעט. אָט־די אַלע זאַכען האָבן ניט געהאַט קיין שום באַדייטונג, כל זמן דאָס האָט געהאָלפן פאַרווירקלעכן היטלער׳ס נבואה — אַז דער דריטער רייך וועט דויערן אַ טויזנט יאָר.

קאַפּיטל VI

קאָנצענטראַציע־לאַגערן

לאַנג פאַר דער אינוואַזיע קיין פּוילן אין 1939, איז שוין די סיסטעם פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין רייך געווען אין פולן שוואונג, און הימלער האָט פאַרפולקומט די אָרגאַניזאַציע, אויס־געפּרוווט די מעטאָדן און זיי פּראַקטיצירט אויף זיינע אייגענע בירגער, — נאָך אין דער צייט פון שלום.

דעם 28־טן פעברואַר 1933. האָט דער רייכספּרעזידענט ארויס־געלאָזט דעם דעקרעט וועגן אויסנאַם־צושטאַנד (היטלער האָט אין אַזעלכע ענינים קיין סך צייט ניט פאַרלאָרן), וואָס האָט איינגעפירט די "Schutzhaft", אָדער שוץ־אַרעסט, אין דער לעגאַלער סיסטעם פונעם דריטן רייך. מען האָט יעדן איינעם, וואָס האָט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן צייכן פון פּאָטענציעלער אַקטיווער אָפּאָזיציע צום נייעם רעזשים, אַזוי אַרום געקאָנט אַפּראַמען פונעם וועג. אין לויף פון די פאָלגנדע זעקס יאָר זענען טויזנטער דייטשן אַריינ־געשליידערט געוואָרן אויף אַזאַ אופן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן צוליב אַ „באַהאַנדלונג״, און אַ סך צווישן זיי האָבן שוין ניט דערלעבט זייער באַפרייונג.

מען האָט דעם געסטאַפּאָ אָנפאַרטרויט די אויפגאַבע צו „ליק־ווידירן אַלע פיינד פון דער פּאַרטיי און פון דער נאַציאָנאַלער מדינה״, און די טעטיקייט פון אָט דער אָרגאַניזאַציע טאַקע האָט באַזאָרגט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט קאַצעטניקעס, און די ס.ס. האָט זיי באַזאָרגט מיטן לאַגער־פּערסאָנאַל.

אין דעם קאַפּיטל וועט געשילדערט ווי אַזוי אָט־דאָס געוועט, צוגעגרייט און אויסגעפּרוווט אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריגס־אויסברוך, איז אין 1939, איז אין די מלחמה־יאָרן אָנגעווענדט געוואָרן, אַלס טעראָר־מיטל, קעגן די איינוווינער פון די אָקופּירטע טערי־טאָריעס, און ווי אַזוי אַ סך מיליאָנען צווישן זיי זענען געוואָרן אויסגעראָטן.

איינעם מאָמענט פון דער מלחמה־דערקלערונג, זענען אין דייטשלאַנד געווען זעקס קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט אַ 20,000 אַרעסטירטע, אין זיי אַלע צוזאַמען. אין לויף פון די צוויי ווייטער־דיקע יאָר, האָט מען אויפגעשטעלט נאָך לאַגערן, וואָס אייניקע צווישן זיי זענען שוין איצט אַ שם דבר: אוישוויץ, בעלזען, בוכענוואַלד, פלאָסענבערג, מאוטהאַוזען, נאַצווײַלער, נויענגאַמע; ראַווענסברוק, און זאַקסענהאַוזען.

אין משך פון דער מלחמה האָבן די דייטשן אומגעבראַכט, לויט דער נידעריקסטער אויסרעכענונג, צוועלף מיליאָן מענער, פרויען און קינדער פון יענע לענדער וואָס זיי האָבן פאַרנומען און אָקופּירט. לויט דער פאַרזיכטיקסטער ציילונג זענען אַכט מיליאָן צווישן זיי אומגעקומען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. וועגן זיי טאַקע האָט עס סער האַרטליי שאוקראָס, דער הויפּט פּראָקוראָר מצד די פאַראייניקטע מלוכות אויפן פּראָצעס פון די הויפּט קריגס־פאַרברעכער, אַזוי געזאָגט אין זיין שלוס־רעדע: „צוועלף מיליאָן מאָרדן! צוויי דריטל יידן אין אייראָפּע פּאַרטי־ליקט, מער ווי זעקס מיליאָן לויטן אייגענעם חשבון פון די רוצחים. טויט פּראָדוצירט אַלס מאַסן־אינדוסטריע אין די גאַז־קאַמערן און אויוונס פון אוישוויץ, דאַכאַו, טרעבלינקע, בוכענוואַלד, מאַטהאַוזען, מיידאַנעק, און אָראַניענבורג".

מען האָט פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס אריינגעבראַכט אין די לאַגערן מיליאָנען מענטשן: אַ טייל דערפאַר ווייל זיי זענען יידן, אַ טייל דעפּאָרטירטע שקלאַפן וואָס האָבן מער ניט געטויגט צו דער אַרבעט, אַ סך רוסישע קריגס־געפאַנגענע, אַ טייל זענען געווען קרבנות פון דעם „קויל דעקרעט", אַ סך נאַכט־און־נעפּל געפאַנגענע. אַהין האָט מען זיי אַלע צוזאַמען אַריינגעוואָרפן אין די באַדינגונגען פון שמוץ און אַנטאַרטונג, דאָרט האָט מען זיי דערנידעריקט, געשלאָגן, געפּייניקט און פאַרהונגערט, און צום סוף פאַרניכטעט דורך אַרבעט, אָדער „ליקווידירט" ווי די דייטשן האָבן עס גערופן, דורך מאַסן־עקזעקוציעס אין די גאַז־קאַמערן.

די אָפּשרעקנדיקע ווירקונג פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אויפן עולם איז געווען זייער אַ גרויסע, און דאָס טאַקע האָט מען געענוי און פּינקטלעך פאַרויספּלאַנירט. צו ערשט האָט מען אין דייטשלאַנד דעם גאַנצן ענין סודות׳פול פאַרשלייערט, און דערצו

אָפּיציעל פאַרשפּרייט גרויל־קלאַנגען, כדי צו פאַרטיפן די מיסטעריע און שטאַרקער מאַכן דעם שרעק. אַ סך האָבן ניט געוווסט וואָס עס טוט זיך הינטער אָט־די שטעכדראָטן, אָבער ווייניק־וועד האָט זיך וועגן דעם ניט אָנגעשטויסן.

מען איז גאָר ניט געווען פאַראינטערעסירט דעם סודות־פולן שלייער ווען־עס־איז אינגאַנצן אויפצוהייבן. אַ קליינער צאָל פּריווי־לעגירטע האָט מען דערלויבט, ביי אַ געלעגנהייט, אַהין אַריינצוקוקן, און די פּיל ציווילע, וואָס זענען געווען באַשעפּטיקט אין קאָנצענ־טראַציע און אַרבעט־לאַגערן, האָבן זיכער פּאַר זייערע קרובים און פריינד אויף דער פריי עפּעס־וואָס דערציילט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען אינעווייניק. אָבער די שונאים פון דייטשלאַנד האָבן ניט געזאָלט קריגן קיין ריכטיקע באַווייזן וועגן די באַגאַנגענע פאַרברעכנס, און עס זענען שוין געווען גרייט פּלענער צעוואַרפן אַלע לאַגערן און ליקווידירן אַלע לעבנגעבליבענע קאַצעטניקעס. נאָר דער שנעלער פאַרויסמאַרש פון די אַליירטע און דער פּלוצעמדיקער איינבראָך פון דייטשלאַנד האָבן צעדרייט זייערע פּלענער.

די וועלט האָט פון דאַמאָלס אָן זיך באַקאַנט מיט דער טראַגעדיע אין איר גאַנצער גרויס. די לעבנגעבליבענע האָבן דערציילט זייערע איבערלעבונגען, און די לאַגערן האָבן גערעדט פאַר זיך וועגן דעם שוידער, וואָס זייערע ווענט זענען געווען שטומע עדות דערפון. די ערשטע באַפרייער, וואָס זענען אַריינ־געקומען אין די לאַגערן, וועלן שוין אויף אייביק ווערן פאַרפאָלגט פון יענע גרוילן וואָס זיי האָבן דאָרט דערזען.

אין די פאָלגנדע בלעטלעך וועט געמאַכט ווערן אַ פּרוווו צו באַשרייבן די באַדינגונגען אין אייניקע לאַגערן, און צו שילדערן דאָס לעבן פון אַנטאַרטונג שמוץ, און פּיין וואָס אַלע פאַרשפאַרטע דאָרט האָבן דורכגעליטן.

אוישוויץ

דאָס קליינע שטעטל אוישוויץ, מיט די 12,000 איינוווינער, סיטוירט אַ 160 מייל דרום מערב׳דיקער פון וואַרשע, איז פאַר דער מלחמה געווען כמעט אומבאַקאַנט אויסער די גרענעצן פון

עלזע קאָך

צעהאקטע קעפּ

די שאָפער־קאַרטע פון יוזעף קראַמער



א פינגער־צוואנג
פון געסטאַפּאָ

פּוילן. די געאָגראַפישע לאַגע — ניט קיין גינסטיקע. אויפן גרונט פון אַ פלאַכן בעקן, אַרומגערינגלט מיט אַ רייע שטייוואַסערן, איז אוישוויץ געווען פייכט, שטינקענדיק און פאַרפּעסטעט.

עס איז גאָרניט קיין ווונדער, וואָס די זומפּיקע נעפלדיקע ערד אַרום אוישוויץ איז ניט געווען באַזעצט. האָט דאָך עמיצער אַמאָל געזאָגט: „אין משך פון טויזנטער יאָרן איז פון דאָרטן אנטלאָפן דאָס לעבן, — ווייל דאָרט האָט געלויערט דער טויט".

און אויב דער טויט האָט דאָרט געלויערט אין משך פון טויזנטער יאָרן, איז עס ניט געווען אומזיסט, ווייל דאָרט טאַקע האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט דעם „קאָנצענטראַציע לאַגער אוישוויץ", ווו אין איין צייט־פּעריאָד פלעגן דורך דער גאַז־קאַמער דורכגיין צו צען טויזנט יעדן טאָג. ניט ווייניקער פון דריי מיליאָן מענטשן זענען, לויט דעם קאָמענדאַנט'ס אייגענער קאַלקו־לאַציע, אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן.

ווען דער לאַגער האָט זיך נאָר געעפנט, איז ער באַשטאַנען פון זעקס אַלטע קאַזאַרמע־געביידעס און פון אַ האַלב חרובער טאַבאַק־פאַבריק; אָבער נאָכדעם האָט מען דעם לאַגער שטאַרק פאַרברייטערט. דעם 1־טן מיי 1940, האָט דער ס.ס. האופּטשטורמפירער רודאָלף פראַנץ פערדינאַנד העס (Hess) באַקומען אַ העכערונג, און ער איז אריבערגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ פון זאַקסענהאַוזן. אַ ווו ער איז פונעם יאָר 1938 אָן געווען דער אַדיוטאַנט פונעם קאָמענדאַנט. אוישוויץ האָט געזאָלט ווערן אַ וויכטיקער לאַגער, דער עיקר כדי צו אונטערדריקן דעם ווידערשטאַנד קעגן דער נאַצישער אָקופּאַציע אין פוילן, צו וועלכער די איינוווינער פון אָט־דעם אומגליקלעכן לאַנד האָבן זיך באַצויגן ניט זייער פריינדלעך. אַזוי אז עס האָט זיך געפאָדערט אַ פּאַסיקער קאָמענדאַנט.

העס האָט פאַרמאָגט די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס, און עס איז אים אָפּנים גאָר ניט שווער אָנגעקומען אַריינצוגיין אין דער „קורצער ליסטע". נאָך דעם מיליטער־דינסט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער געאַרבעט אויף פאַרמען אין שלעזיע און שלעזוויג־האָלשטיין ביז 1923, און דאַן האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ מאָרד און האָט באַקומען דערפאַר צען יאָר תפיסה. אָבער אין פינף יאָר אַרום, האָט מען אים באַגנעדיקט און באַפרייט, און אין 1932 איז ער אריין אין דער נאַצישער פאַרטיי אין מינכען.

אין 1933 האָט ער קאָמאַנדירט מיט אַ רייטער ס.ס. סקאַדראָן אויף אַ פאַרם אין פּאָמערן. עס האָט אים דאָרט בשעת אַן אינספּעקציע באַמערקט הימלער, וועלכער האָט באַשלאָסן אַז מיטן אויסזען און נסיון פּאַסט זיך העס פאַר אַן אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז שוין זיין צוקונפט געווען געזיכערט, און אין 1934 איז ער אַוועק קיין דאַכאַו, וו ער האָט אָנגעהויבן אַלס אַ „בלאָקפירער" אין דעם שוצהאַפטלאַגער און איז שוין דאָרט געבליבן ביז מען האָט אים, אין 1938, באַשטימט קיין זאַקסענהאַוזען.

אין 1941 האָט הימלער באַזוכט אוישוויץ און געגעבן אינס־טרוקציעס מען זאָל פאַרגרעסערן דעם לאַגער און אויסטריקענען די אַרומיקע בלאָטעס. אין דערזעלבער צייט האָט מען אינעם דערבייקן בירקענאַו אויפגעשטעלט אַ נייעם לאַגער פאַר 100,000 רוסישע געפאַנגענע. פון יענעם מאָמענט אָן איז די צאָל געפאַנגענע געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, הגם די באַדינגונגען זענען דאָרט גאָרניט געווען דערצו צוגעפּאַסט. די מעדיצינישע איינריכטונגען זענען געווען זייער שוואַכע און עפּידעמישע קרענק — אַ געוויינ־לעכע דערשיינונג.

אין 1941 האָבן אריינגעשטראָמט די ערשטע יידן פון סלאָוואַקיע און אָבערשלעזיע, און שוין גלייך פון אָנהייב, האָט מען די אומפעיקע צו דער אַרבעט גענומען פאַרגאַזן אין איינעם אַ צימער פון דער קרעמאַטאָריע־געביידע.

אַ ביסל שפּעטער אינעם זעלבן יאָר, האָט הימלער ארויסגערופן העס'ן קיין בערלין און אים געמאָלדן וועגן היטלער'ס באַשלוס „ענדגילטיק צו לייזן" די יידן־פראַגע אין אייראָפּע. און אַזוי ווי די אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן שטייען ניט אויף דער געהעריקער הויך און קאָנען ניט ווערן פאַרגרעסערט, האָט ער געשיקט העס'ן קיין טרעבלינקע צו אינספּעקטירן דאָרט די פאַרניכטונגס־איינריכ־טונגען.

ער האָט באַזוכט טרעבלינקע פרילינג 1942, און האָט געפונען די דאָרטיקע מעטאָדן אַ ביסל צו פּרימיטיוו. פון אינערלעכע ברען־מאַשינען איז דער שטיק־שטאָף דורך רערן געפלאָסן אין קליינע צימערן אריין. אויף אַזאַ איינריכטונג האָט מען זיך ניט

געקאָנט פּאַרלאָזן, ווייל דער מעכאַניזם האָט געשטאַמט פון דעראָבערטע אַלטע טראַנספּאָרט־מאַשינעס און טאַנקן, און דאָס האָט אָפט ניט געקלאַפּט. די פּראָגראַם פון פּאַרגאַזן איז, דעריבער, ניט אויסגעפירט געוואָרן גענוי לויטן פּלאַן, כאָטש דעם קאָמענ־דאַנט'ס באַריכט האָט דערציילט וועגן 80,000 פּאַרגאַזטע. — אין די פריערדיקע זעקס חדשים. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג פאַר הימלער'ן, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין סאַמען מיטן פון אַפּרייניקן דעם וואַרשעווער געטאָ.

דערפון האָט מען שוין געדרונגען, אז מער פון אַלעמען איז פאַר דעם צוועק צוגעפּאַסט אוישוויץ, ווו עס האָבן זיך געקרייצט פיר באַן־ליניעס. דער אַרומיקער שטח איז געווען שיטער באַזעצט, האָט זיך די לאַגער־זאָנע געלאָזט אינגאַנצן אָפּזונדערן.

מען האָט העס'ן געגעבן פיר וואָכן ער זאָל צוגרייטן זיין פּלאַן און זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט ס.ס. אָבערשטורמפירער אייכמאַן. **אַ גאַנץ וויכטיקער באַאמטער אין אַמט 4 פון** RSHA *)· אייכמאַן האָט זיך געדאַרפט צונויפרעדן מיט העסן וועלכן מענטשן־שטראָם ער זאָל אים שיקן צו פאַרניכטונג.

די עטאַפּן מיט מענטשן האָבן זיך גענומען מערן, און אַזוי ווי ביזן סוף יאָר האָט מען ניט געקאָנט אויספּערטיקן עקסטראַ־קרעמאַטאָריעס, האָט מען די ניי־אָנגעקומענע דערווייל געלאָזט פּאַרגאַזן אין צייטווייליק־אויפגעשטעלטע גאַז־קאַמערן, און באַכדעם זיי פאַרבערענט אין גריבער.

מען האָט צוויי אַלטע פאַרם־געביידעס, אויף אַ זייטיקן וועג ניט ווייט פון בירקענאו, געמאַכט לופטזיכער און צוגעמייסטערט פעסטע הילצערנע טירן. די טראַנספּאָרטן האָט מען אָפּגעלאָדן אויף דעם באַן־פּעראָן אין בירקענאו, און די אַרבעטספעיקע געפאַנ־גענע ארייגעגנומען אין די לאַגערן פון אוישוויץ און אויך פון בירקענאו גופא. די איבעריקע זענען באַשטימט געוואָרן צו פאַר־גאַזונג. יענע צווישן זיי וואָס האָבן געקאָנט גיין, האָט מען אָפּגעשיקט צופוס צו דער גאַז־שטעל, אַ קילאָמעטער גאַנג פון דעם

---

*) אַמט 4 איז געווען אַן אָפּטייל פון RSHA וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַלע געסטאַפּאָ־אָנגעלעגנהייטן. אָבערגרופּענפירער מילער איז דאַמאָלס געווען דאָרט דער שעף.

באַן־פּעראָן. די קראַנקע און די וואָס האָבן ניט געקאָנט גיין — האָט מען אָפּגעפירט מיט לאַסט־אויטאָס.

אויפן הויף פון דער פאַרם האָט מען געהייסן אַלעמען זיך אויסטאָן הינטער אַ געפלאָכטענעם פּליט. אויף דער טיר איז געווען אָנגעשריבן ״Desinfektionsraum״ (דעזינפעקציע־צימער) און די געפאַנגענע האָבן געזאָלט באַקומען אַן איינדרוק, אז מען נעמט זיי אריין אין דער געביידע כדי אויסצורייכערן די לייז.

ווען זיי האָבן זיך אויסגעטאָן, זענען זיי אַריין אין דעם צימער, אָפּהענגיק דערפון ווי גרויס איז געווען דער טראַנספּאָרט, אומגעפער צו 250 אויף אַ מאָל. דאַן האָט מען צוגעשלאָסן די טירן, און דורך ספּעציעל קאָנסטרוירטע שפּאַרונעס אין די ווענט, אריינגעפּליוצט אַהין איינע אָדער צוויי פּושקעס מיט „ציקלאָן ב״. מען האָט זיך צוליב דעם צוועק געווײנלעך באַנוצט מיט „ציקלאָן ב״, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ גיפטיקן גאַז, אַ סינטעזע פון קוילנשטאָף און שטיק־שטאָף. די צייט וואָס עס האָט גענומען צו טייטן די קרבנות, — האָט זיך געוואַקלט, אָפּהענגיק פונעם וועטער־צושטאַנד. אָבער עס האָט זעלטן געדויערט מער פון צען מינוט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום, האָט מען געעפנט די טירן, ארויס־געשאַרט די קערפּערס, און זיי פאַרברענט אין גריבער. דערמיט האָט זיך באַשעפטיקט אַ שטענדיקע קאָמאַנדאָ פון געפאַנגענע. פאַר דער קרעמאַציע, האָט מען ביי די קערפּערס באַזייטיקט זייערע גאָלדענע ציין און רינגען. מען האָט צווישן די קערפּערס אַנגעלייגט ברען־האָלץ, און ווען אין גרוב זענען שוין געווען אַ 100 קערפּערס האָט מען אונטערגעצונדן דאָס האָלץ מיט פּאַראַפין־דורכגעזאַפּטע שמאַטעס. קוים האָט זיך דער פייער צעברענט, האָט מען ארויפ־געלייגט נאָך קערפּערס. ווען עס האָט געערגנט, האָט מען צום פייער צוגעגאָסן עמערס מיט יענעם פעטס וואָס האָט זיך געזאַמלט אויפן גרונט פון די גריבער, כדי אונטערצוהאַלטן דעם פלאַם. עס האָט אין יענע באַדינגונגען גענומען פון זעקס ביז זיבן שעה צו קרעמירן אַ פולע גרוב מיט קערפּערס, און דער ריח פון געסמאַלעטן פלייש האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַגער, אויך און אפילו ווען דער ווינט האָט געבלאָזן אין דער פאַרקערטער ריכטונג פונעם לאַגער.

נאָכדעם ווי מען האָט די גריבער אויסגעליידיקט און אויס־

גערייניקט, האָט מען צעברעקלט די ביינער. דאָס האָבן געמאַכט די געפאַנגענע פונעם לאַגער. מען האָט די ביינער צעלייגט אויף אַ צעמענט־באָדן און זיי געשטויסן מיט שווערע הילצערנע האַמערס. דאָס וואָס עס איז איבערגעבליבן, האָט מען אָנגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס, אָפּגעפירט צום ווייסל און אריינגעוואָרפן עס אין טייך אריין.

אָט־די שילדערונג איז גענומען פון דער דערקלערונג וואָס העס אַליין האָט אָפּגעגעבן אין מערץ 1946, און דאָ רעדט זיך וועגן די אָנגעווענדטע מעטאָדן אין די צייטווייליקע גאַז־קאַמערן, איידער עס זענען פאַרטיק געוואָרן די נייע קאַמערן. די ווייטערדיקע באַשרייבונג שטאַמט פונעם זעלבן מקור, און זי דערציילט וועגן די אויסגעבעסערטע מעטאָדן, וועלכע זענען אריין אין קראַפט נאָכדעם, ווי צוויי פון די פיר נייע קרעמאַטאָריעס זענען פאַרטיק געוואָרן, סוף 1942.

עס האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן אָנקומען מאַסן־טראַנספּאָרטן פון בעלגיע, פראַנקרייך, האָלאַנד און גריכנלאַנד, — און מען האָט זיי אויפגענומען לויט דעם פאָלגנדן סדר. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ספּעציעל־אויפגעבויטער באַן־ראַמפּע, אין מיטן וועג צווישן די לאַגער־סקלאַדן און דעם בירקענאַו־לאַגער. אויף אָט דער ראַמפּע האָט מען סאָרטירט די געפאַנגענע און צוגענומען ביי זיי זייער געפעק. די אַרבעטספעיקע האָט מען אוועקגעפירט אין איינעם פון די פאַרשיידענע לאַגערן; יענע וואָס זענען געווען ניט־פעיק צו אַרבעט, האָט מען באַשטימט צו פאַרניכטן און זיי אַוועקגענומען צו איינער פון די נייע קרעמאַטאָריעס.

די קרבנות זענען צו ערשט אריינגעבראַכט געוואָרן אין אַ גערוימיקן אונטערערדישן קליידער־צימער נעבן דער גאַז־קאַמער. דאָס צימער איז געווען אויסגעשטאַטעט מיט בענק און מיט הענגערס פאַר די מאַנטלען. איבערזעצערס האָבן געזאָגט די געפאַנגענע, אַז עס וואַרט אויף זיי אַ באָד און אַן אַנטלויזונג, און אַז זיי זאָלן געדענקען, ווו זיי הענגען אויף זייערע קליידער. פון דאָרטן זענען זיי אַריבער אין אַ צווייט צימער מיט איינגעאָרדנטע דושן, וואָס דאָס האָט געדאַרפט באַשטעטיקן די רייד פון די איבערזעצערס. די אַלע פאַרזיכט־מיטלען האָבן געזאָלט פאַרבלענדן די קרבנות,

און צוויי אונטערפיהרער זענען איבערגעבליבן מיט די געפאַנגענע ביזן לעצטן מאָמענט, כדי ניט דערלאָזן קיין פאַניק.

אָבער עס פלעגט טרעפן, אז די געפאַנגענע האָבן פאָרט געוווּסט וואָס עס וואַרט אויף זיי, ספּעציעל אויב זיי זענען אָנגעקומען פון בעלזען. אין בעלזען זענען ניט געווען קיין גאַז־קאַמערן, און ווען געפאַנגענע פון בעלזען, וואָס געפינט זיך אין מערב־דייטשלאַנד, האָבן דערזען, אז זיי פאָרן אָפּ אַ סך מייל אויף מיזרח און קומען אָן קיין אויבער־שלעזיע, — האָט זיך זייער פאַרדאַכט פאַרטיפט ביז גאָר.

דעריבער, ווען עס פלעגט קומען אַ טראַנספּאָרט פון בעלזען, האָט מען יעדעס מאָל, כדי צו פאַרמיידן אומרוען, פאַרשטאַרקט די פאָרזיכט־מיטלען, איינגעטיילט די געפאַנגענע אין קלענערע גרופּעס, און זיי צעשיקט אין פאַרשיידענע קרעמאַטאָריעס. די ס.ס.־לייט פלעגן זיך אויסשטעלן אין א קייט און מיט כוח אַריינשטופּן די ווידערשפּעניקע געפאַנגענע אין דער גאַז־קאַמער. אומרוען זענען אייגענטלעך פאָרגעקומען ניט זייער אָפט, און די מיטלען אָפּצונאַרן די נייע אָנגעקומענע זענען, געוויינלעך, געלונגען.

איין פאַל פון אַן ערנסטן אויפרודער איז דורך העס׳ן אַזוי געשילדערט געוואָרן אין זיין דערקלערונג:

איך געדענק איין אינצידענט זייער גוט. עס איז אָנגעקומען פון בעלזען אַ טראַנספּאָרט. צוויי־דריטל דערפון, דער עיקר מענער, זענען שוין געווען אין דער גאַז־קאַמער, און איין־דריטל נאָך אַלץ אין קליידער צימער. ווען דריי אָדער פיר באַוואָפנטע ס.ס. אונטערפיהרער. זענען אריין אין קליידער־צימער אונטערצוויילן די געפאַנגענע זיי זאָלן זיך שנעלער אויסטאָן, איז אויסגעבראָכן אַ בונט. זיי האָבן אַראָפּגעריסן די עלעקטרע־דראָטן, אומגעוואָרפן און אַנטוואָפנט די ס.ס.־לייט, און איינעם פון זיי דערשטאָכן. אין צימער איז געווען שטאָק־פינצטער, און אַ ווילדע שיסעריי איז אָנגעגאַנגען צווישן דער וואַך ביים אַרויסגאַנג און די געפאַנגענע פון אינעווייניק. ווען איך בין געקומען, האָב איך געהייסן פאַרשליסן די טירן און ענדיקן מיט דער

פאַרגאַזונג פון דער ערשטער פּאַרטיע. נאָכדעם בין איך צוזאַמען מיט דער וואַך אַריין אין צימער, מיט קליינע לעמפּלעך אין די הענט, און מיר האָבן אריינגעשטופּט די געפאַנגענע אין איין ווינקל אַריין. פונעם ווינקל האָבן מיר זיי איינציקווייז אַריבערגענומען אין אַן אַנדער קרעמאַטאָריע צימער, און דאָרטן האָט מען זיי, לויט מיין באַפעל, דערשאָסן מיט קליינגעווער.

פרויען פלעגן אָפט פאַרשטעקן זייערע קינדער צווישן די קליידער, וואָס זיי האָבן אויפגעהאָנגען אויפן הענגער, און זיי זענען אַוועק אַליין, אָן זיי, אין גאַז־קאַמער. די מענער פון דער קאָמאַנדאָ פלעגן, דעריבער, אונטער דער אויפזיכט פון די ס. ס., דורכזוכן די קליידער, און די קינדער, וואָס מען האָט זיי געפינען פאַרשטעקט, האָט מען אַריינגעשטופּט אין דער גאַז־קאַמער אריין. אין אַ האַלבע שעה אַרום נאָכדעם ווי דער גאַז איז אויפגעדרייט געוואָרן, האָט זיך אין די ניי־פאַרפולקומטע גאַז־קאַמערן געעפנט אַן עלעקטרישער ווענטיליר־אַפּאַראַט און אַ הייב־מאַשין האָט אַוועק־געפירט די קערפּערס צו די קרעמאַטאָריע־אויוונס. די עצם קרעמאַציע פון אומגעפער צוויי טויזנט קערפּערס אין פינף קרעמיר־אויוונס, — האָט געדויערט צוועלף שעה.

די אַלע קליידער און די אַנדערע זאַכן פון די געפאַנגענע זענען סאָרטיר געוואָרן אין אַ סקלאַר דורך אַ שטענדיקער קאָמאַנדאָ פון געפאַנגענע, וואָס האָבע געוווינט דאָרט טאָקע ווו זיי האָבן געאַרבעט. די ווערט־זאַכן האָט מען יעדן חודש אַריבער־געשיקט אין רייכסבאַנק קיין בערלין. די קליידער, נאָכן רייניקן, האָט מען געליווערט צו די פירמען פון געווער פּראָדוקציע פאַר זייערע שקלאַפן־אַרבעטער. דאָס גאָלד פון די ציין האָט מען צעשמאָלצן און געשיקט איינמאָל אַ חודש צום מעדיצינישן דעפּאַרטמענט פון די וואַפן־ס.ס.

אין דעצעמבער 1943, האָט העס פאַרלאָזט אוישוויץ, אָבער די אוממענטשלעכע אויסראָטונג איז אָנגעגאַנגען ווייטער. העס אַליין האָט איבערגענומען אַ ס.ס. אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן אין מינכען, אונטער דעם אָבערגרופּענפירער פּאָהל. אין די ראַמען פון זיין אַמט איז אים אויסגעקומען אָפט צו באַזוכן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן,

און אַ גרויסער טייל פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר פאַרמאָגן היינט צו טאָג וועגן יענע אַנשטאַלטן, — שטאַמט פון אים. פון אים טאַקע ווייסן מיר, אַז ניט ווייניקער פון 3,000,000 מענטשן האָט מען אומגעבראַכט אין אוישוויץ, 2,500,000 פון זיי — אין די גאַז־קאַמערן.

פון אים טאַקע ווייסן מיר, אַז בשעת ער איז געווען קאָמענדאַנט אין אוישוויץ, האָט מען דאָרט, לויט אַן אייניציקן באַפעל זיינעם, אומגעבראַכט 70,000 רוסישע קריגס־געפאַנגענע, און דאָס האָט ער טאַקע אַ שטיק צייט, אין 1943, דורכגעלאָזט דורך די גאַז־קאַמערן צו 10,000 געפאַנגענע טאָג איין און טאָג אויס.

די טויט־טראַנספּאָרטן וואָס זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ האָבן אַנטהאַלטן 90,000 פון סלאָוואַקיע; 65,000 פון גריכנלאַנד; 11,000 פון פראַנקרייך; 20,000 פון בעלגיע; 90,000 פון האָלאַנד; 400,000 פון אונגאַרן; 250,000 פון פוילן און אויבערשלעזיע; און 100,000 פון דייטשלאַנד.

אַזוי אַרום האָט אוישוויץ ערלעך פאַרדינט דעם נאָמען „טויטן לאַגער". "Arbeit macht frei" — האָט פּראָקלאַמירט אַ טאָוול אין דער הויך, איבערן הויפּט־טויער. דאַנטע'ס גיהנום האָט געהאַט אַ מער פּאַסיקע אויפשריפט: „זאָגט זיך אָלע אָפּ פון יעדער האָפענונג, אַלע וואָס איר טרעט אַהער אַריין".

אַ ס.ס.־מאַן וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אין אוישוויץ, האָט געגעבן די פאָלגנדע שילדערונג וועגן דעם לאַגער:

> די טאָפּלטע הויכע פאַרצוימונגען פון שטייף אָנגעצויגענע שטעכדראָטן מיט די שילדן „פאָרזיכט! סכנה!", די היטערס מיט קוילנוואַרפערס און מאַשינביקסן אויף די וואַכטורעמס, די אומבאַוועגלעכע פינצטערע ציגל־בלאָקן, — האָבן איינגעזאַפּט דערשלאָגן יעדן ניי־אָנגעקומענעם און אים קלאָר געוויזן, אַז פון דאַנען וועט ער שוין מער קיינמאָל ניט אַרויס אויף דער פריי. זייער ווייניק טאַקע האָבן דאָ ניט געהאַט זייער פיינלעכן סוף. אַ סך זענען שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. בשעת זיי זענען אַרויס פונעם לאַגער מיט אַן אַרבעט־גרופּע, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן דורך דער קייט וועכטער כדי מען זאָל אין

זיי שיסן, אָדער זיי זענען „אַריין אין די דראָטן״, ווי דאָס האָט געהייסן אויפן לאַגער־זשאַרגאָן. אַ הויך־וואָלט־יקער שאָק, אַ זאַלפּ פונעם קוילנוואַרפער, — און דער טויט האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון די קומענדיקע פּיין און פּלאָג. ווען עס פלעגט זיך נאָר אין מיטן נאַכט דערהערן אַ שיסעריי, האָט שוין יעדער אייגער געוווּסט, אַז דער יאוש האָט אַרייַנגעטריבן אין די דראָטן נאָך איין מענטשישע באַשע־פעניש. פאַרהילט אין שמאַטעס, ליגט זיך אַן אומבאַוועג־לעכער בינטל אין דער אַזוי גערופענער נייטראַלער זאָנע. דאָס איז געווען אַ פאַס פון קיזעלשטיינדלעך, אַ צוויי מעטער די ברייט, וואָס האָט זיך געצויגן אין דער לענג פון דער אינעווייניקסטער פאַרצוימונג, און יעדער איינער וואָס האָט נאָר באַטראָטן דעם פאַס — איז געוואָרן דערשאָסן.

אַנדערע האָבן זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ גאַרטל בײַ זייערע געלעגערס. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דער געפאַנ־גענער, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדע־נונג אינעם בלאָק, מעלדן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט וועגן דער צאָל זעלבסטמאָרדן. די „אידענטיפיקאַציע דינסט״ פלעגט דאַמאָלס געשווינד קומען צולויפן אויפן פלאַץ כדי צו פאָטאָגראַפירן דעם קערפּער פון אַלע זייטן און ווינקלען, און מען פלעגט פאַרהערן די צימער־חברים כדי פעסט־צושטעלן, צי איז דער פאַרצווייפלטער זעלבסטמערדער ניט דערהרגעט געוואָרן, חלילה, דורך אַנדערע געפאַנגענע. די פאַריסייאישע פאַלשקייט אַרויסגעוויזן אין יענע פאַלן, האָט באמת ניט קיין גלייכן צו זיך. פונקט ווי די ס.ס. מאַכטהאָבער פונעם לאַגער, ווו טאָג איין און טאָג אויס זענען סיסטעמאַטיש אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער מענטשן, וואָלטן געהאַט דעם מינדסטן אינטערעס אינעם גורל פון איין איינציקן אומגליקלעכן מענטשן.

אין אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען די קלענערע פאָסטנס געווען באַזעצט דורך פראָפעסיאָנעלע דייטשע קרימינעלע, וואָס מען האָט זיי אַהערגעבראַכט פון די ציווילע תפיסות, און דאָ האָבן

שוין געניטע ס.ס.־לײַט פֿונעם לאַגער־פּערסאָנאַל זײַ ספּעציעל טרענירט פֿאַר זײער אַרבעט.

אוישוויץ איז ניט געווען קיין אויסנאַם, און אַלס ערשטע זענען אַהין אָנגעקומען דרײַסיק אויסדערווײלטע קרימינעלע, כּדי צו פֿאָרמירן דעם קערן פֿון דעם נידעריקן פּערסאָנאַל. די לאַגער אויפֿזעער (Lageraelteste), בלאָק אויפֿזעער (Blockaelteste), צימער אָרדנער (Stubendienst) און די קאַפּאָס אָדער אויפֿפּאַסערס *). אָט־די מענטשן האָט מען אויסגעקליבן פֿון יענעם ערגסטן מין קרימינעלע, וואָס מען האָט זײ אַמאָל אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה אויף לאַנגע יאָרן פֿאַר געוואַלד־אַקטן. אַ ווו וואָלט דען הימלער געקאָנט קריגן בעסערע אויספֿירער פֿאַר זײַנע קרימינעלע פּלענער?

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז אָנגעקומען דער ערשטער טראַנספּאָרט פּאָליאַקן. אַ שטיק צײַט זענען דאָרט געווען נאָר פּאָליאַקן, אָבער אין משך פֿון דעם לאַגערס גאַנצער עקזיסטענץ הנבן זיך דאָרט איבערגעוואַלגערט געפֿאַנגענע פֿון זעקס און צוואַנציק פֿאַרשײדענע נאַציאָנאַליטעטן. צום סוף, ווען דער לאַגער האָט שוין כּמעט אויסשליסלעך געדינט פֿאַר פֿאַרניכטונג־צילן, איז דאָס רובֿ דאָרט געווען ייִדן. ווײַניקווער צווישן זײ איז באַגאַנגען אַ וועלכע־עס־איז זינד; מען האָט זײ געבראַכט אַהער פּשוט און בלויז דערפֿאַר, ווײַל זײ זענען געווען פּוילישע, ייִדן, ציגײַנער, אָדער סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע.

יענע וואָס זײ האָט מען ניט גלײַך געשיקט צו פֿאַרניכטונג, האָט מען רעגיסטרירט און נומערירט. די נומערן זײערע האָט מען אַרויפֿגענײט אויף די אַרעסטאַנטן־קלײדער. פֿון 1942 אָן האָט מען די נומערן טאַטוירט אויף זײערע אָרעמס. עס זענען געווען ספּעציעלע מערקצײכנס פֿאַר געווויסע קאַטעגאָריעס געפֿאַנגענע, אַ רויטער דרײַעק פֿאַר פּאָליטישע געפֿאַנגענע, אַ גרינער פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע קרימינעלע, אַ ראָזער פֿאַר האָמאָסעקסואַליסטן, אַ שוואַרצער פֿאַר פּראָסטיטוטקעס און פֿערווערזע פּרויען. און אַ וויאָלעטער פֿאַר די

---

*) די קאַפּאָס האָבן אויפֿגעפּאַסט אויף באַזונדערע באַראַקן. זײ זענען געווען ברוטאַל ביז גאָר, און די מורא פֿאַר זײ איז געווען זײער גרויס.

גייסטלעכע. די יידן האָבן געטראָגן אַ מגן דוד, און שפּעטער אַ געלן פּאַס איבער דעם דרייעק.

פון יענעם מאָמענט אָן וואָס מען האָט זיי רעגיסטרירט, האָבן זיי פאַרלאָרן יעדע שפּור פון אינדיווידועלקייט. זיי זענען געוואָרן ציפערן. זיי זענען שוין מער ניט געווען קיין פּערזענלעכקייטן און שוין מער ניט פאַרמאָגט קיין אייגענטום. זייער גאַנצן האָב און גוטס האָט מען קאָנפיסקירט און באַהאַלטן אין די סקלאַדן, — אויסער געוויסע קלייניקייטן, וואָס וועגן דעם זענען געווען ספּעציעלע אינסטרוקציעס, און אויסער די זאַכן וואָס דער ס.ס.־פּערסאָנאַל און די וועכטער האָבן צוגעראַבירט פאַר זיך און פאַר די משפּחות זייערע.

אַט־דער לאַגער האָט געהאַט פינף און דרייסיק ספּעציעלע געביידעס פאַר סאָרטירן און באַהאַלטן דעם פאַרמעג. איידער די דייטשן האָבן עוואַקוירט פון דאָרטן, איז זיי געלונגען צו פאַרברענען ניין און צוואַנציק סקלאַדן צוזאַמען מיטן גאַנצן אינווענטאַר. אָבער אַ געוויסע אָנונג וועגן דער גרויס און וועגן דעם פאַרנעם פון דעם קאָנפיסקירטן באַזיץ גיט אויך דאָס, וואָס מען האָט נאָך זייער אָפּטרעטן געפונען אין די עטלעכע גאַנץ־געבליבענע געביידעס — 348,820 אָנצוגן; 836,255 קליידער־קאָמפּלעטן פאַר פרויען; 5,525 פּאָר דאַמען־שיך; טויזנטער צייגן און גאָל בערשטלעך און ברילן; אַלע סאָרטן פון קיך געשיר, און אפילו פּראָטעזן.

און אויב דאָס לעבן אינעם אוישוויץ־לאַגער איז נאָרמאַלערהייט געווען אַזוי האַרב, האָט שוין די שטראָף, כדי זי זאָל קאָנען ווירקן, געדאַרפט זיין נאָך האַרבער. טוענדיק אַזוי, האָט זיך דער לאַגער־פּערסאָנאַל ניט אָנגעטראָפן אויף קיין שום שוועריקייטן. די פאָלגנדע שטראָפן זענען געוויינלעך געוואָרן באַשטעטיקט דורכן קאָמענדאַנט. שמיץ, איבערפירן אין אַ שטראָף גרופּע, הייסן שטיין אָדער קניען שעה׳ן אויף שעה׳ן נאָכאַנאַנד און פאַרשפּאַרן אין אַ שמאָלן פינצטערן קאַרצער*). אַט־די קאַרצערס זענען געווען אַזוי קליין, אַז די געפּאַנגענע האָבן זיך ניט געקאָנט רירן, און זיי האָבן דאָרט געמוזט בלייבן שטיין די גאַנצע צייט. אין בירקענאו, איז

*) דער נאָמען פון דער שטראָף איז געווען Stehzelle.

דער אַרייַנגאַנג אַהין געווען ענלעך אויף דער לאָך אין אַ הינטישער קאַנורע און רוים איז געווען בלויז אַזויפיל אַז איין מענטשישע באַשעפעניש זאָל קאָנען אַרייַנקריכן אינעווייניק.

דעם שטייקאַרצער האָבן באַגלייט און אים געמאַכט לעבעדיקער פאַרשיידענע אַרטן פון פייניקונג, ווי אַראָפּרייסן די נעגל פון די פינגער, גיסן וואַסער אין די אויערן, אין משך פון פיל טעג געבן צום עסן בלויז און נאָר איבערגעזאַלצענע גרינוואַרג, כדי אַרויס־צורופן נאָך אַ גרעסערן דאָרשט.

די שמיץ האָט מען געגעבן עפנטלעך, בשעתן אָוונט־אַפּעל, אויף אַ ספּעציעל־אויפגעבויטן שמייס־קלאָץ. געשמיסן האָט מען מיט אַ לעדערנעם שפּיצרוט אויפן הינטן. די פאַרשריפטן האָבן באַוואָרנט, אַז דער הינטן זאָל זיין פאַרדעקט, די געפאַנגענע האָבן אָבער באַקומען די שמיץ אויף דער הוילער הויט ביז בלוט. אויב דער געפאַנגענער האָט געחלשט, האָט מען אים, אָדער זי, געבראַכט צו זיך און דערפירט די שטראָף ביזן סוף.

די שטיי־שטראָף, וואָס איז דער עיקר געווען באַשטימט פאַר פרויען, האָט געהייסן שטיין אויסגעצויגן אַ לאַנגע צייט, אָן עסן און אָן טרינקען. די קני־שטראָף האָט געהייסן קניען מיט אויס־געשטרעקטע הענט, אין יעדער האַנט אַ שווערער שטיין. אויב די געפאַנגענע האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט אָדער אַראָפּגעוואָרפן די שטיינער, האָט מען זיי געשלאָגן.

אין דעם באַרימטן בלאָק XI האָט זיך געפונען די שטראָף־קאָמפּאַניע. עס פאָלגט דאָ אַ שילדערונג פון אָט־דעם בלאָק, ווי אַ געוועזענער מיטגליד פונעם לאַגער פּערסאָנאַל האָט אים באַשריבן.

אויסערלעך האָט ער זיך קוים אויסגעטיילט צווישן די אַנדערע אַכט און צוואַנציק געביידעס אין וועלכע עס האָבן געוווינט די געפאַנגענע אָדער וועלכע האָבן געדינט אלס קיכן און שפּיטעלער. עטלעכע אומשולדיקע טרעפּלעך האָבן געפירט צום אַרייַנגאַנג אין פראָנט. ניט אַזוי ווי אין די אַנדערע בלאָקן, איז די טיר צום בלאָק XI געווען שטענדיק פאַרשלאָסן. ווען דער גלעקל האָט געקלונגען און עס האָט זיך באַוויזן אַ וועכטער, פליגן זיינע טריט פריער אָפּהילכן פון דער ווייטן אין דער פונקט ווי פאַרלאָזטער געביידע.

איידער ער האָט אַריינגעלאָזט דעם באַזוכער, האָט ער אים אָנגעקוקט מיט חשד דורך אַ קליינער פאַרקראַטעוועטער טירלאָך. אין דער האַלב־טונקלקייט פונעם קאָרידאָר האָט מען באַמערקט אַ מאַסיווע אייזערנע קראַטע וואָס האָט אַזוי ווי איינגאַנצן פאַרצוימט די הויפּט־טייל פון דער געביידע. אפילו פון דרויסן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אז די פענצטער זענען כמעט איינגאַנצן פאַרמויערט — מיט אַ שמאָלן שפּאַלט בלויז פאַר דער שיין. און ווער עס האָט נאָך דערצו באַמערקט, אז די פענצטער פונעם דערבייקן בלאָק זענען פאַרשטעלט מיט קרומע לאַנגע שיידבערטלעך, האָט שוין גוט פאַרשטאַנען — אז דאָ שטעקט אַ טרויעריקע געשיכטע.

אין אָט דער חושכדיק־אָפּשטויסנדיקער געביידע האָבן זיך די מיטגלידער פון דער שטראָף קאָמפּאַניע געפונען דאַמאָלס, ווען זיי זענען ניט געווען אין דרויסן ביי דער אַרבעט. זייער אַרבעט איז דאָך שטענדיק געווען אין דרויסן, ביי אַלע וועטערס, אָפט אין וואַסער ביז איבער די קריזשעס. אויב ניט אויף דער אַרבעט, זענען זיי געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אין אייז־קאַלטע צימערן אויף דער הוילער ערד. די קראַנקן־נאָרמע אין אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען זייער אַ הויכע. און ווייל פאַר קראַנקע פונעם בלאָק וא איז ניט געווען דערלויבט קיין שפּיטאָל, זענען אַ סך צווישן זיי געשטאָרבן.

אָבער נאָך מער זענען געשטאָרבן מיט אַ געוואַלד־טויט. דער בלאָקלייטער, מיטן נאָמען קראַנקענמאַן, האָט אַ סך צווישן זיי דערהרגעט מיט זיינע אייגענע הענט. ער פלעגט די געפאַנגענע אויסשטעלן ביי אַ שטיינערנער וואַנט און מיט זיין פויסט האַקן אין זייערע קינבאַקן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיי צעקנאַקט. דערביי האָבן זיך זייערע קעפּ געקלאַפּט אין דער וואַנט — און געוואָרן צעשמעטערט.

אז די געפאַנגענע האָבן שוין מער ניט געטויגט צו דער אַרבעט, האָט מען זיי אָפּגעקליבן און אומגעבראַכט. די סעלעקציע איז פאָרגעקומען אויף ספּעציעלע פאַראַדן. די קראַנקע און די אַלטע, וואָס האָבן גוט געוווּסט דעם ציל פון די פאַראַדן, האָבן זיך באַמיט אויסצוזען געזונטער און יונגער. זיי האָבן זיך געהאַלטן גלייך, מיט אַן אַרויסגעשטעלטער ברוסט. נאָך דער סעלעקציע,

האָט מען די אָפּגעקליבענע אַריינגעזעצט אין באַזונדערע בלאָקן, וואָס די געפאַנגענע האָבן זיי גערופן „טויט־בלאָקן".

די נוצלאָזיקע האָט מען אומגעבראַכט ניט בלויז און נאָר דורך פאַרגאַזן. דעם מעטאָד צו הרגענען די געפאַנגענע דורך איינשפּריי־צונגען פון פענאָל *) האָט אַריינגעפירט דער ס.ס. אָבערשטורמפירער ד״ר ענדרעד: אים האָבן אַסיסטירט נאָך אַנדערע פונעם מעדיציי־נישן לאַגער־פערסאָנאַל. צוזאַמען האָבן זיי אויף אַט דעם אופן דערהרגעט ניט ווייניקער ווי 25,000 געפאַנגענע. און אָט ווי אַזוי זיי האָבן געמאַכט די איינשפריצונגען:

מען האָט דעם פאַראורטיילטן אַוועקגעזעצט אויף אַ מין דענטיסטן־שטול. צוויי געפאַנגענע האָבן אים געהאַלטן פאַר די הענט, אַ דריטער האָט אים פאַרבונדן די אויגן מיט אַ האַנטעך און צוגעהאַלטן דעם קאָפּ. דאַן איז צוגעגאַנגען ד״ר קלעהר און האָט אים אריינגעשטאָכן אַ לאַנגן שפּריצער אין דער ברוסט. דער געפאַנגענער איז ניט גלייך געשטאָרבן, אָבער עס איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן. דאַן האָבן די געפאַנגענע, וואָס האָבן אַסיסטירט ביי דער איינ־שפּריצונג, אַריינגעפירט דעם האַלב באַוווסטלאָזן קרבן אין דעם דערבייייקן צימער און אים אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. און דאָרט איז ער ווייניקער ווי אין אַ האַלבע מינוט ארום געשטאָרבן **).

דער דריטער מעטאָד פון פאַרניכטונג איז געווען שיסן. מיט

---

*) מיט טויט־איינשפּריצונגען האָט מען זיך נאָך ערגעץ באַנוצט. דעם 6־טן יולי 1944 האָט מען אינעם נאַצוויילער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עלזאַס דערהרגעט מיט עווּיפּאַן־איינשפּריצונגען פיר פרויען. די פרויען זענען געווען מיטגלידער פון SOE (Special Operations Executive), וואָס האָבן פאַראַשוטירט אין פראַנקרייך — כדי אויפהאַלטן פאַרבינדונגען צווישן דעם שטאַב פון SOE און דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנץ, אָבער זיי זענען אריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן.

**) „דייטשע פאַרברעכנס אין פּוילן", באַנד I (צענטראַלע קאָמיסיע פאַר דער אויספאָרשונג פון די פאַרברעכנס אין פּוילן).

אַזעלכע עקזעקוציעס האָט זיך פאַרנומען דער פּאָליטישער דעפּאַר־טמענט, בראש מיט דעם ס.ס. אונטערשטורמפירער גראַבנער. אַ מאַן וואָס טראָגט די פּערזענלעכע אחריות פאַר מער, קאָן זיין, מאָרדן ווי יעדער אַנדערער אין דעם גאַנצן ס.ס. דאָס פאָלגנדע איז אַ שילדערונג פון איינעם וואָס האָט אים גוט געקענט.

אין דעם אָפּיס פונעם פּאָליטישן דעפּאַרטמענט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע פונקציאָנאַרן און באַאַמטע. דער באָס, ס.ס. אונטערשטורמפירער ערנסט גראַבנער, פירט מיט זיי אַן אָפיציעלן שמועס. הינטער אַ מאַסיוון שרייבטיש זיצט אַ מאַנסביל פון מיטל־וווּקס און מיט אַ וויכטיקער מינע לאָזט ער הערן אין זיין עסטרייכישן אַקצענט „הויכע רייד". זיינע אָפּגעהאַקטע זאַצן און זיין שלעכט דייטש ווייזן קלאָר, אז מען האָט דאָ פאַר זיך אַ דורכויס ניט געבילדעטן מענטשן, טראָץ זיינע זילבערנע עפּאָלעטן. די פּאַרטרויטע ווייסן דעם סוד, אז זיין ציווילע באַשעפטיקונג איז געווען פּאַשן בהמות ערגעץ־ווו אויף אַן אַלפּינער פּאַשע. איצט טראָגט ער שטאָלץ די לאַצן פון דער זיכערהייט דינסט... ער איז אומצופרידן מיט דער אַרבעט פון זיין סעקטאָר. צו ווייניק מסר'ט מען די געפאַנגענע, צו ווייניק שטעלט מען זיי צו פאַר די עקזעקוציעס. ער וואַרפט פאַר זיינע אונטערטעניקע, אז זיי זענען צו מילד. אויף זיין באַפעל צו זיין אין דער צוקונפט ברוטאַלער, ענטפערט מען אָפּ מיט אַ שטומען קלאַפּ מיט די קנאַפּל. גראַבנער איז געוואָרן דער גרעסטער מאַן איינעם לאַגער אַ דאַנק זיין אומפאַרשעמטער אכזריות, זיין אַמביציע, און זיין גאַרונג נאָך אַנערקענונג. אפילו דער קאָמענדאַנט העס אַליין היט זיך שטאַרק ניט צו פטרן די באַציונגען מיט אים. דערביי איז דאָך העס פריי פון יעדן סקרופּל, און ער שטייט קוים אָפּ פון גראַבנערן, — וואָס שייך סאַדיס־טישע אומדערבאַרעמדיקייט.

גראַבנער האָט איינגעפירט טעגלעכע מאַסן־עקזעקוציעס. ער האָט אַריינגעבראַכט די פּראַקטיק פון שיסן אין האלדז און נאַקן *).

---

*) אויף דייטש האָט מען עס גערופן Genickschuss.

וואָס איז דורכן ס.ס. אַזוי אַלגעמײן אָנגענומען געוואָרן אומעטום אין אײראָפּע. זײַנע הויפּט אַסיסטענטן זענען געווען פּריטש, פּאַליטש און אָמײער. פּריטש האָט ליב געהאַט צו באַגעגענען די נײַ־אָנגעקומענע מיט די פּאָלגנדע ווערטער: „איך וואָרן אײַך, אַז איר זענט געקומען ניט אין קײן סאַנאַטאָריע, נאָר אין אַ דײַטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער. פון דאַנען איז שווער פאַר אײַך ניטאָ קײן וועג אויף צוריק סײַדן דורכן קוימען! *) אויב עס געפעלט אײַך ניט, האָט איר די ברירה זיך צו וואַרפן אויף די הויך־געשפּאַנטע דראָטן". גראַבנער און זײַנע אסיסטענטן האָבן די געפאַנגענע געפּײניקט בשעת׳ן פאַרהער וואָס איז פאָרגעקומען זײער אָפט, כמעט בײַ יעדער געלעגנהײט. אַ מאָל האָבן זײ געשטאָכן מיט נאָדלען אין זײַנע טעסטיקלען, אַ פּרוּי האָבן זײ אַרײַנגערוקט אַ ברענענדיק צעפּל אין איר מוטערשייד.

די שיס־עקזעקוציעס זענען דורכגעפירט געוואָרן נעבן די סלופּעס אויף יענער זײַט לאַגער פּלויט. מען האָט די געפאַנגענע צוגעבונדן צו די סלופּעס, מיט די הענט פון הינטן, און מען האָט זײ געשאָסן גרופּעסווײַז, צו צען מענטשן. די לעצטע גרופּע האָט צוגעזען דאָס שיסן פון אַלע פריערדיקע. געשאָסן ממש האָט פּאַליטש, אָבער גראַבנער האָט געגעבן דעם באַפעל. 25,000 געפאַנגענע זענען דורך זײ דערשאָסן געוואָרן אין אושוויץ אויף אַזאַ אופן.

דער פערטער און לעצטער אָנגענומענער מעטאָד פון אויס־ראָטונג, איז געווען הענגען. אַזוי האָט מען געטאָן אין פאַלן ווען מען האָט געכאַפּט די געפאַנגענע בײַ אַ פּרווו צו אַנטלויפן. די עקזעקוציעס זענען פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהײט פון אַלע אַנדערע געפאַנגענע, כדי אָפּצושרעקן זײ פון וועלן אַנטלויפן. פאַרן הענגען האָט מען די קרבנות געשמיסן. זײערע קערפּערס האָט מען

---

*) דורך דעם קוימען (durch den Kamin) האָט געהײסן, פאַרשטײט זיך, דורכן קרעמאַטאָריע וועג. דער זאָג: „איר זאָלט זיך בעסער היטן מיט אײערע רייד, אַ ניט וועט איר גײן אַרויף דורכן קוימען", איז געווען אַ מין דראָונג, אַלגעמײן אָנגענומען אין דײַטשלאַנד, אין דער צײַט פון דער מלחמה.

געלאָזט הענגען אַ גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגן האָט מען דורכ־געטריבן דעם גאַנצן לאַגער פאַרביי זיי.

אַזוי האָט אויסגעזען אוישוויץ, „דער טויטן־לאַגער"; אָבער דאָס איז בלויז איין זעלפּט פון דער גאַנצער מעשה. ווען מען וואָלט אַנגעשריבן אַלץ, וואָלט מען עס ניט געגלייבט. אויב יאָ געגלייבט, וואָלט מען עס פּשוט ניט געגלייבט.

בעלזען

ניט ווייט פון דער קליינער שטאָט בערגען, אויפן וועג צווישן צעלע און האַמבורג, איז געווען דער בעלזענער קאָנצענטראַציע לאַגער. צו ערשט קליין, איז ער שפּעטער פאַרברייטערט געוואָרן. אין נאָוועמבער 1944, האָט מען פון אוישוויץ אַראָפּגעשיקט יאָזעף קראַמער, אַ פונקציאָנאַר פון קאָנצענטראַציע לאַגער מיט גרויס נסיון, צו עפענען דאָרט אַ קאָנוואַלעסצענץ־פּלאַץ פאַר אַלע קראַנקע מענטשן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן, פאַבריקן און פאַרמען, און פאַר די היימלאָזע מענטשן פון דער גאַנצער צפון־מערבדיקער אייראָפּע.

אָט־דער לאַגער האָט זיך געפירט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע, לויט דער סיסטעם פון פירער און אויפזעער. דאָס הייסט, אַלע פּאָסטנס וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען פירער, זענען געלעגן אין די הענט פון די ס.ס. בשעת די פּאָסטנס מיטן וואָרט „עלטעסטער", ווי למשל בלאָקעלטעסטער, האָבן געהערט צו געוויינלעכע קרימינעלע, וואָס מען האָט זיי צוליב דעם צוועק געבראַכט פון ציווילע טורמעס — דאָס זענען געווען די אויפזעער.

קיין גאַז־קאַמערן זענען ניט געווען אין בעלזען, אָבער טויזנטער זענען דאָך פאַרניכטעט געוואָרן דורך קרענק און הונגער. אין די לעצטע עטלעכע חדשים פון דער לאַגער־עקזיסטענץ, האָט דאָרט געהערשט אַזאַ שאַרפער מאַנגל אין עסן (דער לאַגער פּערסאָנאַל האָט נאָך אַלץ באַקומען גוט צו עסן), אז די געפאַנגענע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין קאַניבאַלן. וועגן דעם האָט אַ געוועזענער בריטישער אינטערנירטער אָפּגעגעבן עדות אויפן פּראָצעס פונעם קאָמענדאַנט מיטן פּערסאָנאַל. בשעת'ן אָפּראַמען די מתים האָט ער באַמערקט, אז אומגעפער אין איין קערפּער צווישן צען איז

פון די זייטן אָדער פון אַן אַנדער טייל קערפּער אויסגעשניטן אַ חלק צום עסן. ער אַליין האָט געזען ווי מענטשן האָבן עס געטאָן. אַזוי ווייט האָבן די יסורים פון הונגער זיי פאַרפירט.

דער עדות האָט דערציילט:

איך האָב אָנגעהויבן באַמערקן, אַז אַ סך טויטע האָבן עפּעס אַ מאָדנע ווונד פון הינטן. צו ערשט האָב איך עס אָנגענומען פאַר אַ ווונד פון אַ נאָענטן שאָס. שפּעטער, ווען איך האָב דערזען נאָך און נאָך אַזעלכע, האָב איך געפרעגט ביי מיינעם אַ פריינד. יענער האָט מיר געזאָגט אז אַ סך פון די געפאַנגענע שניידן אויס אַ גראָב שטיק פון די קערפּערס צום עסן. ביי מיינעם אַ ווייטערדיקן באַזוך אין טויטנשטיבל, האָב איך געזען ווי אַ געפאַנגענער כאַפּט אַרויס אַ מעסער, שניידט אויס ביים מת אַ חלק פון זיין פוס, און לייגט עס שנעל אַריין אין מויל, פול מיט אַנגסט מען זאָל אים ניט פּאַקן דערביי. איך לאָז עס איבער פאַר אייך זיך פאָרצושטעלן, צו וועלכן צושטאַנד מען האָט דערפירט די געפאַנגענע, אויב זיי האָבן ריזיקירט און געגעסן שטיקער פלייש, אויסגעשניטן פון יענע שוואַרצע קערפּערס.

עס ווערט דאָ ניט געמיינט צו באַשרייבן דאָס לעבן אין אָט־דעם לאַגער: עס זענען געווען ווייניק וואַריאַציעס אינעם עקזיסטענץ־ריטם פון דעם אָדער יענעם קאָנצענטראַציע לאַגער, — און בעלזען איז ניט געווען מיט אַ סך ערגער. און געוויס ניט בעסער, ווי דאָס רוב צווישן זיי.

אָבער אַ שילדערונג דערפון וואָס די ערשטע בריטישע אָפיצירן האָבן דערזען פאַר זיך, בשעת זיי זענען, נאָך דער קאַפּיטולאַציע, אַריין אַהין, וועט געבן אַ לעבעדיקן בילד פון דער עקזיסטענץ, ווייל מען קאָן עס ניט אָנרופן לעבן, צווישן אָט־די שטעכדראָטן.

צוזאַמען מיט די ערשטע מיליטערישע טיילן, איז אַהין אַריין קעפּטען דעריק סינגטאָן, דער קאָמאַנדיר פון דער נומ. 14 הויך־שפּרעכער־איינהייט. ער האָט זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט די בייטיקע און געוווּנטשענע מעלדונגען און אויפרופן. און אויך זיין דער איבערזעצער ביים ליוט.־קאָלאָנעל טיילאָר, דעם קאָמאַנדע־

אָפיציר פון דעם 63־טן אנטי־טאַנק רעגימענט, מלוכה־אַרטילעריע. דער לעצטער איז אַריין מיט אײנער פון זײנע באַטערײען, כדי איבערצונעמען די אָנפירונג מיטן לאַגער.

ביים טויער האָט דעם קעפּטען סינגטאָן באַגעגנט דער קאָמענדאַנט, יאָזעף קראַמער, וועלכער האָט געמאָלדן אז עס זענען דאָ 40,000 אין נומ. 1 לאַגער, און נאָך 15,000 אין נומ. 2 לאַגער, דאָס רוב געוויינלעכע קרימינעלע, פאַרברעכער און האָמאָסעקסו־אַליסטן. עס זענען אויך פאַראַן שוצהעפטלינגע *) — פּאָליטישע געפאַנגענע. אָבער די לעצטע זענען דאָך, אייגענטלעך, געווען ביין און ביינציק פּראָצענט פון די געפאַנגענע, וואָס זענען געקומען פון אַלע לענדער וווּהין די דייטשן זענען נאָר אַריין פון זינט 1939.

אין עטלעכע שעה אַרום נאָך דעם לויט.־קאָלאָנעל טיילאָר איז אין לאַגער אַריין דער הילף־דירעקטאָר פון דער מעדיצינישער דינסט ביי דער בריטישער אַרמיי אין ריין, בריגאַדיר גלין יוהעס. די באַדינגונגען וואָס ער האָט דאָרט געפונען, האָבן זיך גאָרניט געלאָזט באַשרייבן. „קיין שום שילדערונג, קיין שום פאָטאָגראַפיע", האָט ער געזאָגט, „קאָן ניט געבן אפילו די מינדסטע אַנונג וועגן דעם שוידער און דעם גרויל, וואָס האָבן געהערשט אין דרויסן, אָבער די מורא'דיקע סצענעס אין די באַראַקן — זענען געווען נאָך שרעקלעכער". מתים קופּעסווייז צוואָרפן איבערן גאַנצן לאַגער אין דרויסן, און אינעווייניק, אין די באַראַקן, אויף די זעלבע געלע־גערס לעבעדיקע צוזאַמען מיט טויטע. נעבן דער קרעמאַטאָריע פאַרשאָטענע מאַסן־קברים, און דאָרט איז אויך געווען אַן אָפענע גרוב פול מיט קערפּערס.

די באַראַקן זענען געווען פול־אָנגעפּאַקט מיט געפאַנגענע אין אַלע גראַדן פון אויסגעשעפּטקייט און קרענק; אין אייניקע באַראַקן, געגנוג גרויס אויף אַריינצונעמען אַ פּאָר הונדערט פּערזאָן, זענען געווען צוזאַמענגעקוועטשט ניט ווייניקער פון אַ טויזנט.

קיין שום סימן פון סאַניטאַציע. דער צושטאַנד אינעווייניק, אין די באַראַקן, איז געווען פשוט אַ הימלשרייענדיקער. דאָס רוב

*) Schutzhaftlinge — בוכשטעבלעך, די וואָס געפינען זיך אין אַ שוץ־אַרעסט.

געפאַנגענע האָבן געליטן פון גאַסטראָ־ענטעריטיס, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם, און זיי זענען געווען צו שוואַך אַרויסצוגיין אין דרויסן. די וואַסער־אָפּטריטן אין די באַראַקן זענען, אייגענטלעך, שוין געווען קאַליע פון לאַנג. אינעם פרויען־הויף איז געווען אַ טיפע גרוב מיט אַ שמאָלברעט דערויף. אָן אַ שום ווענטל, אָן עפּעס אַנדערש צום פאַרשטעלן.

ווער עס האָט נאָר געהאַט אַביסל כוח, פלעגט אַרויסגיין אין דרויסן. די איבעריקע האָבן דערליידיקט זייערע נאַטירלעכע באַדער־פעגישן אונטער זיך, דאָרט ווו זיי זענען געלעגן. די הויפן זענען געווען געדיכט באַדעקט מיט מענטשנקויט.

אין איין הויף, ווו עס האָבן זיך געפונען 8,000 געפאַנגענע מענער, האָט געבושעוועט דער טיפוס. אין הויף מיט 23,000 פרויען, האָבן זיך אַ סך טויטע געוואַלגערט אַרום און אַרום. נעבן איין באַראַק איז געווען אָנגעהויפט אַ קופּע מיט טויטע קערפּערס, און טויטע פרויען זענען געלעגן אינעם באַראַק־דורכגאַנג; אין אַ צימער, וואָס איז אַרויס אין דורכגאַנג, האָבן זיך געפונען אַזויפיל מתים, אַז עס איז געווען אוממעגלעך אַריינצושטופּן אַהין נאָך אַ מת.

זיבעציק פּראָצענט פון די געפאַנגענע האָבן זיך געניייטיקט אין האָספּיטאַליזאַציע. עס איז כמעט קיין ספק ניט געווען, אַז 10,000 צווישן זיי וועלן שטאַרבן — נאָך איידער מען וועט זיי אַריינגעמען אין שפּיטאָל.

עס האָבן דאָרט געהערשט פאַרשיידענסטע מינים קרענק, אָבער אין אַ האָפענונגסלאָזן צושטאַנד האָבן זיך געפונען, דער עיקר, די קראַנקע אויף טיפוס, טובערקולאָז און הונגער. כדי צו דערפירן צום טויט געזונטע שטאַרקע מענטשן, האָבן די באַדינגונגען אין לאַגער שוין געמוזט זיין זייער שלעכט חדשים לאַנג.

אויף מאָרגן נאָך דער אינספּעקציע, האָט דער בריגאַדיר גלין יוהעס געמאַכט נאָך אַ טור איבערן לאַגער מיט קראַמער'ן, וועלכער האָט אים געבראַכט צופירן צו איינער פון די אָפענע גריבער. דער קאָמענדאַנט האָט זיך געהאַלטן שטייף און גלייכגילטיק. „איך בין שוין דרייסיק יאָר אַ דאָקטאָר", האָט דער בריגאַדיר גלין יוהעס געזאָגט, „און איך האָב שוין באַוויזן צו זען די גרעסטע שרעקן פון קריג, אָבער עפּעס וואָס אַזוינס האָב איך זיך קיינמאָל אפילו

ניט פאַרגעשטעלט״. בכלל איז דאָס לעבן און דאָס געזונט פון די געפאַנגענע, האָט ער פעסטגעשטעלט, געווען אַ סך מער ווי הפקר.

קורץ נאָך דעם ווי די בריטישע אַרמיי איז אַריין אין לאַגער, האָט מען דאָרט געמאַכט אַ פילם און אים שפּעטער דעמאָנסטרירט אויפן בעלזענער פּראָצעס. וועגן אָט דעם פילם טאַקע האָט דער בריטישער הויפּט־פּראָקוראָר פונעם פּראָצעס, קאָלאָנעל ט. מ. בעקהאַוז, געזאָגט אַזוי:

> אָט־דער פילם וועט אייך געבן אַן אָנונג צו וואָס פאַר אַ צושטאַנד און צו וואָס פאַר אַ דעגראַדאַציע עס קאָן דערגיין אַ מענטשישער מוח. איר וועט זען דעם צושטאַנד פון די טויטע קערפּערס וואָס וואַלגערן זיך אַרום און אַרום. איר וועט זען אויך דעם צושטאַנד פון די גוט־דערנערטע ס.ס.־לייט וואָס שטייען דערביי. איר וועט זען מענטשן וואָס פישן מיט בלעכלעך וואַסער פון אַ קליינעם טאַנק אַרויס. אָבער וואָס איר וועט ניט זען, — איז, אַז דאָס וואַסער איז דומפּיק און אַז אינעם וואַסער־טאַנק ליגן טויטע קערפּערס. און קיין אַנדער וואַסער צום טרינקען איז דאָך ניט געווען. איר וועט זען די טויטע; איר וועט זען די לעבעדיקע, און איר וועט זען דאָס עצם שטאַרבן. וואָס דער פילם קאָן אָבער אייך ניט ווייזן, איז דער שרעקלעכער ריח, די שמוץ און די מיסט וואָס דער געשטאַנק דערפון איז געשטיגן ביז הויך אין הימל אַרויף.

דעם זעלבן פילם האָט מען אויך געוויזן פאַר אַ דייטשן פּובליקום אין ליגעבערג, ווו דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען. אַ טייל האָבן דערפון ניט געשעפּט קיין נחת, און אַ סך האָבן עס אָנגענומען פאַר פּראָפּאַגאַנדע.

בוכענוואלד

אויף אַ וואַלדיקן בערגל, אַ זעקס מייל פון ווײַמאַר, אָט־דער דייטשישער טעמפּל פון קולטור און פרייהייט, איז זומער 1937 אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייער קאָנצענטראַציע־לאַגער. די ענינים אין דאַכאַו און זאַקסענהאַוזען האָבן ממש געבליט, און היטלער׳ן האָט

זיך פאַרוואַלט נאָך איין „וואַכטורע פון דעמאָקראַטיע" אין צענט־ראַל דייטשלאַנד.

אין משך פון כמעט אַכט יאָר, איז דער לאַגער געווען אַן אָרענע פאַר טאָג־טעגלעכער געמיינער באַרבאַרישקייט און ברוטאַ־ליטעט. מען האָט אויף די אינטערנירטע עקספּערימענטירט, ווי אויף מענטשישע פּרווו־חיה׳לעך; טויזנטער געפאַנגענע, צעמישט פון די צרות וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף זייער גורל, פלעגן בשעת דער אַרבעט, אין דרויסן, זיך לאָזן לויפן דורך דער קייט וועכטער, כדי אַרויסצורופן דעם טויט, דעם איינציקן אויסוועג פון די קערפּער־לעכע און גייסטיקע יסורים.

אין בוכענוואַלד האָט מען זיי צעשמעטערט מיט שטיינער, דעטרונקען אין גנאָי, געשמיסן, פאַרהונגערט, קאַסטרירט, צעקיילט און צעביילט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. יעדן טאַטויירטן געפאַנגענעם האָט מען געשיקט צום היילפּונקט זיך מעלדן. צו ערשט האָט קיינער ניט געוווּסט צוליב וואָס, אָבער די מיס־טעריע האָט זיך גיך אויפגעקלערט. די מענטשן מיט די דעקאָראַ־טיווסטע מוסטערן פון דער טאַטויר־קונסט האָט מען פאַרהאַלטן און זיי דערהרגעט דורך איינשפּריצונגען. דאָס האָט געמאַכט קאַרל בייגס, איינער פון די קאַפּאָס.

דערנאָך האָט מען דעם קערפּער געשיקט צום פּאַטאַלאָגישן אָפּטייל, ווו מען האָט אָפּגעשונדן און באַאַרבעט די הויט. דעם אויסגעענדיקטן פאַבריקאַט האָט מען איבערגעגעבן דעם קאָמענ־דאַנט׳ס פרוי, אילזע קאָך, און זי האָט שוין דערפון געמאַכט אַבאַזשורן, בוך־טאָוולען און הענטשקעס.

ווען די אַמעריקאַנער זענען, דעם 1־טן אַפּריל 1945, אַריין אין בוכענוואַלד, האָבן זיי געמאַכט נאָך אַן אַנטדעקונג. דאָס זענען געווען די פּרעזערווירטע שאַרבנס פון אַ סך קרבנות. עמיצער אין לאַגער האָט געקעפּט צוויי פּאַליאַקן פאַר סעקסועלע באַציונגען מיט דייטשע מיידלעך. מען האָט געלאָזט די שאַרבן־ביינער באַזיי־טיקן, די קעפּ איינשרומפּן, אויסטשטאָפּן און פּרעזערווירן. די קעפּ זענען געווען די גרויס פון אַ פויסט מיט פאַרבליבענע האָר און סימנים פון דער שטריק *).

---

*) דער מחבר האָט אַליין, מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אָט־די איינגעשרומפּענע קעפּ. זע אילוסטראַציע.

אין אַפּריל 1947 איז דער ס.ס. אָבערגרופּענפירער און וואַפען־ס.ס. גענעראַל יאָזיאַס פירשט צו וואַלדעק און נאָך דרייסיק מיטגלידער פונעם לאַגער־פּערסאָנאַל, צווישן זיי פראַו קאָך, געש־טאַנען פאַר אַ מיליטער־טריבונאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו, וואָס אַ סך פון די באַשולדיקטע האָבן פריער באַזוכט ביי אינגאַנצן אַנדערע אומשטאַנדן. דער לאַנגער באַשולדיקונג־אַקט האָט זיי פאָרגעוואָרפן אַז זיי האָבן אויסגעשטעלט טויזנטער געפאַנגענע פון זיינקסטנס צוועלף פאַרשיידענע נאַציעס אויף „מאָרד, קלעפּ, פּייניקונג, הונגער, בלוטיקן שפּאַס, דערנידערונג" און נאָך און נאָך.

אין משך פון כמעט אַכט גאַנצע יאָר, איז אין אָט דעם לאַגער מיט אַ סאַדיסטישן פאַרגעניגן פּראַקטיצירט געוואָרן יעדער אופן און יעדע אַרט פון שוידער און גרויל — וואָס אַ מענטש קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. אין די ערשטע יאָרן אַ פּשוטע פאַרניכטונג, אין די ווייטערדיקע יאָרן די פאַרניכטונג דורך „האַרעווען צום טויט". אָבער פריער צי שפּעטער איז דער אַספּעקט סיי־ווי געווען שטענדיק דער זעלבער: „צעברעך דעם גוף; צעברעך דעם גייסט; צעברעך דאָס האַרץ" *).

וואָס האָט דאָס דייטשע פאָלק געוווּסט וועגן אָט־די אַלע זאַכן? מען טענה'ט אָפט, אַז זיי האָבן ניט געוווּסט גאָרנישט. אַזאַ מעג־לעכקייט איז פונקט אַזוי אויסגעשלאָסן ווי דער היפך, אַז זיי האָבן געוווּסט אַלץ.

מען האָט אַמאָל געזאָגט, „דו קאָנסט נאַרן אַלע מענטשן אַ שטיק צייט, און אַ טייל מענטשן די גאַנצע צייט, אָבער דו קאָנסט ניט נאַרן אַלע מענטשן די גאַנצע צייט"; עס זענען פאַראַן אָן אַ שיעור באַווייזן, אַז אַ גרויסע צאָל דייטשן האָבן גוט געוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און נאָך מער דייטשן האָבן געהאַט אַן ערנסטן חשד און אפילו אַן אַנונג, אָבער

---

*) פון דער הקדמה אין דער אָפיציעלער אינפאָרמאַציע־בראָשור אַרויסגעלאָזט ביים פּראָצעס.

זיי האָבן בעסער געוואָלט ניט וויסן גאָרנישט, כדי צו פאַרוויגן זייער אייגענעם געוויסן.

ווען דער מאַנגל אין אַרבעטקראַפט איז געוואָרן זייער שאַרף, האָט מען גענומען סיסטעמאַטיש באַפרייען דייטשע פרויען, די קרימינעלע און אַסאָציאַלע עלעמענטן, פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זיי שיקן אויף אַרבעט אין די דייטשישע פאַבריקן. עס איז שווער צו גלייבן, אַז אַזעלכע פרויען האָבן קיינעם ניט דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען. אין יענע פאַבריקן זענען די דייטשע ציווילע אויפזעערינס געקומען אין קאָנטאַקט מיט די אינטערנירטע און געהאַט אַ געלעגנהייט מיט זיי צו רעדן. די אויפזעערינס פון אוישוויץ, וואָס זענען נאָכדעם אַריבער אין דער פיליאַל־פאַבריק פון סימענס אין ראַווענסברוק, האָבן אַמאָל געאַרבעט ביי סימענסן אין בערלין. זיי האָבן באַגעגנט באַקאַנטע פרויען פון בערלין און זיכער דערציילט פאַר יענע, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען אין אוישוויץ. לייגט זיך דען אויפן זינען, אַז מען האָט אָט די אַלע מעשיות קיינמאָל ניט איבערדערציילט? פלעגט מען דאָך בשעת דער מלחמה זאָגן צו דייטשן, וואָס האָבן צופיל געפּלוידערט — „איר זאָלט זיך בעסער היטן, אַ ניט וועט איך גיין אַרויף דורכן קוימען". און וואָס האָט מען דען געקאָנט מיינען דערביי, אויב ניט די קרעמאַטאָריע אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער?

די סיסטעם פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט אין דייטשלאַנד עקזיסטירט נאָך איייניקע יאָר פאַר דער מלחמה. ביי אַ סך דייטשן זענען זייערע קרובים און פריינד געזעסן פאַרשפּאַרט אין די לאַגערן, אַ טייל פון זיי זענען נאָכדעם געוואָרן באַפרייט.

פון בוכענוואַלד אַרויס, זענען די געפאַנגענע טאָג־טעגלעך געגאַנגען צו דער אַרבעט אין ווײמאַר, ערפורט, און יענאַ. זיי זענען אַרויס גאַנץ פרי און געקומען צוריק באַנאַכט. אין משך פונעם טאָג זענען זיי ביי דער אַרבעט געקומען אין באַרירונג מיט דער ציווילער באַפעלקערונג. האָבן זיי קיינמאָל ניט גערעדט צווישן זיך, און אויב יאָ, האָבן זיי דען שטענדיק און דורכויס אויסגעמיטן די טעמע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער?

אין אַ סך פאַבריקן, וווּ עס האָבן געאַרבעט פאַרטיעס פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זענען די טעכניקער ניט געווען קיין מיט־

גלידער פון באַוואָפנטע כוחות און די אויפזעער ניט קיין ס.ס.־לייט. נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט מיט די געפאַנגענע, זענען זיי אויף נאַכט געגאַנגען אַהיים. האָבן זיי אין דערהיים מיט זייערע קרובים און פריינד קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אין משך פונעם גאַנצן טאָג?

וואָס איז מכוח די לייטער און די וועכטער פונעם ס.ס. גופא? אַן אמת איז, זיי האָבן אַלע געחתמעט אַ דעקלאַראַציע, אַז זיי וועלן קיין שום זייטיקן קיינמאָל גאָרנישט דערציילן וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין זייער לאַגער.

לייגט זיך עס דען אויפן זינען, אַז יעדער איינציקער צווישן זיי איז געווען מער ווי אַ מענטש, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געבראָכן זיין צוזאָג? דערצו איז דאָך אַ קנאַקער שטענדיק אויף אַ באַרימער.

אין אויגוסט 1941 האָט דער בישאָף פון לימבורג געשריבן צו דריי מיניסטאָרן, — פון אינערן, געריכט, און קלויסטער וועזן, — פאָלגנדע ווערטער:

אין אַן אַכט קילאָמעטער פון לימבורג, אין דער קליינער שטאָט האַדאַמאַר... געפינט זיך אַן אַנשטאַלט וווּ דאָרט ווערט שוין חדשים לאַנג פּראַקטיצירט סיסטעמאַטיש אייטאַנאַזיע (מצוה־טויט). עטלעכע מאָל אַ וואָך קומען אָן קיין האַדאַמאַר אויטאָבוסן מיט אַ היפּשער צאָל אַזעלכע קרבנות. די אָרטיקע שול־קינדער קאָנען שוין די מאַשין און זיי זאָגן, „דאָרט קומט ווייטער דער מאָרד־קאַסטן". די קינדער קריגן זיך צווישן זיך און זאָגן, „ביסט משוגע, מען וועט דיך אַוועק־שיקן אין דעם באַק־אויוון אין האַדאַמאַר". די וואָס ווילן ניט חתונה האָבן זאָגן: „חתונה האָבן? קיינמאָל ניט! ברענגען קינדער אויף דער וועלט, מען זאָל זיי שפּעטער אַריינרוקן אונטערן דרוק פון אַ דאַמפּקאַסטן?" מען הערט די אַלטע לייט זאָגן: „שיקט מיך ניט אין קיין רעגירונגס־האָספּיטאַל. נאָכדעם ווי מען וועט אויסענדיקן די שוואַכ־זיניקע וועט, פון צווישן די אומזיסטע עסערס, אָנקומען די ריי פאַר אַלטע לייט..."

אויב די אַרטיקע איינוווינער אין האַדאַמאַר האָבן אַזויפיל געוווּסט, קאָן דען בלייבן אַ ספק, אז די איינוווינער פון בערגען, דאַכאַו, שטרוטהאָף און בירקענאַו האָבן יאָ עפּעס־וואָס געוווּסט וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר ביי זייער שוועל ממש — אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון בעלזען, דאַכאַו, נאַצווײַלער, און אוישוויץ?

העס אַליין האָט געזאָגט וועגן אוישוויץ, „דער עקלדיקער און איבלדיקער געשטאַנק פונעם שטענדיקן ברענען די קערפּערס האָט דורכגעזאַפּט די גאַנצע סביבה. אַלע איינוווינער פון די אַרומיקע ישובים האָבן געוווּסט, אז אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער גייט אָן אַ פאַרניכטונג".

טאָג איין און טאָג אויס זענען צוגן מיט קרבנות אין בהמה־וואַגאָנען, געפאָרן איבער אַלע באַן־ליניעס פונעם רייך אויפן וועג צו די פאַרניכטונגס־צענטרען. עס האָבן זיי געזען הונדערטער באַן־אַרבעטער, וואָס האָבן געוווּסט פון וואַנען זיי קומען און וווּהין זיי גייען.

זאָל זיין אז געוויסע גרוילן זענען געבליבן פאַרשטעקט צווישן די ווענט פון די לאַגערן, אָבער אַ סך זאַכן זענען פאָרגעקומען אין דער העלער שיין. און דייטשן, וואָס האָבן געהאַט אויגן צו זען און אויערן צו הערן, האָבן ניט געקאָנט צווייפלען אין דעם, וועלכע פאַרברעכנס מען באַגייט, אין זייער נאָמען, איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פונעם לאַנד.

דאַכאַו

דאַכאַו, איינער פון די ערשטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז געלעגן נעבן אַ קליין שטאָט מיטן זעלבן נאָמען, אַ צוועלף מייל פון מינכען. אין דער זייט פונעם טראַקט איז געשטאַנען אַ וועגצייכן וואָס האָט געוויזן די ריכטונג. דאָ זענען געמאַכט געוואָרן די אַזוי־גערופענע מעדיצינישע עקספּערימענטן אויף הונ־דערטער אינטערנירטע, וואָס מען האָט זיי פאַרוואַנדלט אין מענטש־שע פּרוּוו־חיה׳לעך.

צווישן 1941 און 1942 האָט מען געמאַכט אַ פינף הונדערט אַזעלכע אָפּעראַציעס אויף געזונטע מענטשן. דער ציל דערביי

איז געווען אויסבילדן ס.ס.־דאָקטוירים און מעד־סטודענטן. אַ סך אָפּעראַציעס זענען געווען זייער ערנסטע ווי, צום ביישפּיל, באַזייטיקן אַ גאַלפּענכער. אָפּערירט האָבן סטודענטן מיט אַ צוויי לערן־יאָרן הינטער זיך. אַזעלכע אָפּעראַציעס דאַרפן נאָרמאַלער־הייט מאַכן דאָקטוירים מיט אַ כירורגישן נסיון פון אַ פיר יאָר מינימום. אַ סך פון די פּאַציענטן זענען געשטאָרבן שוין בשעת דער אָפּעראַציע אָדער שפּעטער, פון קאָמפּליקאַציעס נאָך דער אָפּעראַציע.

אויך מאַלאַריע־עקספּערימענטן זענען דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ 1,200 מענטשן, קיין איינער פון זיי האָט דערצו ניט געגעבן זיין הסכמה. אָט די עקספּערימענטן האָט געמאַכט, לויט די פּערזענ־לעכע אינסטרוקציעס פון הימלערן, אַ געוויסער ד״ר שילינג. מען האָט איינגעאָרדנט אַזוי, אז מאָסקיטן זאָלן בייסן די מענטשן, אָדער מען האָט זיי געמאַכט איינשטיכן פון מאַלאַריע־ספּאָראָזאָען, גענומען פון מאָסקיטן. דער ציל פון אָט־די עקספּערימענטן איז געווען אויסצופּרווון געוויסע פּרעפּאַראַטן, — ספּעציפיש פאַר מאַלאַריע־פיבער. דרייסיק ביז פערציק פון די „פּאַציענטן״ זענען געשטאָרבן פון מאַלאַריע טאָקע. עטלעכע הונדערט זענען געשטאָרבן שפּעטער פון אַנדערע קרענק, אַלס רעזולטאַט פון נאָך־מאַלאַריע שוואַכקייט. אַ צאָל פּאַציענטן זענען אויך אָפּגעסמט געוואָרן דורך די איבער־דאָזעס פון נעאָסאַלוואַרסאַן און פּיראַמידאָן, — די צוויי עקספּערי־מענטירטע פּרעפּאַראַטן.

אַנדערע עקספּערימענטן זענען אין דאַכאַו אויסגעפירט געוואָרן דורכן ד״ר זיגמונד ראַשער, אַ מאַיאָר אין דעם לופטפלאָט. אין אַ ספּעציעל קאָנסטרוירטן וואַגאָן, ווו מען האָט געקאָנט מאַכן שטאַרקער אָדער שוואַכער דעם לופטדרוק, האָט מען אַריינגעזעצט פינף און צוואַנציק מענטשן. דער ציל פון אָט־די עקספּערימענטן איז געווען צו אָבסערווירן אויף די קרבנות די ווירקונג פון אַ גרויסער הויך, אָדער פונעם שנעלן אַראָפּלאָזן זיך מיט אַ פּאַראַשוט.

מען האָט אָט־די עקספּערימענטן, וואָס זיי האָבן אַליין פאַר זיך געמוזט זיין אַ שרעקלעכע פּייניקונג, אַרויפגעצוווּנגען אויף מענטשן. אַ סך צווישן זיי זענען געשטאָרבן פון אַ בלוטשטורץ אין די לונגען אָדער אין מוח. די לעבנגעבליבענע האָבן געהוסט מיט בלוט, בשעת מען האָט זיי אַרויסגענומען פונעם וואַגאָן. די

אינערע אָרגאַנען פון די געשטאָרבענע האָט מען געשיקט קיין מינכען אויף אַן אַנאַליז; די לעבנגעבליבענע האָט מען געוויינלעך אָוועקגעשיקט צום טויט.

אַן אַנדער טעסט, אָנגעפירט דורך דעם ד״ר ראַשער, איז געווען צו אָבסערווירן מענטשן איינגעטונקטע אויף אַ היפּש שטיקל צייט אין זייער קאַלטע וואַסער. אַט דעם טעסט האָט באַשריבן *) ד״ר פראַנץ בלאַהאַ פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס די דייטשן האָבן אים אַרעסטירט אין 1939 און אַריינגעזעצט אין דאַכאַו. ער איז בייגעווען אַ גאַנצע רייע אַזעלכע עקספּערימענטן.

מען האָט דעם מענטשן אַריינגעזעצט אין אַייזקאַלטע וואַסער און אים דאָרט געהאַלטן — ביז ער האָט פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין. מען האָט גענומען פון זיין נאַקן בלוט אויף אַן אַנאַליז יעדעס מאָל ווען זיין קערפּער־טעמפּעראַטור האָט פאַרלאָרן איין גראַד... די דערגרייכטע נידעריקסטע קערפּער־טעמפּעראַטור איז געווען 19° צעלזיוס, אָבער דאָס רוב מענטשן זענען געשטאָרבן ביי 25° אָדער 26°. ווען מען האָט אַרויסגענומען די מענטשן פונעם אייז־וואַסער, האָט מען געפּרוווט זיי צוריק אויפלעבן מיט קינסטלעכע זון־שיין, הייסע וואַסער, עלעקטראָ־טעראַפּיע, אָדער מיט אַ לעבעדיקער וואַרעמקייט. צוליב אַט דעם לעצטן עקספּערימענט האָט מען זיך באַנוצט מיט פּראָסטיטוטקעס. מען האָט צווישן די קערפּערס פון צוויי אַזעלכע פרויען אַריינגעלייגט דעם קערפּער פונעם באַוווסטלאָזן מאַן.

דאָס האָט מען באַטראַכט פאַר אַ גרויסאַרטיקע פאַרוויילונג, און הימלער פלעגט ביי דער געלעגנהייט ברענגען זיינע פריינד, פאַרטיעסוויַיז, זיי זאָלן זיך צוקוקן דערצו. ער האָט אויף אַזויפיל אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס אין אַט־דעם עקספּערימענט, אַז ער האָט אפילו וועגן דעם געשריבן צו דעם ס.ס. גענעראַל פּאָהל. ער האָט דערציילט ווי דער עקספּערימענט פּראָגרעסירט, און ווי

*) ד״ר בלאַהאַ האָט אָפּגעגעבן זיין געשוואָרענעם עדות־באַריכט דעם 9־טן יאַנואַר 1946, אין נירענבערג.

ער האָט באַפוילן צוליב דעם אָפּטיילן אין דאַכאַו פּאַסיקע פּרויען — אָבער ניט קיין דייטשישע — זיי זאָלן אויפלעבן די פאַרפרוירענע. „מען האָט אָפּגעקליבן פיר מיידלעך”, האָט ער געשריבן, „וואָס געפינען זיך אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר זייער לויזע מאָראַל און וואָס, אַלס פּראָסטיטוטקעס, שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ פּאָטענציעלן קוואַל פון אינפעקציע” *).

ווייטערדיקע עקספּערימענטן זענען דאָרט דורכגעפירט געוואָרן דורך איינעם אַ ד״ר שוץ און דורך נאָך אַנדערע אויף אַ גרויסע צאָל פּוילישע, טשעכישע און האָלענדישע גלחים. מען האָט אָפּגעקליבן אַזאַ גרופּע און זיי איינגעשפּריצט אין די אָדערן אייטער. קיין שום נאָך־קוראַציע איז ניט געווען דערלויבט. יועז אַן אַנצינדונג אָדער אַלגעמיינע בלוט־פאַרגיפטונג האָט זיך אָנגעהויבן, — האָט מען דאַן אויסגעפּרוווט אויף זיי די פאַרשיידנסטע היילפּרעפּאַראַטן. די עקספּערימענטן האָבן פאַרשאַפט גרויסע ווייטיקן, און דאָס רוב פון יענע וואָס זענען ניט געשטאָרבן פון בלוט־פאַרגיפטונג, זענען געבליבן אינוואַלידן אויף אייביק.

אין 1944, האָט מען אויף אַ גרויסער צאָל אונגאַרן און ציגיינער אַרויפגעצוווּנגען זאַלץ־וואַסער עקספּערימענטן, דאָס הייסט אז מען האָט זיי ניט געגעבן גאָרנישט צו עסן און אויך ניט צו טרינקען, אויסער זאַלץ וואַסער, כדי אין משך פון דער טעסט־צייט צו מאַכן אַנאַליזן פון זייער בלוט, אורין און עקסקרעמענטן.

אויב געוויסע יסודותדיקע פאָדערונגען ווערן נאָר אָפּגעהיט דערביי, זענען מעדיצינישע עקספּערימענטן אויף מענטשן ניט קעגן דער עטיק פונעם מעדיצינישן פאַך. די ערשטע און אומבאַדינגטע פאָדערונג איז, — מען זאָל די עקספּערימענטן מאַכן אויף מענטשן, וואָס גיבן דערצו זייער פרייוויליקע הסכמה; אויף מענטשן, וואָס אויב זיי ווילן, קאָנען זיי חרטה האָבן אין יעדן מאָמענט, אויך אין מיטן דעם עקספּערימענט; און וואָס זיי באַנעמען גוט די מעגלעכקייטן פון קאָמפּליקאַציעס און געפאַרן. דערצו מוז דער עקספּערימענט זיין אויסגערעכנט אויף רעזולטאַטן וואָס זענען לטובת דער געזעלשאַפט, און וואָס מען קאָן זיי

*) אַן אויסצוג פונעם בריוו געשריבן דורכן רייכספירער ס.ס. הימלער צו דעם ס.ס. גענעראַל פּאָהל, דעם 16־טן נאָוועמבער 1944.

דערגרייכן נאָר אויף אַזאַ און ניט אויף קיין שום אַנדער אופן צום סוף, דאַרפן מיטן עקספּערימענט זיך אָפּגעבן הויך קאָמפּעטענטע, הויך קוואַליפיצירטע דאָקטוירים, דערביי מוזן די פּאַציענטן בשעת און נאָך דער אָפּעראַציע באַהאַנדלט ווערן ביז גאָר געשיקט און זייער פאָרזיכטיק.

די עקספּערימענטן פון די דאָקטוירים אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען געווען זייער ווייט פון די אַלע פאָדערונגען. די קאַנדידאַטן זענען ניט געווען קיין פריייוויליקע; מען האָט קעגן זיי אָנגעווענדט אַ צוואַנג, אָפט אפילו אַ פיזישן כוח. און אָפּערירט האָבן ניט קיין קוואַליפיצירטע פערזאָנען, געוויינלעך אין אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען.

מען האָט גאָרניט געטאָן כדי צו פאַרמיידן אָדער צו פאַרמינערן די ליידן, און עס האָט קיינעם ניט געאַרט צי די פּאַציענטן בלייבן לעבן אָדער זיי שטאַרבן. די עקספּערימענטן האָבן זיך, געוויינלעך, געענדיקט מיט טויט. די וואָס זענען געבליבן לעבן, זענען אויך געבליבן אייביקע אינוואַלידן, — דעפאָרמירט און פאַרקריפּלט. צום סוף, זענען אָט־די עקספּערימענטן אינגאַנצן ניט געווען וויכטיק — ניט אין וויסנשאַפטלעכן, און ניט אין מעדיצינישן זין.

נויענגאַמע

דער לאַגער אין נויענגאַמע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1938. די באַפעלקערונג זיינע איז אַזוי געוואַקסן אין צאַל, אז אין 1942 זענען דאָרט געווען דריי מאָל אַזויפיל נפשות. ווי דער לאַגער האָט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך, טראָץ דעם פאַקט, אז ניט ווייניקער ווי 55 באַגלייט־לאַגערן זענען צוגעגעבן געוואָרן צו דעם „נויענגאַמע רינג״, לאַגערן וואָס האָבן געטראָגן אַזעלכע גוט־באַקאַנטע נעמען ווי באַנטערוועג, בולענהאַוזענדאַם, האַנאָווער־אַהלעם, שאַנדעלאַה, און נאָך אַנדערע.

אין יענעם יאָר, אין 1942, איז אין צוזאַמענהאַנג מיט די דייטשע מפּלות און פאַרלוסטן אין רוסלאַנד, פאָרגעקומען אַ ווענדונג אין דער פּאָליטיק בנוגע די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ביז דאַמאָלס איז הימלער׳ס פּאָליטיק באַשטאַנען אין אויסראָטן אין די לאַגערן אַלע ניט געווונטשענע עלעמענטן. איצט, צוליבן שאַרפן מאַנגל

אין אַרבעטער, איז פֿאַרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. מען האָט זיך באַמיט אָפּצוהיטן די עקזיסטענץ פֿון די לאַגער־נפשות אויף אַ מעגלעכסט נידעריקן שטאַפּל כדי, ביי די מינימאַלסטע אויסגאַבן, אַרויסשלאָגן פֿון די לעבעדיקע וואָס מער אַרבעט.

נאָך 1942 האָבן שוין די דייטשן אין נויענגאַמע אַקטיוו געהאָלפֿן צו שטאַרבן נאָר יענע קראַנקע, וואָס זענען געווען אינגאַנצן ניט פֿעיק צו דער אַרבעט. די איבעריקע האָט מען, אויף יענעם קורצן פּעריאָד וואָס זיי האָבן נאָך געקאָנט אַרבעטן, צייטווייליק דערלויבט צו לעבן.

אַרום און אַרום, זענען דורך נויענגאַמע אַ דורך 90,000 מענטשן, פֿון זיי זענען 40,000 געשטאָרבן; 3,000 מיט אַ באמת נאַטירלעכן טויט, און 37,000 מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אַרויסגערופֿן דורך אומנאַטירלעכע באַדינגונגען און דורך אַן אכזריות וואָס אַזוינס איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. פֿון דער אַלגעמיינער צאָל נפשות אין דעם נויענגאַמע־רינג זענען, בשעת די לעצטע צוועלף חדשים פֿון קריג, נײַנציק פּראָצענט געווען פֿון די אַליירטע פֿעלקער, געבראַכט קיין דייטשלאַנד אַלס שקלאַפֿן־אַרבעטער. בלויז צען פּראָצענט זענען געווען דייטשן, די העלפֿט פֿון זיי — געוויינלעכע קרימינעלע, וואָס האָבן פֿאַרנומען אין די לאַגערן די נידעריקסטע אַמטן.

דער הויפּט־לאַגער אין נויענגאַמע איז געווען אַ מין מענטשן־דעפּאָ. פֿון דאַנען האָט מען די אָפּגעקליבענע געשיקט אין די באַגלייט־לאַגערן, ווו זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך גרעסערע פֿיזישע און גייסטיקע שווערקייטן ווי אין דעם הויפּט־לאַגער. און ווו זיי האָבן געקאָנט אויסהאַלטן און בלייבן לעבן, אין בעסטן פֿאַל, צוויי חדשים צייט.

דער קאָמענדאַנט, מאַקס פּאַולי, אַ מאַנסביל מיט אַ ברוטאַלן הערשערישן טעמפּעראַמענט, האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף אַלע אַרום. ווי אַלע אונטער זיין קאָמאַנדע, איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון ס.ס.; ווי אַלע, אויסער די צוויי דאָקטוירים, איז ער אַרויסגעקומען פֿון אַ נידעריקן שטאַם. אַנטאָן טהומאַן, זיין געהילף, האָט געהאַט רי אויפֿזיכט אויף אַלע הויפֿן פֿון די געפֿאַנגענע, דאָס הייסט אויך אויפֿן געזונט, אויב מען קאָן זיך דאָ באַנוצן מיט דעם וואָרט, פֿון אַלע אַרעסטירטע. ער איז געווען אַן אָפּן־

אומפאַרשעמטער ברוטאַלער אויסוואָרף, דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ גרויסע צאָל מאָרדן. ווילי דריימאַן, אַ צווייטער נאָך טהומאַנען אין דער קאָמאַנדע־לייטונג, איז געווען אַ קלענערע פיגור. אָבער ניט קיין קלענערער אויסוואָרף. ער האָט אָפט געטאָן אין לאַגער די אַרבעט פון אַ תלין. נאָך זיי זענען געגאַנגען די פאַרשיידענע הויף־קאָמאַנדירן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַ פולע דראַסטישע מאַכט איבער אַ טויזנט נפשות.

צום סוף זענען דאָרט געווען די צוויי דאָקטוירים, אלפרעד טשעבינסקי און זיין אַסיסטענט ברונאָ קיט. דער ערשטער איז געקומען אין לאַגער אין האַרבסט 1943, דער צווייטער אין יאַנואַר 1945. קיט איז אין יעדן זין געווען אַ קלענערע פיגור פון טשעבינסקי; קלענער אין אינטעליגענץ, קלענער אין פאַרשטאַנד, קלענער אין באַנעמען דאָס אָפגעטוענע שלעכטס, הגם ניט קיין קלענערער שלעכטס־טוער, קלענער אין אַנשטענדיקייט און קלענער אין פיינ־קייט. ניט אַזוי ווי זיין שעף, איז ער דערגאַנגען ביז צו שלאָגן זיינע פאַציענטן.

אָט די צוויי מענער אַליין זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געזונט פון 14,000 נפשות. מען האָט דערוואַרטעט, זיי זאָלן אָפּראַטעווען יענע פאַציענטן פון וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט אַרויסשלאָגן אַרבעט; זיי זאָלן אָננעמען „געהעריקע מיטלען" בנוגע יענע קראַנקע וואָס קומען ניט אין פראַגע פאַר דער אַרבעט — אויך אין דער צוקונפט. טשעבינסקי און קיט האָבן צופרידנגעשטעלט אַלע דערוואַרטונגען.

האַרבסט 1942 האָט באַהר, אַ סאַניטאַר, לויט דער אינסטרוקציע פון טשעבינסקי'ס פאַרגייער און מיט דער הילף פון דריימאַן, פאַרשפּאַרט 197 רוסישע קריגס־געפאַנגענע אין אַ קאַרצער און האָט אַהין אַריינגעפּאָמפּעט דעם גאַז ציקלאָן ב'. אַלע רוסן זענען אומגעקומען. דאַן האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט, אַרויפגעלייגט אויף אויטאָס און אַוועקגעפירט. מען האָט פאַרזאַמלט אַלע געפאַנגענע, זיי זאָלן בייזיין ביי דער מאַקאַברישער סצענע, מען האָט זיי דערביי געצוואונגען צו זינגען אַ ליד, וואָס די ערשטע שורה דערפון איז געווען: „זיי געגריסט, דו זיסער טרובאַדור, לאָמיר זיין לוסטיק און פריילעך".

אָנהייב 1945 האָט מען אין דעם הויפּט לאַגער אַריינגעבראַכט

אַכציק האָלענדער. צוואַנציק פון זיי זענען גיך געשטאָרבן פון אַלגעמיינער שוואַכקייט. די איבעריקע זעכציק האָט מען אין געהיים, אָן אַ שום געריכט, אויפגעהאַנגען. די העלפט פון זיי איז בשעת דער עקזעקוציע געווען קראַנק. די תלינים זענען געווען טהומאַן און דריימאַן. פאַר זייער מי האָבן זיי באַקומען אַן עקסטראַ פּאָרציע ליקער.

אין פעברואַר דעם זעלבן יאָר, האָט דער גרויל־באַרימטער ד״ר הייסמייער פון בערלין אויסגעקליבן אין דעם נויענגאַמער הויפּט־לאַגער צוואַנציק פראַנצייזישע, רוסישע און יידישע קינדער — אַרעסטאַנטן, אינעם עלטער פון פינף ביז צוועלף, פאַר עקספּערי־מענטאַלע צילן — אין די אַזוי גערופענע אינטערעסן פון דער מעדיצינישער פאָרשונג. הייסמייער האָט געמאַכט אָפּטע באַזוכן אין לאַגער און האָט אײַנגעשפּריצט די אומגליקלעכע קינדער ט.ב. באַקטעריעס. אינעם צייט־אָפּשניט פון די עקספּערימענטן האָט מען די קינדער געגעבן זיסיקייטן און שפּילצייג. אַ סך פון זיי זענען געוואָרן זייער ערנסט קראַנק.

אין אַפּריל האָבן די אַליירטע גענומען שנעל דערנעענטערן זיך צו נויענגאַמע. דער ס.ס. גענעראַל פּאָהל האָט, לויט דער פאָדערונג פון דעם ד״ר הייסמייער, אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל מען זאָל די קינדער אַריבערנעמען אין דעם באַגלייט־לאַגער בולענהאַוזענדאַם און זיי דאָרט דערהרגענען — כדי צו פאַרניכטן אַלע באַווייזן פון די עקספּערימענטן.

ד״ר טשעבינסקי צוזאַמען מיט פיר „קראַנקען־וועכטער״ (פּאַק־טיש צוויי פראַנצייזישע און צוויי האָלענדישע דאָקטוירים, זיי גופא אויך געשיקט צום טויט) און זעקס רוסישע. אַ ביסל שפּעטער דעם זעלבן אָוונט, זענען אַהין אָנגעקומען נאָך פיר און צוואַנציק רוסן. אַ מאַן מיטן נאָמען יאַוך, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דעם בולענהאַוזענדאַמער לאַגער, האָט די פּאַרטיע באַגעגנט ביים טויער. ער האָט אַפּנים געוווּסט דעם ציל פון ד״ר טשעבינסקי'ס באַזוך, און ער האָט אים, צוזאַמען מיט די געפאַנגענע, געבראַכט צופירן אין אַ קעלער. די דערוואַקסענע פון דער פּאַרטיע האָט מען אַריבערגענומען אין אַן אַנדער צימער — און זיי דאָרטן אויפ־געהאַנגען.

אין דעם קעלער האָט שוין אויף זיי געוואַרט יאָהאַן פראַהם.

מען האָט די קינדער גלייך אויסגעטאָן און טשעבינסקי, אונטער אַ פּלוצלינגדיקן מענטשלעכן אימפּולס, האָט די קינדערלעך, וועלכע האָבן צום גליק ניט באַנומען זייער גורל, איינגעשפּריצט מאָרפיום, כדי זיי זאָלן זיין באַוווסטלאָז בשעת מען וועט זיי אויפהענגען. דאַן האָט פראַהם פאַרוואָרפן אַרום זייערע העלדזער שטריק און, לויט זיינע אייגענע ווערטער, „ווי בילדער אויף ווענט — האָט מען זיי אויפגעהאַנגען אויף האַקנס".

ראַווענסברוק

אין מעקלענבורג, אַ פּופציק מייל צפונדיקער פון בערלין, איז אַ גרופּע אָזערעס אַרומגערינגלט מיט זומפּיקן באָדן. נעבן איינער פון זיי, דער אָזערע פירסטענבערג, איז קורץ נאָכן קריגס־אויסבראָך, אין 1939, אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייער קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער איז געווען באַקאַנט אַלס ראַווענסברוקער קאָנצענטראַציע־לאַגער, און איז באַשטאַנען פון איינעם אַ הויפּט און עטלעכע הילף־לאַגערן. אין דעם הויפּט לאַגער האָבן זיך אויפגעהאַלטן בלויז פרויען. פונעם סאַמע אָנפאַנג אָן ביז עס האָט אַהין אַריינגעשטראָמט די רויטע אַרמיי אויף איר פאַרויסמאַרש צו מערב, זענען דאָרט געווען אינטערנירט אַריבער 123,000 פרויען. אַ גרויסע צאָל צווישן זיי זענען געווען פראַנצייזישע, און פון זיי טאַקע שטאַמט דער ערלעך־פאַרדינטער נאָמען, וועלכער איז שוין איצט אַזוי אַלגעמיין באַקאַנט, "L'enfer des femmes"*).

אַ טייל פון די פרויען זענען געווען קריגס־געפאַנגענע, רוסישע שוועסטער פון דעם רויטן־קרייץ, געפאַנגען אויפן שלאַכט־פעלד, אָבער דאָס רוב זענען געווען ציווילע, מיטגלידער פון דער רעזיסטענץ־באַוועגונג און אויך שקלאַפן־אַרבעטאָרינס, דעפּאָרטירט פון זייערע היימען אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, וואָס זייער פּראָדוציר קראַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר קנאַפּ. די אַלע זענען געווען אינטערנירט אָן אַ שום פריערדיקן מישפּט. ניינציק פּראָצענט צווישן זיי האָבן געהערט צו די אַליירטע פעלקער.

דער הויפּט־לאַגער איז געווען אויסגערעכנט אויף 6,000 נפשות.

---

*) דער פרויען גיהנום.

פון 1944 און ווייטער, זענען דאָרט קיינמאָל ניט געווען ווייניקער פון 12,000 אינטערנירטע. אין יאַנואַר 1945 האָבן זיך דאָרט געפונען 36,000. מינימום 50,000 זענען דאָרט אומגעקומען. נאָך אַ סך טויזנטער זענען אָן שום ספק געשטאָרבן ערגעץ אַנדערש, נאָך דעם ווי מען האָט זיי אַריבערגעפירט אין אַנדערע לאַגערן. אויסער יענע וואָס מען האָט זיי דערהרג׳עט, זענען די הויפּט סיבות פאַר דער שרעקלעכער טויט־נאָרמע געווען אונטערדערנערונג, איבעראַרבעט, קעלט, איבעראייגשאָפט, אַבסאָלוטער סאַניטאַציע־מאַנגל און סיסטעמאַטישע ברוטאַלע טרעטירונג מצד דעם לאַגער־פּערסאָנאַל.

דער אַלגעמיינער צוגאַנג צו די אינטערנירטע מצד דעם גאַנצן לאַגער־פּערסאָנאַל, פונעם קאָמענדאַנט אָן ביז אַראָפּ צו די ס.ס.־וועכטער, האָט געצילט צו פאַרערגערן דעם צושטאַנד פון די געפאַנגענע, — סיי פיזיש, און סיי גייסטיק. דאָס ווערט שאַרף געשילדערט דורך איינער אַ געפאַנגענער גופא:

> די גאַנצע סיסטעם אין דעם לאַגער האָט געהאַט פאַר זיך בלויז איין ציל, און דאָס איז געווען — צעברעכן אונדזער מענטשלעכן געפיל און אונדזער מענטשלעכן געוויסן; די שוואַכערע פּערזענלעכקייטן זענען געפאַלן טיפער פון טיף אין זייער מאָראַל און אין זייער פיזישער עקזיסטענץ; אַלע נידעריקסטע חיה׳שע אינסטינקטן האָבן אויפגעוואַכט, בשעת די בעסערע אינסטינקטן זענען געוואָרן דערשטיקט און ניט געקאָנט קומען צום פאַרשיין. אפילו די שטאַרקערע וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם לאַגער זענען געבליבן אויף אייביק באַשאָנקען מיט אומנאַטירלעכע אייגנשאַפטן וואָס לאָזן זיך שוין ניט אויסוואָרצלען: זיי האָבן פאַרלאָרן יערן גלויבן אין גוטס און אין יושר.

איינע פון די אינטערנירטע איז געווען אַ נאָרוועגערין, אַ זייער אָנגעזעענע אין איר אייגענעם לאַנד. איר אָנוועזנהייט אינעם לאַגער האָט זי געהאַט צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך דעם פאַקט וואָס זי איז געווען באַפריינדעט מיטן נאָרוועגישן קעניג. די ענגלענדער האָבן געמאַכט אַ דעסאַנט אויפן נאָרוועגישן ברעג, און

זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך ניט בלויז אַ צוויי הונדערט יונגע נאָרוועגישע פּרייוויליקע, נאָר אויך עטלעכע געפאַנגענע נאַצי׳ס און קוויזלינגען. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען געמאָלדן דורכן ראַדיאָ אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען, אַלס ערבות־לייט, א צוואַנציק בעסטע פריינד פונעם קעניג. צווישן זיי איז געווען אויך פרו סאַלווענזען. מען האָט זי אַרעסטירט, דערנאָך באַפרייט, און מיט אַכט חדשים שפּעטער אַרעסטירט אויפסניי. געהאַלטן זי אין עלף חדשים פאַרשפּאַרט אין נאָרוועגן, און דערנאָך אַריבערגעפירט זי אין דער טורמע אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ אין בערלין, פון וואַנען מען האָט זי אין א פינף טעג אַרום אַריבערגעשיקט קיין ראַווענסברוק.

ווען זי איז אָנגעקומען אין לאַגער, האָט מען זי אויפגענומען אויפן געוויינלעכן אופן און אין אַ פּאָר שעה אַרום אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער וואָס האָט געהייסן, ווי זי האָט זיך שפּעטער דערוווסט, — וואַשצימער. קיין וואַש־איינריכטונגען זענען דאָרט אייגנטלעך ניט געווען, אויסער לעכער אין דער סטעליע דורך וועלכע עס איז גערונען וואַסער. ווייטער קומט איר שילדערונג וועגן דעם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען:

מיר האָבן באַדאַרפט וואַרטן נאַקעטערהייט א צוויי שעה צייט ביז עס איז אָנגעקומען וואַסער. שטעלט זיך פאָר, ווי מיר האָבן געגאַרט זיך אָפּצוואַשן נאָך אַכצן טעג זיין אין וועג. אָבער ביי יעדן דוש זענען מיר געווען צו פיר, און דאָס וואַסער האָט גערונען בלויז אַ פיר מינוט. מיר האָבן געהאַט אַ דין שטיקל זייף און אויך אַ זאַק, וואָס זיי האָבן אָנגערופן האַנטעך, אָבער וואָס איז געווען קוים גרעסער פון אַ נאָזטיכל... דאַן האָט עפּעס פּאַסירט וואָס מיר האָבן באַקומען דערפון דעם גרעסטן שאָק, דעם ערשטן גרויסן שאָק אין ראַווענסברוק. עס זענען אַריין צו אינדז צוויי מענער אין אוניפאָרם. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט אַז איינער איז געווען אַ דאָקטאָר און דער צווייטער — א דענטיסט. דאַן האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען, און מיר האָבן באַדאַרפט פאַרביישפּאַצירן זיי, נאָך אַלץ נאַקעטע. אָבער זיי האָבן באַטראַכט בלויז אונדזערע

העגט און אונדזערע ציין. איך גלויב, אז מיר האָבן זיך דאָן געשעמט, ווייל מיר האָבן נאָך ניט פאַרשטאַנען אז שעמען זיך דאַרפן זיי און ניט מיר.

דאָס עסן איז געווען קוים גענוג צו דערהאַלטן די געפאַנגענע ביים לעבן, און זיכער אינגאַנצן ניט גענוג צו דערהאַלטן זיי אין אַן ארבעטס־פעיקן צושטאַנד. דאָס קוואַנטום האָט זיך געביטן; ספּעציעל ווייניק איז געוואָרן פון 1942 און ווייטער. די געפאַנגענע זענען געווען אזוי אויסגעהונגערט, אז זיי האָבן געגעסן קאַרטאָפל־שאָלעכץ און שטיקלעך קרויט, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד נעבן דער קיך. און עס איז גאָר קיין ווונדער ניט, איז דאָך דאָס טאָג־מעניו באַשטאַנען פון אַ טעפּעלע ערזאַץ־קאַווע אין דער פרי, אַ סופּ פון קאַרטאָפל אָדער קרויט בייטאָג, און דאָס זעלבע אויפדערנאַכט, מיט אַ שטיקל ברויט דערצו.

דער קאָמענדאַנט האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט וועגן אָט־דער לאַגע, אָבער ער האָט גאָרניט אונטערגענומען זי צו פאַרבעסערן. דערצו האָט נאָך דער לאַגער־פּערסאָנאַל ברייט אָראָפּגעגנבעט פון די פּראָדוקטן, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר די געפאַנגענע, און זיי צוגענומען פאַר זיך און פאַר זייערע משפחות. די וועכטער האָבן אויך צוגעראַבירט די פּעקלעך, וואָס דער רויטער קרייץ האָט פון צייט צו צייט געשיקט; אונטער אַ טויט־דראָונג האָבן זיי געצוווּנגען די געפאַנגענע חתמענען די קבלות אויף די פּעקלעך. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. דער לאַגער־פּערסאָנאַל פלעגט זיך אַמוזירן מיט פייניקן די האַלב־פאַרהונגערטע פרויען. זיי פלעגן צוואַרפן זיי שטיקלעך פאַרשימלט ברויט און האָבן זיך מיט גרויס הנאה צוגעקוקט, ווי די לעבעדיקע סקעלעטן קעמפן ווילד פאַר די שטיקער ברויט. אָט־די פאַרווייַלונג איז די ס.ס.־לייט גאָר קיינמאָל ניט נמאס געוואָרן. און ביי אַזאַ ארט דיעט האָט מען פון די אינטערנירטע דערוואַרטעט, אז זיי זאָלן ניט בלויז עקזיסטירן — נאָר אויך ארבעטן צו צען אָדער צו עלף שעה א טאָג. די ארבעט איז אָנגעגאַנגען בייטאָג און באנאכט מיט א טאָפּלטער שיכט, פון עלף שעה יעדער איינע. די וועק־שטונדע איז געווען 5.30 גאַנץ פרי, און דער קאָנטראָל־פּאַראַד — 7 אַ זייגער. דאָס האָט געווינלעך געדויערט א צוויי שעה צייט, און

אַלע אַרעסטאַנטקעס זענען בשעת מעשה געשטאַנען אומבאַוועגלעך אין דרויסן, בײַ יעדן וועטער — סײַ ווינטער, און סײַ זומער. מען האָט דאָן צונויפֿגעשטעלט און אָפּגעשיקט די אַרבעט־פּאַרטיעס. ווען די שיכט האָט זיך געענדיקט, איז פֿאָרגעקומען אַ צווייטער קאָנטראָל־פּאַראַד.

די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. מען האָט די אַרבעטאָרינס אונטערגעיאָגט דורך אַ קלאַפּ מיט דער האַנט און דורך אַ קאָפּע מיטן פֿוס. שפּינען, וועבן, אָנלאָדן און אויסלאָדן, גראָבן, שאָסיי־רעפּארירן; בײַ אַזעלכע אַרבעטן האָבן די פֿרויען געהאָרעוועט שווער און ביטער, און יעדעס מאָל ווען זיי האָבן געפּרוווט איבערכאַפּן דעם אָטעם — האָט מען זיי געדראָט און געשלאָגן.

דער סאַניטאַציע־מאַנגל, אַליין פֿאַר זיך, איז שוין געווען גענוג אויף אַרויסצורופֿן אַ הויכע טויט־נאָרמע. ווײַטער קומען די ווערטער פֿון איין אינטערנירטער:

> אומעטום איז געווען פֿול מיט אומפּלײַט; די באַראַקן זענען געווען אַזוי פֿאַרלײַזיקט, אַז מען האָט געקאָנט געפֿינען אַ לײַז אפֿילו אין סופּ. די וואַסערסיסטעם און די קאַנאַליזאַציע זענען בײדע געווען צעבראָכן, און דער גאַנצער לאַגער האָט אויסגעזען ווי איין ריזיקער מיסטהויפֿן.
>
> אונטערוועש און קליידער האָט מען זעלטן אָדער בכלל ניט געביטן, און אויב מיר האָבן באַקומען אַ פּאָר אונטערוועש, זענען זיי געווען שטענדיק פֿאַרלײַזיקט און אָפֿט אויסגעפּלעקט מיט בלוט און מענטשן־קויט. קיין זאָקן האָבן מיר ניט געהאַט און מיר האָבן געטראָגן נאָר הילצערנע שיך. מיר זענען געשלאָפֿן אויף שמוציקע שטרוזעק, באַדעקט מיט אויסשײַדונגען, און פֿאַרמאָגט איין קאָלדרע פֿאַר דרײַען אויף צודעקן זיך. עס איז ניט געווען גענוג סופּ־שיסלען, און מיר האָבן געגעסן פֿון בלעכלעך, אַרויסגענומענע פֿון דער מיסט־קופּע.

אָט־אַ די מענטשן האָט די פֿרוי סאַלאָוויזען דערזען, ווען זי איז אַרויס פֿון דער „וואַששטוב" און האָט געוואָרפֿן איר ערשטן בליק אויף דעם לאַגער. און בשעת זי האָט אָפּגעגעבן איר עדות אויפֿן

ראַוועַנסבּרוקער פּראָצעס אין האַמבורג, אין 1946, האָט זי אויף אַזאַ אופן געשילדערט אירע איינדרוקן:

פאַר מיר איז עס געווען, ווי איך וואָלט אַריינגעקוקט אין גיהנום — ניט ווייל עפּעס שרעקלעכעס האָט פּאַסירט, נאָר ווייל איך האָב דערזען, צום ערשטן מאָל אין לעבן, מענטשלעכע באַשעפענישן וואָס איך האָב ניט געוווּסט — צי זענען זיי מענער אָדער פרויען. זייער האָר אָפּגעגאָלט, זיי אַליין אויסגעדאַרט, שמוציק און אומגליקלעך. אָבער נאָך מער פון דעם אַלעם האָט מיך איבעררראַשט — דער אויסדרוק פון זייערע אויגן. זיי האָבן געהאַט ווי איך קאָן עס בלויז אָנרופן — „טויטע אויגן".

ווען די פרויען זענען שוין געווען אַזוי ווייט קראַנק אַז מען האָט שוין מער ניט געקאָנט אַרויסקלאַפּן פון זיי קיין אַרבעט, האָט מען זיי אַריינגעגעבן אין לאַגער־שפּיטאָל, באַקאַנט אונטער נאָמען „רעווירער". עס האָט בלויז געהייסן שפּיטאָל; פּאַקטיש האָט עס זיך ווייניק־וואָס אונטערשידן פון די געוויינלעכע באַראַקן אין וועלכע די אינטערנירטע האָבן געלעבט — און געשטאָרבן. די בעטן זענען אויך דאָרט פּונקט אַזוי געווען איינגעאָרדנט אין שטאָקן, איין רייע איבער דער אנדערער, און כמעט שטענדיק, — צו צוויי פּאַציענטן אין איין בעט. דער פאַראַנטוואָרטלעכער דאָקטאָר האָט געהייסן טרייטע, די לייטערין איז געווען אָבערשוועסטער מאַרשאַל, און איינע פון די קראַנקן־שוועסטער איז געווען קאַרמען מאָרי, אַליין אויך אַ געפאַנגענע, פון שווייצאַרישער אָפּשטאַמונג.

טרייטע, א האַלבער ענגלענדער, איז געקומען קיין ראַוועַנסבּרוק, וואָס ער האָט עס געשילדערט אלס „דער ערשט־קלאַסיקער קאָנצענטראַציע־לאַגער", אין סעפּטעמבער 1943 און איז געבליבן דאָרט ביזן סוף פונעם קריג. ער איז געווען, לויטן ראַנג, דער צווייטער פון די הויפּט־דאָקטוירים אין לאַגער. אויף זיין פּראָצעס האָט ער זיך באַמיט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז פונעם גאַנצן מעדיצינישן פּערסאָנאַל האָט נאָר ער אַליין זיך פעסט געהאַלטן ביי די הויכע סטאַנדאַרדן פון דער בכבוד'יקער פּראָפעסיע; אַז ער איז געווען אויסער זיך פון דעם וואָס ער האָט געזען, און אַז

ער האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך איז צו פֿאַרבעסערן דעם מצב פון די אינטערנירטע. ער איז געווען, האָט ער געזאָגט, בלויז „אַ פּשוטער לאַגער דאָקטאָר" און וואָס האָט ער דען געקאָנט מאַכן קעגן „דעם קאָמענדאַנט, דעם גאַנצן פּערסאָנאַל, און אַלע יענע ס.ס.־אָפיצירן?"

טרייטע איז אָן שום ספק געווען דער פעיקסטער דאָקטאָר אין דעם לאַגער; אלס אזעלכער האָט ער אויסגענוצט די מעגלעכקייט זיך אָפּצוטרייסלען פון די גאָר פּריקרע אויפגאַבן וואָס האָבן זיך געטראָפן אויף זיין וועג. און דאָך, ווי עס האָבן אויף זיין פּראָצעס קלאָר דערוויזן די עדות, איז ער געווען גענוג גרויזאַם ווען עס האָט אים געלוינט. אין דער טעטיקער אויסראָטונג־מאַשין פונעם לאַגער איז ער געווען אַ וויכטיקער הייבשרויף, און פון זיין טעטיקייט זענען געשטאָרבן אַ סך פון די אינטערנירטע פרויען.

אין איינעם אַ לאַגער־בלאָק איז געווען אַ ספּעציעלער צימער מיט פרויען וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר משוגע. עס איז געווען אַ קליין צימערל פון אַ פינף אויף זעקס יאַרד, און צייטנווייז זענען דאָרט געווען פאַרשפּאַרט פון זעכציק ביז זיבעציק פרויען. זיי זענען געווען האַלב־נאַקעט און האָבן געטראָגן בלויז העמדער, אָן קליידער. דער צימער איז געווען אַזוי איבערגעפּאַקט, אַז עס איז דאָרט געווען קוים פּלאַץ אויף צו זיצן, שוין אָפּגערעדט פון ליגן זיך. דער איינציקער פענצטער האָט ניט געהאַט קיין טאַפליע, און ווינטער איז דאָרט געווען אייז־קאַלט. די פרויען האָבן ניט געהאַט ניט קיין קאָלדרעס און ניט עפּעס־אַנדערש אויף צודעקן זיך. די איין און איינציקע סאַניטאַרישע־איינריכטונג איז געווען אַן עמער אין מיטן צימער, וואָס האָט זיך אין דער נאַכט שטענדיק איבערגעקערט, און אינדערפרי זענען אַלע פרויען געווען אויס־געשמירט אין זייער אייגענעם קויט.

אַ סך פרויען אין יענעם צימער זענען גאָר ניט געווען משוגע. אָבער זיי זענען געווען אָפּגעשלאָסן בייטאָג און באַנאַכט, און בכלל ניט געקאָנט קיינמאָל אַרויס פון דאָרטן. מען האָט זיי דאָרט איבערגעלאָזט צו שטאַרבן.

אַמאָל פלעגט צווישן זיי אויסברעכן אַ געשלעג. איינמאָל האָט געטראָפן, אַז מען האָט אינדערפרי געפונען דאָרט פיר דערוואָרגענע פרויען. אויף מאָרגן האָט טרייטע, לויט דער פאָדערונג פון קאַרמען

מאָרי, געגעבן אַ באַפעל צו דערהרג'ענען „צען משוגענע פרויען" — כדי צו באַפרייען פּלאַץ פאַר אַנדערע.

ער האָט אויך ארויסגעגעבן אינסטרוקציעס פאַר די קראַנקן־שוועסטער בכלל ניט צו באהאַנדלען אלטע קראַנקע פרויען, וואָס מען ברענגט אין שפּיטאָל, ווייל יענע זענען אַרבעטס־אומפעיק, זענען „ניט פּראָדוקטיוו".

ער האָט פאַרקירצט דאָס לעבן פון אייניקע פּאַציענטן זיינע מיט דער הילף פון טייטלעכע־איינשפּריצונגען. אַלע פּאָזיטיווע ט.ב. פּאַציענטן האָט ער געשיקט אין די גאַז־קאַמערן. און ער האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין דער סעלעקציע פון 800 פרויען פאַרן טראַנספּאָרט קיין לובלין. די סעלעקציע איז פאָרגעקומען אין דעם אויסראַטונג־צימער, און דערביי איז געווען אַנוועזנד אויך די אָבערשוועסטער מארשאל. די אומגליקלעכע פרויען, הויל־נאקעט, האָבן פאַרבייגעמאַרשירט, אין אויף אַזאַ צופעליקן אופן, ניט אָפּהענגיק פון דעם עלטער אָדער פון דעם פיזישן צושטאַנד, זענען זיי געוואָרן באַשטימט פאַרן עטאַפּ קיין לובלין. א סך צווישן זיי זענען, פאַרשטייט זיך, געשטאָרבן אין וועג.

צו טרייטע'ס פליכטן, אלס מעד־אָפיציר, האָט אויך געהערט צו אַסיסטירן ביים שלאָגן די געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך לייכט פאַרזינדיקט. פאַראורטיילן דערצו פלעגט דער קאָמענדאַנט אליין, און דער מאקסימום אורטייל איז באַשטאַנען אין דריי מאָל שלאָגן, צו פינף און צוואַנציק שמיץ יעדעס מאָל, אויסגעפירט מיט אינטער־וואַלן פון פיר וואָכן. ביים שלאָגן פלעגט זיין אַנוועזנד דער קאָמענדאַנט אָדער זיין געהילף, דער הויפּט דאָקטאָר אָדער זיין געהילף, די הויפּט אויפזעערין, און די צוויי געפאַנגענע וואָס האָבן בפועל ממש געשלאָגן. דעם קרבן האָט מען צוגעבונדן צום קלאָץ. טרייטע האָט באַדאַרפט אכטונג געבן אז קיין בלוט זאָל ניט רינען, זען צי דער קרבן קאָן אויסהאַלטן די שטראָף. צי די געפאַנגענע האָבן יאָ אָדער ניט געשריען — דאָס האָט ניט געשטערט אַז מען זאָל דעם פּסק־דין אויספירן ביזן סוף.

טרייטע איז אויך געווען אַנוועזנד ביים שיסן די געפאַנגענע. אָט־די עקזעקוציעס זענען פאָרגעקומען נאָענט פון דער קרעמאַ־טאָריע. מען האָט די געפאַנגענע, געוויינלעך, דערמאָרדעט פאַר־טיעסוויז צו פּופציק, עס האָט זיך געפאָדערט דעם דאָקטאָרס

אָנוועזנהייט, ווייל די קרבנות זענען ניט שטענדיק דערהרגעט געוואָרן גלייך. אויף זיין פּראָצעס האָט טרייטע אָזוי באַשריבן אָט־די „עקזעקוציעס": „איך מוז קלאָר מאַכן, אַז צווישן זיי זענען ניט אַלע געווען קראַנק. דער אופן פון סעלעקציע איז געווען אינגאַנצן אַ צופעליקער — מען פלעגט שוין דערשיסן אויך יונגע אַרבעטס־פעיקע פּרויען".

יעדן טאָג איז מען פטור געוואָרן פון פופציק געפאַנגענע פרויען דורך דעם, וואָס מען האָט זיי געשאָסן אין נאַקן און דערנאָך קרעמירט. מיט אָט־דער פּראָצעדור האָט מען אָנגעהויבן צום סוף 1944, נאָכדעם ווי הימלער האָט געמאַכט אײַנעם פון זיינע רוטין־באַזוכן אינעם לאַגער. דער קאָמענדאַנט האָט באַקומען פונעם רייכספירער אַ באַפעל, מען זאָל הרג׳ענען אַלע פרויען וואָס זענען קראַנק אָדער וואָס זיי קאָנען ניט מאַרשירן. די רוסישע אַרמייען האָבן געהאַלטן אין איין דערנעענטערן זיך, און די דייטשן האָבן זיך געגרייט צו עוואַקוירן אָט־די לאַגערן. זיי האָבן געמאַכט פּלענער אויף צעוואַרפן די געביידעס, מיטצונעמען אַלע געפאַנגענע ביי זייער צוריקמאַרש אויף מערב, כדי צו באַזייטיקן אַלע באַווייזן פון זייער גרויל־פאַרברעכן.

צו יענער צייט, נאָכדעם ווי דער אוישוויץ־לאַגער איז געוואָרן עוואַקוירט איבער דער זעלבער סיבה, זענען קיין ראַווענסברוק אָנגעקומען צוויי עקספּערטן פון אויסראָטונג; שוואַרצהובער, וואָס איז געוואָרן דעם קאָמענדאַנטס אַסיסטענט, און אַ געוויסער ד״ר ווינקעלמאַן.

מיט זייער אָנקומען, האָט זיך אָנגעהויבן די אָרגאַניזירטע מאַסן־הריגה פון אַלע יענע וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אומ־פּראַקטיש צו עוואַקוירן זיי. די קאַנדידאַטקעס צום טויט פלעגן אויסגעקליבן ווערן אויף ספּעציעלע פּאַראַדן, און מען האָט זיי אַרויסגעגעבן ראָזע אידענטיפיציר שיינען. אָט־די שיינען, וואָס פריער פלעגן זיי באַפרייען זייערע באַזיצער פון שווערער אַרבעט, האָבן זיך איצט פאַרוואַנדלט אין ריכטיקע פּאַסירשיינען צום טויט. נאָך דער סעלעקציע האָט מען די פרויען אַריבערגעשיקט אין דעם דערבייאיקן יוגענדלאַגער — צו פאַרניכטונג. וועגן אַ סך פון זיי איז אין די לאַגער־רשימות מיט אַ מאַקאַברישער פאַלשקייט פאַרנאָטירט

געוואָרן, אַז מען האָט זיי עוואַקווירט קיין מיטעלוועדע, אַן אָפּרו־הויז אַזאַ אין שלעזיע.

ווען די פּרויען האָבן פּאַראַדירט צוליב דער סעלעקציע, האָט זיי באַטראַכט אַ לאַגער־פונקציאָנאַר צוזאַמען מיט אַ דאָקטאָר. זיי האָבן געקוקט אויף זייערע האָר — צי זיי זענען ניט גרוי, אויף זייערע פּיס — צי זיי זענען ניט געשוואָלן, און צי איז זייער טראָט ניט קיין פעסטער, בשעת זיי האָבן פאַרבייגשפּאַצירט.

כדי אויסצוזען יונגער און אַרויסצודרייען זיך פון דער סעלעקציע, פלעגן אַלטע פרויען זיך פאַרבן די האָר אויף שוואַרץ. אָבער אַלץ וואָס זיי האָבן דערצו געקאָנט קריגן, איז געווען סאַזשע, וואָס זיי האָבן צונויפגעקליבן אין די קיך־קוימענס. און דאָס האָרץ האָט זיכער געקאָנט פּלאַצן ביים צוקוקן, ווי פאַרעלטערטע סקעלעטן באַמיען זיך פאַרביימאַרשירן מיט אַ לייכטן שריט פון אַ יונג מיידל, — כדי מען זאָל זיי ניט שיקן צום טויט.

צו ערשט האָט מען די אַלע וואָס עס האָט ניט געלוינט זיי צו עוואַקווירן, אויסגעראָטן דורך שיסן. צוליב דעם צוועק האָט מען פון בערלין צוגעשטעלט אַ ספּעציאַליסט אין שיסן מענטשן אין קאַריק אַריין. נאָכדעם ווי מען האָט צעשאָסן עטלעכע הונדערט, האָט דער קאָמענדאַנט באַשלאָסן אַז דער טעמפּאָ פון טויט איז צו אַ לאַנגזאַמער — און ער האָט אויפגעשטעלט אַ גאַז־קאַמער. מען האָט אויף שנעל אויסגעבויט אַזאַ קאַמער, און אין די ווייניקע וואָכן פאַרן אָנקומען פון די רוסן האָט מען באַוויזן צו פאַרגאַזן פרויען אין אַ צאָל וואָס ווערט אָפּגעשאַצט אומגעפער אויף זיבן טויזנט.

דער אַסיסטענט ביים קאָמענדאַנט, שוואַרצהובער, האָט באַשריבן דעם פּראָצעס אינעם גאַז־קאַמער מיט די פאָלגנדע ווערטער:

איך בין בייגעווען איין פאַרגאַזונג. אַ 150 פרויען זענען אויף איינמאָל אַריינגעשטופּט געוואָרן אין גאַז־קאַמער. האַופּטשאַרפירער מאָל האָט באַפוילן די פרויען זיך אויסטאָן, ניבע צו אַן אַנטלויזונג. דאַן האָט מען זיי אַריינגענומען אין גאַז־קאַמער און פאַרשלאָסן די טיר. אַ געפאַנגענער, אַ מאַן, איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און האָט אַריינגעוואָרפן אין

צימער אַריין, דורכן פענצטער, אַ פּושקע מיט גאַז און גלייך פאַרמאַכט דאָס פענצטער צוריק. איך האָב געהערט די קרעכצן און דעם יאָמער. אין אַ צוויי אָדער דריי מינוט אַרום, איז אַלץ געוואָרן שטיל. איך ווייס ניט צי די פרויען זענען געווען טויט אָדער באַוווסטלאָז, ווייל איך בין ניט געווען דערביי בשעת מען האָט אויסגערייניקט די קאַמער.

וויניק־ווער פון די אַלע וואָס זענען דערגאַנגען ביזן יוגענד־לאַגער, זענען אַרויס פון דאָרטן לעבעדיק. איינע צווישן די וויניקע וואָס איז יאָ אַרויס, איז געווען מערי אָ׳שאַגנעזי. זי האָט געזאָגט עדות פאַרן קריגס־פאַרברעכנס טריבונאַל אין האַמבורג, אויפן פּראָצעס פון אַ טייל לאַגערפּערסאָנאַל, און האָט דאַן באַשריבן די דאָרטיקע באַדינגונגען.

עס איז געווען, לויט איר עדות, אַ קליינער לאַגער פון אַ צען באַראַקן, קלענערע ווי אין דעם הויפּט־לאַגער. ווען די פרויען זענען צום ערשטן מאָל אָנגעקומען אַהין, האָבן זיי געמוזט אָפּשטיין דריי אָדער פיר שעה איידער מען האָט זיי איינגעקוואַרטירט אין זייערע „צימערן": די „צימערן" זענען געווען איינפאַך־אָפּגעטיילטע ווינקלען אין יעדער איינעם פון די באַראַקן. קיין בעטן זענען דאָרט ניט געווען און אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט זעק אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי. יעדער „צימער" איז געווען אַזוי איבער־געפּאַקט, אַז עס איז געווען אוממעגלעך גלייכצייטיק פאַר אַלעמען צו ליגן. עס איז אפילו ניט מעגלעך געווען פאַר אַלעמען באַקוועם צו זיצן. אין משך פון די ערשטע פיר און צוואַנציק שעה, האָט מען זיי ניט געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און נאָר אויף מאָרגן, אַ זייגער 5 נאָכמיטאָג, האָבן זיי באַקומען עפּעס אין מויל אַריין.

מיס אָ׳שאַגנעזי האָט אינעם יוגענדלאַגער פאַרבראַכט ביי אַ פינף וואָכן, אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט, איז די דיעט געוואָרן פאַרקלענערט, די צאָל „אַפּעל׳ן" פאַרגרעסערט, און הונדערטער פרויען אָפּגעשיקט צו דער פאַרגאַזונג. סעלעקציע־פאַראַדן זענען אין משך פון אָט דער צייט פאָרגעקומען כמעט טאָג־טעגלעך. אויף איינעם פון די פאַראַדן זענען געווען צוויי פראַנצייזישע מיידלעך, צוויי שוועסטער. מען האָט באַשטימט פאַר דער גאַז־קאַמער בלויז איינע פון זיי. אָבער די צווייטע שוועסטער האָט ניט געוואָלט

אַוועקלאָזן יענער אַליין, אוןביידע גלייך אַוועק צום טויט. מ׳האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די אויוונס — לעבעדיקערהייט.

דאָרט איז אויך געווען א קרעמאַטאָריע. דערמיט האָט מען זיך צום סוף באַנוצט ניט בלויז אויף צו פאַרברענען טויטע קערפּערס. עס זענען פאַראַן עדות, אַז אייניקע אינטערנירטע זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די אויוונס לעבעדיקערהייט.

איינע פון די לאַגער־אינטערנירטע אין אַפּריל 1945 איז געווען אָדעט סאַנסאָם *). זי האָט דורכן פענצטער פון איר קאַרצער געקאָנט זען יענע געביידע. פונעם סוף 1944 אָן, האָבן די אויוונס געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. מיסיס סאַנסאָם האָט געהערט ווי מען עפנט און מען פאַרהאַקט די טירן, און ווי די מענטשן שרייען. א גענויע שילדערונג איז דורך איר געגעבן געוואָרן, בשעת איר עדות זאָגן אויפן ראַווענסברוקער פּראָצעס, אין אירע ענטפערן אויף די פראַגן וואָס עס האָט איר געשטעלט דער יוסטיץ ראַט.

פ.: קאָנט איר ווי מעגלעך גענויער באַשרייבן א פאַל, וואָס איר אַליין האָט געזען, בשעת מען האָט אַריינגעשטופּט מענטשלעכע נפשות לעבעדיקערהייט אין אָט־דער קרעמאַטאָריע?

ע.: די לעצטע פּאָר טעג פונעם קריג האָב איך געזען ווי מען טרייבט מענטשן צו דער קרעמאַטאָריע, איך האָב געהערט ווי זיי שרייען און ראַנגלען זיך, און איך האָב געהערט ווי מען עפנט און פאַרהאַקט די טירן.

פ.: איך האָב געוואָלט וויסן, צי זענט איר גרייט צו שווערן אַז איר האָט געזען ווי מען שטופּט עמיצן אַריין מיט געוואַלד אין קרעמאַטאָריע כדי אים דאָרט צו פאַרברענען.

ע.: איך קאָן זיכער שווערן, אַז איך האָב געזען ווי מען האָט די מענטשן געשלעפּט, אָבער איך קאָן ניט שווערן, אַז איך האָב זיי געזען אין דער קרעמאַטאָריע.

פ.: בשעת מען האָט זיי געשלעפּט צו דער קרעמאַטאָריע, וואָס

*) אָדעט סאַנסאָם איז דורכן SOE אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין פראַנקרייך. נאָכן אַרעסט האָט זי די געסטאַפּאָ געפּייניקט כדי אַרויסצוקריגן פון איר אינפאָרמאַציעס. נאָכדעם ווי געסטאַפּאָ האָט ביי איר גאָרנישט געפועלט, האָט מען זי אַריבערגעשיקט קיין ראַווענסבּרוק. אָדעט, איצט מיסיס פּעטער טשערטשיל, האָט פּאַר איר דינסט געקראָגן דעם זשאָרזש קרייץ.

האָט איר דאַן געזען? מיט וואָס האָט זיך געענדיקט דאָס שלעפּן זיי?

ע.: איך האָב זיי ניט געזען מער.

פ.: זענען זיי פאַרשווונדן פון אייערע אויגן?

ע.: יאָ.

פ.: וווּהין זענען זיי אוועק, וואָס איר האָט זיי מער ניט געקאָנט זען?

ע.: איך ווייס ניט; ווי עס ווייזט אויס — אין דער קרעמאַטאָריע.

פ.: זענען זיי אריין אין דער געביידע?

ע.: יאָ.

פ.: האָט איר זיי געזען ארויסקומען פון דאָרטן?

ע.: קיינמאָל ניט.

פ.: און נאָכדעם ווי זיי זענען פאַרשווונדן, האָט איר געהערט עפּעס, ניט ריכטיק?

ע.: יאָ.

פ.: וועגן די קלאַנגען וואָס איר האָט געהערט האָט איר געטראַכט אַז דאָס איז דער רעש ביים עפענען און פאַרקלאַפּן די קרעמאַטאָריע?

ע.: דאָס בין איך זיכער.

ראַווענסברוק איז געווען באַזעצט מיט אַ פּערסאָנאַל לויטן זעלבן מוסטער, ווי אַלע איבעריקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער קאָמענדאַנט און די איבעריקע אָפיצירן פון דער לאַגער־קאָמאַנדע האָבן געהערט צו ס.ס., מיטן אויסנאַם פון אַ טייל מעדיצינישן פּערסאָנאַל וואָס יענע זענען געווען בלויז אָנגעשלאָסענע. אויך די לאַגער־וועכטער זענען געווען ס.ס.־לייט.

דער קאָמענדאַנט איז געווען פריץ סוהרען, זיין אַסיסטענט — שוואַרצהובער, און דער שעף פונעם אַרבעט־דעפּאַרטמענט איז געווען פלאַום. די דריי מענער האָבן פאַרמירט די אויספיר־קאָמאַנדע. אונטער זיי איז געגאַנגען אַ גאַנצע רייע מענער און פרויען, וואָס האָבן פאַרנומען נידעריקע אַמטן. יענע האָבן געהאַט אַ טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט די אינטערנירטע, און מיט זייער גרויזאַמקייט און טייוולאָנישקייט האָבן זיי פאַרוואַנדלט דעם לאַגער אין אַ לעבעדיקן גיהנום.

ראַמאַדאַהר, דער שעף פון דעם אַזוי גערופענעם פּאָליטישן דעפּאַרטמענט; בינדער, דער אויפפּאַסער אין דעם שניידערישן וואַרשטאַט; דאַראָטעאַ בינץ, די הויפּט אויפזעערין; סקענע, אַן אונטער אויפזעערין; גרעטאַ בעזעל, אַן אנדער אויפזעערין און הויפּט־אַסיסטענטין ביי פּלאָומען אין דער אַרבעט־ביוראָ פונעם לאַגער; מארגארעטע מיועס, בראש פון דעם שטראָף־בלאָק; קאַרמען מאַרי, א געוועזענע געפאנגענע, וואָס איז געוואָרן בלאָקעלטעסטע; ווערא סאַלוועקאַרט, צו ערשט א געפאַנגענע, שפּעטער בראש פונעם שפּיטאָל אינעם יוגענדלאַגער; און עליזאַבעט מאַרשאַל, אַ קראַנקן־שוועסטער לויטן פאך, די מאטראָנע פונעם לאַגער.

דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון שידלאָווסקי, אַ שטיק צייט דער עלטסטער מעד־אָפיציר, טרייטע, דער ערשטער אַסיסטענט ביי שידלאָווסקי׳ס נאָכפאָלגער, ראָזענטאַל, און דער דענטיסט העלינגער.

יעדער איינער צווישן זיי איז געווען אַן אַקטיווער טייל אין דער מאַשין פון ברוטאַליטעט, רעפּרעסיע, טעראָר און אויסראָטונג — וואָס דאָס איז געווען ראַווענסברוק. יעדער איינציקער צווישן זיי האָט געהאַט זיינע באַשטימטע פליכטן; יעדערער האָט בייגעטראָגן זיין קליינעם חלק צו דעם טאָטאַלן סך־הכל פון יסורים און צרות וועלכע עס זענען, אין זייער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, אויסגע־שטאַנען אַלע אונטערגעוואָרפענע זייער קאָנטראָל און זייער מאַכט.

מען דאַרף זיך פריער באַקענען כאָטש מיט א טייל פון זייערע פאַרברעכנס, כדי אָפּצושאַצן דעם פאַרנעם און די ריזיקייט פון דער לאַגער־סיסטעם, און כדי צו באַגרייפן ווי אַזוי, אין דער צייט וואָס די סיסטעם האָט געדויערט און איר כוח איז געווען גרויס, האָבן עס קרעפטיקע פעלקער געקאָנט ווערן אונטעריאָכט און מוטיקע גייסטער צעבראָכן.

שוואַרצהובער איז געווען אַ גרויסער מייסטער פון ברוטאַליטעט. ער האָט זיך צו די ס.ס. אָנגעשלאָסן נאָך אין 1933 און זיך געקאָנט איבערנעמען מיט זיינע צוועלף יאָר דינסט אין אָט־דער קרימינעלער אָרגאַניזאַציע. טרענירט אין דאַכאַו נאָך פאַר דער מלחמה, האָט ער זיך אָפּגעים אַרויסגעוויזן פאַר אַ פעיקן שילער, ווייל צווישן די יאָרן פון 1935 ביז 1944, האָט ער באַקומען, אויף א סיסטעמאַ־

טישן אופן, איין העכערונג נאָך דער אנדערער. גראַדווירט אין דאַכאַו, האָט ער זיך אײַנגעשאַפֿט ווײַטערדיקע פּראָפֿעסיאָנעלע וויסן און דערפֿארונג אין אנדערע שטעלן פֿון סאַדיסטישער שטודיע, אין זאַקסענהאַוזען און אין אוישוויץ. פֿון אוישוויץ טאַקע איז ער, דעם 12־טן יאַנואַר 1945, אָנגעקומען קיין ראַווענסברוק, וווּ ער איז געבליבן, אין די אַמטן פֿון לאַגער־פֿירער און צווייטער־אין־קאָמאַנדע, ביזן סאַמען סוף. ווען ער האָט איבערגענומען אָט די אַמטן, האָבן זיך אינעם לאַגער געפֿונען פֿרויען־געפֿאַנגענע אין דער צאָל פֿון אומגעפֿער 25,000; און אין אַ דרײַ מיט אַ האַלבן מאָנאַט אַרום, צו יענער צײַט ווען מען האָט דעם לאַגער צעלאָזט, זענען פֿון אָט די אַלע פֿרויען געבליבן בלויז 12,000.

די מאַסן־הריגה האָט זיך אָנגעהויבן גלײַך מיט זײַן קומען. ער האָט דורכגעקוקט אַלע רשימות, און מען האָט גענומען רעגולער שיקן פּאַרטיעס אין דעם יוגענדלאַגער — וווּ עס זענען פֿאָרגעקומען אַ סך עקזעקוציעס. עס איז דערבײַ ניט געווען קיין פֿראַגע וועגן אַ וועלכן־עס־איז מישפּט; די קרבנות האָט מען אויסגעקליבן לויט רשימות פֿון ביוראָ, אָדער מען האָט זיי געוויילט דירעקט אויפֿן פּאַראַד.

דער באַפֿעל צו הרגענען אָט־די פֿרויען איז געקומען פֿון Sipo און איז באַשטעטיקט געוואָרן מיט דער חתימה פֿון קאָמענדאַנט סוהרען. דער עקספּערט, קאָרפּאָראַל שולץ, האָט זיי געשאָסן אין נאַקן, נעבן דער קרעמאַטאָריע אין דרויסן, דערנאָך האָט מען זיי אַרײַנגענומען אינווייניק און פֿאַרברענט. עס איז צו באַמערקן אַז זייערע קליידער זענען פֿאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זיי. אָט די פֿרויען האָבן באַגעגנט דעם טויט אַזוי גײַסטיק שטאַרק, אַז אַפֿילו שוואַרצהובער האָט מודה געווען אַז ער איז געווען „טיף גערירט" — בשעת ער איז אײנמאָל בײַגעווען אַן עקזעקוציע.

קורץ נאָך זײַן קומען קיין ראַווענסברוק פֿון אוישוויץ, מיטן רעשטל פֿון זײַנע דאָרטיקע געפֿאַנגענע, — האָבן זיך אָנגעהויבן די סעלעקציעס פֿאַר מיטעלווערדע. 3,500 אינטערנירטע זענען, אין משך פֿון מאַרץ־אַפּריל 1945, פֿאַרשריבן געוואָרן אין די לאַגער־ביכער ווי „טראַנספּאָרטירט קיין מיטעלווערדע, דעם ערהאָלונג־לאַגער". אַ בליק אויף דער קאַרטע וועט ווײַזן, אַז מיטעלווערדע

איז געווען אַ טייל פון דײַטשלאַנד — צו יענער צייט שוין פאַרנומען דורך דער רויטער אַרמײ.

ראַמדאָהר, וואָס איז אין לאַגער געווען דער שעף פון דעם „פּאָליטישן דעפּאַרטמענט", איז געווען אַן אָפיציר פון דער קרימי־נעלער פּאָליצײ און דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַלע אויספאָר־שונגען. ער איז ניט געווען קיין מיטגליד פון די ס.ס., אָבער שלעכטע געזעלשאַפט מאַכט קאַליע גוטע מאַנירן, און פון זינט ער האָט איבערגענומען דעם אַמט אין 1942, איז אין דער גאַנצער צייט פון זײַן אַמטירן גאָר ניט געווען זײַנס גלײַכן אין ברוטאַליטעט.

אַ באַאַמטער וואָס האָט געאַרבעט גאַנץ נאָנט נעבן זײַן ביוראָ, אין אַ צווייטן צימער, האָט אָפט געהערט — ווי פרויען שרייען בשעת'ן פאַרהער. עס איז געווען באַקאַנט, אַז אויב ער קריגט ניט אַרויס די געווינטשענע אינפאָרמאַציע, האַלט ער אָפּ די פרוי אַ וואָך צייט — אָן אַ בעט און אָן עסן — אין אַ קאַלטן פינצטערן קאַרצער, פון וואַנען זי קומט שוין אַרויס האַלב צעמישט.

אַ פּוילישע פרוי, מיט נאָמען שעוועטשקאָווא, איז פאַרהערט געוואָרן דורך ראַמדאָהר, און ווען זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסגעבן אירע פרײַנד, האָט ער זי אָפּגעשיקט אין דעם שטראָף־בלאָק, וווּ זי האָט פאַרבראַכט צוועלף טעג — אָן אַ צודעק און אָן עסן. אויפן צוועלפטן טאָג האָט מען זי געבראַכט צו ראַמדאָהר'ן, אָבער ווען זי האָט זיך ווײַטער אָפּגעזאָגט צו רעדן, האָט ער פאַראָרדנט „זעקס וואַסער־דושן".

אָט־די באַהאַנדלונג האָט צוגעטראַכט ראַמדאָהר אַליין. דאָס איז געווען אַן אײַז־קאַלטער וואַסער שטראָם פון אַ פײַערלעשער־מאַשין, מיט אַ כּפּצעיעל הויכן דרוק. נאָכדעם ווי מען האָט עס איר געמאַכט דרײַ וואָכן נאָכאַנאַנד, צו צוויי מאָל אַ וואָך, האָט זי ראַמדאָהר אויפסנײַ פאַרהערט, אָבער אָן ערפאָלג. דאַן האָט מען זי ווײַטער געשיקט אין דעם שטראָף־בלאָק, איצט שוין אויף זעקס וואָכן, מיט אַ ביסל קאַווע און אַ שטיקל ברויט יעדען טאָג, און מיט געקאָכט עסן איינמאָל אין פיר טעג. צום סוף פון דער צייט האָט מען זי געבראַכט צום קאָמענדאַנט, און ווען זי האָט נאָך אַלץ געשוויגן, האָט מען זי אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. דורך עפּעס אַ מאָדנעם מזל'דיקן צופאַל, איז איר געלונגען צו אַנטלויפן פונעם יוגענדלאַגער — און זי לעבט ביז הײַנטיקן טאָג.

ראַמדאָהר האָט זיך באַנוצט מיט די גרויזאַמסטע פיזישע און גייסטיקע פייניקונגען. מען האָט איינמאָל אַזוי שטאַרק געשלאָגן א פרוי, אז זי האָט געפרוווט זיך עפענען אן אָדער אין נאַקן, כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און זי איז געוואָרן באַהאַנדלט פון טרייטע. ראַמדאָהר האָט מודה געווען, אז ער האָט געלאָזט די געפאַנגענע הונגערן, זיי געשלאָגן, געגעבן זיי נאַרקאָטישע איינשפּריצונגען און זיי פאַרהערט בשעת זיי זענען געווען באַרוישט פונעם נאַרקאָז. ער פלעגט ביי אַ געפאַנגענער צובינדן אירע הענט אויף הינטן, אוועקלייגן זי מיטן בויך אויף א טיש, איר קאָפּ זאָל אַראָפּהייגען איבערן עק־טיש, און נעבן דעם אוועקשטעלן א שטול מיט אַן עמער וואַסער דערויף; דאַן האָט ער אָנגענומען די פרוי ביי די האָר און אונטערגעטונקט איר פּנים אין וואַסער.

אַזוי האָט ראַמדאָהר געפירט זיין אויספאָרשונג. די מעטאָדן זענען געווען ניט פון קריפּאָ, צו וועלכן ער האָט אייגענטלעך געהערט, נאָר פון געסטאַפּאָ. און ער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר זייער א פעיקן געסטאַפּאָ־שילער.

אָט דער מאַן, און נאָך א סך אַזעלכע ווי ער וואָס האָבן פייער־לעך געשפּרייזט איבער דער אַרענע פון דער דייטשישער געשיכטע ווי ווילד־באַזעסענע מאַריאָנעטקעס — איז געווען אַן אויסטערלישער פאַל פאַר פּסיכאָפאָרשונג. א מערקווערדיקע מישונג, ווי ביי א סך זיינע חברים, פון סאַדיזם און סענטימענטאַליטעט, פון צאַרטקייט און טיראַניי.

ווען דער קריגס־פאַרברעכן טריבונאַל אין האַמבורג האָט אים, אין 1947, פאַראורטיילט צו טויט דורך הענגען, האָבן א סך קרובים און פריינד זיינע געשריבן אז דער „טייערער ליבער לודוויג האָט ניט געקאָנט ווייל טאָן קיין שום בעל־חי״; אז ער איז געווען א גוטער חבר און א „באַגייסטערטער ליבהאָבער פון דער נאַטור״; אַז ער איז געווען אַ „באַשיצער פון אומגליקלעכע און דערדריקטע״. אז ווען „ער האָט שפּאַצירט אין פעלד, פלעגט ער שפּרינגען הין און צוריק כדי ניט צו צעקוועטשן א שנעק אָדער א יאַשטשערקע אונטער זיין טראָט״; און אז ווען ער האָט באַגראָבן זיין שוויגערס קאַנאַריק האָט ער „צאַרט אַריינגעלייגט דאָס פייגעלע אין א קליין קעסטל, צוגעדעקט עס מיט א רויז און באַגראָבן עס אונטער א רויזן־קוסט״.

עס איז ניט לייכט צו פאַרבינדן דעם ברוטאַלן ראַמדאָהר פון ראַווענסברוק, דעם שרעק און גרויל פון דעם לאַגער, מיט דעם „טייערן ליבן לודוויג” אין דעם זכרון פון זיין משפּחה און זיינע פריינד.

בינדער איז געשטאַנען בראש פון אַ וואַרשטאַט — און איז געווען ברוטאַל ביז גאָר. אַ שניידער פון פאַך, איז ער אין 1933 אַריין אין ס.ס. אַלס פרייוויליקער און, ווי שוואַרצהובער, גראַדוירט אין דאַכאַו. זיין פריִע טרענירונג און זיין נסיון אין די ס.ס.־מעטאָדן זענען אים בייגעשטאַנען, בשעת ער האָט פּראַקטיצירט אַלס אויפפּאַסער אין דעם טרויעריק באַקאַנטן שניידער־וואַרשטאַט, אין דער פאַבריק־קאָלאָניע פון ראַווענסברוק.

ער האָט די פרויען אין וואַרשטאַט געשלאָגן און געקאָפּעט און זיי פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט. ער האָט ביי זיך אַרומגעטראָגן אַ שפּיצרוט, און עס איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך צו זען אַ פרוי זיצן ביים נייען, אַ צעבלוטיקטע פון זיינע קלעפּ.

אָט וואָס עס דערציילט אַ האָלענדערין וואָס האָט געאַרבעט ביי אים אין וואַרשטאַט:

בינדער איז געווען צו די פרויען אין זיין וואַרשטאַט זייער רוי און ברוטאַל. ער פלעגט אונדז שלאָגן יעדן טאָג. עס האָט זיך געדאַכט אַז בלוט באַרויקט אים. איינמאָל האָב איך געזען ווי ער האָט אַזוי שטאַרק געשלאָגן איין פּוילישע פרוי, אַז מען האָט זי געמוזט נעמען אין שפּיטאָל. מער האָב איך זי שוין ניט געזען. מען האָט מיר דערציילט אַז זי איז געשטאָרבן. אויב מיר האָבן ניט געאַרבעט גענוג שווער אויף אים צו באַפרידיקן, פלעגט ער אַוועקנעמען ביי אונדז די שטיקלעך ברויט וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר דער צוועלף־שעה׳דיקער אַרבעטשיכט, און האָט נאָך דערצו אונדז געצוואונגען אַרבעטן שטייענדיק אין משך פון שעה׳ן.

טיילמאָל פלעגט ער שלאָגן פרויען מיט אַ בייטשל. איך האָב געזען ווי ער שלעפּט אַרום די פרויען ביי די האָר און שלאָגט פון זיי אַרויס זייערע לעצטע כוחות. מיר

זענען אלע געווען אזוי אונטערדערנעדט און אזוי מיד. אָבער טאַמער האָט ער באמערקט אז א פרוי זיצט מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פלעגט ער אָנגעמען איר קאָפּ און שלאָגן דערמיט אין אַרבעטס־טיש. ער פלעגט אונדז אויך הייסן אויסטאָן אונדזערע אלע קליידער; זיין תירוץ איז געווען, אז ער דאַרף זיך פארזיכערן — צי האָבן מיר ניט באהאלטן שטיקלעך געוואנט אין אונדזערע קליידער, ווייל צו יענער צייט האָבן מיר דאָך געהאט אזוי ווייניק צום טראָגן.

אַן אנדער פויליש מיידל, געשיקט אויף ארבעט צו אים, האָט מחמת וויטאמין־מאנגל געהאט אַן אָפענע מכה אויפן אָרעם. בינדער האָט ניט געוואָלט אויסהערן איר ביטע וועגן גיין אין שפּיטאָל. ער האָט אראָפּגעריסן אירע באנדאזשן מיט א געשריי, „ביסט אינגאנצן ניט קראנק״.

דאָס מיידל איז דאן געפאלן. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן, האָט ער מיטן גאנצן כוח געגעבן איר א זעץ אין פּנים אריין מיט זיין פויסט. דער קלאַפּ האָט זי אומגעוואָרפן, אבער ער האָט נאָך אלץ געשלאָגן און געקאָפּעט.

א סך פרויען זענען ארומגעגאנגען מיט ווונדן פון דער שערל, וואָס ער האָט געוואָרפן אין זיי; אַנדערע — פון די שמיץ אין פּנים מיט די רעקלעך, וועלכע האָבן געהאַט אויף זיך מעטאַלענע קנעפּ. ער איז געווען פאראנטוואָרטלעך פארן טויט פון א סך פרויען וואָס ער האָט זיי געצווונגען ארבעטן, בשעת זיי האָבן אינגאנצן ניט געהאט קיין כוח דערצו. געצווונגען זיי שטיין מוטער־נאקעט, אָפט מער ווי אַ שעה צייט, אין אַ רעגנדיקן דרויסן.

דאָראָטעא בינץ איז געווען די הויפּט־אויפזעערין מיטן געהעריקן ראנג, און זי האָט אָנגעיאָגט אויף אלעמען אַ פּחד.

אָט דאָס יונגע מיידל איז געבוירן געוואָרן אין 1920. דירעקט פאַר דער מלחמה, האָט זי געדינט אלס א קינד־הילף. ארום 1939, איז איר שוין נמאס געוואָרן זיך אָנצושטרענגען אין בעל־הבאַטי־שקייט. דורך דער רעקאָמענדאַציע פון אירן אַ גוטן פריינד, האָט מען זי אָנגענומען אין ס.ס. אלס פּריוווּיליקע, דעם 1־טן

סעפּטעמבער 1939, ווען זי איז אַלט געווען אינגאַנצן ניינצן־מיט־א האלבן, און זי גלייך געשיקט קיין ראַווענסבּרוק, אין דעם ניי־געעפנטן קאָנצענטראַציע־לאַגער. צו איר גרויסן פּאַדראָס, האָט מען זי אין לאַגער געשטעלט אַרבעטן אין קיך — זיכער אין פאַרבינדונג מיט איר פריערדיקן נסיון.

אָבער זי האָט שנעל דערוויזן אירע שעפן, אַז זי איז געבוירן צו העכערע זאכן. אין אייניקע מאָנאַטן ארום האָט מען זי באַשטימט אלס אויפזעערין. עס האָט פאַר טעא בינץ געמוזט זיין א גרויסער טאָג אין איר לעבן. ווען זי האָט זיך צום ערשטן מאָל אויסגעפּוצט אין איר פעלד־גרויע אוניפאָרם, און זי האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן לאַגער, אין אירע הויכע שווארצע שטיוול, מיט א שפּיצרוט אין דער האַנט.

אַ ברוטאַל און סאַדיסטיש באַשעפעניש, האָט זי זיך פון יענעם טאָג אָן פאַרוואַנדלט אין אַן אינטעגראַלן טייל פון דער לאַגער־סיסטעם, וואָס האָט צעטראָטן און פאַרשניטן דאָס לעבן פון טויזנטער אומשולדיקע פרויען; און דאָס ווייבספאַרשוין צווישן אָט־דער קאַטעגאָריע איז געווען אַ סך ברוטאַלער ווי דער מאַנספאַרשוין.

זי האָט געשלאָגן, זי האָט געקאָפּעט, זי האָט געהאַקט און געזעצט אלעמען ארום זיך, טאָג־איין און טאָג־אויס, טיילמאָל אלס שטראָף פאַר קליינע דיסציפּלינאַרע זינד, טיילמאָל אָן א פאַרוואָס און אָן א פאַרוועגן — סתם אזוי פון „Schaden-Freude“*).
אמאָל האָט זי זיך באַנוצט מיט א שטעקן, צומאָל מיט א שפּיצרוט. אמאָל מיט א פאַסיק, טיילמאָל מיטן טינט־לעשער פון איר שרייב־טיש אין ביוראָ — מיט אַלץ וואָס עס איז איר געקומען צו דער האַנט. דער גאַנצער לאַגער פלעגט אויפציטערן — ווו און ווען מען האָט זי נאָר דערבליקט.

איינמאָל האָט בינץ געשלאָגן א פרוי ביז יענע איז אַנידער־געפאַלן, און דאַן האָט זי גענומען טרעטן איבער איר מיט די פיס. איינמאָל, בשעת זי האָט באַזוכט אַן אַרבעט־פּאַרטיע אין

---

*) א דייטש וואָרט, וואָס האָט ניט פאַר זיך קיין עקוויוואלענט אין קיין שום אנדער אייראָפּעישע שפּראַך, און וואָס הייסט פרייען זיך, קוויקן זיך מיט יענעמס יסורים.

וואלד, האָט זי אומגעוואָרפן א פרוי מיט דער האק און זי דערמיט געשלאָגן — ביז די פרוי האָט זיך שוין מער ניט גערירט. דערנאָך איז די בינץ אויפגעשטיגן אויף איר ראָווער און האָט אַוועק־גערעדלט צוריק אין לאגער אריין.

זי האָט געהאט דאָס רעכט צו שיקן פרויען אין שטראָפבלאָק פאר דער מינדסטער זינד קעגן דיסציפלין, אין יענעם פאל ווען איר אַליין האָט זיך ניט געגלוסט אָפּטרן די שטראָף מיט קלעפּ. זי פלעגט אויך אויספירן דעם קאָמענדאנטס בליץ־אורטיילן פון פינף און צוואַנציק, פופציק, אָדער פינף און פופציק שמיץ.

יעדערן וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט צום „אַפּעל" *), האָט זי געשלאָגן, אָדער געצווונגען שטיין שעה׳ן לאַנג אומבאַוועגלעך. בשעת מעשה האָט זי איר געפּאַטש איבערן פּנים. אַ פּאַטש פון דער בינץ איז גאָר ניט געווען אַזוי פּשוט און לייכט, ווי איינע פון אירע קרבנות האָט געזאָגט אין איר עדות: „עס איז געווען פּונקט ווי א קרעפּטיקער מאַן וואָלט מיך געשלאָגן, ווייל זיי האָבן דאָך אָט די מלאכה גוט אויסגעשטודירט: ווען זי האָט דערלאַנגט א פּאטש אין פּנים, איז עס געווען אַזוי שטארק, — אז עס האָט אָפּגעקלונגען מיט צוויי שורות ווייטער".

בינץ האָט אויך אויסגעפּירט די „וואַסער־דוש שטראָף". סטאַניסלאַווא שעוועטשקאָווא, וואָס ראַמדאָהר האָט איר געגעבן אַ שטראָף פון ביין דושן פאר איר ניט וועלן קאָאָפּערירן בשעת׳ן פארהער, האָט עס באַשריבן אַזוי:

בינץ האָט מיך אַריינגענומען אין דוש־צימער. אין ווינקל איז געשטאַנען א דוש וואָס איז שוין געווען אָפּ־געדרייט. דאָס וואַסער האָט אַרויסגעפּלאַצט דורך רערן פון פאַרשיידענער הויך, אונטער א זייער הויכן דרוק. אין א צוועלף מינוט ארום בין איך אומגעפאַלן, און בינץ האָט אַ גאָס געטאָן אַן עמער וואַסער מיר אין פּנים אַריין. איך האָב געפּרוווט פאַרשטעלן דעם פּנים מיט די הענט, דאַן האָט זי אַן עפּן געטאָן די טיר און א פייף געטאָן צו אירע

*) דער נאָמען פאר דעם טאָג־טעגלעכן פּרימאַרגנדיקן קאָנטראָל־פּאראַד.

צוויי הינט. איינער פון זיי האָט מיר געביסן אין די הענט, און איך בין געפאַלן אין חלשות. איך מיין, אַז צוריק אין מיין קאַרצער האָט מען מיך געשלעפּט איבער דער ערד, ווייל בשעת איך בין געקומען צו זיך, האָב איך דערפילט ווי מיין גאַנצער רוקן איז צעראַצט און דערזען אַז מיינע קליידער ליגן נעבן מיר... פון דאַמאָלס אָן האָב איך באַקומען דעם דוש פון בינץ צוויי מאָל אַ וואָך, דינסטאָג און פרייטאָג. און יעדעס מאָל האָב איך געחלשט.

איינע פון בינץ׳ס באַליבטע ספּאָרט־שפּילערייען איז געווען אַריינצופאָרן מיט איר ראָווער אין דער מיט פון אַ גרופּע שטייענ־דיקע פרויען. זיי זענען דאָך געווען זייער שוואַך, פלעגט זי זיי געוויינלעך גלייך אומוואַרפן, איז אַריבערגעפאָרן איבער זיי און דערביי הויך געלאַכט. זי האָט אויך ליב געהאַט אָנצורייצן אירע הינט אויף די פרויען. אין איינעם אַ טאָג האָט זי אָנגעשיקט איר הונט אויף אַ רוסישער פרוי, צעררייסט אים און געטריבן אויף דער פרוי. און דער הונט האָט בוכשטעבלעך אָפּגעביסן ביי דער פרוי אַן אָפּגעשוואַכטן אָרעם.

נאָך איין פאַרווייַלונג, וואָס האָט איר פאַרשאַפט גרויס פאַר־געניגן, איז געווען צו מאַכן אַן אינספּעקציע אין בלאָק 10 — ביי די גייסטיק־קראַנקע פרויען, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון קאַרמען מאַרי. מען האָט די פרויען אויסגעשטעלט אַלס אַן אַטראַקציע — ווי פאַרזעעניש אין אַ צווייטראַנגיקער צירק־פאָרשטעלונג — און בינץ האָט זיך אַמוזירט. זיך גערייצט מיט זיי, און געטריבן קאַטאָוועס.

עס איז אוממעגלעך צו געבן מער ווי אַן אָנגעוואָרפענע סכעמע וועגן איר טעטיקייט אין ראַווענסבריק. דאָס מיידל איז געקומען קיין ראַווענסבריק אינעם ערשטן טאָג קריג, און איז דאָרט פאַרבליבן ביזן סוף קריג. זי איז פאַר אירע פליכטן טרענירט געוואָרן דורך דער טרויעריק־באַקאַנטער אירמאַ גרעזע פון בעלזען, און זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פלייסיקער שילערין. און ווען מען האָט זי, אין 1947, אין דער האַמעלין טורמע אויפגעהאָנגען, — איז עס נאָך אַלץ געווען אַ בעסערער גורל ווי זי האָט עס פאַרדינט.

מיט די „משוגענע פרויען״ האָט זיך פאַרנומען קאַרמען מאַרי.

אַט די פרוי, כאָטש אַליין אַ שווייצאַרישע בירגערין, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געהרנווילֿיקן אינסטרומענט ביי די דייטשן. בשעת זי איז געווען אַ געפאַנגענע אין ראַווענסבריק, האָט זי אָנגענומען דעם פּאָסטן פון אַ בלאָקעלטעסטע, און געאַרבעט אונטער דעם קאָמענדאַנט. זי האָט מיט די אַנדערע געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געפונען אין איר מאַכט, זיך באַגאַנגען אכזריות׳דיק און ווילד.

מאַרי, ניט ווי די דייטשע מיטגלידער פונעם ווייבער־פּערסאָנאַל אינעם לאַגער, איז געווען אַ פרוי מיט בילדונג. געבוירן אין בערן אין 1905, האָט זי שטודירט אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך, האָלאַנד און ענגלאַנד. שפּעטער האָט זי זיך באַטייליגט אין אַ קורס פון זשורנאַליזם ביי דעם מינכענער אוניווערסיטעט, און איז געוואָרן אַ פרייע זשורנאַליסטין — אין דער שווייץ און אין ענגלאַנד. געבוירן ביי פּראָטעסטאַנטישע עלטערן, איז זי שפּעטער אַריבער צום רוימישן קאַטאָליציזם.

אין נאָוועמבער 1938 האָט מען זי אַרעסטירט אין פראַנקרייך. אין 1940 האָט מען זי געמישפּט פאַר שפּיאָנאַזש, אין פאַרבינדונג מיט דער מאַזשינאָ־ליניע. דער מיליטערישער טריבונאַל האָט זי פאַרמישפּט צום טויט, אָבער אין דריי חדשים אַרום האָט מען זי באַגנעדיקט.

דעם 7־טן יוני, ווען די דייטשן זענען שוין געווען נאָענט פון פּאַריז, האָט מען זי באַפרייט, אָבער די דייטשן האָבן זי געפּאַקט, דעם 24־טן יוני, נעבן טור און אַוועקגעפירט צוריק קיין פּאַריז. וועגן איר פאַל האָט מען געמאָלדן אין R.S.H.A. קיין בערלין. פון דאָרטן האָבן זיך באַקומען אינסטרוקציעס — מען זאָל זי אַרעסטירן. נאָכדעם ווי זי איז אָפּגעזעסן אין די פּראָווינציאַלישע טורמעס שערש־מידי און פרעזנעס, האָט מען זי אין אויגוסט 1940 גענומען קיין דייטשלאַנד. בשעת זי איז געזעסן אין טורמע אויפן אַלעקסאַנדער פּלאַץ, האָט געסטאַפּאָ זי געפאָרשט. נאָכדעם האָט מען זי, לויט דער אינסטרוקציע פון היידריך, באַפרייט, אָבער שפּעטער אויפסניי אַרעסטירט, מיט אַ פאַדראַכט אין שפּיאָנאַזש קעגן דייטשלאַנד. אין פעברואַר 1941, האָט מען זי אָפּגעשיקט קיין ראַווענסבריק.

אַט־די דריט־ראַנגיקע מאַטאַ האַרי האָט גיך געמאַכט שלום מיט

אירע באַצווינגער. זי איז געוואָרן בלאָקעלטסטע, און אין דעם אָמט, ווי איינע פון די פרויען, אַן עדות אויף איר מישפּט, האָט געזאָגט: „האָט זי זיך אויפגעפירט ווי אַ ריכטיקע ס.ס.״ זי האָט אפילו געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פּראַקטיצירן אין איר אַלטן פאַך. אַ שטיק צייט איז זי געווען איינע פון ראַמדאָהר׳ס שפּיאָנען.

אין משך פון איניקע מאָנאַטן איז זי געשטאַנען בראש פונעם בלאָק 10, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס צימער מיט די פאַרשפּאַרטע „משוגענע פרויען״. אין בלאָק 10 איז אויך געווען אַ צימער באַוווינט פון ט.ב. פּאַציענטן. מאַרי האָט אָוועקגעשטעלט אַ דייטשן קרימינעלן געפאַנגענעם אַלס אויפפּאַסער אויף די קראַנקע פרויען, און יענער פלעגט זיי שלאָגן און באַגנבענען. מאַרי אַליין פלעגט אויך סיסטעמאַטיש שלאָגן די פרויען. איין פּוילישע פרוי האָט זי מערדערלעך געשלאָגן און געגאָסן אויף איר פּנים און נאַקעט לייב עמערס מיט קאַלטע וואַסער. יענע פרוי איז געווען פול מיט חן און אַלגעמיין באַליבט. זי האָט אויך שיין געזונגען. זיכער דערפאַר, און ניט פאַר קיין שום אַנדער סיבה, האָט איר מאַרי אַזוי ביטער באַהאַנדלט. אויפן צווייטן טאָג איז יענע פרוי געשטאָרבן.

די בעלגישע פרויען אינעם לאַגער האָבן זי גערופן „דער מאָנסטער״. מאַרי פלעגט אַרויסרייסן קראַנקע, האַלב־טויטע, פרויען פון זייערע בעטן אינעם בלאָק 10, אַריינשלעפּן זיי אין דער וואַש־שטוב, אַנידערוואַרפן זיי אויף דעם קאַלטן, שטיינערנעם באָדן, באַגיסן זיי מיט פולע עמער קאַלט־וואַסער און רעדן דערביי: „איצט וועסטו שוין זיין ריין״.

וויאָלעט לע קאָק, וואָס איר געהערן די פעדער־צייכענונגען אין אָט־דעם בוך, איז געווען אַ לויטענאַנט אין La France Combattante, אַן אָרגאַניזאַציע אין דער פראַנצויזישער רעזיסטענץ־באַוועגונג. פאַר דער מלחמה האָט זי געאַרבעט אַלס קראַנקען־שוועסטער אין שפּיטאָל. מען האָט זי אַרעסטירט דעם 20־טן אויגוסט 1942, און אין אָקטאָבער 1943 איז זי אָנגעקומען קיין ראַווענסברוק, אַלס אַ נאַכט־און־נעפל געפאַנגענע. מיט אַ פּאָר חדשים נאָך איר קומען האָט מאַרי זי אַריינגענומען אַלס געהילף אין דעם בלאָק 10.

אויף דעם ראַווענסברוקער פּראָצעס האָט פרײַלין לע קאָק, אין איר עדות־זאָגן, געשילדערט אַן אינצידענט וואָס איז איינמאָל באַנאַכט פאָרגעקומען אינעם בלאָק 10.

איינמאָל באַנאַכט האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פון געשרייען וואָס זענען געקומען פונעם צימער מיט די גייסטיק־קראַנקע. קאַרמען מאַרי, אַ מעד־סטודענטין, אַ פראַנצויזישע קראַנקן־שוועסטער און איך, — האָבן זיך געלאָזט צו יענעם צימער. ווען מיר האָבן געעפנט די טיר, האָבן מיר דערזען ווי צוויי פרויען שלאָגן זיך. איינע פון זיי איז געוויס געווען אַ רוסישע. מאַרי האָט אַראָפּגענומען איינעם פון די רימענס, וואָס זענען דאָרט געהאָנגען, און אָנגעהויבן פּאַסעיווען און קאַטעווען די פרויען. זי האָט געשיקט די מעד־סטודענטן נאָך אַמפּולן, און איינגעשפּריצט ביידע פרויען. ווען איך בין אויף מאָרגן אַריין אין יענעם צימער, האָב איך דערזען פינף טויטע פרויען, צווישן זיי די צוויי וואָס מאַרי האָט זיי געגעבן איינשפּריצונגען די פאַריקע נאַכט.

מאַרי איז געבליבן אין ראַווענסברוק ביזן סוף פון דער מלחמה, ווען זי איז צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אַנדערע געוואָרן באַפרייט. נאָכדעם האָט זי זיך דערקליבן ביז דער בריטישער זאָנע, ווו זי האָט געפונען אַרבעט אין אַן איינהייט פון מיליטער־פּאָליציי ביי דער בריטישער אַרמיי, נעבן האַמבורג. דאָרט איז זי סוף־סוף, דעם 5־טן אָקטאָבער 1945, אַרעסטירט געוואָרן אַלס קריגס־פאַרברעכערין.

איינע פון די פינצטערסטע געשטאַלטן אינעם לאַגער איז געווען אַ יונגע פרוי מיטן נאָמען ווערא סאַלוועקאַרט. אויך זי האָט געהאַט אַ מערקווערדיקע לעבנס־געשיכטע. זי איז צוערשט געקומען אין לאַגער אַלס געפאַנגענע.

צו דער צייט פון איר פּראָצעס, איז זי אַלט געווען אינגאַנצן זיבן און צוואַנציק יאָר. זי איז געבוירן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, איר מוטער איז געווען אַ טשעכין און איר פאָטער אַ סודעטן דייטש. איינע פון די פינצטערסטע געשטאַלטן אינעם לאַגער איז לייפּציג.

אין משך פון דער מלחמה איז זי געווען אַרעסטירט ניט ווייניקער ווי פיר מאָל. אין 1941 האָט מען זי אַרעסטירט, אויס־געפאָרשט, און געשיקט אין אַ יידישן לאַגער אין פלאָסענבערג.

דאָס מאָל האָט מען זי אַרעסטירט ווייל די געסטאַפּאָ האָט געזוכט און ניט געקאָנט געפינען איר חתן, וואָס איז געווען אַ ייד. זי האָט איר חתן ניט אַרויסגעגעבן. נאָכדעם ווי מען האָט זי אין פלאָסענבערג אָפּגעהאַלטן צען חדשים, האָט מען זי באַפרייט.

מען האָט זי ווייטער אַרעסטירט אין מיי 1942, באַשולדיקט אין ברעכן די נירענבערגער געזעצן, איינגערעכנט „באַציונגען" מיט יידן, און מען האָט זי פאַראורטיילט צו צוויי יאָר תפיסה. אין אַפּריל 1944 איז זי געוואָרן באַפרייט.

מען האָט זי אַרעסטירט אויפסניי דעם 8־טן אויגוסט 1944, באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת די שונאים. זי איז געמישפּט געוואָרן צוזאַמען מיט איר חתן און זיין שוועסטער. איר חתן האָט גענומען אויף זיך די גאַנצע שולד — און ער האָט באַקומען אַ טויט־אורטייל. סאַלוועקאַרט און איר חתן׳ס שוועסטער האָט מען צייטווייליק געשיקט אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער טער־עזענשטאַדט, פון וואַנען זיי זענען, נאָך אַ לאַנגן און געדרייטן וועג, אָנגעקומען קיין ראַווענסברוק דעם 6־טן דעצעמבער 1944.

אָט די יונגע פרוי, וואָס וואָלט דאָך אייגנטלעך געקאָנט אַרויסרופן צו זיך סימפּאַטיע, האָט אין לויף פון די אייניקע מאָנאַטן זיין אין ראַווענסברוק, אָפּגעסמט אַ גרויסע צאָל געפאַנגענע חבר׳טעס, געווען וויפל — ווייסט מען ביז איצט ניט. זי האָט אונדז געגעבן אַ ברייטע אינפאָרמאַציע וועגן דער אויסראָטונג־פּראָגראַם אין ראַווענסברוק, בּאַ וואָס זי האָט זיך דערביי שפּעטער אַקטיוו באַטייליקט.

ווען זי איז אָנגעקומען, האָט מען זי אַריינגעגעבן אין דעם ביטער־באַקאַנטן „געצעלט פאַר יידן". דאָרט האָבן זיך געפונען צוויי טויזנט פרויען, אַלע פון אונגאַרן אָדער טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע זענען פריער געווען אינטערנירט אין אוישוויץ און נאָכדעם, בשעת די רוסן האָבן גענומען מאַרשירן פאָרויס קיין פּוילן, האָט מען זיי אַריבערגעפירט קיין ראַווענסברוק.

דאָרט זענען ניט געווען ניט קיין בעטן, ניט קיין מאַטראַצן, ניט קיין שטרוי, ניט קיין ברעטער, גאָרנישט, — נאָר דער נאַקעטער באָדן. רעכטס פונעם אַריינגאַנג אין געצעלט האָט זיך געפונען דער אָפּטרעט, אַ ווינקל אָפּגעצוימט מיט שטריק, — און

אין ווינקל צען אַלטע צעבערעס פון פיר גאַלאָן יעדער איינער. קיין וואַש־איינריכטונגען זענען דאָרט ניט געווען. ד״ר טרייטע האָט דאָס גערופן „דאָס געצעלט פון חזירים״.

אין דעם געצעלט זענען געווען קראַנקע אויף טיפוס, און יעדע נאַכט זענען צוויי אָדער דריי צווישן זיי געשטאָרבן. צום ערשטן מאָל, אַזוי האָט סאַלוועקראַט געזאָגט, איז איר אויסגעקומען צו שלאָפן צוזאַמען מיט מתים.

אַ פּאָר טעג האָט מען געהאַלטן סאַלוועקאַרט אין קאַראַנטין, און נאָכדעם האָט מען זי געשיקט מיט אַ גרופּע יידישע פרויען אַרבעטן אין דעם אַזוי גערופענעם קאַרן־קעלער. פאַר יענע וואָס האָבן געלייענט די פאַבריקע קאַפּיטלען אין אַט־דעם בוך, וועלן די באַדינגונגען, ביי וועלכע די יידישע גרופּע האָט געאַרבעט, — שוין ניט זיין קיין איבערראַשונג. בלויז דאָס וואָס זיי זענען געווען יידן, איז שוין געווען גענוג אז מען זאָל פאַר זיי שאַפן די שווערסטע און גרויזאַמסטע לאַגער־באַדינגונגען.

די פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם קאַרן־קעלער, האָבן געדאַרפט שלעפּן אַהין פון דעם טייך האָוועל זעק פון אַ הונדערט ליבערס די וואָג. די דיסטאַנץ צווישן דעם טייך און דעם קעלער איז געווען 800 מעטער באַרג אַרויף. איין זאַק האָבן ניט געטאָרט טראָגן מער ווי צוויי פרויען. מיט די ערשטע צוויי אָדער דריי זעק האָט מען זיך נאָך געקאָנט אַן עצה געבן, אָבער שפּעטער זענען די פינגער געוואָרן פאַרגליווערט פון קעלט. דער פראָסט איז אַריינגעקראָכן אונטער די נעגל און זיי האָבן ניט געקאָנט זיך אָנקלאַמערן. פלעגן שוין די זעק אַרויספאַלן פון זייערע הענט און יעדעס מאָל וואָס דאָס האָט פּאַסירט — האָט מען אויפן זיי געשלאָגן.

סאַלוועקאַרט האָט אַ שטיק צייט געאַרבעט מיט דער גרופּע ביז מען האָט אויסגעפונען אַז זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער. האָט מען איר געזאָגט אַז מען וועט זי איבערשיקן אין אַ דערביייקן לאַגער וווּ זי וועט האָבן גענוג צו טאָן. אויף אַזאַ אופן איז זי, אין פעברואַר 1945, אַריבער אין דעם יוגענדלאַגער.

כדי צו גלייבן אין אָט דעם קליינעם לאַגער, אָפּגערוקט מיט אַ פּאָר קילאָמעטער פון דעם הויפּט־לאַגער, האָט מען אים פריער געמוזט אַליין זען. ווען סאַלוועקאַרט איז אָנגעקומען אַהין, איז

ער שוין געווען פול געפּראַפּט. בלויז פינף בלאָקן פון וווינ־באַראַקן אויף דריי טויזנט באַוווינער. אין דעם אַזוי גערופענעם האָספּיטאַל האָבן זיך געפונען זעכציק פרויען קראַנק אויף ט.ב., און קיין רפואות האָט מען דאָרטן ניט אָנגעקוקט, ווייל די צוויי ס.ס.־אָרדנער, ראַפּ און קאָהלער, האָבן דעם גאַנצן מעדיציניש זאַפּאַס פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק.

אויפן צווייטן טאָג נאָך סאַלוועקאַרט׳ס אָנקומען, האָט מען צוגעשטעלט אַהין דריי הונדערט פרויען, צוזאַמען מיט אַ נעמען־רשימה וואָס איז געווען באַצייכנט „טראַנספּאָרט אין קאָנוואַלעסצענץ־לאַגער מיטלווערדע״. די נעמען־רשימה האָבן קאָנטראָלירט ראַפּ און סאַלוועקאַרט, און איר טאַקע האָט מען באַפוילן צושרייבן אויף דער רשימה אַ דיאַגנאָז צום נאָמען פון יעדער פרוי. דאַן האָבן די פרויען זיך געמוזט אויסטאָן, און מען האָט מיט אַן אייביקער טינט אָנגעשריבן אויפן פאָדעראָרעם זייער טורמע־נומער. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך צוריק אָנגעטאָן, האָט מען זיי געלאָזט וואַרטן אין אַ קאָרידאָר ביז באַנאַכט, און דערנאָך האָט מען זיי אַריינ־געזעצט אין לאַסט־אויטאָס. עס האָט געהייסן אַז זיי פאָרן צו דעזינפעקציע; פאַקטיש אָבער האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין דער ביי־אויפגעשטעלטער ראַווענסברוקער גאַז־קאַמער וואָס האָט זיך דאַמאָלט געפונען אין פולן שוווּנג.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, ביז סאַלוועקאַרט איז צוגעטראָטן צו אַן אייגנהענטיקער אויסראָטונג. זי האָט אָנגעהויבן צו געבן איינשפּריצונגען פּוילישע פרויען, וואָס מען האָט זיי שפּעטער געזען ליגן אָנמעכטיק אין וואַשצימער אויף דער ערד, קאָרטשען זיך פון ווייטיק, קרעכצן און בעטן וואַסער.

זי האָט איינגעגעבן דעם „ווייסן פּולווער״ אַ גרויסער צאָל פרויען אין לאַגער. וועגן דעם טויט פון יענע פרויען האָט דערציילט די פרוי אָטעלאַרד וואָס האָט זיך דאַמאָלט געפונען אין לאַגער.

נאָכן איינגעמען דעם ווייסן פּולווער זענען זיי איינ־געשלאָפן. אייניקע צווישן זיי, וואָס איך מיין אַז זיי זענען געווען יונגער און ווידערשטאַנדפעיקער, האָבן זיך געפּרוּווט אויפשטעלן, אָבער זיי האָבן זיך ניט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. אויף מאָרגן האָט אַ גרויסע מערהייט נאָך אַלץ

געשנאָרכט אין טיפן שלאָף. אַזוי זענען זיי אָפּגעשלאָפן ביז אַ זייגער 4 נאָכמיטאָג, ווען דאָס שנאָרכעריי האָט זיך אָפּגעהאַקט, און זיי זענען געווען טויט.

סאַלוועקאַרט האָט אָפּגעלייקנט דעם גאַנצן ענין פון איינשפריצונגען און פון דעם סם. לויט אירע ווערטער האָט זי געפעלשט די רשימות פון טויטע, געשיקט די זעלבע נעמען דריי אָדער פיר מאָל, און אַזוי אַרום געראַטעוועט הונדערטער פרויען פון פאַרניכטונג.

עס זענען, אמת, געווען באַווייזן, אַז זי האָט אין אַ געוויסער מאָס איבערגעקליבן וועמען יאָ אָדער ניט סמ׳ען, און אירע נאָענטע האָבן טאַקע אויסגעמיטן די שרעקלעכע דאָזע. זי איז געווען שטאַרק צונויפגעלעבט מיט די צוויי ס.ס. אָרדנער, און אַלע אירע פריינד האָבן געוווינט אין דעם בעסערן טייל פונעם רעוויער. אָבער צוויי שוואַלבן מאַכן נאָך ניט קיין זומער, און פאַר יעדער איינער וואָס סאַלוועקאַרט האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון הרג׳ענען, קומען צאָלרייכע פרויען וואָס זענען אומגעקומען פון איר האַנט.

דעם לעצטן קבייטל האָט צוגעלייגט אַ ווינער פרוי, לאָטע זאָנטאַג, וואָס סאַלוועקאַרט האָט זי אַרויסגערופן צו איר פאַרטיידיקונג, אָבער וואָס דער פאַרטיידיקער האָט זיך מיט איר ניט צונויפגערעדט פריער. לאָטע זאָנטאַג איז אויסגעפרעגט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל קאָנען פאַרן געריכט דערציילן, ווי סאַלוועקאַרט איז אין יוגענדלאַגער געווען גוט און פרום צו אַלע פּאַציענטן בכלל, און צו לאָטע זאָנטאַג בפרט, ווי אַזוי זי האָט אויסגענוצט איר פּריווילעגירטע פּאָזיציע, כדי צו באַזאָרגן און העלפן די פרויען אונטער איר אויפזיכט, און ווי אַזוי זי האָט צו נישט געמאַכט די בייזע כוונות פון דעם פּערסאָנאַל.

„צי געדענקט איר", האָט געפרעגט דער פאַרטיידיקער, „אַז סאַלוועקאַרט האָט אַמאָל געקראָגן שיך פאַר אייך?" „יאָ", האָט לאָטע געענטפערט, „איך געדענק אַז זי האָט פאַר אונדז געקראָגן שיך, אָבער דערביי מוז איך זאָגן, אַז זיי האָבן געשטאַמט פון די קראַנקע וואָס ווערן האָט זיי אָפּגעסמט". „האָט דער עדות אַזוי טאַקע באמת געזאָגט?" האָט דער יוסטיץ־ראַט איבערגעפרעגט.

„יאָ", האָט געענטפערט דער איבערזעצער.

„און ווי אַזוי האָט אייך דאָס האַרץ דערלאָזט צו טראָגן די

שיך וואָס האָבן געהערט אַנדערע?״ האָט סאַלוועקאַרט׳ס פּאַרטיי־דיקער געזאָגט מוסר דעם עדות.

„דאָס האַרץ האָט טאַקע גוואַלדיק וויי געטאָן פאַר די אַנדערע״, האָט פרייליין זאָנטאַג געענטפערט, „אָבער דאָס זענען געווען שיך, און מיר זענען געגאַנגען באָרוועס, האָבן מיר זיי געטראָגן״.

פרייליין זאָנטאַג האָט ווייטער איבערגעגעבן פאַרן געריכט וואָס ווערא סאַלוועקאַרט האָט איר דערציילט, — די פּאַציענטן האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די ס.ס.־לייט. זי אָבער איז אַליין געווען אַ געפאַנגענע, דערצו מיט אַ ווייכער שטים און אַ פריינדלעכן צוגאַנג, האָבן זיי איר געגלייבט און איינגענומען דעם ווייסן פּולווער, אַלס רפואה.

אַז סאַלוועקאַרט, און די סיבה דערפון איז שווער צו וויסן, האָט קאָ־אָפּערירט מיטן לאַגער־פּערסאָנאַל ביים אויסראָטן די איינוווינער פון דעם יוגענדלאַגער, איז אויסער יעדן ספק.

אויך איר אויפפירונג נאָכן אַריינפאַלן אין די הענט פון די אַליירטע אין אַפּריל 1945, באַשטעטיקט ניט איר טענה אַז זי האָט געאַרבעט קעגן די ס.ס. און לטובת די געפאַנגענע. זי איז געווען אַן עדות פון מאַסן־מאָרדן און אַנדערע קרימינעלע אַקטן און זי וואָלט וועגן דעם נאָך געקאָנט מעלדן די זיגער, אָבער זי האָט זיך פאַרשטעלט מיטן פאַלשן נאָמען אַנאַ מאַרקאָוואַ, און אונטער דעם פּסעוודאָנים טאַקע האָט מען זי אַרעסטירט.

די מאַטראָנע, אָדער אָבערשוועסטער, אין דעם פרויען־לאַגער ראַווענסברוק איז פון אַפּריל 1943 ביז דער באַפרייונג אין 1945 געווען עליזאַבעט מאַרשאַל, וואָס וועגן איר האָט מען ריכטיק געזאָגט אַז „ווו עס איז נאָר פאָרגעקומען עפּעס שרעקליכעס אין לאַגער איז זי דאָרט געווען פול״.

מאַרשאַל, אַליין אַ פּראָפעסיאָנעלע קראַנקן־שוועסטער, איז געווען אַ מיטגליד פון דער נאַצי פּאַרטיי אין משך פון פופצן יאָר־צייט. לויט אירע אייגענע רייד, האָט מען זי אָנגעשטעלט אין ראַווענסברוק אַלס אַ שטראָף פאַר ברעכן די ס.ס. פאָרשריפטן אינעם שפּיטאָל פון הערמאַן גערינג׳ס אונטערנעמונגען אין ברונשוויג, ווו זי האָט געגעבן עסן צוויי פראַנצויזישע שקלאַפן־אַרבעטער.

די פרוי איז געווען אַ חרפה פאַר איר הויכן באַרוף. אין איר אַמט אַלס מאַטראָנע איז זי געווען ברוטאַל צו די פּאַציענטן, האָט ניט דערלאַנגט קיין הילף די קראַנקע, פאַרהונגערט פּיצלעך קינדער, געגנבעט פּעקלעך פונעם רויטן־קרייץ.

אין 1944 האָט זי אָנגעפירט מיט דער דעזינפעקציע פון אייניקע בלאָקן. דאָס האָט געדויערט אַ נאַכט און די פרויען האָבן געמוזט נאַקעטערהייט שטיין אויף די פוס אין משך פון דער גאַנצער צייט. די קעפּ האָט מען זיי באַגאָסן מיט עפּעס אַ כעמישער פליסיקייט און מען האָט זיי געגעבן אַ זאַלב אויף צו שמירן די געשוואָלענע ערטער אויפן גוף. ווען מאַרשאַל האָט באַמערקט אַז אַ פרוי ניצט ניט די זאַלב ווי געהעריק, האָט זי די פרוי מערדעריש געשלאָגן. איין פרוי האָט דערציילט: „מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ צווייטן בלאָק, ווו מיר זענען אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס. אויף מאָרגן האָט מען אונדז אַריינגענומען אין דער וואַששטוב, אָבער ביז מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט אַהין, האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן אין דרויסן אונטערן רעגן דריי שעה צייט".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דער שפּיטאָל געווען פול מיט פאַלן פון פּנעוומאָניע און לונגען־אָנצינדונג. שוואַך ווי די פּאַציענטן זענען געווען, און דערצו נאָך אָן אַ ריכטיקער באַהאַנדלונג, זענען טאַקע אַ סך פון צווישן זיי געשטאָרבן.

מאַרשאַל האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אויך אין די סעלעקציע־פּאַראַדן פאַר די טראַנספּאָרטן אין מיטלווערדער קאָנ־וואַלעסצענץ־לאַגער, אַ שיין־וואָרט פאַר די גאַז־פּאַרטיעס, און זי האָט אויך געהאָלפן ביי דער סעלעקציע פון 800 פרויען פאַרן טראַנספּאָרט קיין לובלין אין נאָוועמבער 1944. צוזאַמען מיטן ד"ר טרייטע האָט מאַרשאַל פאַרטיילט די ראָזע־שיינען. און זי טאַקע האָט דערביי געהאַט דאָס לעצטע וואָרט. ווען אַ נאָרוועגישע פרוי, די שוין פריער אין אָט־דעם קאַפּיטל דערמאָנטע פרוי סאַלוועזן, האָט זיך געווענדט צו ד"ר טרייטע מיט דער ביטע אויסשליסן פון דער „טויטן"־ליסטע צוויי נאָרוועגישע פרויען, האָט ער זי אָפּגעשיקט דערמיט צו דער מאַטראָנע, ווייל עד אַליין האָט עס ניט געקאָנט באַשליסן. האָט די פרוי סאַלוועזן געבעטן די מאַטראָנע זי זאָל אויסשטרייכן יענע צוויי נעמען. די מאַטראָנע האָט געפרעגט „וואָס איז זייער אַרבעט?" „זיי שטריקן", האָט פרוי סאַלוועזן

געענטפערט. „אַלע שטריקערנס דאַרפן גייז‟, האָט מאַרשאַל געזאָגט. עס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געלוינט צו לאָזן לעבן די שטריקערנס. זיי זענען געווען אַלטע פרויען, צו שוואַך אויף צו טאָן אַ שווערע אַרבעט.

פאַר די שפּי אַל־באַדינגונגען אין לאַגער איז געווען פאַראַנט־וואָרטלעך די מאַטראָנע. נאָך ערגער האָבן שוין די באַדינגונגען קוים געקאָנט זיין, אָבער מאַרשאַל האָט זיי אָנגענומען פאַר גוט און זיך מיט זיי אַ פּנים צופרידנגעשטעלט. יעדנפאַלס האָט זי קיין זאַך ניט געטאָן אויף זיי צו פאַרבעסערן.

זאַל פרוי סאַלוועזן, וואָס האָט געאַרבעט אין רעוויער, באַשרייבן איינעם אַ שפּיטאָל צימער און די פּאַציענטן דאָרטן, מיט די טיף איינגעשניטענע ווונדן.

דער ריח איז געווען אַ שווידערלעכער, ווייל שוין אַ וואָך ווי מען האָט ניט געביטן די באַנדאַזשן. די באַנדאַזשן, געמאַכט פון פּאַפּיר, זענען שוין צום סוף פונעם ערשטן טאָג אַראָפּגעפאַלן, זיך צעריסן. זענען אַלע ווונדן געווען אָפן און אייטערדיק, און עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי אַזוי דאָס בעטגעוואַנט האָט אויסגעזען. ווי אָפט מען האָט עס געביטן געדענק איך שוין ניט, אָבער שמוציק איז דאָס געווען שטענדיק. אינעם איזאָלאַציע־בלאָק איז געווען צען מאָל ערגער. איך געדענק אַז איך בין איינמאָל אַריין אַהין אָן אַ דערלויבעניש. די פּאַציענטן זענען אַלע געלעגן אויף דער ערד, וואָס איז געווען אַזוי איבערפולט מיט קראַנקע און שטאַרבענדיקע, אַז איך האָב געמוזט שפּאַנען איבער זיי כדי צוקומען צו מיינער אַ נאָרוועגישער פריינדיק, וואָס איך האָב פאַר איר געבראַכט עפּעס עסן. זי איז געווען פאַרצווייפלט און האָט געזאָגט, „דאָס איז ערגער פון גיהנום‟. אויב איר זענט געקומען אין רעוויער מיט אַ טיפוס און איר זענט דאָך אַרויס פון דאָרטן אַ לעבעדיקע, זענט איר באַלד ווידער געקומען אַהין שוין מיט אַן אַנדער קרענק. אָפט האָט די אָדער יענע געביטן נאָר דאָס צימער, ווייל זי האָט געביטן די קרענק.

פֿרײַלין לע קאָק, װי שױן געזאָגט איז געװען אַן אױסגעבילדעטע קראַנקען־שװעסטער און אױך זי האָט אַ שטיק צײַט געאַרבעט אינעם לאַגער־שפּיטאָל. אײנמאָל אױפֿן װעג אין לאַבאָראַטאָריע נאָך אַנעסטעזיע איז זי פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם שפּיטאָל־הױף, װוּ זי האָט באַמערקט פֿינף האַנטװעגלעך מיט שטיקער מענטשיש פֿלײש און מיט אַ מענטשישן גוף דערױף. װען זי האָט זיך צוגעקוקט נעענטער, האָט זי דערזען אַז דאָס זענען פֿינף ײִדישע פֿרױען — דער דרײַעק אױף זײערע קלײדער האָט עס אָנגעװיזן — יעדער אײנע איז געלעגן אין װעגעלע אױף דער פּלײצע, מיט די פֿיס אַריבערגעהאַנגען אין דרױסן. פֿרײַלין לע קאָק האָט זיך צוגערירט צו זײער קערפּער. זי האָט געװאָלט זען צי זײ לעבן און צי מען קאָן נאָך עפּעס פֿאַר זײ טאָן. דרײַ צװישן זײ האָבן געלעבט. אין דעם מאָמענט האָט זיך מאַרשאַל באַװיזן אױף דער אַרענע און, שרײַענדיק איבערן גאַנצן הױף, האָט זי פֿאַרבאָטן דער פֿראַנצױזישער מײדל העלפֿן די פֿרױען. געקומען צוריק אין איר בלאָק, האָט זי מיטגענומען צװײ פֿרײַנדינס און זיך װידער געלאָזט צו די ײִדישע פֿרױען, טאָמער װעט מען עפּעס־װאָס קענען טאָן פֿאַר זײ, אָבער מאַרשאַל איז װידער דערשינען און האָט זײ פֿאַרטריבן. די װעגעלעך זענען אַזױ געבליבן שטײן אַ גאַנצע נאַכט, און אױף אינדערפֿרי זענען אױך די דרײַ לעבעדיקע פֿרױען געװען טױט.

אין משך פֿון דער גאַנצער צײַט װאָס מאַרשאַל איז געװען די מאַטראָנע פֿונעם לאַגער, האָט זי געהאַלטן אין אײן פֿאַרשװעכן אַלע, אָן אױסנאַם, יסודות פֿון מענטשלעכקײט און אָרנטלעכקײט. אױסגעבילדעט אַלס קראַנקן־שװעסטער, האָט זי דערגרײכט צו אַ הױכער פּאָזיציע אין איר פֿאַך, װאָס זי האָט אַזױ דערגראַדירט און דערנידעריקט. זי האָט אָפּגעװאָרפֿן די עיקר־געבאָטן פֿון איר באַרמהאַרציקן באַרוף, און זי האָט נאָכגעפֿאָלגט די איבלדיקע פּרינציפּן פֿון איר פּאַרטײ און איר פֿירער און האָט געטאָן אַלעס מעגלעכע כּדי מיטצוהעלפֿן זײ אין זײערע פֿינצטערע צילן.

לאָמיר לאָזן דער פֿרױ סאַלװעזן אַרױסזאָגן איר ענדגילטיקן אורטײל אױף עליזאַבעט מאַרשאַל.

זי איז געװען אַן אױסגעבילדעטע קראַנקן־שװעסטער.
איז שױן במילא פֿאַר אונדזערע אױגן געשטאַנען דאָס בילד

פון פלאָרענס נייטינגאַל: מיר האָבן געמיינט אַז אַ באַרמ־האַרציקע־שוועסטער מוז דערלאַנגען הילף, האָט זי דאָך געשוואָרן צו העלפן מענטשן, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַצי־יאָנאַליטעט, צו יעדער צייט. איך מיין אַז מיינע פריינד די געפאַנגענע, און מיך אַליין האָבן וועניגער פון אַלץ געאַרט די דאָקטוירים, די סאַניטאַרן, די קראַנקן־שוועסטער. עס איז געווען שווער צו זען ווי נידעריק זיי זענען געפאַלן, און ווי ווייט זיי האָבן פאַרגעסן אין זייערע פליכטן.

די פיל דאָקטוירים וואָס זענען בשעת דער מלחמה געווען באַשעפטיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן איבערגעלאָזט אַ פלעק אויף דער מעדיצינישער פּראָפעסיע אין דייטשלאַנד, און עס וועלן דורכגיין צענדליקער יאָרן ביז אָט דער פלעק וועט ווערן פאַרווישט. אינגאַנצן פאַרגעסן אין זייער היפּאָקראַטעס־שבועה, האָבן אָט־די מענטשן, על פּי רוב אָן דעם מינדסטן פּראָטעסט, זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אויסראָטונג־סיסטעם פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און זיי האָבן פול קאָלאַבאָרירט מיטן ס.ס. פּערסאָנאַל ביים פאַרוואַנדלען די לאַגערן אין אַ לעבעדיקן גיהנום.

אין משך פון אַ היפּש שטיקל צייט, איז דער עלטסטער מעד־אָפיציר אין ראַווענסברוק געווען ד״ר שידלאָווסקי. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די ס.ס. אין 1933, צוויי יאָר נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט דאָקטאָר. געקומען קיין ראַווענסברוק אין דעצעמבער 1941, איז ער דאָרט געבליבן ביז דעצעמבער 1943, ווען מען האָט אים אַריבערגעפירט אינעם בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער. בוכענוואַלד איז געווען אַ גרעסערער און אַ סך אַ וויכטיקערער לאַגער ווי ראַווענסברוק, און זיין אַריבערגיין אַהין איז געווען אַ מין העכערונג. ער איז אַוועק אַהין מיט זיין גאַנצן נסיון פון צוויי יאָר ווילדע־חיהשקייט הינטער זיך; און אויף זיין נייער שטעלע האָט ער דערוויזן אַז ער האָט די העכערונג אַזוי כשר פאַרדינט. אַז ווען דאָס בריטישע געריכט וואָלט אים ניט געווען פאַראורטיילט צום טויט פאַר זיינע פאַרברעכנס אין ראַווענסברוק, וואָלט ער שפּעטער, צוזאַמען מיט אילזע קאָך און זיינע אַנדערע קאָלעגן, געשטאַנען פאַרן אַמעריקאַנער טריבונאַל וואָס האָט אין אַפּריל 1947 געמישפּט אין דאַכאַו די פאַרברעכער פון בוכענוואַלד.

בשעת אין דער וואַששטוב פלעגט פאָרקומען אַן אינספּעקציע פון אַ טראַנספּאָרט ניי־אָנגעקומענע, ווי פרו סאַלוועזן האָט דאָרט פריער באַשריבן, איז איינער פון די אינספּעקטירנדע אָפיצירן געווײנלעך געווען ד״ר שידלאָווסקי. די פרויען האָבן זיך שטענדיק געמוזט אויסטאָן הויל באַקעט, אָבער דערביי האָט מען זיי גאָרניט באַטראַכט מעדיציניש. שידלאָווסקי׳ס חלק אינעם פּאַראַד איז באַשטאַנען אין פאַרביימאַרשירן די רייען און זיך לאָזן ווילגיין אין גראָבע ציניש רייד.

פונקט ווי טעאַ בינץ, האָט ער אויך ליב געהאַט אַריינפּאָרן מיט זיין ראָווער אין די רייען מיט פרויען וואָס האָבן געוואַרט אויפן קראַנקן־פּאַראַד. אויפנעמענדיק אַזאַ פּאַראַד האָט ער זעלטן ווען געגעבן אַ מעדיצינישע באַהאַנדלונג. ער פלעגט אָפּשטופּן די פּאַציענטן און הייסן די אָרדנער זיי זאָלן צעטרייבן דעם קראַנקן עולם. די אַרעסטירטע האָבן קוים געהאַפּט צו ווערן באַהאַנדלט פון דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל, פלעגן זיי זיך באַמיען אויסמיידן די קראַנקן־פּאַראַדן. סיידן זיי זענען געווען אַזוי ערנסט קראַנק, אַז זיי האָבן שוין ניט געקאָנט זיך צושלעפּן צו דער אַרבעט. אויך זיי האָט שידלאָווסקי ניט באַהאַנדלט און דעריבער, האָט טאַקע אָפט געטראָפן אז אין לויף פון אַ טאָג אָדער צוויי זענען זיי געווען טויט.

אין סעפּטעמבער 1943, עטלעכע חדשים פאַר זיין אַריבערגיין קיין בוכענוואַלד, האָט שידלאָווסקי אויסגעקליבן צען פרויען, געזונט און שטאַרק, פאַר עקספּערימענטאַלע אָפּעראַציעס. צווישן זיי זענען געווען צוויי שוועסטער, וואָס זיי האָט אָפּערירט אַן אַנדער דאָקטאָר. שידלאָווסקי האָט אַסיסטירט בשעת דער אָפּעראַציע און האָט באַהאַנדלט די שוועסטער נאָך דער אָפּעראַציע. ביי איינער האָט מען איינגעשניטן ביידע פיס, ביי דער אַנדערער האָט מען באַזייטיקט אַ שטיק ביין און געמאַכט שניטן אויף ביידע פיס. שפּעטער האָט מען אין די ווונדן אַרויסגערופן אַ קינסטלעכע גאַנגרענע.

שידלאָווסקי האָט מודה געווען, אַז ער האָט אַסיסטירט ביי די אָפּעראַציעס וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער פאָרשונג פון גאַז־גאַנגרענע. אויף איין אָפּעראַציע אַזאַ האָט ער אַסיסטירט די דאָקטוירים אָבערהאַוזער און ראָזענטאַל און זיך אָפּגעגעבן מיט

דער אַנעסטעזיע. ער האָט צוגעגעבן אַז די טייטלעכע איינשפּריי־צונגען פאַר די ערנסט קראַנקע אָבער ניט אומהיילעוודיקע פּאַציענטן, זענען געגעבן געוואָרן מיט זייַן וויסן און הסכמה. און אַז ער האָט אויך דורכגעפירט טעסטן פון בייגער טראַנספּלאַנטאַציע אויף יונגע, דורכויס געזונטע פרויען. מען האָט גענומען קליינע שטיקלעך פון דעם שינביין און אַרייַנגעשטעלט זיי אין אַן אַנדער פּלאַץ ביי דער זעלבער פּאַציענטין, און אַ סך צווישן זיי, ווי דאָס באַווייזן אייניקע אילוסטראַציעס אין אָט־דעם בוך, זענען געבליבן אויף שטענדיק דעפאָרמירט.

אויף אָט דעם מערדערישן דאָקטאָר האָבן מענטשן פון זיין היימישער סביבה געזאָגט, אַז ער איז אפילו „ניט פעיק צו האָבן אַ בייזע אידעע, און אַודאי ניט צו טאָן עפּעס אַ בייזע זאַך". אַזאַ שילדערונג פּאַסט זיך שלעכט צו שידלאָווסקי פון ראַווענסברוק, וואו ער האָט אָפּגעטאָן אַזויפיל בייזע זאַכן און אפילו ניט איין גוטע זאַך.

וועגן דער ראָל פון פּערסי טרייטע, דעם צווייטן דאָקטאָר אין לאַגער, האָט מען שוין דאָ פריער גערעדט. ער איז געווען אַ קאָמפּליצירטער כאַראַקטער. אָפּן־אומפּאַרשעמט בשעת עס האָט זיך אים געלוינט, איז ער געווען דירעקט שולדיק אינעם טויט פון אַ סך געפאַנגענע, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך דאָך אָפּגעשאָקלט פון די שרעקלעכסטע אויפגאַבן וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף אים. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס אייניקע צווישן די אַלע וועלכע זענען פריער מיט זייער לעבן און טויט געווען ביי אים אין די הענט, האָבן נאָך דער באַפרייונג אַרייַנגעוואָרפן פאַר אים אַ גוט וואָרט.

אייניקע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז נעמענדיק אין אַכט יענע באַדינגונגען, האָט ד"ר טרייטע געטאָן פאַר די געפאַנגענע דאָס בעסטע וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. אייניקע האָבן געבעטן רחמים פאַר אים, אויפן סמך פון די אומשטאַנדן וואָס מאַכן ווייכער דעם דין; אַנדערע האָבן געפאָדערט „אַ גערעכטע שטראָף, לויט די שטרענגסטע סטאַנדאַרדן פון יושר".

אייניקע וואָס האָבן זיך מודה געווען אַז זיי האָבן וויניק געוווסט וועגן דעם פאַל, זענען אַרויס פונעם שטאַנדפּונקט אַז עס

איז „אַביסל שווער צו אורטיילן דייטשן לויט די סטאַנדאַרדן פון ציוויליזירטע פעלקער".

איין דיסטינגירטע דאַמע האָט אפילו אויסגעדריקט אַ ספק אין דעם אָרנטלעכן צוגאַנג אויפן פּראָצעס. זיין פּאַרטיידיקער, ד"ר מעטצלער, האָט אין דער שלוס־רעדע, אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון אַלע אַנדערע פּאַרטיידיקער, געזאָגט אַזוי:

איך פיל עס פאַר מיין חוב, אין נאָמען פון דער גאַנצער פּאַרטיידיקונג, אויסדריקן אונדזער הויכשאַצונג פאַר דעם אָרנטלעכן און יושרדיקן אופן אין וועלכן דער פּראָצעס האָט זיך געפירט. איר וועט זיכער פאַרשטיין, הער פּרעזידענט, אַז די לאַגע פון די פּאַרטיידיקער אויף אַזאַ מין פּראָצעס, ווו די געמיטער פונעם עולם זענען אַזוי אויפגערודערט, איז אַ גאַנץ שווערע. טראָץ דעם, זאָל מיר דערלויבט ווערן צו זאָגן אַז די יושרדיקע און אָרנטלעכע אַרט אין וועלכער עס האָט זיך געפירט אָט דער פּראָצעס, וועט שטענדיק בלייבן אין אונדזער זכרון, ווי אַ פיינער מוסטער פון יושר און אָרנטלעכקייט.

עס איז אין אַ געוויסער מאָס ניט צו פאַרשטיין און ניט צו דערקלערן אָט די מישונג פון פיינקייט און אוממענטשלעכקייט אין דער פּערזענלעכקייט פון פּערסי טרייטע, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ גרעסערע אפשר שולד ווי יעדער איינער צווישן זיינע קאָלעגן, ווייל ער איז געווען אַ יונגער מענטש פון אַ גוטער משפּחה, און דערצו נאָך אַ געבילדעטער, ניט אַ ברוטאַלער דעפעקטיווער גראָבער יונג ווי בינדער, ניט אַן אויסגעשולטער ס.ס. הפקר יונג ווי שוואַרצהובער, ניט אַ סאַדיסטישע שליומפּער ווי בינץ, און אויף וויפל ער האָט געזינדיקט, האָט ער געזינדיקט קעגן דער עצם ליכט פון דער וועלט.

אַן אַנדער לאַגער דאָקטאָר, ראַלף ראָזענטאַל, איז געווען גוט אויסגעבילדעט פאַר זיין מעדיצינישן פּאָסטן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווייל ער איז צוגעשטאַנען צו דער היטלער־יוגנט שוין אין

1928 און איז אַריין אין דער פּאַרטיי אין 1929. ער איז אפילו געווען אַ מיטגליד פון די ס.א. (היטלער׳ס אַרמיי פון הפקר־יונגען) אין 1932, בשעת דאָס איז נאָך געווען ניט קיין לעגאַלע אָרגאַניזאַציע. ער איז געוואָרן אָנגעשטעלט אין ראַווענסברוק מיט צען יאָר שפּעטער.

אָט די עקלדיקע באַשעפעניש איז אַליין געווען אין אַ צרה בשעת דער מלחמה אין זיין אייגענעם לאַנד און איז געווען פאַראורטיילט דורך אַ ס.ס. געריכט צו אַכט יאָר אַרעסט, פאַר פאַרבאָטענע באַציונגען מיט איינער אַ געפאַנגענער פרוי וואָס ער האָט איר געמאַכט עטלעכע אָבאָרטן.

לויט די רייד פון אַ סך געפאַנגענע, האָט ראָזענטאַל איבער־געשטיגן אַלע אַנדערע דאָקטוירים אין זיין ברוטאַלישקייט צו די קראַנקע. בשעת איינעם אַ קראַנקן־פאַראַד זענען אייניקע פּאַציענטן געווען אַזוי שוואַך אַז זיי האָבן געמוזט זיך אָנשפּאַרן אין דער וואַנט. ראָזענטאַל האָט זיי געקאָפּעט און געשלאָגן און האָט זיי פאַרטריבן אָן דעם ער זאָל זיי אָנקוקן.

איין פּאַציענטין האָט זיך געמאָלדן קראַנק, מיט אַ חשד אויף טיפוס און מיט אַ טעמפּעראַטור פון 106. ראָזענטאַל האָט זי אפילו ניט באַטראַכט; זיין דיאַגנאָז איז געווען „אַרויס פון דאַנען". ער איז געווען אַנוועזנער בשעת שידלאַוסקי האָט אויסגעקליבן אַ גרויסע צאָל יונגע געזונטע פרויען פאַר די עקספּערימענטן און ער האָט שפּעטער אַסיסטירט דערביי. אין יולי 1942 זענען אויף אַזאַ אופן אויסגעקליבן געוואָרן פינף און זיבעציק פרויען, וואָס פון זיי זענען אַכט געשטאָרבן, אַלס רעזולטאַט פון די אָפּעראַציעס.

עס זענען פאַראַן פיל באַווייזן אַז פאַר אָט דעם דאָקטאָר האָט דאָס מענטשישע לעבן ניט געהאַט קיין מינדסטן ווערט. ער האָט מודה געווען אַז ער האָט געגעבן טייטלעכע דאָזעס מאָרפיום די קראַנקע געפאַנגענע; דאָס איז געווען לייכטער ווי פרווון זיי אויסהיילן. ער אַליין האָט דערקלערט אַזאַ אויפפירונג ווי אַ מיטל „צו פאַרלייכטערן די ערנסט קראַנקע מענטשן שטאַרבן דורך אַן איינשפּריצונג פון מאָרפיון"; ער האָט צוגעגעבן אַז ער האָט געשלאָגן די פּאַציענטן „כדי צו האַלטן דיסציפּלין, און אַלס ביישפּיל פאַר זיי". ער האָט מודה געווען אַז ער האָט אַסיסטירט ביי די עקס־

פּערימענטאַלע אָפּעראַציעס פון ביין־טראַנספּלאַנטאַציע און ביי די נסיונות צו געפינען אַ ווירקזאַמען פּרעפּאַראַט קעגן גאַז־גאַנגרענע, און דאָס אַלעס קעגן דעם ווילן פון די געפאַנגענע.

אין סעפּטעמבער 1942 האָט ער אַסיסטירט ביי אַן אָפּעראַציע, געמאַכט פון ד״ר אַבערהאַוזער אויף אַ יונגער פּוילישער פרוי מיטן נאָמען זאָפיאַ סאָקולסקאַ. ד״ר אַבערהאַוזער, אַ פרוי, איז שפּעטער געשטאַנען פאַר דעם אַמעריקאַנער מיליטערישן טריבונאַל אין נירענבערג, צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע דייטשע מיטגלידער פון איר פּראָפעסיע, אונטער דער באַשולדיקונג פון אָפּערירן אויף מענטשלעכע פרווו־חיה׳לעך קעגן זייער ווילן.

איינמאָל אין סעפּטעמבער 1942, האָט מען געהייסן זאָפיאַ סאָקולסקאַ זי זאָל זיך מעלדן אין דעם לאַגער־שפּיטאָל. נאָך דעם ווי זי האָט זיך אויסגעטאָן, האָט מען זי באַטראַכט און זיך אינפאָרמירט אַז זי דאַרף דורכגיין אַן אָפּעראַציע. דאַמאָלס איז זי געווען איינגאַנצן געזונט. ווען זי איז געקומען צו זיך פון דעם באַרקאָז, האָט זי דערזען אויף איר לינקער פוס אַ פּלאַסטער וואָס האָט זיך געצויגן פונעם אונטערהיפט ביזן פוסטריט. ביי דער אָפּעראַציע זענען געווען אַנוועזנד ד״ר אַבערהאַוזער, ד״ר שיד־לאָוסקי, און ד״ר ראָזענטאַל, און אויך אייניקע ס.ס. שוועסטער. סאָקולסקאַ באַשרייבט די נאָך־אָפּעראַציע באַהאַנדלונג אויף אַזאַ אופן:

> אין עלף טעג אַרום האָט מען אַראָפּגענומען דעם פּלאַסטער אין דער אַנוועזנהייט פון די זעלבע דריי דאָקטוירים, און די פאָלגנדע דריי וואָכן האָט מען מיך באַשעפטיקט אין שפּיטאָל ביי מאַכן באַנדאַזשן... דעם 2־טן סעפּטעמבער האָט מען מיר געזאָגט אַז איך דאַרף דורכגיין אַ צווייטע אָפּעראַציע. איך האָב פּראָטעסטירט, אָבער עס איז געווען אומזיסט. מען האָט אויפגעעפנט די אַלטע ווונד, און איך האָב געמוזט בלייבן אין שפּיטאָל נאָך צוויי וואָכן. אין משך פון דער צייט האָב איך ניט באַקומען קיין שום מעדיצינישע באַהאַנד־לונג און מען האָט אפילו ניט געגעבן מיינע באַנדאַזשן.

לאָרד ראַסעל אָף ליווערפּול

דער פאָלגנדן יאָר, פּרילינג, האָט מען זי געשראָקן מיט אַ ווייטערדיקער אָפּעראַציע, אָבער מען האָט עס ניט געמאַכט.

אין משך פון אַ דעם צייט־פּעריאָד זענען נאָך דריי און זיבעציק אַנדערע פּוילישע פרויען אָפּערירט געוואָרן עקספּערימענ־טאַל. קיין איינע פון זיי האָט דערצו ניט געגעבן איר הסכמה. פינף צווישן זיי זענען געשטאָרבן, אַלס רעזולטאַט פון די אָפּעראַציעס, און כמעט אַלע זענען געוואָרן ערנסט ז'עפאָרמירט.

אין מאַרץ 1943 איז געמאַכט געוואָרן אַ דריטער פּרוּוו צו אָפּערירן סאָקולסקאַ'ן. באַקומען אַ פאָרויס־מעלדונג וועגן דעם, איז זי אַנטלאָפן פונעם שפּיטאָל און האָט זיך באַהאַלטן אין איינעם פון די בלאָקן. איבער עפּעס אַ סיבה האָט מען זי ניט געצוווּנגען צו דער דריטער אָפּעראַציע, און אַנשטאַט דעם זי געשיקט אין דעם שטראָף בלאָק. דאָ איז זי אַריבער אונטער דער צאַרטער אויפזיכט פון מאַרגאַרעט מעוועס, אַ קליינע פרוי, אַ שלאַק פון דער וועלט, וואָס האָט זיך געטרייסט פאַר אירע פריערדיקע אומגליקלעכע יאָרן דערמיט, וואָס זי האָט פאַראומערט און פאַרביטערט דאָס לעבן פון די געפאַנגענע, — ווי ווייט זי האָט נאָר געקאָנט.

העכער פיר יאָר איז מאַרגאַרעט מעוועס געשטאַנען בראש פון דעם שטראָפבלאָק, וווּהין מען האָט געשיקט די געפאַנגענע מיט די שוואַכסטע תירוצים און ווו מען האָט זיי סיסטעמאַטיש דערגאַנגען די יאָרן. דערפון איז גערדרונגען, אַז אין משך פון אָט־דעם פּעריאָד האָט זי געהאַט צו זיך דעם פולסטן צוטרוי מצד אירע שעפן, און עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז זי האָט דעם צוטרוי ערלעך פאַרדינט.

די באַדינגונגען אין דעם „בונקער״, ווי מען האָט גערופן דעם שטראָפבלאָק, זענען געווען מורא'דיקע. די געפאַנגענע זענען געווען פאַרשפּאַרט אין קליינינקע, פינצטערע, פייכטע קאַרצערן אין משך פון לאַנגע צייט־פּעריאָדן.

מיסיס אָדעט סאַנסאָם איז געווען פאַרשפּאַרט אין בונקער אין משך פון אַ סך וואָכן. זי איז אָנגעקומען קיין ראַווענסבּרוק אין יולי 1944, און נאָך דער געוויינלעכער אויפנאַמע אין דער וואַש־שטוב, ווו זי האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט, האָט מען זי אינדערפרי געבראַכט צום קאָמענדאַנט. זי איז געקומען קיין ראַווענסבּרוק

אונטערן נאָמען מיסיס טשערטשיל, און דאָס איז אַ פּנים געווען ניט אומאינטערעסאַנט פאַר פריץ סוהרען, ווייל ער האָט זי געפרעגט צי איז זי ניט אַ פּלימעניצע פון דעם בריטישן פּרעמיער מיניסטער.

מיסיס סאַנסאָם האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז דער קאָמענדאַנט האָט באַקומען אינסטרוקציעס פון RSHA זי באַזונדערס שלעכט צו באַהאַנדלען, אָבער אים גופא האָט עס ניט געשמעקט, און ער איז געווען מער פאַראינטערעסירט צו האַלטן זי פאַר אַן ערבות. די אומשטאַנדן פון איר ענדגילטיקן אַרויסגאַנג פון דאָרטן, וואָס זשעראַרד טיקעל האָט אַזוי פּלאַסטיש געשילדערט אין זיין בוך „אָ ד ע ט״, באַשטעטיקן שטאַרק איר איינדרוק.

מען האָט, טראָץ אַלעם, אַלס רעזולטאַט פון דעם אינטערוויו מיט איר אינעם לאַגער־ביוראָ, זי פאַרט געשיקט אין בונקער. דאָרט האָט זי פאַרבראַכט כמעט דריי מיט אַ האַלבן חודש אין אַ שמאָלן קאַרצער פון צען אויף זעקס פיס. ביי אַ טעגלעכער דיעט וואָס איז באַשטאַנען פון ערזאַץ־קאַווע מיט אַ קליין שטיקל ברויט אין דער פרי, אַ ביסל קאַלטע סופּ עלף אַ זייגער, און נאָך אַ ביסל קאַווע אָדער טיי דריי אַ זייגער.

נאָך פינף וואָכן אַרעסט, האָט מען זי אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך בכלל אָן עסן. אַזוי האָט מען באַפוילן, האָט מעווען געזאָגט. אויך די איבעריקע געפאַנגענע אינעם שטראָפבלאָק האָט מען פונקט אַזוי באַהאַנדלט.

אין אויגוסט האָט מען אַלס שטראָף געלאָזט אין משך פון דריי טעג אָפן די צענטראַל־הייצונג אין דער פולסטער קראַפט, וואָס איז ניט געווען קיין זעלטענע פאַרעם פון די דייטשישע „שרעק און גרויל״. דערמיט האָט מען זיך אויך באַנוצט אין דעם דייטשישן אויספאָרשונג־צענטער ביים לופט־פלאַט נעבן פראַנקפורט, כדי צו באַוויגן די פאַרהערטע אַליירטע פליער מער און בעסער צו קאָאָפּערירן מיט די דייטשישע אויספאָרשער.

אַזוי האָט אויסגעזען דער שטראָפבלאָק, און אַזוי — זיין שטראָף־אויפזעערין. וואָלט דער שטראָף־רעזשים ניט געווען אַזאַ שטרענגער און מעווען ניט אַזוי האַרב און ברוטאַל, וואָלטן אַ סך געפאַנגענע געווען צופרידן צו זיין אַ ביסל אַליין, נאָך די פיל חדשים אין די איבערגעפּאַקטע וווין־באַראַקן, מיט דער שרעקלעכער שמוץ און געשטאַנק.

דער לעצטער, אָבער ניט דער קלענסטער, אין דער גאַלעריע פון אויסוואָרפן איז געווען דער לאַגער־דעגנטיסט העלינגער.

אויך ער איז געווען אַ לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון ס.ס., פון 1933 אָן, און אַרום 1944 האָט מען אים דערהויבן צו אַ האַופּט־שטורמפירער. קיין ראַווענסברוק איז ער אָנגעקומען פריילינג 1943 און איז שוין דאָרטן געבליבן ביזן סוף.

די דענטיסטישע באַהאַנדלונג וואָס די געפאַנגענע האָבן באַקומען איז געווען גאָר אַ קנאַפּע און קיין סך צייט האָט זי ביי העלינגער'ן ניט צוגענומען. ער איז אָבער געווען אַן אַקטיווער ס.ס. אָפיציר און האָט מיטגעהאָלפן די אַנדערע מיטגלידער פונעם לאַגער־פערסאָנאַל אין זייערע אַלגעמיינע פליכטן. ער איז געווען אַנוועזנד ביי דער אומלעגאַלער עקזעקוציע, אָן אַ שום מישפּט, פון פופציק פרויען, אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, און האָט ניט געפרוווט עס אָפּצושטעלן.

זיין וויכטיקסטע פּראָפעסיאָנעלע פליכט איז באַשטאַנען אין ראַיען זיך און בדקענען די מתים צוליב וואַלטער פונק, דעם פּרעזידענט פונעם רייכסבאַנק. לויטן הסכם צווישן הימלער'ן און פונק'ן, האָט ס.ס. איבערגעשיקט אין רייכסבאַנק דעם פּערזענלעכן פאַרמעג פון די אומגעבראַכטע קרבנות אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, איינגעשלאָסן גאָלדענע ציין און גאָלדענע פּלאָמבעס.

דער לאַגער דענטיסט איז געווען פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צונויפקלייבן דאָס גאָלד פון די טויטע מיילער אין ראַווענסברוק. אין זיין עדות־באַריכט, אונטער אַ שבועה, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן אינעם אַרעסט, נאָך פאַרן פּראָצעס, האָט ער מודה געווען אַז ער האָט געטאָן אָט־די פּיינצטערע פליכט. ווען ער האָט ניט געקאָנט אַליין עס מאַכן, האָט ער דערצו דעלעגירט איינעם פון זיינע „מיטאַרבעטער״. גלייך נאָכדעם ווי די געפאַנגענע זענען געשטאָרבן פון די, אַזוי גערופענע, „נאַטירלעכע סיבות״, דאָס הייסט פון פאַרוואָרלאָזקייט, הונגער און די איבעריקע אַרטן פון ווילדער באַהאַנדלונג, האָט מען ניט פאַרלאָרן קיין צייט. העלינגער פלעגט באַלד קומען, מיטן צוואַנג אין דער האַנט. ער איז בייגעווען אַלע עקזעקוציעס און ווען דער פונקציאָנירנדער מעד־אָפיציר האָט באַשטעטיקט דעם טויט, האָט העלינגער געזוכט און גענישטערט נאָך גאָלדענע ציין און

פלאָמבעס און זיך צוגעאײלט זײ אַרויסצורײסן, אײדער עמיצער ניט קײן „קוואַליפיצירטער" וועט עס, חלילה, מאכן.

אין דעם אָמט איז ער בײגעוועזן די עקזעקוציע פון צווײ יונגע ענגלישע פּרויען וואָס זײ זענען אַרעסטירט געוואָרן נאָכן פּאַראַשוטירן אין פראַנקרײך אין 1944 *).

אויף זײן פּראָצעס האָט מען העלינגער'ן געניי אויסגעפרעגט וועגן אָט־די פאַלן. ער האָט צוגעגעבן אַז ער איז צוזאַמען מיט ד"ר טרײטע געשטאַנען אײנמאָל אין דער קרעמאַטאָריע אין משך פון אַנדערטהאַלבן שעה, בשעת מען האָט אַרײנגעשלעפּט אַהין פרויען ווי „פּגרים פון פלײש". זײ האָבן נאָך געבלוטיקט, ווײל מען האָט זײ געוועזן ערשט דערשאָסן פון הינטן אין קאָפּ אַרײן; און ער, אַ קוואַליפיצירטער דענטיסט, האָט באַטראַכט „יענע צעשמעטערטע קעפּ", כדי צו זען טאָמער קאָן מען אַרויסקריגן עפּעס גאָלד פון זײערע מײלער.

און פונדעסטוועגן האָט ער אָפּגעוואָרפן די אײנשטעלונג, אַז דערמיט האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט פון די פּראָפעסיאָנעלע סטאַנדאַרדן פון זײן אײגענעם באַרוף, און אָנגענומען די יעניקע פון דער ס.ס. היעראַרכיע אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער האָט אפילו געטענה'ט אַז דאָס אַרויסרײסן גאָלדענע פּלאָמבעס בײ אַזעלכע אומשטאַנדן „כאָטש עס רירט אָן אונדזער געפיל פון רעספּעקט, שטעלט מיט זיך ניט פאָר קײן שטראָפבאַרע עבירה, און אַז אָט די פּראַקטיק האָט אַ היסטאָרישן פּרעצעדענט. אַזאַ טענה רעדט ניט צום האַרצן פון קולטיווירטע פעלקער, און אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט רעכנט מען שוין לאַנג אַז באַראַבעווען מתים איז אַ קרימינעלע עבירה.

אַזוי האָט אויסגעזען דער גיהנום ווי זײ האָבן גערופן ראַוועגס־

---

*) זײ זענען בײדע געווען מיטגלידער פון דעם פּרויען טראַנספּאָרט דינסט. זײ האָבן בײדע פּאַראַשוטירט אין פראַנקרײך מיט דער הילף פון SOE (Special Operations Executive) און אַרײנגעפאַלן אין די הענט פון די דײטשן. נאָך דעם ווי געסטאַפּאָ האָט זײ פאַרהערט און זײ געפּײניקט, האָט מען זײ געשיקט קײן ראַווענסבריק און זײ דערנאָך אומגעבראַכט אויפן געוויינלעכן אופן, דורך אַ שאָס אין נאַקן.

לאָרד ראַסעל אַף ליווערפּול

ברוק — L'Enfer Des Femmes — און אַזוי האָבן אויסגעזען די מענער און פֿרויען וואָס זענען דאָרט געשטאַנען בראש.

דער קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געווען דער לעצטער רינג אין דער טעראָר־קייט, אין וועלכער נאַצי־דייטשלאַנד האָט געבונדן די אָקופּירטע אייראָפּע פֿון 1940 ביז 1945.

יעדער וועג פֿון יסורים האָט געפֿירט צום קאָנצענטראַציע־לאַגער און טויט. דער ייִד, דער רוסישער קריגס־געפֿאַנגענער, דער פּאַרטיזאַן, דער שקלאַף מער שוין ניט־פֿעיִק צו אַרבעטן, די אַליירטע קאָמאַנדאָס, דער נאַכט און נעפּל געפֿאַנגענער, און אָן אַ שיעור אַנדערע אומשולדיקע מענער און פֿרויען וואָס געסטאַפּאָ האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון זייערע היימען, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קאָלאַבאָרירן מיט די באַצווינגער, אָדער געוויזן אַ פּונק פֿון ווידערשטאַנד קעגן דעם זיגערישן הערן־פֿאָלק.

טויזענטער פֿון די אַלע האָבן זיך צום סוף דערזען אין בעלזען, אין בוכענוואַלד, אין דאַכאַו, אין מאַוטהאַוזען, אין ראַווענסברוק, כדי דאָרט צו שטאַרבן אָדער אפשר אַרויסשווימען פֿון דאָרטן מיט יאָרן שפּעטער, צעבראָכן פֿיזיש און איינגעבויגן גייסטיק.

קאַפּיטל VII

די „ענדגילטיקע לייזונג" פון דער יידן־פראַגע

האַנס פראַנק, וועלכער איז אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט געזאָגט עדות אין זיין אייגענער פּאַרטיידיקונג אויפן נירענבערגער פּראָצעס פון די דייטשע הויפּט קריגס־פאַרברעכער, אין 1946:

„מיר האָבן געקעמפט קעגן יידנטום אין משך פון יאָרן", האָט ער געזאָגט, „און מיר זענען ווייט געגאַנגען אין די שרעקלעכסטע דערקלערונגען — מיין אייגענער טאָג־בוך זאָגט עדות קעגן מיר... טויזנט יאָר וועלן דורכגיין, און אָט־די שולד פון דייטשלאַנד וועט נאָך אַלץ ניט פאַרווישט ווערן".

די רדיפות אויף יידן אין די לענדער וואָס די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט און אָקופּירט צווישן 1939 און 1945 האָבן אָנגענומען אַ ריזיקן פאַרנעם, אָבער עס קאָן ניט איבערראַשן דעם, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם אויפשטייג פון די נאַציס צו דער מאַכט, אין 1933, און זייער פאַרטיי־פּראָגראַם.

פּונקט פיר פון יענער פּראָגראַם פּראָקלאַמירט: „נאָר אַ מיטגליד פון דער ראַסע קאָן זיין אַ בירגער. אַ מיטגליד פון דער ראַסע קאָן נאָר זיין יענער וואָס אין זיינע אָדערן רינט דייטש בלוט. דעריבער קאָן קיין שום ייד ניט זיין קיין מיטגליד פון דער ראַסע".

דאָס מייסטערשטיק פון דייטשישער לאָגיק איז געוואָרן געפּרעדיקט אין דער לענג און ברייט פון דייטשלאַנד, פון דעם מאָמענט אָן וואָס היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. די יידן האָט מען געדאַרפט באַטראַכטן אַלס אויסלענדער, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעכט אויף דייטשישע בירגערשאַפט. דאָס איז ביי די דייטשן געווען איינער פון די מיטלען צו פאַרווירקלעכן זייער פּאָליטיק פון הערן־פאָלק.

דער ערשטער אָרגאַניזירטער אַקט איז געווען דער באָיקאָט אויף יידישע געשעפטן אין אַפּריל 1933, און נאָכדעם האָבן גענומען

אַרויסגיין געזעצן, איינער נאָכן אַנדערן, וואָס האָבן פּאַקטיש די ייִדן באַזייטיקט פון יעדן ווינקל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון רעגירונגס שטעלעס, פון די פּראָפעסיעס, פון דערציִונג, און פון דער אַרמיי.

מיט דער פראָנטאַלער אַנטי־סעמיטישער אַטאַק האָט אָנגעפירט דער „ייִדן־העצער נומער איינס", ווי יוליוס שטרייכער האָט זיך אַליין אָנגערופן. זיין פליכט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז באַשטאַנען אין צעפלאַקערן ביי די דייטשן זייער ווידער־געפיל קעגן ייִדן ביז צו אַ ברענענדיקן האַס און אויפרייצן זיי צו פאַרפאָלגן דעם ייִדישן שטאַם ביז צו אויסראָטונג. לויט דער פאַראַנענער סטאַטיסטיק קאָן מען קלאָר און דייטלעך זען, אַז שטרייכער האָט פאַרמיטלט און צוגעהאָלפן ביי העכער 5,000,000 מאָרדן.

ער האָט גלענצנד געפּאַסט פאַר זיין פּאָסטן, ווייל ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט העצעריי קעגן ייִדן נאָך פאַר 1922, דאַן ווען ער האָט צו ערשט פּובליקירט די אַנטי־סעמיטישע וואָכנבלאַט „ד ע ר ש ט י ר מ ע ר" *). אין 1933 האָט ער געגרינדעט אַ טאָג־צייטונג פון דער זעלבער אַרט, די „פ ר ע נ ק י ש ע ט אַ ג ע ס־צ יי ט ו נ ג". ער האָט שוין געזאָגט אין יענע אַמאָליקע טעג: „מיר ווייסן אַז דייטשלאַנד וועט זיין דאַמאָלס פריי, ווען דאָס דייטשישע פאָלק וועט אויסשליסן דעם ייִדן פון זיין לעבן".

שטרייכער איז אַזוי ווייט דערגאַנגען אין זיין פּראָפּאַגאַנדע, אַז כדי צו גלייבן, מוז מען עס אַליין לייענען, און דאָ ווערן טאַקע געבראַכט אַ פּאָר מוסטערן.

„דאָס אויסדערווילטע פאָלק פון קרימינעלע", אַזוי האָט געהייסן אַן אַרטיקל אין זיין אייגענער צייטונג.

דאָס געשיכטע־בוך פון די ייִדן, וואָס מען רופט עס געוויינלעך די הייליקע שריפט, ווירקט אויף אונדז ווי אַ שוידערלעכער קרימינאַל־ראָמאַן, וואָס מאַכט בלאָס פאַר אייפערזוכט די שונד־ביכלעך פאַר אַ שילינג פון דעם בריטישן

---

*) אַ פּאָרנאָגראַפישע און אַנטי־סעמיטישע צייטונג, רעדאַגירט דורך שטרייכערן.

ייִד עדגאַר וואַלעס. דאָס „הייליקע בוך" טרינקט זיך אין מאָרד, בלוטשאַנד, שווינדל און אויסגעלאַסנקייט.

אין יוני 1937, ווען די לופטשיף הינדענבורג האָט זיך אָנגעצונדען, האָט שטרייכער אָפּגעדרוקט אַ פאָטאָגראַפיע פונעם ברענענדיקן שיף־סקעלעט מיט דער פאָלגנדער אויפשריפט:

דאָס ערשטע ראַדיאָ־בילד פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע ווייזט גאַנץ קלאָר, אַז אַ ייִד שטייט הינטער דער עקספּלאָזיע פון אונדזער לופטשיף הינדענבורג. די נאַטור האָט קלאָר און דייטלעך אויסגעמאָלט פאַר אונדז יענעם טייוול אין מענטשלעכער געשטאַלט *).

נאָכדעם איז געקומען יענער פאַנטאַסטישער אומזין, וואָס די דייטשן האָבן עס גערופן „ראַסע־שענדונג".

עס איז פעסטגעלייגט פאַר אַלע צייטן: „פרעמדער־אייוויס" איז דער זוימען פון אַ מאַן וואָס געהערט צו אַ פרעמדער ראַסע. דער מענלעכער זוימען ווערט ביים באַהעפטן זיך טיילווייז אָדער אינגאַנצן אַבסאָרבירט דורכן ווייבלעכן, און אַזוי אַרום דרינגט ער אַריין אין איר בלוטשטראָם. אַן איין און איינציק מאָל וואָס אַ ייִד באַהעפט זיך מיט אַן אַרישער פרוי איז גענוג, כדי אָפּסמען איר בלוט אויף אייביק. צוזאַמען מיטן „פרעמדן אייוויס", האָט זי אויך איינגעזאַפּט די פרעמדע נשמה. קיינמאָל אין לעבן וועט זי שוין מער ניט קאָנען געבוירן קיין ריין־אַרישע קינדער... זיי וועלן שוין אַלע זיין ממזרים. איצט ווייסן מיר פאַרוואָס דער ייִד באַניצט זיך מיט כלערליי קונצן, כדי צו פאַרפירן גאָר־גאָר יונגינקע דייטשע מיידלעך, פאַרוואָס דער ייִדישער דאָקטאָר פאַרגוואַלדיקט ווייבלעכע פאַציענטן, בשעת זיי געפינען זיך אונטער אַ נאַרקאָז.

---

*) אָט דער „ייִד" איז געווען אַ וואָלקן רויך וואָס איז אויף דער פאָטאָגראַפיע אַזוי צוגעריכטעט געוואָרן, אַז ער זאָל זיין ענלעך צו אַ פנים פון אַ ייִד.

עס איז שווער צו גלייבן דעם פאַקט אַז דאָס אויבן געדרוקטע איז דערשינען אין אַ האַלב־מעדיצינישן זשורנאַל, וואָס האָט געהייסן „דאָס געזונד פון דייטשן פאָלק״, אָבער גאָר ניט אַזוי שווער, ווען מען דערוויסט זיך אַז דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען שטרייכער.

גלייכצייטיק דערמיט איז אין „דער שטירמער״ דערשינען אַ בילד וואָס האָט געוויזן דעם אויבערשטן טייל פון אַ מיידלשן קערפּער, פאַרקלעמט אין די אָרעמס פון אַ מאַן, מיט זיינע הענט אַרום איר האַלדז, און דער שאָטן פון דעם מאַנס פּנים אויפן הינטערגרונט האָט געטראָגן בולטע יידישע שטריכן. די אויפשריפט צום בילד איז געווען: „קאַסטרירן די ראַסע־שענדער. נאָר שווערע שטראָף וועט פאַרהיטן אונדזערע פרויען פון די עקלדיקע יידישע טלאָען, פון זייער כאַפּ און צאַפּ״.

אפילו די יוגנט האָט מען געהאָדעוועט מיט דער געפערלעכער דאָקטרין. עס פאָלגן דאָ פראַגמענטן פון אַ מעשה׳לע וואָס איז דערשינען אין אַ קינדער־בוך אונטערן נאָמען „גיפטיקע פינגער״:

אינגע זיצט אין דעם וואַרט־צימער פון אַ יידישן דאָקטאָר. זי דאַרף וואַרטן אַ לאַנגע צייט... זי קוקט דורך די צייטונגען אויפן טיש, אָבער זי איז צו נערוויז כדי צו לייענען: זי דערמאַנט זיך וואָס איר מוטער האָט איר אָנגעזאָגט, און נאָכאַמאָל און אויפסניי שווימט אויף אין איר זכרון די וואָרענונגען פון איר פירער אין דער ליגע פון דייטשישע מיידלעך. אַ דייטש מיידל טאָר ניט גיין צו אַ יידישן דאָקטאָר. ניט איין מיידל וואָס האָט זיך געווענדט צו אַ יידישן דאָקטאָר נאָך היילונג, האָט ביי אים געפונען קרענק און שאַנד. אינגע וואַרט שוין העכער אַ שעה. נאָכאַמאָל נעמט זי אין האַנט די צייטונגען און פּרוווט לייענען. דאַן עפנט זיך די טיר. עס באַווייזט זיך דער ייד. זי לאָזט אַרויס אַ געשריי. פול אַנגסט וואַרפט זי אַראָפּ די צייטונג. דערשראָקן ביז טויט שפרינגט זי אויף. אירע אויגן זענען געווענדט צום דאָקטאָר, זיין געזיכט איז דאָס געזיכט פונעם טייוול. אין מיטן פונעם טייוול׳ס געזיכט שטעקט אַ גרויסע אויס־געקרומטע נאָז. הינטער די ברילן גלאַנצן צוויי קרימינעלע

אויגן. אַרום זיינע דיקע ליפּן שוועבט אַ שמייכל וואָס זאָגט, „איצט האָב איך דיך ענדלעך געפּאַקט, דו קליין דייטשיש מיידעלע!"

און דאַן דערנעענטערט זיך דער ייד צו איר. זיינע פעטע פינגער גרייפן זי אָן. אָבער איצט איז שוין אינגע געקומען צו זיך. איידער דער ייד באַוויזט זי אָנכאַפּן, גיט זי מיט איר האַנט אַ פּליאַסק אים אין זיין פעטן פּנים. מיט איין שפּרונג איז זי ביי דער טיר. אָן אָן אָטעם לויפט זי אַראָפּ פון די טרעפּ און ראַטעוועט זיך אַרויס פון דעם יידנס הויז.

גיפטיקע פינגער? גיפטיקער אידיאָטיזם! אייגנטלעך וואָלט מען זיך באַדאַרפט וווּנדערן, ווי אַזוי האָט מען בכלל געקאָנט לייענען אַזעלכע אַבסורדן, אָבער מען האָט זיי דווקא יאָ געגלייבט: און דער גיפט האָט זיך פאַרשפּרייט, אָט אַזוי ווי עס איז געווען פאַרויס־געמיינט, צווישן דעם גאַנצן פאָלק, ביז די מענטשן זענען געוואָרן ווילדע און גרייט אונטערצוהאַלטן זייערע פירער אין דער אָנגעהויבענער פּאָליטיק פון מאַסן־אויסראָטונג.

אַרום 1938 זענען פּאָגראָמען געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך, בתי־מדרשים אונטערגעצונדן, יידישע קלייטן צעראַבירט. מען האָט אַרויפגעלייגט קאָלעקטיווע קאָנטריבוציעס, קאָנפיסקירט יידיש פאַרמעגן, און אפילו די פּרייקייט צו באַוועגן זיך איז פאַר די יידן געוואָרן ענג־רעגולירט. עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן געטאָס, און מען האָט די יידן געצוווּנגען צו טראָגן אויף זייערע קליידער געלע לאַטעס.

עטלעכע חדשים פאַרן קריגס־אויסבראָך, האָט דער דייטשישער אויסערן־אַמט צעשיקט דעם פאָלגנדן צירקולאַר, פול מיט דראָונגען. דערפון האָבן שוין אַלע, אויסער יענע וואָס האָבן פּשוט ניט געוואָלט פאַרשטיין, קלאָר דערזען דעם צוקונפטיקן גאַנג פון די געשעענישן.

עס איז געוויס ניט קיין צופאַל וואָס דער גורלדיקער יאָר 1938 האָט געבראַכט נעענטער די לייזונג פון דער יידן־פראַגע, גלייכצייטיק דערמיט וואָס עס ווערט רעאַליזירט די עצם אידעע פון גרויס דייטשלאַנד... דער פּראָגרעס און וווּקס

פון דער יידישער ווירקונג און פון דעם יידישן דעסטרוקטיוון גייסט אין פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור, האָט פּאַראַליזירט ביים דייטשישן פּאָלק די מאַכט און דעם ווילן זיך אויפּסגיי דערהייבן. דעריבער איז די היילונג פון אָט־דער קרענק צווישן פאָלק געוועזן זיכער איינע פון די וויכטיקסטע דער־גרייכונגען. דער כוח איז געוואָרן פאַרשטאַרקט. אַלס רעזולטאַט דערפון האָט זיך אין יאָר 1938 צונויפגענומען גרויס דייטשלאַנד, צו טראָץ און צו להכעיס דער וועלט.

די פאַרפאָלגונגען פון די יידן אין די פאַרכאַפּטע לענדער שטייגן ווייט איבער אַלעס וואָס עס איז געשען פריער, ווייל דער נאַצי־פּלאַן פון יידן־אויסראָטונג האָט זיך ניט באַשרענקט מיט דעם רייך אַליין. די איינציקע גרענעץ איז געווען די ראָם פון צופאַל, און ווען דער שטראָם פונעם דייטשן נצחון האָט געפּלייצט פאַרויס אין אַלץ נייע לענדער, זענען אַלץ מער און מער יידן פאַרזונקען געוואָרן אין יענע אכזריותדיקע בלוטיקע וואַסערן.

די פאַרפאָלגונגען און מאָרדן פון די יידן אומעטום אין די דעראָבערטע געביטן אין אייראָפּע האָבן קלאָר געבראָכן דעם פּאַראַגראַף 46 אין די פאַרשריפטן פון דער האַג קאָנווענץ פון 1907, וואָס האָט געטראָגן די חתימה פון דייטשלאַנד: „כבוד און רעכט פון משפחה, דאָס לעבן פון מענטשן און זייער פּריוואַט אייגנטום, פונקט אַזוי ווי זייערע גלויבנס־איבערצייגונגען און לעבנס־שטייגער, מוזן ווערן רעספּעקטירט".

גלייך נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען אַ פרעמד לאַנד, דאָס גאַנצע לאַנד אָדער נאָר אַ טייל דערפון, האָבן זיי זיך געאיילט אַריינצופירן די זעלבע באַגרענעצונגען און גזירות אויף יידן, וועלכע זענען געווען גילטיק אין דייטשלאַנד. אַרום יאַנואַר 1941, איז אַרויס אַ דעקרעט פון צוואַנג־רעגיסטראַציע פאַר יידן אין פּוילן, פראַנקרייך און האָלאַנד.

דער ווייטערדיקער מאַנעווער איז געווען אָפּצושליסן די יידן אין געטאָס. ראָזענבערגס סכעמע וועגן דער באַהאַנדלונג פון דער יידן־פראַגע אין די מיזרח געביטן האָט פאַרויסבאַשטימט, אַז מען דאַרף ביי די יידן אַוועקנעמען אַלע רעכט פון פרייהייט, אַריינזעצן זיי אין געטאָס, פרויען און מענער באַזונדער. עס מוזן אויך אָנגעווענדט

ווערן אַלע מיטלען, אַז עס זאָל מער ניט זיין מעגלעך קיין שום בלוטמישונג צווישן יידן מיט אַנדערע פעלקער.

דער אָפיציעלער אָרגאַן פון ס.ס. וואָס האָט געהייסן „דאָס שוואַרצע קאָרפּס״ *) האָט געשריבן אין 1940: „פּונקט ווי די יידן־פראַגע אין דייטשלאַנד וועט געלייזט ווערן נאָר ווען דער לעצטער ייד וועט פאַרשווינדן, מוז אויך די רעשט פון אייראָפּע פאַרשטיין, אַז דער דייטשער פרידן וואָס וועט קומען מוז זיין אַ פרידן אָן יידן״.

די פראַגע איז פאַר זיי געווען אַ ברענענדיקע, און אַלע גאולייטער האָבן זי באַטראַכט אַלס די וויכטיקסטע. האַנס פראַנק, דאַן דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פוילן, האָט זיך אין זיין טאָג־בוך פאַרענטפערט מיט אַזאַ־מין באַמערקונג: „איך קאָן ניט, פאַרשטייט זיך, אין איין יאָר אויסראָטן אַלע לייז און אַלע יידן, אָבער אין משך פון דער צייט וועט אָט דער צוועק ווערן דערגרייכט״.

איינער פון די גרעסטע געטאָס איז געווען אין וואַרשע. עס האָבן דאָרט געוווינט 400,000 יידן. אַז אַנונג וועגן די באַדינגונגען אין וועלכע אָט־די יידן האָבן געלעבט קאָן געבן דער פאַקט, אַז מינדעסטנס זעקס מענטשן זענען געווען צוזאַמענגעפּרעסט אין איין צימער.

די ליקווידאַציע פון אָט־דעם געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אין אַפּריל 1943, און דעם 16־טן מיי האָט דער ס.ס. גענעראַל־מאַיאָר סטראָפּ געווען אין שטאַנד צו מעלדן זיינע שעפן, אַז דער וואַרשעווער געטאָ איז שוין מער ניטאָ. אויפן שער־בלאַט פון זיין ראַפּאָרט וועגן אָט־דער „גראָס־אַקציאָן״ זענען געווען אָנגעשריבן, געצוקט מיט דעקאָראַטיווע גאָטישע בוכשטאַבן, די ווערטער, „עס איז שוין מער ניטאָ קיין אַיין יידיש־היים אין וואַרשע״.

סטראָפּ׳ס ראַפּאָרט איז געווען אַ פיינער מוסטער פון בוך־בינדעריי, פאַרפּוצט אין אַ לעדערנעם באַנד, געדרוקט אויפן בעסטן פּאַפּיר. איז דען די טעמע ניט ווערט געווען אַזאַ לוקסוס־פּאָרעם:

---

*) דער שוואַרצער קאָרפּוס — אָנגערופן אַזוי לויט זייערע שוואַרצע אוניפאָרמען.

די אויסראָטונג פון עטלעכע טויזנט שוצלאָזע יידישע מענער, פרויען און קינדער און דאָס רויבירן פון זייערע היימען?

אַ פינף און זיבעציק זייטן די לענג, דערציילט דער ראַפּאָרט וועגן דער אַקציע גענוי, טאָג איין און טאָג אויס. דאָ קומען אַ פּאָר אויסצוגן דערפון.

דעם ווידערשטאַנד וואָס די יידן האָבן געשטעלט האָט מען געקאָנט ברעכן בלויז מיט דער הילף, סיי בייטאָג און סיי באַנאַכט, פון אונדזערע שטורעם גרופּעס... איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו רויבירן די גאַנצע יידישע רעזידענץ זאָנע און אונטערצינדן איין בלאָק נאָכן אַנדערן... דאַן זענען די יידן געבליבן אין די ברענענדיקע הייזער ביז סוף־סוף, איבער דער היץ און דער מורא פאַרברענט צו ווערן לעבע־דיקערהייט, זענען זיי אַראָפּגעשפרונגען פון די אויבערשטע עטאַזשן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַרונטערגעוואָרפן אויף דער גאַס מאַטראַצן און אַנדערע געבעטע זאַכן. זייערע ביינער צעבראָכן, האָבן זיי נאָך אַלץ געפּרוווט אַריבערקריכן די גאַס, אין דער ריכטונג צו די הייזער וואָס האָבן נאָך ניט געברענט... זיי זענען אפילו אַרונטער אין די גאַס־קאַנאַלן, אָבער נאָך דער ערשטער וואָך איז זיי שוין ניט געווען מער אַנגענעם דאָרט צו פאַרברייגגען. די זעלנער פון וואַפן ס.ס. אָדער די ווערמאַכט־אינזשעניר זענען העלדיש געקראָכן אַראָפּ אין די קאַנאַלן כדי אַרויסקריגן פון דאָרטן די יידן... עס איז אויך געווען נויטיק זיך צו באַנוצן מיט רויך־ליכטלעך, כדי זיי פון דאָרטן אַרויסצוטשאַדען. אַ גרויסע צאָל יידן וואָס לאָזט זיך ניט איבערציילן איז פאַרטיליקט געוואָרן ביים אויפרייסן די קאַנאַלן און שוצגראָבנס.

וואָס לענגער דער ווידערשטאַנד האָט געדויערט, אַלץ האַרטנעקיקער זענען געוואָרן דער וואַפן־ס.ס., די פּאָליציי און די ווערמאַכט. זיי האָבן אויסגעפילט זייער פליכט אומ־דערמידלעך, אין געטרייער חברשאַפט, און זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען ווי מוסטערן און ביישפּילן פון אַ זעלנער... נאָר אַ דאַנק דער דויערעוודיקער און אַנגעשטרענגטער מי פון אַלע צוזאַמען איז אונדז געלונגען צו דערגרייכן צום

סך הכל פון 56.065 יידן וואָס זייער אויסראָטונג קאָן ווערן דערוויזן... דערצו דאַרף מען צוגעבן יענע וואָס זענען אומ־געקומען אין עקספּלאָזיעס און אין פלאַמען און וואָס זייער צאָל קאָן ניט ווערן דערוויזן אויף זיכער.

סומירנדיק די רעזולטאַטן פון דער אַקציע אויף דער זייט 45 פון דעם ראַפּאָרט, האָט סטראָפּ געשריבן: „פון די 56,065 געכאַפּטע יידן, זענען ביי 7,000 פאַרניכטעט געוואָרן אין דער געוועזענער יידישער רעזידענץ־זאָנע, בשעת די אָפּעראַציעס פון גרויסן מאַסשטאַב; 6,929 יידן זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך טראַנספּאָרטירן זיי אין II *). די אַלגעמיינע צאָל פאַרניכטעטע יידן איז דעריבער 13,929. אומגעפער אַ 6,000 יידן זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין די אויפרייסן און אין די פלאַמען".

דער ס.ס. בריגאַדע פירער, גענעראַל מאַיאָר סטראָפּ, איז ווייזט אויס געווען צופרידן מיטן רעזולטאַט פון זיין „גראָס אַקציאָן". כדי עס זאָל בלייבן אַ שטענדיקער אָנדענק פון זיין גבורה, אויף צו ווייזן עס זיינע קרובים און פריינד, אויף אויסצופּיינען זיך דערמיט נאָכן יערלעכן מיטאָג ביים „שטאַהלהעלם"־טיש, האָט ער אַריינגעקלעפּט אין זיין פאָטאָגראַפישן אַלבום אַ צאָל בליץ־בילדלעך, אַראָפּגענומען אין וואַרשע בשעת דער גרויסער „שלאַכט". מען האָט זיי געפונען ביי אים, בשעת די מיליטערישע פּאָליציי פון דער אַמעריקאַנישער אַרמיי האָט אים אַרעסטירט **).

אַן אַנדער מעטאָד אויף פּטור צו ווערן פון יידן איז אָנגעווענדט געוואָרן אין די באַלטישע שטאַטן, וווּ מען האָט זיי פאַר דער ליקווי־דאַציע ניט אַריינגעזעצט אין קיין געטאָס. אַ דאָקומענט געפונען נאָך דער מלחמה צווישן הימלער'ס פּריוואַטע פּאַפּירן אַנטהאַלט אַ ראַפּאָרט וועגן „אַקציע גרופּע א'", אין וועלכער העכער 130,000 יידן זענען אין 1941 דערהרגעט געוואָרן אין ליטע און אין לאַטוויע. דאָרט האָט אַ פּאַרטיזאַנישער לידער איינגעאָרדנט און אָנגעפירט

*) פאַרניכטונגס־לאַגער טרעבלינקע נומ. 2.

**) אייניקע פון זיי זענען געגעבן אַלס אילוסטראַציעס אין אָט־דעם בוך.

מיט אַ סעריע פון פּאָגראָמען, אָבער הינטער אים האָבן פאַרשטעל־טערהייט געשטעקט די דייטשן. בשעת׳ן ערשטן פּאָגראָם זענען אין איין נאַכט דערהרגעט געוואָרן 1,500 יידן, צעשטערט עטלעכע בתי־מדרשים און פאַרברענט אַ סך הייזער, און אין די קומענדיקע צוויי וואָכן זענען דערמאָרדעט געוואָרן נאָך 2,300 יידן.

טיילמאָל, אָבער ניט אָפט און זיכער ניט גענוג אָפט, זענען די העכערע אינסטאַנצן ניט געווען צופרידן מיט די מעטאָדן וואָס זייערע אונטערטאַנען האָבן זיך דערמיט באַנוצט. אַזעלכע שולד־געפילן וואָלטן געקאָנט אַרויסרופן אַ פאַרוווּנדערונג, ווען ניט דער פאַקט אַז זיי האָבן געוויינלעך קריטיקירט פון פּראַקטישע און ניט פון הומאַניטאַר־ע טעמים.

דער פאָלגנדער אויסצוג איז פון אַ בריוו צום רייך מיניסטער פון די אָקופּירטע מיזרח־טעריטאָריעס:

> עס איז קלאָר אַז יידן באַקומען אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג. אָבער די פאַקטן וואָס דער גענעראַל קאָמיסאַר באַשרייבט אין זיין רעפּאָרט פונעם 1־טן יוני 1943 לייגן זיך שווער אויפן זינען. וואָס אַזוינס איז קעגן דעם קאַטין? וואָס וועט זיין אויב מען וועט זיך וועגן דעם דערוויסן און דאָס אויס־נוצן אויף יענער זייט? פאַרשפּאַרן מענער, פרויען און קינדער אין שייערן און זיי אונטערצינדן, איז גאָר ניט קיין פּאַסיקע מעטאָד צו באַקעמפן באַנדעס, אפילו אויב מען וויל אויסראָטן די באַפעלקערונג. אַזאַ מעטאָד האַרמאָנירט ניט מיט דער דייטשישער אידעע, און קאָן שווער שאַטן אונדזער רעפּוטאַציע.

עס איז כדאי צו דערמאָנען זיך, אַז ווען די ס.ס. רייך פּאַנצער־דיוויזיע האָט מיט אַ יאָר שפּעטער אין אָראַדור־סור־גלאַן פאַרשפּאַרט די מענער אין שייערן, די פרויען מיט די קינדער אין קלויסטער, — און זיי אַלעמען פאַרברענט, האָט מען ניט געהערט קיין איין דייטשישן פּראָטעסט. מען זאָל אויך ניט פאַרגעסן, אַז די זעלבע „דייטשע אידעע״ האָט צווישן אַנדערע זאַכן איינגעשלאָסן די „ענד־גילטיקע לייזונג״ פון דער יידן־פראַגע.

איין ספּעציעלע אַקציע גרופּע (Einsatzgruppe D.), וואָס איז

באַשטאַנען פון ס.ס., ס.ד., געסטאַפּאָ, און אַנדערע פּאָליציי־איינהייטן און וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן צו דער אַרמיי אין רוסלאַנד, אונטער דער קאָמאַנדע פון פאָן מאַנשטיין, איז געווען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דער מאַסן־אויסראָטונג, צווישן סעפּטעמבער 1941 און פעברואַר 1943, פון פיל טויזנטער יידן, — דורך שיסן, הענגען, פאַרגאַזן און דערטרינקען. די איינהייטן, פון וועלכע אָט־די איינזאַצ־גרופּע איז באַשטאַנען, זענען געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון אָטאָ אָלענדאָרף. אָט דער יונגער מאַן, וואָס אין 1941 איז ער געווען אַלט אינגאַנצן דריי און דרייסיק יאָר, איז אַריינגעטראָטן אין ס.א. ביי אַכצן יאָר, און אין ס.ד. מיט אַ יאָר שפּעטער.

איניקע מאָנאַטן פאַר דער אינוואַזיע קיין רוסלאַנד, האָט מען געמאַכט צוגרייטונגען, אַז די סיפּאָ־איינהייטן זאָלן אין די אָפּעריר־באַזעס קאָנען זיין טעטיק סעפּאַראַט. מען האָט גערופן Einsatz-gruppen און זיי ווידער זענען געווען צעטיילט Einsatz kommandos.

דער שעף פון סיפּאָ, O.K.W., און פון דער אַנדערער זייט R.S.H.A, דעם אָפּמאַך האָבן צווישן זיך געשלאָסן: פון איין זייט O.K.H. און פון דער אנדער זייט R.S.H.A. דער שעף פון סיפּאָ און ס.ד. האָט געדאַרפט שיקן אַ פאָרשטייער צו יעדער אַרמייען־גרופּע און אויך צו יעדער אַרמיי, צוזאַמען מיט באַוועגלעכע איינ־הייטן פון סיפּאָ און ס.ד. צו יענעמס דיספּאָזיציע. דער אָפּמאַך האָט געשאַפן אַ נייע סיטואַציע. ווייל פריער האָט אַן אַרמיי, אויף אייגענער אחריות און מיט אייגענע כוחות, אויסגעפילט יענע פליכטן, וואָס אין דער צוקונפט האָבן זיי געזאָלט אַריבערגיין צו דער אויסשליסלעכער אחריות פון סיפּאָ.

פון איצט אָן האָט די איינזאַצגרופּע געדאַרפט זיין צוגעבונדן צו אַ באַזונדערע אַרמייען־גרופּע און זיך באַוועגן צוזאַמען מיט זיי. זייער פעלד פון טעטיקייט האָט געזאָלט זיין די אָפּעריר באַזע פון דער אַרמייען־גרופּע. דער פאָרשטייער פון סיפּאָ און ס.ד. ביי דער אַרמייען־גרופּע האָט געהאַט רעכט אַרויסלאָזן אינסטרוקציעס אין שייכות מיט זייערע פליכטן, אָבער אויב די אָפּעריר סיטואַציע האָט עס געפאָדערט, האָט אויך די אַרמייען־גרופּע געקאָנט אַרויסלאָזן באַפעלן.

עס זענען פאָרמירט געוואָרן פיר איינזאַצגרופּן, און איין איינ־זאַצגרופּע 'D', מיט אָלענדאָרפן בראש, איז געווען דירעקט אָנגעשלאָסן צו דער עלפטער אַרמיי, דאָן טעטיק אין אוקראַינע אונטער דער

קאָמאַנדע פון פאַן מאַנשטיין. זיי האָבן באַקומען באַפעלן צו „ליקווידירן“ די יידן אין יענער אָפּערירי־זאָנע. ווען הימלער האָט אין סעפטעמבער 1941 באַזוכט אין ניקאָלאַיעוו די אייבזאַצגרופּע, האָט ער זיי מינדלעך איבערגעחזרט אָט־די באַפעלן. ער האָט פאַרזאַמלט אַלע מיטגלידער פון די איינזאַצקאָמאַנדאָס, פון גרויס ביז קליין, און האָט זיי אַלעמען צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן ניט טראָגן קיין פּערזענלעכע אחריות פאַר אויספירן דעם באַפעל, ווייל דער באַפעל איז פון היטלערן.

דער אַרמיי־קאָמאַנדיר האָט גאַנץ גוט געוווּסט אַז אַזאַ באַפעל איז פאַראַן, און אַז ער ווערט אויסגעפירט. אַזוי, למשל, האָט די עלפטע אַרמיי אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז קיין שום ליקווידאַציעס זאָלן ניט פאָרקומען אין דער פּעריפעריע פון 200 קילאָמעטער אַרום דעם שטאָב.

נאָכמער, אין סימפעראָפּאָל, וווּ 10,000 זענען דערהרגעט געוואָרן אין אַ מאַסן־עקזעקוציע, האָט די אַרמיי־קאָמאַנדע געבעטן אָלענ־דאָרפן אַנגיין ווייטער מיט די ליקווידאַציעס, — מחמת עס דראָט אַ געפאַר פון הונגער, און מחמת עס פעלן אויס וווינונגען. די פאָלגנדע שילדערונג פון אַ מאַסן־עקזעקוציע געהערט אָלענדאָרפן אַליין וועלכער פלעגט אָפט בייזיין דערביי.

כדי צו פאַרזאַמלען אַלע יידן אויף איין אָרט, — האָט די לאָקאַלע איינזאַצקאָמאַנדאָ באַשלאָסן זיי צו רעגיסטרירן. די יידן האָבן זיי געזאָגט, אַז מען גייט זיי באַזעצן ערגעץ־ווו אַנדערש. און צוליב דעם צוועק האָבן די רעגיסטראַציע דורכגעפירט די יידן אַליין.

נאָך דער רעגיסטראַציע, האָט מען זיי פאַרזאַמלט און אַוועק־געפירט צום פּלאַץ פון דער עקזעקוציע, וואָס איז, ווי געוויינלעך, געווען אַן אַנטי־טאַנקן גרוב. דאָס שיסן איז געווען דורכגעפירט אויף אַ מיליטעריש'ער אָרט, דורך שיס־גרופּן.

לויט אָלענדאָרפ'ס פאָרשלאָג, האָט מען צום עקזעקוציע־פּלאַץ מיטגענומען בלויז אַזויפיל יידן, וויפל מען איז געווען אין שטאַנד גלייך צו דערשיסן. מען האָט געמאַכט אַזוי, כדי פונעם מאָמענט וואָס די קרבנות האָבן זיך דערוווּסט וועגן זייער גורל ביז דער עצם־עקזעקוציע, — זאָל ניט געדויערן לאַנג.

די קרבנות זענען געשטאַנען אָדער זיי האָבן געקניט אין דער לענג פון דער גרוב, און אַהין זענען זיי אַריינגעפאַלן נאָכן באַקומען

די קויל. איידער מען האָט די גרוב פאַרשאָטן, האָבן די קאָמאַנדירן פון די שיס־גרופּן קאָנטראָלירט צי אַלע זענען טויט, און טאָמער ניט — האָבן זיי אַליין פאַרענדיקט מיט די קרבנות.

בשעת מען האָט די יידן אַרומגערינגלט, האָט מען ביי זיי צוגענומען אַלע ווערטזאַכן, און דאָס אַלץ האָט מען איבערגעשיקט צום פינאַנץ מיניסטעריום, — אויסער צופעליקע אויסנאַם־פאַלן.

ביז פרילינג 1942 זענען אַלע יידן אויסראָטונגען אין אוקראַינע פאָרגעקומען אויף אַזאַ מין אופן. דאַן האָבן זיך באַקומען באַפעלן מען זאָל פרויען און קינדער שוין מער ניט שיסן, נייערט טייטן זיי — אין גאַז־וואַגאָנען. פריער פלעגט מען זיי הרגענען, פונקט אַזוי ווי די מענער, — דורך שיסן. די גאַז־וואַגאָנען, אַ נייער מאָרד־אינסטרומענט, זענען געווען קאָנסטרוירט אַזוי, מען זאָל ניט באַמערקן פון דרויסן דעם ריכטיקן צוועק. זיי האָבן אויסגעזען ווי געוויינלעכע וואַגאָנען, אָבער זיי זענען געווען אַזוי קונציק געבויט אַז בשעת דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, האָט דער גאַז אַריינגעדרונגען אין וואַגאָן, — און אין משך פון צען ביז פופצן מינוט זענען אַלע געווען טויט. דער געשיקטער דערפינדער איז געווען אַ געוויסער ד״ר בעקער, וועלכער האָט אויך געטראָגן דעם ראַנג פון ס.ס. אונטערשטורמפירער און האָט קאָמאַנדירט מיטן טראַנספּאָרט־אָפּטייל אין אָלענדאָרף׳ס איינזאַצגרופּע.

די נאַציס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געשליפן צינגל, און ווען עס איז געקומען צו הרגענען, — האָבן זיי קיינמאָל ניט אָנגערופן דאָס קינד ביים אמת׳ן נאָמען. ספּעציעלע באַהאַנדלונג, עקסטערמינאַציע, ליקווידאַציע, פאַרלענדונג, איבערזידלונג, און ענדגילטיקע לייזונג, — דאָס זענען אַלץ געווען סינאָנימען פון מאָרד. און עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו טרעפן, ווי אַזוי, לויט דער אומשולדיקער ס.ס.־שפּראַך, זענען די גאַז־וואַגאָנען געווען פאַרשריבן אין די אינווענטאַר־רשימות.

אַן אויסשעפּנדיקע שילדערונג פון זיי און זייער טעטיקייט געפינט זיך אין שטרענג־געהיימען דאָקומענט וואָס דער דערפינדער האָט צוגעשיקט צום ס.ס. אָבערשטורמבאַנפירער ראַוף, אַ העכערער שטאַב־אָפיציר פון R.S.H.A, און דאָרט האָט ער געמאָלדן וועגן די ענדגילטיקע טעסטן און וועגן דער אינספּעקציע.

בעקער האָט געמאָלדן אַז די טעסטן פוןביידע טיפּן וואַגאָנען „סעריע I” און „סעריע II” זענען דערפירט ביזן סוף און אַז די בייטיקע רעגולאַציע און ענדערונגען זענען געמאַכט. סעריע I קאָן אַרבעטן כמעט ביי יעדן וועטער. סעריע II טויג ניט אפילו נאָך אַ קליינעם רעגן, און זי קומט אין באַטראַכט נאָר ביי אַן אַבסאָלוט טרוקענעם וועטער. מען האָט זיך אויך באַדאַרפט איבערלייגן, צי זאָל מען זיך באַנוצן מיט די וואַגאָנען בלויז ווען זיי שטייען אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ. עס זענען אַנטשטאַנען פיל שוועריקייטן, דער עיקר ביים אַריבערפירן די וואַגאָנען. דעם פּלאַץ פאַר די עקזעקוציעס האָט מען געוויינלעך אויסגעקליבן מיט אַ צען מייל ווייטער פונעם הויפּט־שאָסע, און אין אַ פייכטן וועטער איז קוים מעגלעך געווען אַהין צוקומען. עס איז אויך ניט געווען באַקוועם צו טרייבן אַהין די קרבנות צו פוס, ווייל זיי האָבן דאָך געקאָנט ווערן פאַרדעכטיק און אומרויק. אַט־דאָס איז געווען „ניט־געווונטשן”. האָט בעקער פאָרגעלייגט, אַלס די איינציקע לייזונג, „אָנגערוזעווען” זיי אויף מאַשינעס (ער האָט געשריבן וועגן זיי ווי וועגן סחורה) און פירן זיי צום פּלאַץ.

בעקער האָט געגעבן אינסטרוקציעס צו פאַרמאַסקירן די וואַגאָנען פון גרופּע ״D״ אַלס שלעפּ־מאַשינעס, מיט לאָדן אויף די פענצטער פון ביידע זייטן אין די קליינע מאַשינעס, און מיט טאָפּל לאָדנס אין די גרעסערע מאַשינעס. און דאָך זענען זיי געוואָרן אַזוי גוט באַקאַנט, אַז זייער גיך האָבן זיי ניט בלויז אין דער אַרמיי נאָר אויך צווישן דער באַפעלקערונג געהייסן „טויט וואַגאָנען”. און בעקער האָט געמיינט אַז אויך דער קאָמופלאַזש וועט ניט העלפן האַלטן דעם ענין בסוד. דאָס יאָגן און טרייסלען זיך אויף שלעכטע ניט ברוקירטע וועגן האָט לויז געמאַכט די זיכער־קלאַפּעס און מען האָט געמוזט אָפט אָנקומען צו די וואַרשטאַטן פון דער איינהייט. די שאָפערן און די מאַשיניסטן האָט מען באַפוילן זיך האַלטן פון דערווייטנס בשעת דער עצם פאַרגאַזונג, כדי אויסצומיידן די שעדלעכע ווירקונג פון דער אויסדאַמפונג.

בעקערס ראַפּאָרט האָט דערקלערט ווייטער:

ביי דער געלעגנהייט וואָלט איך געוואָלט צוציען אייער אויפמערקזאַמקייט צום פאָלגנדן ענין: איייניקע קאָמאַנדאָס

האָבן ביים אויסלאָדן די קערפּערס, נאָך דער פאַרגאַזונג, זיך באַנוצט מיט זייערע אייגענע מענטשן. עס באַשטייט אַ גרויסע געפאַר אַז דאָס זאָל אויסווירקן אויף זייער געזונט, אויב ניט גלייך, איז יעדנפאַלס שפּעטער. די קאָמאַנדירן ווילן ניט אָפּשאַפן דעם באַפעל, ווייל זיי האָבן מורא זיך באַנוצן מיט געפאַנגענע, טאָמער וועלן יענע מאַכן אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן.

מיטן גאַז באַגייט מען זיך ניט שטענדיק ווי עס באַדאַרף צו זיין. כדי וואָס שנעלער פאַרטיק צו ווערן, דריקט דער שאָפער אויפן אַקצעלעראַטאָר מיטן גאַנצן כוח. און דערפאַר ווערן די קרבנות דערשטיקט צום טויט, און ניט איינגעדרעמלט אויף אייביק, ווי אָנגעצייכנט. אויב מען שטעלט אָן ריכטיק דעם הייבער, קומט דער טויט שנעלער, און די געפאַנגענע ווערן רויק איינגעשלאָפן. פריער האָבן די פּנימער פון די קרבנות און אַנדערע סימנים געוויזן, אַז זיי זענען געשטאָרבן אין מאַטערנישן.

אין 1941, אין משך פון איין חודש סעפּטעמבער, זענען דורך אָלענדאָרף׳ס קאָמאַנדאָס דערהרגעט געוואָרן אין דער סביבה פון ניקאָלאַיעוו 35,000 סאָוועטישע בירגער, דאָס רוב יידן. וועגן יעדן איינציקן בלוט־באַד האָט מען פלאַנמעסיק, פּינקטלעך און גענוי געמאָלדן אין דער שטאַבסקוואַרטיר: „די קאָמאַנדאָס הערן ניט אויף צו מאַכן די אַרענע ריין פון יידן און פון קאָמוניסטישע עלעמענטן. אינעם איצטיקן פּעריאָד, ד.ה., 16־טן—30־טן סעפּטעמבער 1941, זענען ספּעציעל די שטעט ניקאָלאַיעוו און כערסאָן ריין געוואָרן פון יידן, און די רעגירונגס באַאַמטע וואָס זענען געבליבן אויפן אָרט האָט מען באַהאַנדלט געהעריק... די טאָטאַלע ציפער איז 35,782״ *).

נאָך 2,000 זענען דעם 13־טן אָקטאָבער 1941 דערהרגעט געוואָרן דורך ס.ד. איינהייטן וואָס ביי דער פאָן־מאַנשטיין־אַרמיי. דאָס איז געווען די טעמע פון אַ רעגולערן ראַפּאָרט, וואָס דער בירגער־מייסטער פון מעליטאָפּאָל האָט געשיקט צום שטאַב פון דער הינטער־לאַנד אַרמיי. דער ראַפּאָרט האָט באַשריבן ווי די שטורעם־אָפּטיי־

*) אַ ראַפּאָרט פון R.S.H.A צום פיורער, דאַטירט 2־טן אָקטאָבער, 1941.

לונגען פונעם שטאָב זענען אָנגעקומען אין שטאָט, ווו עס זענען געבליבן 40,000 איינוווינער. אַלע יידן, אין דער צאָל פון 2,000, זענען דורך די ס.ד. אומגעבראַכט געוואָרן. ד'ער ראַפּאָרט ענדיקט זיך אַזוי: „די באַפעלקערונג ווייזט אַרויס צוטרוי צו די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות, און ספּעציעל זענען די אוקראַינער דאַנקבאַר פאַר זייער באַפרייונג".

איינגאַנצן מיט אַ צוויי וואָכן שפּעטער זענען נאָך 8,000 אומ־געקומען אין מאַריופּאָל. ווען די דייטשישע אַרמיי איז אַריין אין אָט־דער שטאָט, האָבן די ס.ד. אויסגעהרגעט די יידן, און די אַרמיי האָט איבערגענומען זייערע באַפרייטע היימען. אַלע קליידער זענען, נאָכן אויסרייניקן, איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. די קאָמענדאַטור האָט באַשטימט אַ נייעם בירגערמייסטער, ווייל די וייב פונעם פריערדיקן בירגערמייסטער איז געווען, ביז איר טויט, אַ יידישע.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין קרים, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן, ווי עס ווייזט דער פאָלגנדער ראַפּאָרט פון דער איינזאַצגרופּע:

יידן: סימפערעאָפּאָל, יעווּפּאַטאָריאַ, אַלושטאַ, קאַראַסאַ־באַזאַר און פעאָדאָסיאַ, און אַנדערע דיסטריקטן אין מערב קרים, זענען ריינגעמאַכט פון יידן; צווישן דעם 16־טן נאָוועמבער און דעם 15 דעצעמבער 1941, זענען אומגעבראַכט געוואָרן 17,645 יידן. קלאַנגען וועגן די עקזעקוציעס אין אַנדערע זאָנעס האָבן זייער פאַרשווערט די לאַגע אין סימ־פעראָפּאָל. די ידיעות וועגן די אַקציעס קעגן די יידן האָבן פאַרשפּרייט די אַנטלאָפענע יידן אָדער די ניט אָפּגעהיטע רייד פון די דייטשישע זעלנער.

די יידישע באַפעלקערונג אין מערב קרים האָט צום סוף 1942, לויט דער דייטשישער אָפּשאַצונג, געציילט אַרום 40,000, אומגעפער אַ פערטל פון אָט־דער צאָל האָבן געוווינט אין סימפעראָפּאָל טאַקע.

אָנהייב דעצעמבער 1941 איז די שטאַבסקוואַרטיר פון דער איינ־זאַצגרופּע 'D', אַריבער פון אָדעס קיין קרים און זיך באַזעצט אין סימפעראָפּאָל. איינע פון די קאָמאַנדאָס האָט שוין באַוויזן צו

רעגיסטרירן און סעפּאַרירן די ייִדן, ווען דער ס.ס. פֿאַרבינדונגס אָפֿיציר ביים אַרמיי־שטאַב האָט אינפֿאָרמירט אָלענדאָרף׳ן, אַז די אַרמיי פֿאָדערט צו פֿאַרענדיקן מיטן שיסן אַלע ייִדן אין סימפֿעראָפּאָל נאָך פֿאַר ווייַנאַכט.

די אויפֿגאַבע איז אָנפֿאַרטרויט געוואָרן דער קאָמאַנדאָ B II. דער קאָמאַנדיר, קאַרל רודאָלף בראַון, איז ניט געווען אין שטאַנד אַליין אויספֿירן די מיסיע מיט די אייגנהייט־כוחות, און ער האָט זיך געווענדט נאָך הילף צו דעם פֿאַרזאָרגונגס־צווייג ביים אַרמיי שטאַב. מען האָט צוגעשטעלט צו זיין דיספּאָזיציע לאַסט־מאַשינעס, אויטאָס, מאָטאָציקלען, שאָפֿערן און וועכטער, מיטן תּנאי אַז די זעלנער זאָלן ניט נעמען קיין אָנטייל אינעם עצם־שיסן, נייערט בלויז אַרויסהעלפֿן ביים טראַנספּאָרט און ביי דער באַוואַכונג.

די עקזעקוציע האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט צונויפֿגענומען די ייִדן, מענער, פֿרויען און קינדער, אין זאַמל־פּונקטן, אַרויפֿגעזעצט זיי אויף לאַסט־אויטאָס און קאָנוואָירט, מיט געהעריקע אינטערוואַלן, צום עקזעקוציע־פּלאַץ, אַן אַנטי־טאַנקן גרוב ניט ווייט אויסער דער שטאָט. דאָרט האָט מען זיי דערשאָסן. צום סוף פֿונעם דריטן טאָג איז מען מיט אַלעמען פֿאַרטיק געוואָרן.

מיטן אייגנטום פֿון די קרבנות האָט מען זיך באַגאַנגען ווי געוויינלעך. אָבער אין אָט־דעם פֿאַל איז געווען אַן אויסנאַם, וואָס מען האָט געשיקט 120 זייגערס צו דער עלפֿטער אַרמיי, לויט זייערן אַ ספּעציעלן פֿאַרלאַנג.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען די בלוט־פֿאַרגיסונג — אַן אומזיניקע, געוויסנלאָזע פֿאַרטיליקונג פֿון אומשולדיקע בירגער — בלויז און אויסשליסלעך דערפֿאַר וואָס זיי זענען געווען ייִדן.

עס זענען געווען אייניקע דייטשישע באַאַמטע וואָס האָבן איינגעשטעלט און קריטיקירט דעם גאַנצן אופֿן פֿון די פֿאַרפֿאָלגונגען אין אוקראַינע, הגם ניט פֿון צו הויכע מאָטיוון.

דער דאָרטיקער פֿאָרשטייער פֿון דעם בערלינער דעפּאַרטמענט פֿאַר באַוואָפֿענונגס־אינדוסטריע האָט געמאָלדן זיין שעף, גענעראַל טאָמאַס, וועגן דער סיטואַציע אין דעם „רייכסקאָמיסאַריאַט אוקראַינע״.

דער ראַפּאָרט איז ניט געשיקט געוואָרן דורך אָפֿיציעלע אָרגאַנען און האָט געטראָגן דעם טיטל „פֿאַר דער פּערזענלעכער אינפֿאָרמאַציע

פונעם שעף פון דעם אינדוסטריעל־באַוואָפענונג דעפּאַרטמענט״. פונעם אינהאַלט ווערט קלאָר פאַרוואָס דער מחבר האָט אויסגעמיטן דעם געוויינלעכן וועג. און אָט וואָס ער זאָגט:

די יידישע באַפעלקערונג האָט פון אָנהייב אַרויסגעוויזן אַ גוטן ווילן. זיי האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן אַלעס וואָס קאָן ניט געפעלן דער דייטשישער אַדמיניסטראַציע. אַז זיי האָבן אין זיך געהאַסט די אַדמיניסטראַציע און די אַרמיי — איז קלאָר, און עס איז גאָר ניט קיין וווּנדער. עס זענען, אָבער, ניטאָ קיין באַווייזן, אַז דאָס יידנטום האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די סאַבאָטאַזש־אַקטן, הגם עס זענען געווען אייניקע סאַבאָטאַזשניקעס צווישן זיי, פּונקט ווי צווישן די אוקראַינער. מען קאָן ניט זאָגן אַז די יידן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געפאַר פאַר די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות. די אַרויסגעבראַכטע פּראָדוקציע פון די יידן, וואָס איז געווען אַן אויסשליסלעכער רעזולטאַט פון זייער פּחד, איז געווען אַ באַפרידיקנדע פאַר דער אַרמיי און פאַר דער דייטשישער אַדמיניסטראַציע.

אַ קורצע צייט נאָך די שלאַכטן האָט מען געלאָזט צו רו די יידישע באַפעלקערונג. אָבער שפּעטער האָבן ספּעציעלע פּאָליציי־פאָרמאַציעס דורכגעפירט פאַרויסגעפּלאַנטע מאַסן־דערשיסונגען. דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורכויס עפנטלעך, און מיטגלידער פון די באַוואָפנטע כוחות האָבן אין אַ סך פאַלן, ליידער, פרייוויליק זיך באַטייליקט דערביי. דער אופן ווי אַזוי אָט־די „אָפּעראַציעס״, וואָס האָבן איינגעשלאָסן דאָס הרגענען זקנים, פרויען און קינדער, פון פאַרשיידענעם לעבנס־עלטער, זענען פאָרגעקומען, איז פּשוט שוידערלעך. ביז איצט, זענען אין אָט־דעם טייל אוקראַינע דערהרגעט געוואָרן אומגעפער 150,000 ביז 200,000 יידן: מען האָט זיך אינגאַנצן ניט גערעכנט מיט די אינטערעסן פון דער עקאָנאָמישער לאַגע.

אין סך־הכל קאָן מען זאָגן אַז אָט־די אַרט פון לייזן די יידן־פראַגע אין אוקראַינע, וואָס איז באַשיימפּערלעך באַזירט אויף אידעאָלאָגישע טעאָריעס, האָט געבראַכט די פאָלגנדע רעזולטאַטן: —

(א) אויסראָטונג פון אַ צאָל אומזיסטע עסערס אין די שטעט.

(ב) אויסראָטונג פון אַ טייל באַפעלקערונג וואָס האָט אונדז אָן שום ספק געהאַסט.

(ג) אויסראָטונג פון בייטיקע פאַכמענער וואָס אין אַ סך פאַלן, אויך אין די אינטערעסן פון די באַוואָפנטע כוחות, איז שווער צו באַגיין זיך אָן זיי.

(ד) קלאָרע קאָנסעקווענצן אין באַצוג אויף אויסלענדישע פראָפּאַגאַנדע־פּאָליטיק.

(ה) שלעכטע אויסווירקונג אויף דער אַרמיי וואָס איז, יעדנפאַלס, אומדירעקט פאַרבונדן מיט די עקזעקוציעס.

(ו) ברוטאַליזירנדיקע ווירקונג אויף די פאָרמאַציעס וואָס פירן אויס די עקזעקוציעס.

דער ראַפּאָרט פונעם פּלייסיקן באַאַמטן, וואָס אים זענען דאָך ניט געווען פרעמד געפילן פון מענטשישן מיטלייד, זאָגט זייער אַ סך.

אויף די קריגספאַרברעכנס־פּראָצעסן האָבן די אָנגעקלאָגטע דייטשן אָפט אַרויסגערוקט די טענה, אַז דער ציל פון מלחמה איז בייצוקומען דעם שונא, און אַז דער ציל באַרעכטיקט אַלע מיטלען. אין פאַל פון אַ מיליטערישער נויטווענדיקייט, מעג מען אויך ברעכן די קריגס־געזעצן, אויב דאָס קאָן נאָר העלפן אָפּצוווענדן אַ געפאַר אָדער בייצוקומען דעם שונא.

אָט די טעאָריע וואָרצלט ווייט צוריק אין דער געשיכטע פון קריגפירונג און שטאַמט פון יענע צייטן ווען קריגפירונג איז ניט געווען רעגולירט דורך קריגס־געזעץ, נייערט בלויז דורך מינהגים. עס איז אינטערעסאַנט אַז דער מקור פון דער טעאָריע איז אַ דייטשישער, הגם ניט אַלע דייטשן וואָס גיבן זיך אָפּ מיטן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ האַלטן עס אונטער. איינער פון זיי, סטרופּ (Strup), שאָקלט זיך אָפּ דערפון מיט די ווערטער: „אויב די מיינונג וואָלט געווען באַרעכטיקט, וואָלטן ניט עקזיסטירט קיין שום געזעצן פון קריגפירונג, ווייל יעדע פאַרשריפט קאָן ווערן דערקלערט פאַר אומפּראַקטיש פון אַ מיליטערישן שטאַנדפּונקט".

ווייטער, אינעם פאָרוואָרט צו דער האַג־קאָנווענץ IV איז

אויסדריקלעך פעסטגעלייגט, אַז די פאַרשריפטן פון קריגפירונג זענען פאָרמולירט געוואָרן נעמענדיק אין אַכט די פאָדערונגען פון מיליטערישער נויטווענדיקייט, די אָנווייזונגען פון דער קאָנווענץ „זענען געוואָרן אינספּירירט דורכן ווונטש צו פאַרקלענערן די פּלאָגן פון מלחמה ווי ווייט די מיליטערישע פאָדערונגען דערלויבן עס *).

ווען אַן אָקופּיר־מאַכט פאַרוואַלטעט אַדמיניסטראַטיוו מיט אַ טעריטאָריע, ווו די באַוואָפנטע כוחות זענען באַשעפטיקט מיט מיליטערישע אָפּעראַציעס אָדער זיי זענען דאָרט איינקוואַרטירט ווי גאַרניזאָן־טיילן, — איז די מאַכט באַרעכטיקט אָנצונעמען אַלע געהעריקע און נייטיקע מיטלען כדי זיכערצושטעלן און אויסהאַלטן די אַרמיי.

עס איז קלאָר, אַז די יידן אַלס אַזעלכע האָבן ניט פאַרגעשטעלט אין אוקראַינע קיין געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון די דייטשישע באַוואָפנטע כוחות, און זיי זענען געווען מער גענייגט צו קאָ־אָפּערירן, איידער אַרויס מיט אַ ווידערשטאַנד.

דעריבער קאָנען די פאַראַנטוואָרטלעכע אפילו ניט טענה'ן, אַז דער מאָרד פון די יידן איז געווען אַ מיליטערישע נויטווענדיקייט; און די דייטשן, וואָס אַן אמת, האָבן אויך ניט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן דערמיט. מען האָט די יידן אויסגעהרגעט איבער זייער שטאַם. די ענדגילטיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע האָט זיך אָנגעהויבן.

האָט דאָך איין עדות אויפן נירענבערגער פּראָצעס געזאָגט, „אויב אין משך פון יאָרן ווערט געפּרעדיקט אַ דאָקטרין, אַז די סלאַווישע ראַסע איז פון אַ נידעריקן מין, און אַז די יידן זענען בכלל ניט קיין מענטשישע באַשעפענישן, — איז אַזאַ אַרט עקספּלאָזיע אומפאַרמיידלעך" **).

אָבער זיי האָבן געוואָלט אויסראָטן ניט בלויז די רוסישע יידן,

*) International Law פון אָפּענהיים, באַנד II, 6־טע אויפלאַגע, רעד. דורך לאַוטערפּאַכט.

**) די גבית עדות איז פון פאַן דעם באַך — זעלעווסקי. דעם 7־טן יאַנואַר, 1946.

ווען און וווהין די דייטשישע כוחות האָבן נאָר אַריינגעדרונגען, אונטער דעם „קרומען קרייץ״ *), איז מיטגעגאַנגען מיט זיי די „איבערזידלונג פון יידן״ **).

פרילינג און זומער 1942, זענען אין פוילן אויפגעשטעלט געוואָרן די פאַרניכטונגס־לאַגערן טרעבלינקע א׳ און ב׳. אָט־די לאַגערן זענען געווען אַ וויכטיקער טייל פון דער מאַשינעריע וואָס האָט געאַרבעט אויף דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג פון דער יידישער עדה אין פוילן.

אין אָט־די צוויי לאַגערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן. די ערשטע באַן טראַנספּאָרטן זענען אָנגעקומען אין יולי 1942, און פון דאַמאָלס אָן ביזן סוף 1943 זענען די קאָנוואָיען געקומען סיסטעמאַטיש און רעגולער.

די בלוט־פאַרגיסונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט צוויי־ערליי אַרט מעטאָדן — דאַמפּ און גאַז. די ערשטע אויפגעשטעלטע געביידע האָט געהאַט דריי גאַז־קאַמערן, אָבער צו האַרבסט 1942 איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ נייע געביידע מיט נאָך צען גאַז־קאַמערן. די איינריכטונגען ביים פאַרברענען די קערפּערס זענען געווען פרימיטיוו, אין פאַרגלייך מיט די מער מאָדערנע מעטאָדן אין אייניקע אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. עס זענען ניט געווען אין דער קרעמאַטאָריע קיין אויוונס, נאָר ברייטע בראַטאייזנס, געמאַכט פון באַן־רעלסן און אויפגעשטעלט אויף בעטאָן־געשטעלן. און אויף דעם האָט מען אויסגעלייגט די קערפּערס, צו 2,000 אויף איין מאָל.

אין לאַגער איז געווען אַ געביידע וואָס האָט געהייסן „לאַזאַרעט״ אָדער שפּיטאָל, אָבער קיין קראַנקע האָט מען דאָרט ניט באַהאַנדלט. די געביידע איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּלויט, און דער אַריינגאַנג האָט געפירט דורך אַ קליינעם באַראַקל, אויף וועלכן עס האָט געפלאַטערט די פאָן פון רויטן קרייץ. דורך דעם באַראַקל איז מען אַריינגעקומען אין אַ וואַרט־צימער מיט פּלושענע קאַלירטע דיוואַנען, און דאָ האָבן די קרבנות צוטרוילעך געוואַרט. הינטער דעם איז געווען אַ גרוב, און ביים ראַנד פון דער גרוב האָט אַ

---

*) האַקנקרייץ — גערופן דורך די פראַנצויזן ״La croix gammée״.

**) נאָך איין מליצה־וואָרט פאַר אויסראָטונג.

ס.ס.־מאַן געשאָסן פון אַ רעוואָלווער אין נאַקן פון יעדן קרבן, ווי גאָר מען האָט יענעם אַרויסגעפירט פונעם וואַרט־צימער. אויף אַזאַ אופן פלעגט מען אויסהרגענען אינוואַלידן, אַלטע לייט, און פיצלעך קינדער, וואָס זיי זענען געווען צו שוואַך אָדער צו יונג אויף אַריינצוגיין אַליין אין די גאַז־קאַמערן.

ווען די יידן זענען אָנגעקומען אויף דער טרעבלינקע סטאַציע, האָט מען קיין צייט ניט פאַרלאָרן. מען האָט אויפגעעפנט די וואַגאָנען און די נאָך־לעבעדיקע האָט מען אַריינגעטריבן אין ספעציעל־פאַרצוימטע ערטער. דערווייל האָבן יידישע אַרבעטער אַרויסגעשאַרט פון די וואַגאָנען די טויטע קערפערס. אין יעדן וואַגאָן זענען געווען צוזאַמענגעדרענגט אַ 200 יידן, און אַ סך זענען אויפן וועג געשטאָרבן.

וואָס עס האָט פאַסירט מיט די ניי־אָנגעקומענע ווערט דערציילט אין אַן אָפיציעלן ראַפאָרט פון דער פוילישער רעגירונגס־קאָמיסיע, וואָס האָט געפאָרשט די דייטשישע פאַרברעכנס אין פוילן.

נאָכן אויסלאָדן די קרבנות אויפן פעראָן, האָט מען זיי אַלע פאַרזאַמלט אויף איין אָרט... דאָרט האָבן זיי באַדאַרפט אַראָפנעמען זייערע קליידער און שיך. די מענער האָבן עס געטאָן אין הויף און די פרויען און קינדער אין אַ דערבייִקן באַראַק. די פרויען האָט מען אָפגעשאָרן די האָר, און דעם גאַנצער קאָנוואָי, מענער, פרויען און קינדער, איצט נאַקעט און אָפגעגאָלט, האָט מען געטריבן אין דער לענג פונעם וועג צו די גאַז־קאַמערן. געזאָגט האָט מען זיי, אַז זיי גייען אין אַ וואַש־שטוב.

ווען זיי האָבן דערגרייכט די טויטן־קאַמערן, האָט מען זיי אַריינגעשטופט אַהין, מיט זייערע הענט איבער די קעפ, כדי מען זאָל קאָנען אַריינקוועטשן אַהין וואָס מער. די קינדער האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די קעפ פון די דערוואַקסענע. טיילמאָל פלעגט מען די קינדער פריער הרגענען... איין ס.ס.־מאַן האָט זיך אין דעם ספעציאַליזירט, ער פלעגט זיי אָנכאַפן פאַר די פיס און דערהרגענען זיי דורך איין זעץ מיטן קעפל אין וואַנט... די פאַקטישע פאַרגאַזונג האָט געדויערט אַרום פופצן מינוט, און ווען מען האָט געהאַלטן אַז אַלע זענען

טויט, האָט מען צעעפנט די טיר, און אַ יידישע אַרבעט־בריגאַדע האָט זיי אַרויסגענומען און צוגעגרייט דאָס צימער פאַר אַ נייער גרופּע.

דאָס האָב און גוטס פון די קרבנות האָט מען איינגעזאַמלט, סאָרטירט, און נאָכדעם איבערגעשיקט אין רייך, די האָר פון די מענטשן האָט מען אויסגעדעמפּט, איינגעפּאַקט אין באַלאַנס, אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד, און פאַרנוצט פאַר דער אויסאַרבעטונג פון מאַטראַצן.

די לאַגערן אין טרעבלינקע האָבן אָבער ניט געקאָנט אַנטקעגנקומען אַלע פאָדערונגען, און מען האָט געמוזט אויפשטעלן נאָך איין פאַרניכטונגס־לאַגער אין כעלמנאָ. דאָרט זענען אומגעבראַכט געוואָרן 300,000 יידן פון דער פּאָזנאַנער און לאָדזער געגנט.

די פּראָצעדור איז געווען די זעלבע ווי אין טרעבלינקע, און ביי דער „שמוציקער אַרבעט" האָט מען באַשעפטיקט יידן. פון צייט צו צייט פלעגט מען אָפּרוימען אָט־די יידישע אַרבעט־בריגאַדעס און זיי פאַרבייטן מיט פרישע כוחות. ווען עס איז געקומען די צייט צו ליקווידירן די גרופּע אַרבעטער, האָבן די ס.ס.־לייט זיך געלאָזט שטאַרק ווילגיין, געטריבן ספּאָרט און זיך אָפּט באַנוצט מיט זיי „ווי מיט לעבעדיקע צילן, געשאָסן אין זיי ווי אין האָזן".

ווי ווייט מען קאָן פעסטשטעלן, ווייל די לעצטע פאַר מלחמה־דיקע פאָלקס־ציילונג איז אין פּוילן געווען אין יאָר 1931, זענען אינעם מאָמענט ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מיט זייער אינוואַזיע, געווען דאָרט 3,300,000 יידן. די ענדגילטיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פּוילן איז, דעריבער, ניט געווען אַזאַ לייכטע אויפגאַבע.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק, האָט געזאָגט אין 1941: „וואָס זאָלן מיר מאַכן מיט די יידן? מיינט איר אַז מיר דאַרפן זיי באַזעצן אין אָסטלאַנד? צו וואָס טויג אָט־דער גאַנצער פּלאָפּל? בקיצור, ליקווידירט זיי מיט אייערע מיטלען. מיר מוזן אונטערנעמען שריט זיי צו פאַרשניידן. די גענעראַל־גובערניע דאַרף זיין פונקט אַזוי פריי פון יידן ווי דער רייך".

פון זייער ערשטן אינוואַזיע־טאָג אָן אין פּוילן, האָבן די נאַציס

גלייך צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זייער פּלאַן אויסצוראָטן די יידן.

צו ערשט האָט מען די יידן אָוועקגעשטעלט אויסערן געזעץ; אָוועקגענומען ביי זיי דאָס רעכט אויף זייער אייגן פאַרמעגן און זיי געצוווּנגען צו טראָגן אַ ספּעציעלע לאַטע אויף זייערע קליידער. מען האָט אויפגעשטעלט געטאָס, קאָנפיסקירט ווערט־זאַכן, און אפילו די שפּייזנאָרמע געמאַכט אַ קלענערע פאַר יידן ווי פאַר די אַנדערע איינוווינער. יידן האָבן געטאָן צוואַנג־אַרבעט און פלעגן ווערן טעראָריזירט און שטרענג באַשטראָפט פאַר די מינדסטע עבירות.

די פאַרפאָלגונג איז אָנגעגאַנגען ווייטער און איז געוואָרן אַלץ אינטענסיווער און שטאַרקער. מען האָט ביי זיי גענומען ערבות־לייט, און מען האָט זיי סיסטעמאַטיש דערנידעריקט און געמאַכט זיי צו שאַנד און צו שפּאָט. זייערע פרויען האָט מען געקאָנט שענדן אומבאַשטראָפט, זייערע געבעט־הייזער מחלל געווען און פאַרברענט. מען האָט געמאַכט זייערע קראָמען הפקר, און — מען האָט אָנגעהויבן די עקזעקוציעס. די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ יאַגד אויף יידן און ביי די געכאַפּטע רבנים האָבן זיי אָפּגעשניטן אָדער אַרויסגעריסן די בערד. מען האָט געצוווּנגען די יידן טאָן די שמוציקסטע און נידעריקסטע אַרבעט: רייניקן די קלאָזעטן מיט די הענט; זאַמלען פערדיש קויט אין די גאַסן און אָנפילן דערמיט זייערע היט און קעשענעס.

נאָכדעם איז געקומען די ענדגילטיקע לייזונג — די מאַסנמאָרדן אין די טויטנלאַגערן, ווי שוין געשילדערט. פון דער פאַראַנענער סטאַטיסטיק ווייזט זיך אַרויס אַז די טאָטאַלע פאַרטיליקונג, לויט הימלער׳ס באַפעל אין 1942, איז כמעט דערגרייכט געוואָרן. פון די 3,000,000 אָדער מער יידן וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן אין 1939, האָט מען אין 1946 געקאָנט איבערציילן בלויז און נאָר 50,000. און ניט ווייניקער ווי 2,600,000 זענען אומגעקומען.

אין פראַנקרייך האָט די דייטשע אָקופּיר־מאַכט אַרויסגענומען פונעם פאַרקויף אַלע ביכער אינגאַנצן אָדער טיילווייז געשריבן פון יידישע מחברים, אויסער ספּעציעלע אויסנאַמען פון וויסנשאַפטלעכע

ווערק. אפילו ביאָגראַפיעס פון יידן, געשריבן דורך אַריער, זענען אויך געווען אויף דער פאַרבאָטענער „אָטאָ“ ליסטע*). אויך די ביאָגראַפיע פון אָפענבאַך איז אַרויסגענומען געוואָרן פונעם פאַרקויף איבער דער זעלבער סיבה.

שפּעטער זענען געקומען די עקאָנאָמישע מאַסמיטלען, באַליי־דיקונגען און קליינע פּראָוואָקאַציעס, די געלע לאַטע, און אַנדערע בלוט־צאַפּענישן. מען האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל אַנטי־סעמיטישע דעקרעטן, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט דעם בירגערשטאַנד פון פראַנצייזישע יידן.

עס איז די גאַנצע צייט געווען אַ כוונה סוף־סוף צו דעפּאָרטירן אַלע יידן פון פראַנקרייך מיטן צוועק זיי צו פאַרטיליקן, און נאָר דער טעמפּאָ פון דער אויספירונג איז דאָ געווען אַן אַנדערער.

עס קאָן זיך דאַכטן אַז די דייטשן וואָלטן געדאַרפט זיין פאַרינטערעסירט אין אַ יידן־עמיגראַציע, כדי פטור צו ווערן פון די יידן. אָבער עס איז אַזוי ניט געווען, ווי עס ווייזט די פאָלגנדע קאָרעספּאָנדענץ.

פונעם שטאַב פון דער ציווילער אַדמיניסטראַציע אין באָרדאָ צום הויפּט־ביוראָ אין פּאַריז, דעם 22־טן יולי 1941.
עס איז פעסטגעשטעלט אַז אַרום הונדערט און פופציק יידן געפינען זיך נאָך אויף דער טעריטאָריע פון דער דיסטריקט־קאָמאַנדע פון סט. זשאַן דע לוז. בשעת אונדזערן אַ געשפּרעך מיטן דיסטריקט־קאָמאַנדיר, מאַיאָר הענקעל, האָט יענער געפרעגט, צי דאַרפן ניט די יידן פאַרלאָזן דעם דיסטריקט ווי מעגלעך שנעלער. דערביי האָט ער זיך געאוי־סערט אַז איידער צו פאַרשיקן זיי אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָלט געווען אַ סך בעסער צו דערלויבן זיי עמיגרירן.

עס האָט זיך באַקומען אַן ענטפער אַז דער פאַרשלאַג פונעם מאַיאָר הענקעל ווערט ניט אָנגענומען, ווייל R.S.H.A. האָט אַרויס־געלאָזט אַ דעקרעט ווי ווייט מעגלעך ניט צו דערלאָזן אַז יידן

---

*) אַזוי אָנגערופן לויטן נאָמען פון אָטאָ אַבעץ.

זאָלן עמיגרירן פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס אין מערב און פון דער ניט אָקופּירטער פראַנקרייך.

די מיליטער־קאָמאַנדע אין פּאַריז האָט באַקומען אָט־דעם דעקרעט און האָט דעם באַפעל אַריבערגעשיקט ווייטער מיט אָט־די ווערטער: „דער רייכספּירער ס.ס. האָט באַפוילן אַז מען זאָל, ריין פּרינציפּעל, ניט דערלאָזן קיין שום יידן־עמיגראַציע פון דייטשלאַנד און פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס".

מיט די יידן־ענינים האָט זיך אין דער אָקופּירטער פראַנקרייך פאַרנומען דער ס.ס. אָבערשטורמפירער דאַנעקער. אין 1941 האָט ער פאַרפאַסט אַ לאַנגן דין־וחשבון אונטערן טיטל, „די יידן־פראַגע אין פראַנקרייך און איר באַהאַנדלונג". דאָרט ווערט געגעבן אַ פאַר־איבערבליק פונעם פּראָבלעם אין יענעם לאַנד און עס ווערט קאַטעגאָריש פעסטגעשטעלט אַז די ענדגילטיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע געהערט צום רשות פון ס.ד. און סיפּאָ־דינסטן, וואָס זיי באַשעפטיקן זיך מיט אָט־דער זאַך.

די ווייטערדיקע טיילן באַהאַנדלען די געשיכטע פון די יידן אין פראַנקרייך און זייער אָרגאַניזאַציע. און דערנאָך גייט דער ראַפּאָרט אַריבער צו דער וויכטיקייט פון אַ קאַמף קעגן „פירנדע יידישע פערזענלעכקייטן", „פון די דאָקומענטן געזאַמלט אין דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, און פוילן", שטעלט פעסט דער ראַפּאָרט, „קאָן מען לערנען און אויספירן, אַז דער צענטער פונעם יודאיזם אין אייראָפּע און די הויפּט פאַרבינדונג־ליניען מיט יענער זייט ים, — מוז מען זוכן אין פראַנקרייך. דעריבער האָט מען רעווידירט און פאַרחתמעט די ביוראָען פון גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס".

דאַנעקער האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז עס עקזיסטירט אין פראַנקרייך אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן דעם קאַטאָליציזם און יודאַיזם און אַלס אַ באַווייז דערצו האָט ער אַרויסגעבראַכט די רעזולטאַטן פון די רעוויזיעס אין די הייזער פון ראָטשילדס משפחה, פון זשאָרזש מאַנדעל, דעם געוועזענעם מיניסטער פאַר די קאָלאָניעס, דעם פרעסע־אַטאַשע ביי דער בריטישער אַמבאַסאַדע, און די הערן מאַראָ־זשיאַפּערי און טאַרעס פון דער פראַנצייזישער אַדוואָקאַטור.

אין זיבן חדשים אַרום האָט דאַנעקער אַרויסגעלאָזט אַ ווייטער־דיקן ראַפּאָרט וואָס ווייזט, אַז פון זינט דעם ערשטן ראַפּאָרט האָט

די באַהאַנדלונג פון דער יידן־פראַגע געמאַכט אַ שנעלן פאָרשריט.

די קעפּלעך פון די פאַרשיידענע פּאַראַגראַפן אינעם צווייטן ראַפּאָרט זאָגן עדות וועגן דעם פאַרשנעלערטן ריטם. „די אויפגאַבן פון סיפּאָ און ס.ד. אין פראַנקרייך" — „קאַרטאָטעק פון יידן" — „פראַנצייזישע קאָמיסיע פאַר דער יידן־פראַגן" — „פראַנצייזישע אַנטי־יידישע פּאָליציי".

אָט־די קעפּלעך ווייזן, אַז די געסטאַפּאָ־נעץ האָט אַלץ מער און איינגער אַרומגעכאַפּט דאָס פראַנצייזישע יידנטום, אַז אַלע יידן זענען אַריבער אין רשות פון דער פּאָליציי, אַז עס איז וועגן דעם ענין געווען אַ קאָ־אָרדינאַציע צווישן דער אָקופּיר־מאַכט און ווישי, און אַז די פאַרהאַסטע מיליץ האָט געהאַט אַ ספּעציעלן אָפּצווייג פאַר דער יידן־באַהאַנדלונג.

דעם זעלבן יאָר האָבן זיך פרילינג־צייט אָנגעהויבן די ערשטע דעפּאָרטאַציעס פון די יידן, און פאַרן אַרויספאָרן האָט מען זיי אַלעמען באַרויבט פון זייער פראַנצייזישער בירגערשאַפט. אַרום יוני זענען דעפּאָרטירט געוואָרן העכער 100.000, אונטערן דעקמאַנטל פון אַ „יידישער איבערזידלונג". אָבער געשיקט האָט מען זיי צו אַן אויסמאַטערנדיקער צוואַנג־אַרבעט, וואָס האָט געפירט אין די גאַז־קאַמערן. נאָך אַ וויטערדיקער קאָנפערענץ צווישן דאַנעקער און R.S.H.A, זענען אַרויס נייע דירעקטיוון פאַר דער דעפּאָרטאַציע פון פראַנצייזישע יידן. אין די דירעקטיוון האָבן זיי געטראָגן דעם נאָמען „יידישער לעבעדיקער אינווענטאַר".

סוף אָקטאָבער 1942 זענען העכער 50.000 דעפּאָרטירט געוואָרן פון דער אָקופּירטער זאָנע, אָבער דער טעמפּאָ האָט ניט צופרידנ־געשטעלט די מאַכט, וועלכע איז געווען פאַרינטערעסירט אַריינצו־נעמען אין קאָן אויך די יידן פון דער ניט־אָקופּירטער זאָנע.

ביי די וויטערדיקע קאָנפערענצן מיט ווישי, האָט מען זיי געשטעלט פאַר אַ ביישפּיל די אַנדערע אייראָפּעישע לענדער ווו עס האָט בעסער מיט דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. דעריבער מוז פראַנקרייך פאַריכטן די שלעכטע לאַגע. גלייכצייטיק האָבן זיך די דייטשן אויך באַקלאָגט אויף דער באַציונג פון די איטאַליענער צו דער יידן־דעפּאָרטאַציע אין יענעם טייל פראַנקרייך, וואָס איז געווען אונטער דער איטאַליענישער אָקופּאַציע.

די איטאַליענער האָבן טאַקע שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ

פירונג, און מען האָט אָנפּאַרטרויט ווייבענטראַפּן אויפצוקלערן דעם ענין מיטן דוטשע.

אַ גרויסע צאָל דעפּאָרטירטע יידן האָט מען פאַרשיקט קיין אוישוויץ. אַ שטיק צייט האָט מען געהאַט זיך אָפּגעהאַלטן מיט דער דעפּאָרטאַציע אין גענעראַל־גובערניע, אָבער דערווייל האָט מען באַשלאָסן, גלייך ווי מען וועט נאָר באַנייען די טראַנספּאָרטן, אויך אַרויסצושיקן צוגן מיט קינדער.

די נאַציס האָבן זיך שטאַרק באַמיט צו פאַרדעקן דעם אמת, און צו שאַפן דעם איינדרוק אַז מען שיקט אַרויס פון פראַנקרייך גאַנצע משפחות. האָבן זיי אָרגאַניזירט, אַז די קאָנוואָיען זאָלן באַשטיין סיי פון דערוואַקסענע און סיי פון קינדער, לויט אַ פאַרויס־באַשטימטער פּראָפּאָרציע.

אָט דאָס איז געווען איינע פון זייערע דעפּאָרטאַציע־אינס־טרוקציעס: „די יידן וואָס קומען אָן פון דער ניט־אָקופּירטער זאָנע זאָלן זיך אין דראַנסי אויסמישן מיט די יידישע קינדער וואָס געפינען זיך איצט אין פּיטיוויעס און באָן־לאַ־ראָלאַנד, אַזוי אַז אין דער אַלגעמיינער צאָל פון 700 זאָלן זיין ווייניקסטנס 300 קינדער. לויט די אינסטרוקציעס פון R.S.H.A. דאַרף מען ניט שיקן קיין צוגן בלויז מיט קינדער".

די באַהאַנדלונג פון די יידן אין די נידערלענדער איז ניט געווען קיין בעסערע, און סייס־אינקוואַרט, דער רייך קאָמיסאַר פון האָלאַנד, איז געווען אומדערבאַרעמדיק אין זיין באַציונג צו זיי. אין אַ רעדע געהאַלטן אין אַמסטערדאַם אָנהייב 1941, האָט ער געזאָגט: „פאַר אונדז זענען די יידן ניט קיין האָלענדער. דאָס זענען שונאים וואָס מיט זיי איז ניט שייך צו שליסן ניט קיין וואָפנרו און ניט קיין שלום... מיר וועלן שלאָגן די יידן, ווו און ווען מיר וועלן זיי נאָר טרעפן, און יענע וואָס וועלן זיך אָננעמען פאַר זיי, וועלן מוזן טראָגן די קאָנסעקווענצן. דער פירער האָט דערקלערט, אַז די יידן האָבן אָפּגעשפּילט זייער לעצטן אַקט, און דעריבער, האָבן זיי אָפּגעשפּילט זייער לעצטן אַקט".

אַ סעריע פון אַנטי־סעמיטישע דעקרעטן, וואָס האָבן, ווי געוויינ־לעך, געמאַכט די יידן מיט דער בלאָטע צוגלייך, זענען פּראָקלאַמירט

געוואָרן. מען האָט זיי באַרויבט פון זייער באַזיץ־רעכט און פון זייערע בירגער־פרייהייטן. מען האָט זיי געצוואונגען צו רעגיסטרירן זייערע געשעפטן, אויך יעדער פירמע אָדער שותפות מיט אַ גרויסן יידישן אָנטייל, און די אָקופּיר־מאַכט האָט געקאָנט אייגנוויליק אַנולירן יעדער אַרבעט־קאָנטראַקט פון אַ יידן.

דאָס אַלץ זענען געווען בלויז די פאַר־מיטלען, און דאָס האָט פאַר דער דייטשישער מאַכט שפּעטער מעגלעך געמאַכט צו פאַר־ווירקלעכן די פּראָגראַם פון אַלגעמיינער אַנגראַ־דעפּאָרטאַציע.

פון דער אַלגעמיינער צאָל 140,000 יידן וואָס האָבן געלעבט אין האָלאַנד אינעם מאָמענט פון דער נאַצי־אינוואַזיע, זענען העכער 115,000 דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן. און עס איז גוט באַוווּסט, וואָס פאַר אַ גורל עס האָט דאָרט אויף זיי געוואַרט. נאָך אַנדערע צוויי טויזנט זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין בוכענוואַלד און מאַוטהאַוזען. פון יענע לאַגערן האָט מען, נאָך דער קרעמאַציע, צוגעשיקט זייער אַש צו די משפחות, פאַר אַן אָפּצאָל פון 75 גילדען.

צוזאַמען מיט דער דייטשישער אָקופּיר־מאַכט איז קיין בודאַפּעשט אַריינגעקומען אַן איינזאַצקאָמאַנדאָ פון סיפּאָ מיט דער אויפגאַבע, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע לענדער וווּ זיי האָבן אָפּערירט, צו ליקווידירן די אונגאַרישע יידן. זייער קאָמענדאַנט איז געווען ס.ס. אָבערשטורמפירער אַדאָלף אייכמאַן, אַ העכערער באַאַמטער פון R.S.H.A די איינהייט האָט אַרעסטירט אַלע פירנדע פּערזענלעכקייטן פון די יידישע פּאָליטישע און סוחרישע קרייזן אין אונגאַרן, צוזאַמען מיט די זשורנאַליסטן און אַלע דעמאָקראַטישע און „אַנטי־פאַשיסטי־שע" רעגירונגס־לייט.

פון צווישן די אונגאַרישע יידן וואָס מען האָט זיי געשיקט קיין אוישוויץ, האָט מען באַזונדער, אין אָפּגעצייכנטע וואַגאָנען, טראַנספּאָרטירט קינדער ביז פערצן יאָר, דערוואַקסענע עלטער פון פופציק, קראַנקע און מענטשן מיט אַ קרימינעלער פאַרגאַנגענהייט. די אַלע האָט מען, ביים אָנקומען אין לאַגער, גלייך אַוועקגעפירט אין די גאַז־קאַמערן. דער קאָמענדאַנט פון אוישוויץ, רודאָלף העס, האָט זיך מודה געווען, אַז אין די זומער חדשים פון 1944 האָט ער געשיקט צום טויט 40,000 אונגאַרישע יידן.

לאָרד ראַסעל אָף ליווערפּול

מען וואָלט נאָך און נאָך געקאָנט אויסציען אָט דעם שוידער און גרויל קאַטאַלאָג פון מאָרדן, אָבער עס בלייבט שטענדיק די זעלבע אַלטע געשיכטע. רעגיסטראַציע, סעפּאַראַציע, פּראָוואָקאַציע, דעגראַדאַציע, דעפּאָרטאַציע, עקספּלואַטאַציע, און עקסטערמינאַציע. דאָס זענען געווען די ריכטצייכנס פון יענעם יסורים־וועג אויף וועלכן די אומגליקלעכע ייִדן האָבן דורכגעמאַכט זייער לעצטן גאַנג.

די אַלע וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהערט דעם אָפּהילך פון שטיוול איבער דער דאָרפס־גאַס אָדער דאָס קלאַפּן פון געסטאַפּאָ אין זייער טיר; וואָס האָבן ניט געזען ווי מען דערשיסט אויפן מאַרק־פּלאַץ פּופציק פריינד און שכנים, אַלס רעוואַנש פאַר אַן אַטענטאַט אויף אַן איינצלנעם דייטשישן קורירער; וואָס מען האָט אין מיטן דער נאַכט ניט אַרויסגעריסן פון זייער היים אויף אייביק זייערע זין און טעכטער, — פאַר די אַלע מענטשן קאָנען די אַלע זאַכן קלינגען אומגלייבלעך און ניט־רעאַל.

דאָס אויסמאָרדן דורך די דייטשן העכער פינף מיליאָן אייראָפּעישע ייִדן שטעלט מיט זיך פאָר דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער וועלט־געשיכטע. אויב ניט די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון אייראָפּע איז געוואָרן פאַרטיליקט, איז עס בלויז אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס די נאַציס האָבן פאַרלאָרן דעם קריג איידער זיי האָבן באַוויזן צו ברענגען זייער „ענדגילטיקע לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע" צו אַ סוף פּסוק.

עֶפּילאָג

אײן קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט מען אין 1945, נאָכדעם װי מען האָט אים אױסגערײניקט פון זײנע טױטן־רעשטלעך, געעפנט פאַרן ברײטן עולם. דאָס איז געװען דאַכאַו, ניט װײט פון מינכען, און יעדער באַזוכער האָט פון דאָרטן מיטגענומען אַן אָנדענק, װאָס ער װעט קײנמאָל ניט פאַרגעסן.

ער האָט דאָרט געטראָפן נאָר געפאַנגענע דײטשן. באַשולדיקט אין באַגײן קריגס־פאַרברעכנס, האָבן זײ אָפּגעװאַרט זײער אורטײל אָדער באַפרײַונג. יעדער אײנער פון זײ האָט געװױנט אין אַ באַקװעמער, ליכטיקער, לופטיקער קאַמער, מיט עלעקטרישע באַלײכטונג, מיט צענטראַלער באַהײצונג פאַרן װינטער, מיט אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול. און מיט ביכער. זײ האָבן אױסגעזען גוט דערנערט, צירלעך־מאַנירלעך, מיט אַן אױסדרוק אױף זײערע פּנימער פון ליכטער פאַרװונדערונג. זײ האָבן אַ פּנים ניט גוט פאַרשטאַנען װאָס טוען זײ אײגנטלעך דאָ.

אַרױס פון די רײנע ציכטיקע װױן־ערטער, — איז דער באַזוכער אַריבער אױף דער צװײטער זײט לאַגער. דאָרט האָט זיך געפונען דער קרעמאַטאָריע הױף. דאָרטן, אין אַ פײן־אָפּגעהיטן צושטאַנד, איז געװען די גאַנצע מאַשינעריע פון טױט, אַזױ לאַנג באַנוצט אױף פּטור צו װערן פון די אַלע װאָס האָבן געהאַט די העזה זיך װאַרפן אין די אױגן פונעם פירער.

פאַרשװוּנדן זענען די טױטע קערפּערס װאָס האָבן געװאַרט אין דער ביי־געביידע אויף זייער ריי פאַרברענט צו װערן, דאַמאָלס, װען די גאַז־קאַמער האָט דערהרגעט מער װי די אױװנס האָבן געקאָנט אַרײַננעמען: פאַרשװוּנדן זענען די לאַנגע שורות אומגליקלעכע נפשות װאָס האָבן געװאַרט אינעם קלײדער צימער פאַר זײער רײ אַרײַנצוגײן אין דער טױט־קאַמער. זײ זענען פאַרשװוּנדן אױף אײביק; אָבער די געשפּענסטער זײערע זענען געבליבן, און דער אָנדענק זײערער פילט מיט זיך אָן און פילט אױס די לופט.

און דאָרט, רײן און אױסגעקערט, אין אָפן פאַר אַלעמען דאָס

צימער אַ ווו די קרבנות האָבן זיך אויסגעטאָן, די גאַז־קאַמער גופא מיטן קוק־לאָך דורך וועלכער דער אָפּעראַטאָר האָט אָבסערווירט די טויט־גסיסה ביזן סוף, כדי רעכטצייטיק אָנצושטעלן דעם עלעקטרישן פּעכער אויף אויסצורייניקן די לופט פון דער אויסדאַמפונג, די נאָענטע קרעמאַטאָריע, און די טראָג־בעטלעך אויף אייזערנע רעדלעך וואָס האָבן צוגעפירט די קערפּערס ביזן סאַמען מויל פון די אויוונס, דער קליינער צימער ווו די קערפּערס פלעגן ליגן אָנגעהויפט ביז דער סטעליע, און ווו עס זענען נאָך צו זען די סימנים פון זייערע פיס אויף די שטוקאַטורטע ווענט, די מאַשין צו שטויסן ביינער וואָס האָט זיי פאַרוואַנדלט אין מיסטיקונג פאַר דער שכנישער לאַנד־ערד, און דאָס צימער ווו מען האָט אָפּגעלייגט דעם אַש.

דער באַזוכער איז פאַרבייגעגאַנגען אָט־די צימערן און זיך צוגעקוקט צו דער אַרענע פון אַזויפיל יסורים און טראַגעדיעס, און עס האָט זיך אים געדאַכט אַז זיינע נאָז־לעכער פילן דעם געשטאַנק פון די פאַרפוילטע קערפּערס און דעם ריח פון געסמאַלעטן פלייש. און ווען ער איז אַרויס אויף דער ריינער פרישער לופט און האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, כדי צו באַפרייען זיך פון דער שרעקלעכער בייזער וויזיע, — וואָס אַזוינס האָט ער דערזען? צוגענעגלט צו אַ שטאַנג אויפן קרעמאַטאָריע־דאַך, איז געשטאַנען אַ קליין דאָרפיש נעסט־קעסטל פאַר ווילדע פייגל, צוגעפּעסטיקט דאָרט דורך עפעס אַ סכיזאָפרעניש ס.ס.־מאַן.

דאַמאָלס, און נאָר דאַמאָלס, האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט עס אַ פאָלק וואָס האָט געגעבן דער וועלט געטע און בעטהאָווען, שילער און שובערט, אויך געגעבן דער וועלט — אוישוויץ און בעלזען, ראַווענסברוק און דאַכאַו.

אַפּענדיקס

דעם דייטשישן זעלנערס צען געבאָטן

(געדרוקט אינעם אָפּצאָל־ביכל פון יעדן דייטשישן זעלנער)

1. אין דעם קאַמף פאַר נצחון זאָל דער דייטשישער זעלנער אָפּהיטן די כּללים פון ריטערישער קריגפירונג. אכזריות און אומזיניקע צעשטערונג זענען נידעריקער פון זיין שטאַנד.
2. זאָלן קעמפּענדיקע טראָגן אַן אוניפאָרם אָדער אַ ספּעציעלן קלאָר און דייטלעכן אָפּצייכן. צו קעמפן אין ציווילע קליידער אָדער אָן אַזעלכע אָפּצייכנס איז פאַרבאָטן.
3. קיין שום שונא וואָס גיט זיך אונטער זאָל ניט ווערן געטייט. זיי זאָלן געזעצמעסיק באַשטראָפט ווערן דורך אַ געריכט.
4. קריגס־געפאַנגענע זאָלן ניט ווערן שלעכט באַהאַנדלט אָדער באַליידיקט. מען דאַרף אַוועקנעמען ביי זיי דאָס געווער, די קאַרטן, און רשימות, אָבער מען זאָל ניט אָנרירן זייערע פּערזענלעכע זאַכן.
5. דום־דום קוילן זענען פאַרבאָטן, זאָלן אויך קיין שום אַנדערע קוילן ניט ווערן פאַרוואַנדלט אין דום־דום.
6. אַנשטאַלטן פון דעם רויטן קרייץ זענען אומבאַרירלעך. פאַר־ווונדעטע שונאים זאָלן ווערן באַהאַנדלט באַרעמהאַרציק. דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל און די אַרמיי גייסטלעכע דאַרפן ניט געשטערט ווערן אין זייער מעדיצינישער און רעליגיעזער אַרבעט.
7. די ציווילע באַפעלקערונג איז אומבאַרירעלך. עס ווערט דעם זעלנער ניט דערלויבט צו ראַבירן און בייזוויליק צו צעשטערן. היסטאָרישע ערטער אָדער געביידעס פאַר רעליגיעזע צוועקן, פאַר קונסט, וויסענשאַפט אָדער סאָציאַלער הילף דאַרפן ספּעציעל ווערן רעספּעקטירט. פאָדערן פון דער באַפעלקערונג לעבנס־באַדערפענישן אָדער דינסט־אַקטן קאָן מען נאָר לויט אַ באַפעל פון אַ העכערן אָפיציר און נאָר פאַר אַן אָפּצאָל.
8. מען זאָל אין אַ נייטראַלע טעריטאָריע ניט אַריין, ניט פאַרביי־

פליען און זי ניט באַשיסן; זי זאָל ניט זיין קיין ציל פאַר וועלכע עס איז קריג־אָפעראַציעס.

9. בשעת אַ דייטשישער זעלנער פאַלט אַריין אין געפענגעניש זאָל ער זאָגן, אויב מען פרעגט אים, זיין נאָמען און ראַנג. אונטער קיין שום אומשטאַנדן זאָל ער ניט אויפדעקן צו וועלכער איינהייט ער געהערט. אויך זאָל ער ניט געבן קיין שום אינפאָרמאַציעס וועגן דער דייטשישער מיליטערישער, פאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע. קיין שום צוזאָגן און קיין שום דראָונגען דאַרפן אים ניט באַוועגן דאָס צו טאָן.

10. עבירות קעגן די אויבנדערמאָנטע פליכטן וועלן ווערן באַשטראָפט. עבירות מצד די שונאים קעגן די פרינציפן פון די פונקטן 1 און 8 דאַרפן ווערן געמאָלדן. רעוואַנש איז דערלויבט נאָר לויט אַ באַפעל פון דער העכער קאָמאַנדע.